STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09244

LEBNS-GESHIKHTE FUN A POSHETN YID

Mordechai Puterman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

13

מרדכי פוטערמאַן

✶

לעבנס־געשיכטע פון אַ פשוטן ייִד

Donated by.

Mr. & Mrs. N. Knobel
100 Antibes Drive, apt. 1106
Willowdale, Ontario
Canada M2R 3N1

מרדכי פוטערמאַן

לעבנס־געשיכטע פון אַ פשוטן ייִד

ביכער־סעריע: זכרונות, משפחה־כראָניק, יזכור־ביכער

ה. לייוויק־פאַרלאַג

ביים פאראיין פון ייִדישע שרייבער און זשורנאַליסטן אין ישראל

תל־אביב * 1983 * תשמ״ג

Mordechai Puterman
LEBNS-GESHICHTE FUN A POSHETN YID

*

ה י ל ע : צבי זילבערמאַן

*

H. Leivik Publishing House
30 Dov Hoz Str., Tel-Aviv, 63416, Israel

ה. לייוויק־פאַרלאַג, תל־אביב, 63416, רח' דב הוז 30

כל הזכויות שמורות למחבר

©

Copyright by Mordechai Puterman
26 Kugel Blvd., Holon, 58257, Israel

Printed in Israel 1983

נדפס בישראל, תשמ"ג

נסדר בלינו־טור, רח' יסוד המעלה 39, ת"א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח' לבנדה 36, ת"א

דעם הייליקן אָנדענק
פון מיינע אומפאַרגעסלעכע
גאָטפאָרכטיקע עלטערן
משה און **רבקה**
פון מיינע שוועסטער **שׂרה**
און **פייגע** מיט איר משפּחה,
מיין שוועגערין **הענטשע**
מיטן קינד **שמואל,**
אומגעבראַכטע דורך די נאַצישע רשעים
אויך צום אָנדענק פון מיין ברודער **אברהם,**
געשטאָרבן אין מאָסקווע נאָך אַ לאַנגן יסורים־וועג

זאָלן אויך ניט פאַרגעסן ווערן
צירל, די מוטער פון מיין פרוי,
די שוועגערין **דבורה** מיט אירע פיר קינדער
דער ברודער **ישׂראל** מיט זיין פרוי **רבקה**
און זייערע דריי קינדער
די שוועסטער **דבורה** מיט איר מאַן **יונה** און זייער קינד,
אומגעבראַכטע דורך די נאַצישע רשעים

*

דאָס בוך איז אויך אַ מתּנה פאַר מיין
געטרייער לעבנס־באַגלייטערין **הינדע,**
מיינע קינדער **פנינה, טובה** און **משה**
מיט זייערע משפּחות

הקדמה פון מחבר

אַלטע לייט האָבן די טבע צו באַטאָנען: נישט גוט צו זיין אַלט! כ׳וואָלט מסכים געווען מיט דעם, ווען ס׳איז פאַראַן אַ ברירה אויסצוקלייבן צווישן אַלט ווערן און בלייבן יונג. אוודאי וואָלטן אַלע ליבערשט געבליבן יונג ביזן סוף פון זייער לעבן, בכדי צו געניסן פון די אַלע גוטיקייטן, מיט וועלכע די יוגנט באַשענקט דעם מענטש. קיין ברירה איז אָבער נישטאָ און כמעט אַלע אַלטע לייט, ווען זיי געפינען זיך אַפילו אין אַ שלעכטן פיזישן און גייסטיקן צושטאַנד, קלאַמערן זיך מיט דער גרעסטער עקשנות אינעם לעבן, אַזוי לאַנג ווי עס לאָזט זיך. איך גלייב, אַז דאָס וואָס מענטשן ווערן אויף דער עלטער פרימער, נעמט זיך אויך דערפון, וואָס זיי ווילן אויסבעטן ביים רבונו־של־עולם נאָך אַ פּאָר יאָר לעבן, כאָטש אין די יונגע יאָרן זענען זיי געווען אַפּיקורסים און אַפילו כופרים־בעיקר...

איך האַלט, אַז יעדע תקופה אין מענטשנס לעבן האָט זיך איר שיינקייט, איר ווערטיקייט, און ביזן טיפן עלטער קען דער מענטש געפינען אינטערעס אינעם לעבן, געניסן פון אים, אָנפילנדיק אים מיט אינהאַלט.

קיין פאַרטיקן רעצעפּט, ווי אַזוי אַ מענטש, אין יעדן עלטער, דאַרף מיט שׂכל אויסנוצן די צייט און געניסן פון לעבן, האָב איך נישט. כ׳צווייפל, צי ס׳איז בכלל פאַראַן אַזאַ רעצעפּט, כאָטש פאַרשידענע דענקערס, שרייבערס, פובליציסטן זאָגן זיך וועגן דעם אַרויס, ברענגען זייערע מיינונגען און יעדערער פון זיי האַלט, אַז דווקא זיין מיינונג איז די ריכטיקע. מיר דאַכט, אַז יעדער מענטש דאַרף זיך באַקענען מיט וואָס מער אַזעלכע דעות, אַנאַליזירן און צופּאַסן זיי צו זיין כאַראַקטער, מצב און מעגלעכקייטן. דער זעלבער בגד צי אַ הוט קענען נישט פּאַסן פאַר יעדן איינעם, הייגט ווער רעדט נאָך — צופּאַסן זיך אַ געוויסן שטייגער לעבן און וועלטבאַנעם. יעדער מענטש איז אַ וועלט פאַר זיך, און דאָס לעבן איז פאַרבונדן מיט אָן אַ שיעור קאָמפּליקאַציעס.

אין אָט דעם בוך פּרוּוו איך נישט צו געבן קיין רעצעפּטן און שטעל נישט אויף קיין רעקאָמענדאַציעס, ווי זיך אויפצופירן און ווי צו לעבן אויף

דער וועלט. איך באַמי זיך אין די ראַמען פון מיין יכולת צו באַשרייבן מיין לעבנס־געשיכטע, אָנגעהויבן פון פריסטן עלטער, זינט איך געדענק זיך, באַשרייב מיין היימשטוב — די עלטערן, שוועסטער און ברידער, קרובים און באַקאַנטע, און אַלץ וואָס איז געשען אַרום מיר.

ווער ס׳וועט לייענען דאָס דאָזיקע בוך וועט זען, אַז איך האָב איבער־געשפרייזט די שיבעים. איך אַרבעט נאָך און פיל אָן די פרייע צייט אין משך פון די לעצטע יאָרן מיטן שרייבן מיינע זכרונות און גרייטן זיי צום דרוק. אויף דער עלטער פילט מען אַ נייטיקייט זיך אַראָפּצורעדן פון האַרץ. עס דאַכט זיך, אַז פון דיינע איבערלעבונגען און נסיונות וועלן מענטשן מאַכן געוויסע מסקנות און אפשר אויך קענען אַראָפּנעמען אַ מוסר־השׂכל.

ביים נעמען די פּעדער אין האַנט האָב איך נישט געוווּסט, וויפל צייט דאָס שרייבן וועט ביי מיר נעמען. כ׳האָב אָבער געהאָפט, אַז מיינע כּוחות וועלן מיך נישט פאַרלאָזן, ביז כ׳וועל נישט האָבן געענדיקט אַלץ אויס־צודערציילן. כ׳ווייס נישט ווער עס מיין לעבנס־געשיכטע וועט אינטערעסירן. כ׳גלייב אָבער, אַז מיינע קינדער וואָס לייענען יידיש, וועלן אָן ספק זיך וועלן באַקענען מיט זייער אָפּשטאַם און זייערע וואָרצלען. ס׳איז נישט אויס־געשלאָסן, אַז די דאָזיקע „לעבנס־געשיכטע פון אַ פשוטן ייד" וועט אויך עפּעס צוגעבן צום בילד פון יידישן לעבן און יידישן גורל אין אונדזער טראַגיש־שווערן יאָרהונדערט.

דער מחבר דריקט אויס דעם טיפסטן דאַנק זיין האַרציקן פריינד און בן־עיר, דעם קינסטלער צבי זילבערמאַן, פאַרן צייכענען די הילע.

אין דער אַלטער היים

אונדזער משפחה פון טאַטנס צד

כ׳בין נישט קיין שרייבער, דעריבער הייב איך אָן מיט אַ געוויסן ציטער אַרויפצוברענגען אויפן פּאַפּיר מיין דערציילונג.

צו ערשט דערלויב איך זיך מיך אַליין פאָרצושטעלן. איך, מרדכי פּוטערמאַן, בין געבוירן געוואָרן דעם 10טן יולי 1911, אין קראַסניסטאַוו, לובלינער גובערניע, דעמאָלט — צאַרישע רוסלאַנד, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה — פּוילן. מיינע עלטערן פלעגן מיר זאָגן, אַז איך בין געקומען אויף דער וועלט צען טעג אין תּמוז. כ׳ווייס נישט, צי דיביידע דאַטעס, די בירגערלעכע און יידישע, זענען פּינקטלעך און זענען אין יענעם יאָר צונויפגעפאַלן. כ׳בין אָבער זיכער, אַז די עלטערן האָבן נישט געהאַט קיין כּוונה מיך צו פאַרשרייבן יינגער אָדער עלטער, ווי ס׳האָט אָפט פּאַסירט ביי די יידן בעת דער צאַרישער הערשאַפט.

נאָך איידער איך וועל אָנהייבן אויספירלעך צו דערציילן וועגן זיך, פיל איך פאַר מיין הייליקן חוב כאָטש מיט קאַרגע ווערטער צו דערמאָנען מיינע אייגענע, וואָס דער רוב זייערער איז פאַרשניטן געוואָרן דורך די נאַצישע רוצחים. זאָל דאָס אויך זיין אַ באַשיידענע מצבה וואָס איך בין אין שטאַנד צו שטעלן אויף זייערע אומבאַקאַנטע קברים.

געוויס, דאָס פּרטימדיקע אויסרעכענען מיין שלשלת־היוחסין ווי אויך די אַלע פון אונדזער אַמאָליקער היים, מיט וועלכע איך האָב געהאַט אַ מגע־ומשא, וועט פאַר אַ זייטיקן לייענער ניט האָבן קיין גרויסן אינטערעס. איך באַטראַכט עס אָבער פאַר אַ חסד־של־אמת לגבי די מענטשן פון אונדזער חרובער היים און אומגעבראַכטער משפּחה. וועט מען מיר מוזן מוחל זיין דאָס אָפּשטעלן זיך אויף מענטשן, שטייגער־דעטאַלן און געשעענישן, וואָס האָבן אַ ריין פּערזענלעכן און לאָקאַלן כאַראַקטער. איך קען נישט מוותּר זיין אויף דער דאָזיקער טרוקענער אינפאָרמאַציע וועגן מיינע קרובים, אָפּשטאַם און וואָרצלען.

מיין טאַטע האָט געהייסן משה פוטערמאַן. אין רעגיסטראַציע־אַמט פון דער באַפעלקערונג איז זיין נאָמען פאַרשריבן פאַרגרייזט — מנשה. אויך אין מיין געבורטשיין שטייט ער אַזוי געשריבן. (אגב, האָב איך ביז היינט אויסגעהיט אַזאַ שיין). אָבער אַלע וואָס האָבן געקענט מיין טאַטן פון די סאַמע יונגע יאָרן, האָבן אים גערופן — משה.

דעם טאַטנס פאָטער, ס'הייסט מיין זיידע, פון טאַטנס צד, האָט געהייסן מאיר פוטערמאַן אָדער מאיר ביאַלקער, לויטן נאָמען פון אַ דאָרף לעבן קראַסניסטאַוו, וווּ דער זיידע און די באָבע, פייגע, האָבן געוווינט אַ געוויסע צייט. כ'געדענק נישט זיי ביידן. אויף וויפל מיר איז באַקאַנט פון דערציי־לונגען, געהערטע פון טאַטן, האָבן זיי געהאַט פיר זין און פיר טעכטער.

די זין זענען געווען: יעקב (יענקל), אַ בעקער, געוווינט אין לעווערטאַוו (ליובראַטוו), נישט ווייט פון לובלין; מיין פאָטער, משה, וואָס איז, זינט איך געדענק אים, געווען שמש פון דער שטאָט קראַסניסטאַוו און מען האָט אים גערופן „משה שמש"; נאָך אַ ברודער איז געווען, שמואל, וואָס איז יונגערהייט געשטאָרבן אין כעלעם. אים האָב איך נישט געקענט, און ער האָט נישט איבערגעלאָזט קיין קינדער, כאָטש אַ פרוי האָט ער יאָ געהאַט. מיין טאַטנס יינגסטער ברודער האָט געהייסן אַברהם. ער איז געווען אַ שטובן־מאָלער. אויך אים האָב איך נישט געקענט, ווייל פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געוווינט מיט זיין פרוי, דינטשע, אין קאָוונע, אין ליטע, וווּ זיי האָבן געהאַט אַ פאַרבן־געשעפט. מיט זיי האָבן מיר ניט געקענט זיך איבערשרייבן, ווייל צוליב טעריטאָריעלע סכסוכים זענען ניט געווען אויפגעשטעלט קיין דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען צווישן פּוילן און ליטע. צו מאָל פלעגן מיר קריגן פון זיי אַ בריוו דורך אַ יידישן הילפס־פאַראיין אין בערלין. פון אָט די זעלטענע בריוו האָבן מיר געוווּסט, אַז זיי האָבן אַ גערעטענע טאָכטער, פייגעלע. זי פלעגט שרייבן שיינע בריוו, אויסדריקנדיק איר בענקשאַפט צו אונדז, כאָטש זי האָט וועגן אונדז געוווּסט בלויז פון דערציילן און פון די בריוו איבער בערלין. די דאָזיקע זעלטענע בריוו האָבן אונדז דערנענטערט. האַרט פאַרן צווייטן וועלטקריג איז פייגעלע, ליידער, געשטאָרבן ביים האָבן אַ קינד. געווען איז זי חתונה געהאַט פאַר אַ קאָוונער דאָקטער, וועמענס נאָמען איך קען זיך נישט דערמאָנען.

דער פעטער יענקל האָט געהאַט אַ זון אַברהם (אַברהמ'טשע), פון פאָך

אַ היטל־מאַכער און געוווינט האָט ער אין פּאַריז. אים האָב איך בכלל נישט געקענט.

און איצט וועגן דעם טאַטנס פיר שוועסטער: שׂרה, רבקה, רחל און לאה, לויט די נעמען פון אונדזערע פיר אמהות. כ׳גיב אָן זייערע נעמען לויטן סדר פון תנ״ך. כ׳בין נישט זיכער, צי דאָס איז טאַקע דער סדר לויט זייער עלטער.

די שוועסטער שׂרה האָט געלעבט און געשטאָרבן אין קראַסניסטאַוו פאַרן צווייטן וועלטקריג. מיט איר מאַן, יויזיפ פייגענבוים, האָט זי געהאַט צוויי זין: מתתיהו (מאָטעס) און ראובן. ביי מאָטעסן מיט זיין פרוי, הענטשע, איז געווען אַ זייער גערעטענער זון, מאיר. פון זיין פריסטער יוגנט איז ער געווען דער בעל־קורא פון שטאָטישן בית־המדרש און שיין האָט ער געלייענט די תורה שבת און יום־טוב. דער צווייטער זון, ראובן, האָט מיט זיין פרוי, ביילטשע, געהאַט דריי אָדער פיר קינדער. די עלטסטע איז געווען אַ טאָכטער, שיינדל. די נעמען פון די איבעריקע קינדער געדענק איך נישט. אַלע זענען זיי אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַצישע רוצחים.

די שוועסטער רבקה, וואָס אַלע אירע יאָרן האָט זי געלעבט אין גאַליציע (מיר דאַכט, אַז אין ריישע), האָב איך געזען בלויז איין מאָל. געווען איז זי, לויט די דעמאָלטיקע באַגריפן פון אַ שטעטל ווי קראַסניסטאַוו, אַ זייער עלעגאַנטע פרוי, געטראָגן אַ שיינעם הוט. זי האָט נישט שטאַרק געפּאַסט צו מיין טאַטנס אויסזען — מיט זיין לאַנגער שיינער באָרד און מיט זיין אויסערגעוויינטלעכער פרומקייט. זי איז געווען אַ חתונה־געהאַטע, אָבער איר מאַנס פאַמיליע געדענק איך נישט. כ׳געדענק אויך נישט, צי זי האָט געהאַט קינדער.

דעם טאַטנס דריטע שוועסטער, רחל (איר פאַמיליע איז, דאַכט זיך, געווען קריידמאַן), האָט געוווינט אין כעלעם. כאָטש די שטאָט איז געווען אין גאַנצן קנאַפּע 30 ק״מ פון קראַסניסטאַוו, געדענק איך נישט, זי זאָל האָבן ווען ניט איז געקומען צו אונדז. מיין טאַטע פלעגט יאָ פאָרן צו איר זיך זען. זי האָט געהאַט אַ מאַן און קינדער. פאַרן צווייטן וועלטקריג האָבן שוין ניט געלעבט ניט זי, ניט איר מאַן. עס זענען געווען געבליבן קינדער, אייניקלעך. איין זון, יצחק, האָט געלעבט אין אַמעריקע. די אַנדערע קינדער און אייניקלעך זענען געגאַנגען דעם וועג פון די זעקס מיליאָן אומגעבראַכטע

ייִדן. בלויז איין אייניקל, טאַנטע רחלס, האָב איך צופעליק געטראָפן באַלד נאָכן צווייטן וועלטקריג אין אַ פּליטים־לאַגער אין מערב־דייטשלאַנד. ער איז צו מיר צוגעגאַנגען, הערנדיק ווי מען רופט מיך פּוטערמאַן, און ס׳איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז זיין באָבע, רחל, פון שטוב פוטערמאַן, האָט געהאַט אַ ברודער אין קראַסניסטאַוו, ס׳הייסט מיין טאַטע... דער דאָזיקער יונגער־מאַן איז מיט זיין משפחה אָפּגעפאָרן קיין אויסטראַליע, און מער האָב איך פון אים נישט געהערט.

דעם טאַטנס פערטע שוועסטער, מיין טאַנטע לאה, האָב איך אויך נישט געקענט. ווי מיין מאַמע האָט דערציילט, איז זי געווען אויסערגעוויינטלעך שיין. (דער טאַטע האָט וועגן אַזעלכע זאַכן קיין מאָל נישט גערעדט). לויט איר מאַנס פאַמיליע האָט זי געהייסן שטאָקפּיש, און האָט געהאַט דריי זין און דריי טעכטער. צוויי אירע זין האָבן ביזן צווייטן וועלטקריג געלעבט אין סאָוועט־רוסלאַנד. כ׳האָב זיי ניט געזען און ניט געקענט. באַקאַנטע האָבן אָבער דערציילט, אַז זיי האָבן זיי יאָ געהאַט באַזוכט. אַ דריטער זון טאַנטע לאה׳ס, יעקב, האָט געלעבט מיט פרוי און קינדער אין לובלין. ביי זיי בין איך געווען עטלעכע מאָל.

דער מאמע לאה׳ס דריי טעכטער האָבן געהייסן רבקה, רחל און שיינדל. רבקה האָט חתונה געהאַט מיט איינעם, גאָלדשטיין, אַ בעקער, געוווינט אין לובלין, אויף קראַקעווצקע, און געהאַט אַן אייגענע בעקעריי אויף דער שי־ראָקע. זיי האָבן געהאַט אַכט קינדער, בלויז מיידלעך, פון וועלכע נאָר איינע, זיסל (זאָשע) איז געבליבן לעבן נאָכן גרויסן חורבן. מיט איר מאַן, יוסף רחמן, אַ בוי־אונטערנעמער, לעבט זי אין ישראל — חולון. זיי האָבן איין טאָכטער, רינה, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט יחזקאל (חזי) יעקובי, און פאַרמאָגן צוויי קינדער.

דער מומע לאה׳ס צווייטע טאָכטער, רחל, האָט חתונה געהאַט מיט איינעם, שטיין, אַ שניידער און אויך אַן אַקטיאָר, וואָס האָט געשפּילט טעאַטער. ער האָט געהאַט צוויי קינדער פון אַ פריִערדיקער פרוי. מיט רחלען האָט ער קיין קינדער נישט געהאַט. ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיי געלעבט אין ראָוונע. אויף מיין וואַנדערוועג בעת דער מלחמה האָב איך זיי געהאַט באַזוכט. ווען ראָוונע איז באַפרייט געוואָרן דורך די סאָוועטן, האָב איך גע־שריבן צום שטאָטישן מאַגיסטראַט (גאָרסאָוויעט) און זיך נאָכגעפרעגט אויף

מיינע דאָזיקע קרובים. כ׳האָב באַקומען אַ טרויעריקן ענטפער: „די דייטשן האָבן זיי אומגעבראַכט״. אין יאָרן אַרום, אין ישׂראל, אין תּל־אָביב האָב איך גאָר צופעליק געטראָפן שטיינס טאָכטער, ד״ה רחל׳ס אַ שטיפטאָכטער, מיטן נאָמען פּאָליטשקע. זי האָט דערציילט, אַז פון זייער משפחה האָט בלויז איר אַליין זיך איינגעגעבן איבערצולעבן ביי די פּאַרטיזאַנער. איר פֿאָטער און שטיפמוטער, ווי אויך איר ברודער, זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן און זייערע אוקראַיִנישע געהילפן.

דער מומע לאה׳ס דריטע טאָכטער, שיינדל, וועלכע איך האָב געקענט, איז אויך געווען חתונה געהאַט. איר פֿאַמיליע־נאָמען פון נאָך דער חתונה געדענק איך נישט, כאָטש איך האָב זי געהאַט באַזוכט אין וואַרשע. זי מיט איר מאַן און קינדער זענען אומגעקומען אין מוראדיקן שטורעם.

געשטאָמט האָט מיין טאַטנס משפחה פון ראַדזין אָדער לענטשנע,ביידע שטעט — אין לובלינער געגנט. דאָרטן איז מיין טאַטע מיט זיינע שוועסטער און ברידער געבוירן געוואָרן.

אונדזער משפחה פון דער מאַמעס צד

מיין מאַמעס נאָמען איז געווען רבקה פּוטערמאַן (די מיידלשע פֿאַמיליע — פּודעם). גערופן האָט מען זי ריווטשע. אויך מיין טאַטע האָט זי אַזוי גערופן. איר טאַטע, ס׳הייסט מיין זיידע פון דער מאַמעס צד, איז געווען אַ קליין יידעלע מיט אַ ווייסער באָרד. געהייסן האָט ער טוביה און געווען איז ער אַ שוסטער. דעריבער האָט מען אים גערופן טוביה שוסטער. זיין פרוי, מיין באָבע, האָט געהייסן גאָלדע. זי געדענק איך קוים. דעם זיידן געדענק איך גיט אַזוי ביי זיין שוסטערשן וואַרשטאַט, ווי בעת ער פלעגט זיצן אין בית־המדרש, איינגעבויגן איבער אַ תּהילימל, די שניי־ווייסע באָרד צונויפ־געוואַקסן מיטן ספרל. געווען איז ער זייער פרום.

די מאַמע מיינע האָט געהאַט נאָר איין ברודער, אַברהם. גערופן האָט מען אים אַברהם טוביה׳ס און נישט לויטן פֿאַמיליע נאָמען — אַברהם פּודעם. זיין פרוי האָט געהייסן הינדע. געשטאָרבן איז זי פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. ביי זיי זענען געווען פיר טעכטער און דריי זין. דער פעטער אַברהם איז געווען אַ סך עלטער פון מיין מאַמען, אַזוי, אַז די עלטסטע טאָכטער זיינע,

ליבע, אָדער ליבטשע, איז געווען מיט איר כמעט אין איין עלטער און האָט זיך דערלויבט זי צו רופן ביים נאָמען, ריווטשע, און נישט מומע, ווי די אַנדערע אַברהמ׳ס קינדער האָבן זי גערופן. ווען כ׳בין נאָך געווען אַ קליין יינגל, האָט ליבע חתונה געהאַט קיין פיוסק, אַ שטעטל אויפן וועג פון קראַסני־סטאַוו קיין לובלין. איר מאַן האָט געהייסן וועלוול אַקערשטיין (אָדער אַקער־מאַן) אָבער גערופן האָט מען אים וועלוול דער באַבעס, ווייל זיין מאַמע איז געווען די אַקושאַרקע פון שטעטל. זיי האָבן געהאַט עטלעכע קינדער. די עלטסטע, געדענק איך, האָט געהייסן טויבעלע. וואָס איז געווען זייער גורל? נאָך דער מלחמה האָב איך זיי געזוכט, זיך נאָכגעפרעגט ווו נאָר מעגלעך, אָבער אומזיסט...

די אַנדערע פעטער אַברהמס דריי טעכטער — רחל, פעשע און רבקה — זענען געבליבן פאַרזעסענע מיידלעך, כאָטש זיי זענען נישט געווען קיין מיאוסע. זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קיין נדן, ווייל דער טאַטע זייערער איז כל־ימיו געווען, נעבעך, אַ גרויסער קבצן. די מאַמע האָט אונדז דערציילט, אַז איר טאַטע, אַליין אַ שוסטער, האָט געוואָלט, אַז זיין איינציקער זון זאָל זיין אַ לערנער. הגם ווייער פרום, איז ער אָבער קיין גרויסער לערנער נישט געוואָרן און קיין מלאָכה זיך נישט אויסגעלערנט.

נאָכן ערשטן וועלטקריג, ווען יידן זענען געלאָפן קיין אַמעריקע, איז דער פעטער אַברהם אויך געלאָפן. צוליב עפּעס אַ צופאַל האָט מען אים אָבער צוריקגעשיקט מיט דער זעלבער שיף, מיט וועלכער ער איז אַהין אָנגעקומען. דער עלטסטער פון זיינע זין, חיים, האָט חתונה געהאַט קיין קראַשניטשין, אַ שטעטעלע נישט ווייט פון קראַסניסטאַוו. מיט זיין פרוי האָט ער געהאַט צוויי קינדער. קיינער פון זיי אַלעמען איז ניט געבליבן נאָכן גרויסן חורבן.

אַברהמ׳ס צווייטער זון, לייב־יוסף, איז יונגערהייט געשטאָרבן לאַנג פאַרן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דער דריטער זון, שלמה, אַ שניידער, איז צו גלייך מיט אונדז אַוועק קיין סאָוועט־רוסלאַנד, בעת די נאַציס האָבן אָקופּירט פּוילן. סוף 1939 און אַ טייל פון יאָר 1940 זענען מיר צוזאַמען געווען אויפן אוראַל, אין אַ דאָרף נישט ווייט פון טשעליאַבינסק. דאָרטן האָבן מיר געאַרבעט ביים אַרויסבאַ־קומען מאַרמאָרשטיינער פון דער ערד, אַ שרעקלעך שווערע אַרבעט, און מיר זענען קוים מיטן לעבן פון דאָרטן אַנטלאָפן. אויפן וועג האָבן מיר זיך

צעשיידט. (וועגן דעם אַ פּעריאָד וועל איך שפּעטער דערציילן גענויער.) שלמה, צוזאַמען מיט מיין ברודער אַברהמ׳טשע, האָבן אַנגעשפּאַרט אַזש קיין ביעלאַצערקאָוו, נישט ווייט פון קיִעוו. מיטן אויסבראָך פון דער דייטשיש־סאָוועטישער מלחמה, דעם 22סטן יוני 1941, האָב איך פאַרלוירן דעם קאָנ־טאַקט מיט ביידן — מיט מיין ברודער און דעם קוזין, שלמה פּודעם. נאָך אין גאַנג פון דער מלחמה, אין יאָר 1943, האָב איך זיי געפּרוּווט אויפזוכן דורך דער סאָוועטישער ביוראָ צו זוכן קרובים. דער ענטפער איז געווען: ס׳איז וועגן זיי גאָרנישט נישט באַקאַנט. אַזוי אַרום איז פון דעם פעטער אַברהמ׳ס גאַנצער משפּחה קיינער נישט געבליבן.

מיטן טאַטנס משפּחה זענען מיר נישט געווען אַזוי נאָענט און נישט שטאַרק פאַרבונדן. ס׳איז געווען אַ גרויסע, צעצווייגטע משפּחה, וואָס איר גרעסטער טייל האָט געלעבט אויסער קראַסניסטאַוו. און ווער איז אין יענע צייטן אַרומגעפאָרן זיך זען מיט קרובים? דערקעגן מיט דער מאַמעס איינציקן ברודער און זיינע קינדער זענען מיר געווען צונויפגעלעבט ווי שוועסטער און ברידער. זיי האָבן געוווינט נישט ווייט פון אונדז, און אַז ס׳פלעגן פאַרביי אַ פּאָר טעג וואָס מיר האָבן זיך נישט געזען, איז מען שוין געלאָפן איינער צום צווייטן.

מיין מאַמעס עלטערן האָבן געשטאַמט פון קראַשניטשין, אַ שטעטעלע וואָס איך האָב שוין פריִער דערמאָנט. פון וואַנען ס׳האָבן געשטאַמט די עלטערן פון מיינע זיידעס און באָבעס פון ביידע צדדים און ווער זיי זענען געווען, איז מיר נישט באַקאַנט. קענטיק, אַז כ׳האָב דאָס קיין מאָל נישט געהערט פון די עלטערן.

חדר־יאָרן

זיך געדענק איך, ווען כ׳בין אַלט געווען דריי יאָר, און דער טאַטע האָט מיך איינגעוויקלט אין אַ טלית און, באַגלייט פון דער מאַמען, אָפּגעטראָגן אין חדר, ווּ ס׳האָט שוין געלערנט מיין ברודער אַברהמ׳טשע, אַן עלטערער פון מיר אויף צוויי יאָר. כ׳געדענק ווי דער רבי האָט מיך אַוועקגעשטעלט אויף דער באַנק און אַ פרעג געטאָן אויף אַ הויך קול און מיט אַ ספּעציעלן ניגון:

„ייִנגעלע, ייִנגעלע, וואָס לערנסטו?"

די פּנימער פון מיין טאַטן און דער מאַמען האָבן געשיינט פון שימחה, ווען איך האָב מיט מיין קינדערש קולכל הויך געענטפערט, אַז איך באַגער צו לערנען תורה.

שטאַרק זיכער, אַז איך געדענק עס פּונקט ווי איך באַשרייב, בין איך נישט. מעגלעך, כ׳געדענק עס ווי אין אַ חלום. ס׳קען אויך זיין, אַז דאָס איז מיר געבליבן אין זכּרון, ווייל די עלטערן האָבן דאָס אַ סך מאָל איבערגע־דערציילט און אויך ווייל כ׳האָב שפּעטער געזען, ווי מען פלעגט ברענגען אין חדר דריי־יאָריקע קינדער און אָפּגעשפּילט מיט זיי די זעלבע סצענע, ווי מיט מיר. צו מאָל פלעגט מען אַזאַ ניי־געבראַכט קינד אין חדר אָפּשיטן מיט ראָזשינקעס, וועלכע די איבעריקע חדר־ייִנגלעך פלעגן צונויפקלייבן און וואַרפן זיך אין די מיילעכלעך אַריין. אויף מיר האָט מען קיין ראָזשינקעס נישט געשאָטן, ווייל דערציילנדיק וועגן דאָזיקן פייערלעכן מאָמענט, האָבן מיינע עלטערן קיין מאָל עס נישט דערמאָנט, קענטיק, אַז מיינע טאַטע־מאַמע האָבן זיך אַזאַ „לוקסוס" נישט געקענט דערלויבן.

ווי ביים רוב ייִדישע קינדער פון יענער צייט, זענען די ערשטע זכרונות פאַרבונדן מיטן חדר, מיטן רבין און אַפילו מיט דער רביצין. דער „חדר" איז געווען אַ גרעסערע שטוב, די תּלמידים — פּיצלעך קינדער, אַ ביסל גרע־סערע ייִנגלעך און אויך „גרויסע" בחורימלעך, וואָס האָבן שוין געלערנט חומש מיט רש״י. די פונאַנדערטיילונג פון די תּלמידים איז פאָרגעקומען בדרך כּלל לויטן עלטער אָבער אויך לויט דעם, ווי זיי האָבן באַוויזן אינעם לערנען.

אונדזער רבי, משה מלמד, איז געווען אַ דאַרער ייִד מיט אַ ביינערדיק פּנים, נישט קיין שלעכטער, האָט כּמעט נישט געשלאָגן און אויך נישט צו פיל געשריִען. פון פרי ביז שפּעט אין אָוונט פלעגט ער זיצן און קנעלן מיט די קינדער. דעמאָלט האָב איך נאָך נישט פאַרשטאַנען, ווי שווער דער רבי אַרבעט און ווי ערלעך ער פאַרדינט זיין אָרעם שטיקל ברויט. די „רייכערע" עלטערן האָבן אַליין געצאָלט שׂכר־לימוד פאַר זייערע קינדער. פאַר די אָרעמע האָט געצאָלט אַ קאָמיטעט, וואָס האָט זיך גערופן „תּלמוד־תּורה". אָבער סיי די „רייכערע" עלטערן, סיי די „תּלמוד־תּורה" האָבן נישט פּינקטלעך געצאָלט דעם שׂכר־לימוד, אַזוי אַז ביים רבין אין שטוב האָט געהערשט אַ גרויסע

דחקות, און די רביצין (שׂרה, סוטשע, האָט מען זי גערופן) איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַן אומצופרידענע און פאַרביטערטע. זי האָט פשוט ניט געהאַט אויף חיונה.

אין שכנות מיטן חדר האָט געוווינט אַ משפחה גויים, חזרים־קוילערס, וואָס פלעגן שעכטן די חזרים ביי זיך אין הויף פאַר אַלעמען אין די אויגן. אויך מיר, חדר־ייִנגלעך, האָבן עס געקענט צוקוקן, שפילנדיק זיך אין דרויסן, אין הויף פון חדר. די חזרים־קוילערס האָבן געהאַט אַ פאַר הינט, וואָס פלעגן אויף אונדז אָנפאַלן און צו מאָל אויך צעבייסן אַ ייִדיש קינד. זעט אויס, אַז זיי האָבן פיינט געהאַט ייִדן נישט ווייניקער ווי זייערע בעלי־בתּים.

יעדע פאָר חדשים פלעגט דער רבי הייסן די קינדער קומען שבת נאָך מיטאָג אין חדר אַריין. פון „תּלמוד־תּורה"־קאָמיטעט פלעגן פאָרשטייערס פאַרהערן די קינדער, בכדי זיך צו איבערצייגן, אַז זיי לערנען און אַז דער שׂכר־לימוד וואָס דער רבי באַקומט, איז נישט אַרויסגעוואָרפן. די פאַרהע־רערס זענען געווען צוויי חשובע ייִדן, וואָס האָבן געוווינט אין דער „שטאָט", בעת די תּלמידים זענען כּמעט אַלע געווען פון דער „גראָבליע" און פון שאָסיי, וואָס האָט געפירט צו דער באַן־סטאַציע. דאָ און אויפן מיזרחדיקן ברעג פון טייך וויעפּש האָט געלעבט דער אָרעמער טייל פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. דאָס הייסט נישט, חלילה, אַז אויפן מערבדיקן זייט פון טייך, אין „שטאָט", האָבן געפעלט קבצנים. דער דאָזיקער ראַיאָן האָט זיך אָבער גערעכנט פאַרן „בעסערן", ווייל דאָ האָבן געלעבט די מער פאַרמעגלעכע ייִדן און רייכערע קריסטן. ביידע טיילן פון שטעטל האָט פאַרבונדן אַ גוטע און גאַנץ גרויסע הילצערנע בריק, וואָס האָט זיך געהויבן עטלעכע מעטער איבערן וואַסערפלאַך פון טייך.

די וואָך פאַרן שבת, ווען די צוויי חשובע ייִדן האָבן געזאָלט קומען אונדז פאַרהערן, האָט דער רבי מער אַריינגעקנעלט מיט די תּלמידים, בכדי צו באַווייזן, אַז ייִדישע קינדער האָבן גוטע קעפּלעך, זענען צוגעבונדן צו דער תּורה און ער, דער רבי, טוט מיט זיי אַ סך אויף. איינער פון די דאָזיקע ייִדן, בן־ציון האַלפּערן, אָדער ווי מען פלעגט אים רופן, בן־ציון ביילע־פּעסיס, איז געווען אַ רייכער שניט־סוחר, אַ זייער גוטמוטיקער מענטש, אָנגעטאָן אין שיינע מלבושים, אויף וועלכע ער האָט ניט שטאַרק אַכט געלייגט. דאָס היטל צעקנייטשט און פאַרדרייט אין אַ זייט. ער האָט קיין מאָל ניט געשריִען אויף

די קינדער. פון זיין פּנים האָבן אַראָפּגעקוקט צווי לאַכעדיקע אויגן, און מיר אַלע האָבן אים זייער ליב געהאַט.

דער צווייטער ייִד וואָס פלעגט קומען פאַרהערן די קינדער, יהושע (שיִעלע) וויזענבערג, האָט אויך געהאַט אַ שם אין שטאָט פאַר אַ לערנער. קיין גרויסער גביר איז ער נישט געווען, געהאַט, אויב איך האָב נישט קיין טעות, אַן אייזן־געשעפט. אין קעגנזאַץ צו בן־ציון האַלפערן איז ער געווען אַ נידעריקער, אַ שטענדיק בייזער, האָט פעדאַנטיש אָפּגעהיט זיינע מלבושים. דורך ברילן האָבן אַרויסגעקוקט זיינע צווי שאַרפע אייגעלעך. די קינדער האָבן געציטערט פאַר זיינעם אַ בליק און זיינער אַ שאלה. מען האָט ליבערשט געהערט און געענטפערט מיט פרייִלעכקייט, און דעריבער מיט מער זיכער־קייט, אויף די קשיות פון ר׳ בן־ציונען.

נאָך די באַזוכן פון די דאָזיקע צווי חשובים איז דער רבי שטענדיק געווען צופרידן, מיינענדיק, אַז ס׳וועט זיך אַ ביסל אויסבעסערן זיין פרנסה. אָבער אין די אַלע יאָרן וואָס איך האָב ביי אים געלערנט, האָב איך נישט באַמערקט, אַז די אָרעמקייט ביי אים אין שטוב זאָל קלענער ווערן און אַז די רביצין זאָל קאָכן אַ בעסערן ביסן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ האָב איך באַמערקט ווערנדיק עלטער, בעת כ׳האָב געלערנט חומש מיט רש״י.

דער עלטסטער זון פון רבין ר׳ משה, דוד (גערופן האָט מען אים דוור־טשע), איז געווען דער „בעלפער" (באַהעלפער) פון רבין. ער פלעגט ברענגען אין חדר און אָפּפירן אַהיים אַ טייל פון די קלענערע קינדער. ער איז, נעבעך, נישט געווען פון די גרויסע חכמים אָבער אַ זייער גוטמוטיקער. ווען אַ מאַמע פלעגט זיך פאַר אים באַקלאָגן, אַז איר קינד איז שוואַך אין לערנען, פלעגט ער ענטפערן, אַז זיין קאָפּ קען ער ניט אַרויפזעצן אויף איר קינד, גלייך דאָס וואָלט געווען דער גרעסטער באַגער פון דער מאַמען... פון דעסטוועגן האָט עס נישט געשטערט דער פוילישער אַרמיי, באַלד נאָך פוילנס אַנטשטיין נאָכן ערשטן וועלטקריג, צו מאַכן פון דוודטשען אַ זעלנער, און ער האָט אויסגעזען לייטיש אין דער מיליטערישער אוניפאָרם. אָבער קאָמישע עפּי־זאָדן מיט אים אין זיין דינסטצייט האָט מען געהאַלטן אין איין דערציילן.

דער רבי האָט געהאַט נאָך אַ זון, ישׂראל (סרולקע). ער איז געווען געראָטענער. האָט זיך אויסגעלערנט אויף אַ דרוקער. חתונה געהאַט מיט אַ פיין מיידל פון דער וועלבער גאַס, פייגע בורשטיין.

כ׳האָב אויך געלערנט ביי אַנדערע מלמדים. ביי איינעם, לייזער מלמד, אַן אַלטער ייִד מיט אַ שניי־ווייסער באָרד, אַ גרויסער יחסן צווישן די מלמדים אין שטאָט. אויך ער האָט געלערנט מיט די תּלמידים נאָר ביז חומש מיט רש״י. אין זיין חדר בין איך געגאַנגען אַ גאָר קורצע צייט. דערנאָך בין איך אַוועק צו אַ גמרא־מלמד, ר׳ פּנחס לאַנגמאַן. ר׳ פּנחס קאַלטאַן האָט מען אים גערופן, ווייל ער האָט געהאַט אַ לאַנגע, נישט קיין צוגעקעמטע באָרד. געווען איז ער אַ טייערער, אַ זייער גוטער ייִד. אַ קורצע צייט האָב איך אויך געלערנט אין אַ ישיבה אין קראַסניסטאַוו.

כ׳וויל דאָ דערציילן אַן עפּיזאָד פון אונדזער חדר־צייט, וואָס איז פאַרבונדן מיט מיין ברודער אַברהמ׳טשע און וואָס וואַרפט אַ שיין אויף זיין כאַראַקטער.

אין די לעצטע מלחמה־יאָרן און אויך באַלד נאָכן ערשטן וועלטקריג האָט געהערשט נויט און הונגער ביי די „גראַבליע״־ייִדן אין קראַסניסטאַוו. אַן עלטערע פרוי, מען האָט זי גערופן די לאַבערין, די פרוי פון חיים לאַבער, אַ מאָל זייער אַ רייכע, נאָכן טויט פון מאַן פאַראָרעמט, האָט אָבער אויפגעהאַלטן די שיינע, אַלטע ייִדישע טראַדיציע פון העלפן ייִדן, באַזונדערש ייִדישע קינדער. אין די ווינטערדיקע פראָסטיקע טעג פלעגט זי אָפּקאָכן אַ גריץ, איינוויקלען דאָס געשיר, די זופּ זאָל ניט קאַלט ווערן, אַנשניידן פּענעצן פריש שוואַרצברויט און עס ברענגען צו אונדז אין חדר פאַר די אָרעמע קינדער. אויף דער פרוי האָט מען נאָך געזען סימנים פון אַמאָליקער רייכקייט: געטראָגן האָט זי אַ שיינעם פוטער און האָט אויסגעזען פאַר אונדז ווי אַן אמתע מלכּה. באַצויגן האָט זי זיך זייער האַרציק צו די קינדער, און דאָס האָט נאָך וואַרעמער געמאַכט די זופּ. זי אַליין פלעגט אויסטיילן דאָס געקעכטס און דאָס ברויט. מיין ברודער אברהמ׳טשע האָט מיר בשום אופן נישט געלאָזט נהנה זיין פון דעם דאָזיקן עסן, זאָגנדיק, אַז „ס׳איז נישט שיין צו זיין אַ שנאָרער״. מיין מאַמען איז די האַנדלונג פון איר עלטערן זון שטאַרק געפעלן. ס׳האָט איר אימפּאָנירט זיין שטאָלץ, כאָטש ס׳איז איר געווען אַ שאָד, וואָס איר ייִנגערער ייִנגל, ס׳הייסט איך, האָב נישט „דערכאַפּט דאָס הערצעלע״ מיט דער וואַרעמער זופּ און מיט אַ פּענעצל פריש ברויט. און למען האמת וויל איך זאָגן: אין שטוב האָבן מיר ניט תּמיד געגעסן צו דער זעט. מיין מאַמע, הגם אַ טאָכטער פון אַ שוסטער, פלעגט מיידלווייז זיך חברן מיט

לאַבערס טעכטער און געווען אַן אָפּטע אַריינגייערין צו זיי. און דאָס איז געווען אַ זעלטענע דערשיינונג, מען זאָל אַ בעל־מלאָכיש קינד אַריינלאָזן אין „הויף פון די לאַבערס". מען האָט דערציילט, אַז פאַרן ערשטן וועלטקריג האָבן גאַנצע גאַסן אין קראַסניסטאַוו געהערט צו חיים לאַבער און געפירט האָט ער אַ פרומע שטוב, ווי ביי אַ חסידישן רבין, פול מיט משרתים און דינסטן, צווישן זיי אויך קריסטן וועלכע האָבן גערעדט אַ פליסיקן יידיש. ווען חיים איז געשטאָרבן, איז די משפחה פאַראָרעמט געוואָרן. מיין מאַמען האָט ניט געפּאַסט, אַז די אַלטע לאַבערין זאָל זען, אַז אירס אַ קינד געניסט פון עסן, וואָס איז באַשטימט פאַר אָרעמע קינדער. אויך די שפּעטערדיקע יאָרן האָט מיין מאַמע זיך ניט געשעמט מיט איר אָרעמקייט, אָבער אויך נישט געשטאָלצירט דערמיט. ווי ווייט מעגלעך האָט זי אויסגעמיטן אָנצוקומען צו דער הילף פון מענטשן.

אין עטלעכע יאָר נאָך מיר איז ביי מיינע טאַטע־מאַמע געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע. אין אַ יאָר איז דאָס קינד געשטאָרבן. דאָס ווייס איך פון דער־ציילן. געדענקען, געדענק איך עס נישט. אַזוי אַרום זענען מיר געבליבן ביי די עלטערן צוויי קינדער — איך און דער ברודער אַברהמ׳טשע.

מיינע צוויי שוועסטער

דער טאַטע האָט געהאַט צוויי טעכטער, שׂרה און פייגע, פון אַ פריִער־דיקער פרוי, וואָס איז געשטאָרבן. די עלטערע, שׂרה, געדענק איך גוט. זי איז נישט לאַנג געווען אין דער היים צוליב עטלעכע סיבות. ס׳איז געווען שווער מיט פרנסה און אויך ווייל זי האָט זיך נישט פאַרטראָגן מיט דער שטיפמאַמען, ס׳הייסט מיט מיין מוטער. געוויס האָט דער מאַנגל אין פרנסה גורם געווען דערצו. שׂרה האָט מיינסטנס געדינט אין „בעסערע הייזער" ביי אונדז אין שטאָט און אויך אין אַנדערע שטעט, אָבער נאָר דאָרטן, ווו דער טאַטע האָט געהאַט קרובים, וואָס האָבן געקענט אויף איר אַכטונג געבן, און צו וועמען זי האָט געקענט אַריינגיין אין אַ פרייער מינוט.

די צווייטע שוועסטער, פייגע, האָב איך ערשט באַקענט, ווען כ׳בין שוין געווען אַ גרעסער יינגל, ווייל זי האָט זיך געהאָדעוועט ביי איר מאַמעס משפחה אין שטעטל קראַסניבראָד, נישט ווייט פון זאַמאָשטש. זי איז צוריק־

געקומען צו אונדז אַהיים שוין אַ דערוואַקסענע, אַ שיינע, מיט אַ שיין קול צום זינגען. שרייבן האָט מען זי אָבער נישט געלערנט. אויך די שוועסטער שׂרה האָט נישט געקענט שרייבן. איך מיטן ברודער האָבן זיי געלערנט שרייבן דאָס גייטיקסטע. דאָס האָבן זיי זיך אויסגעלערנט און נישט מער. מיך האָט שטענדיק געוווּנדערט, למאַי דער טאַטע, וואָס האָט אַליין זייער גוט געשריבן ייִדיש, העברעיִש און אויך רוסיש און אַ ביסל פּויליש, האָט נישט געזאָרגט, אַז זיינע טעכטער זאָלן קענען לייענען און שרייבן. און דאָס האָבן זיי שטענדיק באַדויערט.

די שוועסטער שׂרה איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעך גוטע נשמה. געטריי געווען יעדן איינעם אָן אַ גרענעץ. ס'האָט נישט פּאַסירט, זי זאָל קומען אַהיים און נישט ברענגען אַ מתנה פאַר יעדן איינעם פון אונדז. זי האָט ליב געהאַט מיך מיטן ברודער אַהבת־נפש. באַזונדערש האָט זי אַרויס־געוויזן איר ליבשאַפט צום טאַטן, און דאָס האָט צו מאָל געפירט צו קאָנ־פליקטן צווישן איר מיט דער מאַמען. שׂרה פלעגט וועלן אַליין אָפּקאָכן עפּעס אַן עסן, וואָס דער טאַטע האָט ליב. די מאַמע האָט איר נישט געשטערט דאָס צו טאָן, ווייל זי האָט פאַרשטאַנען, אַז נישט האָבנדיק קיין מאַמען וויל זי אַרויסווייזן אַ באַזונדערע ליבשאַפט און געטריישאַפט איר נאָענטסטן מענטש אויף דער וועלט, דעם טאַטן. פון דער אַנדערער זייט האָט די מאַמע געזען אין שׂרהס אויפפיר אַ געוויסע „קאָנקורענץ". ווי יעדע איבערגעגעבענע פרוי אין יענע צייטן, האָט די מאַמע געזאָרגט צוצוגרייטן פאַרן טאַטן דאָס, וואָס ער האָט גערן געהאַט. האָט זי געהאַלטן, אַז די שוועסטער מישט זיך אין די קאָמפּעטענצן פון אַ געטרייער פרוי און בעל־הביתטע.

ווען שׂרה איז יונג געווען, האָבן זיך געהאַט אָנגעבאָטן בחורים חתונה צו האָבן מיט איר. געווען זענען עס פּשוטע בעלי־מלאכות אָבער לייטישע בחורים. אויב אירע בעלי־בתים האָבן נישט געוווּסט, ווער דער בחור איז און ווער עס זענען זיינע עלטערן, האָט מען אים פּשוט נישט אַריינגעלאָזט. אַוודאי און אַוודאי האָט עס געגאָלטן אויך פאַר אונדזער שטוב. שׂרה איז נישט געווען קיין מיידל, וואָס זאָל זיך טרעפן אַבי מיט וועמען. אַזוי אַרום האָט מען באַשרענקט אירע קאָנטאַקטן און זי איז געבליבן אַ פאַרזעסן מיידל. דעם פאַרדראָס צוליב דעם האָט די מאַמע אָפט אַרויסגעבראַכט. דער טאַטע האָט וועגן דעם ווייניקער גערעדט אָבער עס טיף איבערגעלעבט. זיינע

אַפּטע קרעכצן, די גרויע האָר אין זיין שיינער באָרד, די פאַרמערטע קנייטשן אויפן פּנים האָבן אויף דעם עדות געזאָגט.ביים אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז שׂרה געבליבן אין דער היים מיט טאַטע־מאַמע און צוזאַמען געטיילט דעם ביטערן גורל פון אַלע ייִדן אין שטאָט.

ווען די צווייטע שוועסטער, פייגע, איז געקומען צו אונדז אַהיים פון קראַסניבראָד, האָט די מאַמע געזאָרגט, זי זאָל זיך אויסלערנען אַ מלאָכה און האָט זי אַריינגעגעבן צו אַ שניידערין, אַ שכנה. ווי ס'האָט זיך געפירט אין יענע צייטן, האָט אַ לערן־מיידל געדאַרפט אַרבעטן אומזיסט אַ יאָר אָדער אַפילו צוויי. פייגע האָט זיך אויסגעלערנט שניידעריי און אָנגעהויבן פאַרדינען אַ פּאָר זלאָטעס. די שטוב איז פון דעם נישט געהאָלפן געוואָרן. די מאַמע מיטן טאַטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען ביי איר אַ גראָשן, און צוזאַמען מיט אונדז אַלעמען האָט זי געגעסן ביים טאַטנס אָרעמען טיש. איר בידנעם פאַרדינסט האָט זי געהאַט אויף זיך צו באַקליידן און באַשוכן. אויך ביי מיר און ביים ברודער, ווען מיר זענען עלטער געוואָרן און שוין אַ ביסל פאַרדינט, האָבן די עלטערן זיך אָפּגעזאָגט עפּעס צו נעמען אויף מפרנס צו זיין די שטוב, כאָטש זיי איז געווען שווער און ביטער מיט חיונה. זיי האָבן זיך געפרייט, זעענדיק אונדז אָנגעטאָן אַ ניי און לייטישן מלבוש. דעמאָלט האָבן זייערע פּנימער ממש געשיינט.

די שוועסטער פייגע האָט געהאַט פיינע חברטעס און חברים, וואָס פלעגן קומען צו אונדז, און זי — צו זיי. איין בחור, אַ לייטישער, פון אַ פיינער בעל־מלאָכישער משפּחה, אַ שוסטער, האָט זיך פאַרליבט אין איר. די שוועסטער האָט אים אָבער אָפּגעשטויסן, ניט געוואָלט קיין שוסטער. ס'האָבן נישט געהאָלפן מיין מאַמעס רייד, אַז ס'איז פאַר איר אַ פּאַסיקער שידוך, אַז זי איז אַן אָרעם מיידל, אָן נדן, אַז „מלאָכה איז מלוכה" און אַנדערע אַרגומענטן. דער טאַטע האָט זיך נישט געמישט. כ'האָב אים קיין מאָל נישט געהערט זי צורעדן אָדער אָפּרעדן פון אַ בחור, כאָטש ער איז ווייט ניט געווען גלייכגילטיק צום גורל פון זיינע קינדער. מעגלעך, אַז ער האָט אַלץ געטאָן דורך דער מאַמען. ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט אין לעבן פון דער שוועסטער פייגע געשפּילט אַ ראָלע אַ געהיימע ליבע. און געווען איז עס אַזוי.

ווי שוין דערמאָנט, זענען מיר געווען שטאַרק פאַרבונדן מיטן פעטער אַברהם, דער מאַמעס ברודער, און מיט זיין הויזגעזינד. אויך זיי אַלע זענען

געווען צוגעבונדן צו אונדז. דער טאַטע פלעגט אָפט פאַרבעטן אַברהמען אויף קידוש יום־טוב אָדער שבת. זיין פרוי, די מומע הינדע, האָט שטענדיק געקרענקט און דעריבער געבליבן אין דער היים. אויך מיר אַלע פלעגן אָפט באַזוכן דעם פעטערס שטוב. געוווינט האָבן זיי אויף דער „רעסטעריע", עטלעכע הונדערט מעטער פון אונדז. פעטער אַברהמ׳ס קינדער פלעגן ביי אונדז טאָגן און נעכטיקן. צו ביסלעך האָט זיך פאַרבונדן אַ ליבע צווישן מיין שוועסטער, פייגע, און פעטער אַברהמ׳ס עלטסטן זון, חיים. ער איז געווען מיט פיר יאָר עלטער פון איר, אַ הויכער, שיינער, האָט שיין געזונגען. אין פּוילישן מיליטער האָט ער געדינט ביי די אולאַנערס און געווען אויפן פראָנט פון דער מלחמה צווישן פּוילן און די באָלשעוויקעס, 1919/20. איין חסרון — ער האָט נישט געהאַט קיין פּראָפעסיע. דעם פעטער אַברהם האָט נישט געפּאַסט, זיינע קינדער זאָלן זיין בעלי־מלאָכות... דער דלות און די ביטערע נויט האָבן אים שפּעטער איבערצייגט, ווי ווייט אומגערעכט ער איז געווען לגבי זיך און זיינע אייגענע. אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון זיי אַליין איז איין זון זיינער, לייב־יאָסל, געוואָרן אַ היטל־מאַכער (ער איז יונג געשטאָרבן); אַ צווייטער, שלמה, האָט זיך אויסגעלערנט שניידעריי. חוץ ביי מלאָכה, האָט מען ניט געהאַט אין אונדזער שטאָט ביי וואָס צו אַרבעטן און פאַרדינען. קיין פאַבריקן, פּראָדוציר־אונטערנעמונגען און גרעסערע אַנשטאַלטן זענען נישט געווען.

חיים, אין וועמען פייגע איז געווען פאַרליבט, האָט געאַרבעט ביי צופּע־ליקער שוואַרצאַרבעט, ווייל אין דער היים האָט געהערשט אַ גרויסע נויט. אָבער דעם רוב צייט האָט ער פאַרבראַכט ביי אונדז אין שטוב, און פייגע האָט אין אים געזען איר באַשערטן. אויך חיים האָט געזען אין פייגען זיין צוקונפ־טיקע בת־זוג. די מאַמע האָט עס באַמערקט און געשטעלט זיי די לאָגישע פראַגע: „פון וואָס וועט איר לעבן נאָך דער חתונה?" די פראַגע האָט אויס־געזען לאָגיש פאַר אונדזערע עלטערן אָבער נישט פאַר די צוויי, ביז איבער די אויערן פאַרליבטע. די שוועסטער פייגע האָט געאַרבעט אַ ביסל שניידעריי אָבער נישט פאַרדינט גענוג אויף אויסצוהאַלטן אַ שטוב. היינט ווער רעדט, אַז נאָך דער חתונה זאָל צוקומען אַ קינד. איז די מאַמע עפּנטלעך אַרויס קעגן שידוך.

מעגלעך, אַז ווען די שוועסטער פייגע וואָלט נישט געווען קיין שטיפ־

טאָכטער, און די מאַמע נישט קיין שטיפמאַמע, וואָלט איר קעגנערשאַפט צום שידוך נישט געהאַט אַנגענומען אַזאַ שאַרפע פאָרם. פייגע האָט באַשולדיקט די מאַמע, אַז זי זאָרגט פאַר איר ברודערס זון, ער זאָל באַקומען נדן און נישט חתונה האָבן מיט אַן אָרעם מיידל. וואָלט זי געווען אַן אמתע מאַמע, וואָלט זי אַליין געווען פאַראינטערעסירט, איר טאָכטער זאָל חתונה האָבן מיט חיימען, ווייל ביידע האָבן זיך ליב און פרנסה איז ביי גאָט. ס׳האָבן נישט געהאָלפן דער מאַמעס שבועות, אַז זי טוט אַלץ אויס גערעכטיגקייט צו ביידן. די שוועסטער האָט עס נישט געקענט און נישט געוואָלט פאַרשטיין, און ס׳איז געקומען צו אַ ריס אין די באַציונגען צווישן זיי. די שוועסטער שׂרה האָט אונטערגעהאַלטן דער מאַמעס שטעלונג. מעגלעך דערפאַר, ווייל זי איז ניט געווען די פאַרליבטע...

צי דער מאַמעס קעגנערשאַפט איז געווען דער גורם, צי דער קוזין, חיים, האָט זיך אַרומגעזען, אַז נאָך דער חתונה וועלן ביידע טאַקע נישט האָבן פון וואָס צו לעבן — ער האָט אויפגעהערט אַריינצוקומען צו אונדז און ווינציק האָט ער זיך געזען און גערעדט מיט פייגען. זי האָט שטאַרק געליטן פון דעם איבעררייס, פון איר אַנטוישטער ליבע און שטענדיק באַשולדיקט דערין די שטיפמאַמע. אויך די מאַמע האָט נישט געשעפּט קיין נחת פון איר „נצחון" און, ווי איר טבע, שטאַרק געליטן אין דער שטיל.

דעם קוזין, חיים, האָט מען גערעדט אַ שידוך פון קראַשניטשין — אַ רייך אָבער נישט קיין שיין מיידל, פון אַ פיינער משפּחה. ער האָט באַקומען נדן און געעפנט אַ תּבואה־שפּייכלער אין קראַסניסטאַוו. אַזוינס איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע פאַר יונגע־לייט, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פאַך און געוואָלט ווערן סוחרים. ווי אַ סך אַנדערע האָט ער אין עטלעכע יאָר אַרום אויפגעגעסן דעם נדן און מער נישט געהאַט מיט וואָס צו פירן מיסחר און ממילא נישט געהאַט, מיט וואָס מפרנס צו זיין די משפּחה, צו וועלכער עס זענען אין צווישן צוגעקומען צוויי קינדערלעך. אַ שטיקל צייט פאַרן אויס־בראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז חיים מיט זיין משפּחה אַריבער־געפאָרן קיין קראַשניטשין, צו זיין אויף קעסט ביי שווער־און־שוויגער.

די מאַמע האָט, קענטיק, געטראַכט, אַז זי איז באַגאַנגען אַן עוולה לגבי איר שטיפטאָכטער און מיט אַ רמז נישט איין מאָל זיך געהאַט אויסגערעדט, אַז פאַרן דלות קען מען זיך נישט באַוואָרענען. די שוועסטער פייגע איז אין

האַרצן געווען צופרידן, וואָס חיים האָט אַזוי מיאוס געענדיקט, און אויף דעם אופן געגעבן אַנצוהערן. גערעדט האָט זי מיט אים און מיט זיין פרוי, פלעגט אַפילו אַריינגיין צו זיי זיך שפּילן מיט די קינדער, בעת זיי האָבן אַ געוויסע צייט געלעבט אין שכנות מיט אונדז.

אַ פּאָר יאָר פאַרן גרויסן חורבן האָט פייגע חתונה געהאַט מיט אַ בחור פון שטעטל ריזוויץ, ברוך קאַכמאַן, אַ שוסטער. נישט אַזאַ שיינער און נישט אַזאַ קלוגער ווי דער בחור, וועלכן זי האָט מיט יאָרן פריִער אויסגעבראַקירט, ווייל ער איז געווען אַ שוסטער... אויף דער חתונה האָט דער חתן פאַרשאַפט אַלעמען עגמת־נפש. ער האָט נישט געוואָלט אָנטאָן קיין קיטל צו דער חופה, ווי דער מינהג איז ביי אונדז געווען. אויך האָט ער אויסגעדריקט פּראָטעסטן קעגן אַנדערע רעליגיעזע צערעמאָניעס. כ׳האָב נישט געקענט צוזען דעם צער פון די עלטערן און זיך שטאַרק צעווערטלט מיטן חתן. אויך מיין ברודער אַברהמ׳טשע האָט אים אָנגעגריפן, כאָטש מיר ביידע זענען ווייט געווען פון די פרומקייטן. די כּלה, פייגע, האָט אָן ספק אינערלעך געליטן, ווייל באַקומענדיק אַ רעליגיעזע דערציִונג, האָט זי אָפּגעהיט ייִדישע טראַדיציעס, כאָטש זי איז נישט געווען אַזוי פרום ווי די עלטערן און די עלטערע שוועסטער שׂרה.

ביי פייגען און איר מאַן זענען געבוירן געוואָרן צוויי קינדערלעך. באַזעצט האָבן זיי זיך אין שטעטל איזשביצע, דעריבער איז מיר קיין מאָל נישט אויסגעקומען זיי צו באַזוכן. כ׳בין אַגב צו זיי אויך נישט איינגעלאַדן געוואָרן. דער טאַטע אונדזערער האָט נישט געוואַרט אויף קיין איינלאַדונג און פלעגט פון צייט צו צייט פאָרן זען די טאָכטער מיטן איידעם און די אייניקלעך, וואָס זענען אים געבוירן געוואָרן, ווען ער איז שוין געווען אַ גרויער ייִד.

ווי מיר איז באַקאַנט, זענען די שוועסטער פייגע, איר מאַן און זייערע פּיצלעך, ווי אַ סך אַנדערע ייִדן, אַנטלאָפן אין די מיזרחדיקע געביטן פון פוילן, באַלד ווי די דייטשישע רוצחים האָבן גענומען מאָרדן די באַפעלקערונג פון פוילן, אין דער ערשטער ריי, די ייִדן. די פריִערדיקע געביטן פון פוילן, מיזרחדיק פונעם טייך בוג, זענען שוין דעמאָלט געווען פאַרנומען דורך דער סאָוועטישער אַרמיי, לויט דעם טרויעריק באַרימטן אָפּמאַך צווישן היטלער־דייטשלאַנד און סטאַלינען, לויטן אַזוי גערופענעם מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ־פּאַקט. ביז די גרענעץ האָט זיך אָפיציעל איינגעשטעלט, זענען אַ ביסל ייִדן, טייל מיט פאַמיליעס, טייל יחידים, אַריבער דעם בוג און געבליבן אויף דער

סאָוועטישער זייט. וואָס עס איז געוואָרן מיט דער שוועסטער פייגע און איר משפּחה, ווייס איך נישט... כ׳בין כּמעט ווי זיכער, אַז זיי האָבן געטיילט דעם גורל פון אַלע יידן, נאָך דעם ווי היטלער איז דעם 22סטן יוני 1941 איבער־געפאַלן זיין „פאַרבינדעטן" — דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. כאָטש איך מיט מיין פרוי און אונדזער קינד זענען אויך געווען אַריבער אין די מיזרח־געביטן פון פוילן און זיך געפונען אויף דער סאָוועטישער זייט, דאָס זעלבע מיטן ברודער, האָבן מיר זיך נישט באַוויזן צו זען מיט דער שוועסטער פייגע. מיר האָבן אַפילו נישט געוווּסט, אין וועלכער שטאָט זי געפינט זיך. פאַר וואָס? צי צוליב דעם ברוגז וואָס האָט געהערשט צווישן אונדז, אָדער די שווערע קאָמוניקאַציע־מעגלעכקייטן וואָס האָבן דאַן געהערשט אין די געביטן, וואָס זענען געשטאַנען אונטערן צייכן פון דייטשיש־פּוילישן קריג, האָבן עס נישט דערמעגלעכט. יעדן פאַלס, מיין געוויסן לאָזט מיך נישט רוען, פאַר וואָס איך האָב נישט אַלץ געטאָן, כּדי זיך צו זען מיט דער שוועסטער און איר משפּחה אין יענער שרעקלעכער צייט. כ׳קען דאָס נאָר דערקלערן דער־מיט, אַז אין דער שוואַרצסטער פאַנטאַזיע האָט זיך קיינער נישט פאַרגע־שטעלט דעם גורל פון די יידן, וואָס היטלער האָט זיי אָנגעצייטמעט.

יעדערער האָט דעמאָלט געטראַכט, אַז מען אַנטלויפט צייטווייליק פון דער היים, ביז ס׳וועט קלאָר ווערן די סיטואַציע, ווו עס וועלן זיך אָפּשטעלן די דייטשן און ווו — די רוסן, ווייל פוילן האָט שוין נישט עקסיסטירט. אַ פאַקט, אַז איך בין געלאָפן אַן מיין פרוי און אַן אונדזער פּיצל קינד. (זיי זענען שפּעטער געקומען צו מיר קיין לודמיר.) כ׳בין אויך נישט געקומען זיך געזעגענען מיט די עלטערן און מיט דער שוועסטער, שׂרה, כאָטש ביים אַנטלויפן באַגינען פון דער היים, בין איך פאַרבייגעגאַנגען נישט ווייט פון אָרט, ווו זיי האָבן געוווינט. כ׳בין געווען זיכער, אַז דאָס אַנטלויפן איז אויף עטלעכע טעג אָדער אַ פאָר וואָכן, און מיר וועלן זיך ווידער זען און זיין צוזאַמען. ליידער האָט זיך אַלץ אַנדערש אויסגעלאָזט.

עד־היום, ווען איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב זיך נישט געזעגנט מיט מיינע נאָענטסטע און טייערסטע, באַהערשט מיך אַ טיף חרטה־געפיל, און כ׳קען זיך נישט מוחל זיין מיין דאָזיקן שריט.

מיין איינציקער ברודער

מיין ברודער, אַברהם־יוסף פּוטערמאַן, וועלכן מען האָט גערופן אַברהמ׳־טשע משה שמש׳ס, איז געבוירן געוואָרן מיט 2 יאָר פאַר מיר, דעם 4טן מיי 1909 און איז געשטאָרבן אין מאָסקווע, דעם 16טן יוני 1974 (כ״ח סיון תשל״ד). ער איז געווען דער ערשטער ביי מיין מאַמען און דער דריטער ביים טאַטן (וועגן די צוויי שוועסטער וואָס דער טאַטע האָט געהאַט מיט אַ פריערדיקער פרוי, האָב איך שוין געשריבן.) היות קיין זין האָט דער טאַטע מיט דער ערשטער פרוי נישט געהאַט, איז אַברהמ׳טשע געווען דער בכור סיי ביי דער מאַמען, סיי ביים טאַטן. ביז דעם ברודערס בר־מיצווה האָט דער טאַטע יעדן ערב־פּסח געפאַסט. נאָך דער בר־מיצווה פלעגט ער יעדן ערב־פּסח מיטנעמען דעם ברודער אין דער פרי אין בית־המדרש אַריין, אַזוי אַרום איז דער טאַטע באַפרייט געוואָרן פון פאַסטן. גאָר אַזוי ווי דער ברודער האָט שפּעטער נישט אַזוי שטאַרק אָפּגעהיט די תרי״ג מיצוות, האָט דער טאַטע ווידער געפאַסט, אַבי צו פאַרהיטן דעם בכור פון אַל דאָס בייז.

מיט דעם ברודער בין איך געווען שטאַרק צונויפגעלעבט. ער האָט געווירקט אויף מיר פון קינדווייז אָן, כאָטש מיר האָבן געהאַט פאַרשיידענע כאַראַקטערן. ער איז געווען אַ כעסן און אַן עקשן, דערקעגן איך בין פון שטענדיק אָן געווען אַ נאָכגיביקער און ס׳איז מיך נישט לייכט געווען צו דערצערענען, דער ברודער איז געווען צו מיר זייער איבערגעגעבן און האָט, ווי אַן עלטערער, געהאַלטן פאַר זיין חוב אַכטונג צו געבן אויף מיר. ווי געוויינטלעך ביי קינדער, פלעגן די גרעסערע יינגלעך נישט וועלן זיך מיט מיר שפּילן. האָט ער נישט אָנגעהויבן די שפּיל מיט זיינע חברים, ביז ער האָט נישט פאַרזאָרגט מיך, כ׳זאָל זיך קענען שפּילן מיט די קלענערע קינדער אָדער מיט אים און מיט זיינע חברים. ער האָט מיך אויסערגעוויינטלעך ליב געהאַט און דאָס איז געווען קעגנזייטיק. דאָס הייסט נישט, אַז מיר האָבן שטענדיק גוט געלעבט צווישן זיך. צוליב די פאַרשידענע כאַראַקטערן אונ־דזערע פלעגט אָפט קומען צו צוזאַמענשטויסן, סיי ווען מיר זענען נאָך קליין געווען און סיי ווען מיר זענען גרעסער געוואָרן. מיר האָבן אָבער לאַנג נישט געקענט זיין ברוגז.

דער ברודער האָט, זינט איך געדענק אים, געליטן אויפן מאָגן. ווען ער

פּלעגט באַקומען אַ מאָגן־אָנפאַל האָט ער שרעקלעך געשריִען. צו מאָל פּלעגט ער פון ווייטיק פאַרלירן דאָס לשון, ער פּלעגט פאַרהאַקן די ציין און נישט געקענט אַרויסרעדן קיין וואָרט. מיר פּלעגן בלייבן פאַרשטיינערט, באַזונדערש די מאַמע. זי פּלעגט אָנהייבן וויינען און איך נאָך איר. זי פּלעגט כאַפּן דעם ברודער אויף די הענט און ערשט זיך באַרויִקט, ווען זיינע ווייטיקן פּלעגן אויפהערן. דעמאָלט פּלעגט ער בלייבן ליגן אין אָנמאַכט און פּאַמעלעך קומען צו זיך.

מען איז מיטן ברודער געלאָפן צו די אָרטיקע דאָקטוירים, אָבער קיינער פון זיי האָט נישט פעסטגעשטעלט די קרענק. האָט איין דאָקטער געזאָגט אַזוי, האָט דער אַנדערער געזאָגט דאָס פאַרקערטע. אַז מען האָט געוויזן אַ דאָקטער אַ רעצעפּט פון זיינעם אַ קאָלעגע, פּלעגט ער זיך אָנבייזערן און זאָגן, אַז דאָס איז סם פאַרן קראַנקן, און פאַרשרייבן אַן אַנדער רעצעפּט, וואָס האָט אויך נישט געהאָלפן.

דער ברודער איז געווען פון קליינווייז אָן פעיִק צו צייכענען און צו שניצן פאַרשידענע שפּילעכלעך פון האָלץ. ער האָט געמאַכט גראַגערס און קלאַפּערס אויף פּורים, אויסגעגאָסן ציינענע חנוכּה־דריידלעך אין אַ האָלצפאָרם, וואָס ער האָט אַליין צוגעגרייט. ער איז געווען אַ פריילעך יינגל, אָבער אַז ס׳האָט אים ווי געטאָן, פּלעגט ער זיין אָנגעכמורעט און נערוועז.

מיט די אָרעמע מעגלעכקייטן פון טאַטע־מאַמע איז מען מיט אים געפאָרן קיין לובלין צו גוטע דאָקטוירים. אים איז אָבער נישט געוואָרן בעסער. ערשט ווען ער איז אויסגעוואַקסן און האָט אַליין פאַרדינט, האָט ער אָנגעזאַמלט אַ ביסל געלט און געפאָרן קיין וואַרשע. דער טאַטע האָט אים מיטגעגעבן אַ שיינעם בריוו צו זיינעם אַ שוואָגערס אַ ברודער מיט דער בקשה אים צו לאָזן איבערנעכטיקן. דער ברודער איז אַריין אין אַן אַפּטייק אין אַ שענערער געגנט אין וואַרשע און געבעטן, מען זאָל אים רעקאָמענדירן אַ גוטן מאָגן־דאָקטער. מען האָט אים געגעבן אַן אַדרעס. אויף וויפל איך געדענק, האָט דער דאָקטער געהייסן יאַנטשעראַוויטש. ביי אים האָט דער ברודער געטראָפן הויכע מיליטער־לייט און ציווילע, וואָס לויט זייער קליידונג האָט מען געזען, אַז געלט שפּילט נישט ביי זיי קיין ראָלע. דער דאָקטער האָט אים געמאַכט אויפן פלאַץ אַלע אַנאַליזן. ביי אונדז אין קראַסניסטאַוו האָט אַ דאָקטער אין יענער צייט גענומען פאַר אַ וויזיט 3—4 זלאָטעס. אין לובלין האָט

אַ גוטער דאָקטער געקאָסט 6—8 זלאָטעס. דער דאָקטער וואָס האָט אויפגענומען דעם ברודער, האָט זיך געהייסן באַצאָלן 40 זלאָטעס פאַרן וויזיט. נאָך דריי וויזיטן האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז דעם ברודער פעלט זויערשטאָף אין מאָגן, און אים אויסגעשריבן טראָפּנס, אָבער אויך אַ גאַנצן העפט מיט אַ דיעטע: וואָס, וויפל און ווען ער זאָל עסן און טרינקען. צווישן אַנדערן האָט ער אים געהייסן אויסטרינקען יעדן טאָג צען לויזע אייער, אַ פול גלאָז פרישע און פעטע סמעטענע, אַ פּאָר ביסן שוואַרצברויט. דער ברודער איז פון קליינווייז אָן געווען אויסערגעוויינטלעך דיסציפּלינירט. קוים האָט ער עפּעס באַשלאָסן, איז ער געווען אין שטאַנד דאָס דורכצופירן. ער האָט גענוי אָפּגעהיט די דיעטע, פּינקטלעך גענומען די טראָפּנס און אויפגעהערט צו ליידן, געוואָרן פריילעכער אָבער נישט ווינציקער איינגעשפּאַרט...

דאָס אַלץ האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון, ווייל דעם ברודערס קרענק האָט זיך אויסגעווירקט אויפן לעבן פון דער גאַנצער משפחה. אונדזער אַלעמענס באַגער איז געווען, אַבראַמ׳טשע זאָל זיך וואָס גיכער אויסהיילן און נישט ליידן. דאָס איז אים געלונגען ערשט ווען ער איז שוין געווען אַ דערוואַקסענער בחור. די קרענק איז צו אים צוריקגעקומען אין דער צייט פון צווייטן וועלטקריג, ביי די שרעקלעכע באַדינגונגען, וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אין רוסלאַנד, וווהין ער איז פאַרוואָגלט געוואָרן. שוין נאָכן קריג, ביי מער נאָרמאַלע באַדינגונגען האָבן נאָך אָנגעהאַלטן די ווייטיקן, אָבער נישט אין אַזאַ שטאַרקער פאָרם, ווי קינדווייז.

פאַרשטענדלעך, אַז איך געדענק נישט, ווען דער ברודער האָט אָנגעהויבן גיין אין חדר. כ׳געדענק אָבער יאָ, ווען ער איז אַוועק אין דער פּוילישער שול. דעם טאַטן האָט שטאַרק נישט געשמעקט, זיינע קינדער זאָלן גיין אין „גויִישע שקאָלעס״. די מאַמע, וואָס איז געווען אַ קנאַפּע קענערין, האָט געוואָלט אירע קינדער זאָלן האָבן אַ ביסל בילדונג, קענען לייענען, אָנשרייבן אַ בריוו. דער טאַטע האָט אָבער געטענהט, אַז ער קען אונדז אַליין לערנען. די ערשטע אותיות סיי אין יידיש, סיי אין פּויליש און רוסיש האָט אונדז טאַקע דער טאַטע געלערנט שרייבן. דער ברודער איז געגאַנגען אין שול בלויז אַ פּאָר יאָר און קיין סך בילדונג נישט אַרויסגעטראָגן. אין שטוב מיטן טאַטן האָט ער געלערנט מערער. געהאַט אַ שיינע האַנטשריפט, אויף וואָס דער טאַטע האָט געלייגט אַכט. ער פלעגט אַהיים ברענגען „בריוון־

שטעלערס" און געזאָרגט, אַז זײַנע קינדער זאָלן קענען שרײַבן שײנע און גוטע בריוו, פול מיט מליצות, ווי אָנגענומען אין יענער צײַט.

צו 12 אָדער 13 יאָר האָט מען דעם ברודער געשיקט לערנען שנײַדערײַ. אויך דאָס האָט דעם טאַטן ניט זײַער געשמעקט. די מאַמע איז אָבער דערויף באַשטאַנען, און דער טאַטע האָט אים אַוועקגעפירט צו אַ גוטן שנײַדער, איטשע־נאָטע זילבער. בײַ אים האָט דער ברודער אָנגעהויבן אַוועקגעבן זײַנע יונגע כּוחות. די צײַט פון לערנען דעם פאַך איז געווען דרײַ יאָר, קײן געצאָלט האָט אַ לערן־ייִנגל נישט באַקומען. פאַרקערט, די מײַסטערס האָבן זיך נאָך געהײסן צוצאָלן פאַרן לערנען בײַ זײ די מלאָכה. דער טאַטע האָט זיך גערעכנט פאַר אַ שטיקל יחסן אין שטאָט, פאַרט אײנער פון די כּלי־קודש, דער שמש פון שטאָט, האָט מען זײַן ייִנגל אַרײַנגענומען און געלערנט אומזיסט. מען האָט אים אָבער אויך אויסגענוצט צו פאַרשידענע שטוביקע אַרבעטן. איך גלײב, אַז דאָס האָט זיך אויסגעווירקט אויף זײַן כאַראַקטער. ער האָט נישט ליב געהאַט קײן אַרבעט־געבערס. ווען ער איז אונטערגעוואַקסן און געוואָרן אײנער פון די פירערס פון פראָפעסיאָנעלן פאַראײן בײַ אונדז אין קראָסניסטאַוו, פלעגט ער קענען זײ זײַן זײַער פאַרעקשנט, כאָטש דער רוב פון די אַרבעט־געבער איז אַלײן געווען אָרעם. אָבער אין די אויגן פון דער אַרבעטער־יוגנט האָבן אַלע זײ אויסגעזען ווי בורזשויען, קעגן וועלכע מען דאַרף קעמפן...

דאָס באַטײַט נישט, אַז דער ברודער האָט אין דער יוגנט געפילט גאָר פאַרביטערונג. חס־וחלילה. קודם־כּל האָט ער געהאַט עלטערן, וואָס זענען גרײט געווען צו גײן פאַר אונדז אַלע אין פײַער און וואַסער. דאָס האָט אונדז, קינדער, געגעבן אַ געפיל פון זיכערקײט און גלויבן אין די אײגענע כּוחות. אַברהמ׳טשע האָט זײַער ליב געהאַט זיך צו שפּילן מיט די חדר־ייִנגלעך און אויך מיט די קריסטלעכע שכנישע קינדער. ער פלעגט מיט זײ לויפן צום טײַך וויעפּש, וואָס איז געפלאָסן לעבן די הײַזער, ווו מיר האָבן געוווינט, און גאַנץ פרי זיך אויסגעלערנט שווימען.

ס׳איז כּדאַי צו דערצײלן אַן עפּיזאָד, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער קראַנקײט פון ברודער. אין הויז ווו מיר האָבן געוווינט, זענען געווען פיר דירות. דרײַ — באַוווינט פון ייִדן, און בלויז אין דער דירה וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט אונדז, האָט געוווינט אַ קריסט, רעמבקאָווסקי. ער איז געווען

אַ חזיר־קוילער און געהאַט אײן שטאָט אַ יאַטקע פון חזיר־פלייש. כ׳ווייס נישט פאַר וואָס, נאָר די גוייִם וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט קוילענען חזירים, האָבן די ייִדן געהאַלטן פאַר באַזונדערש גרויסע ייִדן־שונאים, כאָטש די אַנדערע זענען געווען נישט קיין קלענערע אַנטיסעמיטן. די אַנדערע צוויי ייִדישע שכנים אונדזערע האָבן געהייסן משה, פּונקט ווי מײַן טאַטע, אַזוי אַרום האָבן די שקצים דערציילט איינער דעם צווייטן, אַז אין דעם הויז ווױנען דריי משה׳ס. מײַן טאַטן האָט מען גערופן משה־שמש, איין שכן האָט געהייסן משה־דראַשקאַזש (ווייסער) און נאָך איינער — משה־חכם (בי־לערמאַן). די שקצים פלעגן לאַכן, ווייל ביי זיי איז אויסגעקומען, אַז יעדער ייִד הייסט משה (מאָשקע) און דאָ האָבן זיי באַקומען אַ באַשטעטיקונג פאַר דעם.

די קריסטלעכע שכנים־משפּחה האָט גוט געלעבט מיט אונדז און זייער ליב געהאַט די מאַמען, וועלכע האָט נישט שלעכט גערעדט פּויליש. מען האָט זי גערופן פּאַני מאָשקאָווא. דער גוי, דער קוילער, אַז ער איז זונטיק נישט אַהיימגעקומען פון גאָס שיכּור, פלעגט ער ברענגען אַ פעסעלע ביר, אַוועק־געזעצט זיך, אָנגעצאַפּט אַ קופל, געזאָגט צו זיך אַליין „לחיים“, אַזוי טאַקע אויף לשון־קודש, ווי מיר ייִדן זאָגן, און אויסגעטרונקען. אַז ער איז שוין געווען בגילופין, פלעגט ער שטאַרק בעטן דעם טאַטן, ער זאָל מיט אים אויסטרינקען „לחיים“. דער טאַטע פלעגט העפלעך באַדאַנקען און אַזוי אַרום פּטור ווערן פון אים. ווען דער גוי איז געווען ניכטער, האָט ער געוווּסט, אַז מײַנע עלטערן וועלן ביי אים אַפילו קיין טרונק וואַסער נישט נעמען.

אַ געוויסן פריייטיק־צו־נאַכטס האָט דער ברודער באַקומען אַ שווערן מאַגן־אַטאַק. דאָס ערשטע וואָס מען פלעגט טאָן אין אַזאַ פאַל, איז געווען צולייגן וואַרעמס צום בויך. ס׳איז אָבער שוין געווען שבת און וועגן אָנצינדן אַ פייער האָט נישט געקענט זיין קיין רייד. דער ברודער האָט שרעקלעך געשריִען און געריסן פון זיך דאָס העמד. די שכנטע פון דער צווייטער זייט וואַנט, האָט געהערט און איז אַריינגעקומען. ס׳האָט אַפילו קיינעם נישט געקענט איינפאַלן זי צו בעטן אָנצינדן אַ פייער אין דער קיך. דאָס וואָלט זיך דאָך גערעכנט פאַר אַ באַליידיקונג. די קריסטין האָט זיך אומגעקוקט, אַרויס פון שטוב נישט רעדנדיק קיין וואָרט און באַלד זיך אומגעקערט מיט שוועבעלעך. נישט פרעגנדיק האָט זי געמאַכט פייער אין קיך, אָנגעוואַרעמט

וואַסער אויף צוצולייגן דעם קראַנקן. זי איז ערשט אַרויס פון שטוב, ווען אים איז געוואָרן לייכטער.

אַנצינדן די קיך ביי ייִדן שבת האָט זיך גערעכנט פאַר דער נידעריקסטער אַרבעט, וואָס אַ קריסט טוט פאַר אַ ייִדן. ס׳האָט זיך אויך גערעכנט ביי זיי פאַר אַ חטא, פאַר וועלכן מען האָט זיך געדאַרפט מתוודה זיין פאַרן גלח. איך מיין, אַז די שכנטע האָט דאָס געטאָן, ווייל זי האָט געהאַט אַ גוט האַרץ. די מאַמע האָט איר דאָס קיין מאָל נישט פאַרגעסן, ניט געוווּסט ווי איר צו דאַנקען און זי באמת גערן געהאַט.

זיי, די רעמבקאָווסקיס, האָבן אַ צייט לאַנג נישט געהאַט קיין קינדער, און ווען ס׳איז זיי געבוירן געוואָרן אַ ייִנגעלע, האָט די מאַמע זיי געהאָלפן צוגרייטן די שׂימחה. די מאַמע האָט זיך אַפילו מיט דער שכנטע צעקושט. דאָס האָט זיך מיר אַזוי איינגעקריצט אין זכרון, אַז ווען איך בין געוואָרן גרעסער און אָנגעהויבן פאַרשטיין אַ סך זאַכן, האָט דאָס מיר צעשטערט די טעאָריע, אַז נאָר ייִדן זענען גוט, אַז נאָר ייִדן וועלן זוכה זיין צום קומען פון משיח, אַז נאָר מיר וועלן פאַרזוכן פונעם לויָתן מיטן שור־הבר, אַז ביי גאָט זענען נאָר מיר אַליין די יחסנים און „זיי״ קערן זיך מיט אים גאָרנישט אָן. טאָמער מיר האָבן נישט געמאַכט קיין ברכה פאַרן עסן, פלעגט די מאַמע זאָגן, אַז „אַפילו אַ גוי צלמט זיך איבער און מיר רעכענען זיך נישט דערמיט, וואָס מיר זענען דאָך עפּעס ייִדן״, פאַר אונדז, קינדער, איז געווען פאַרשטענדלעך, אַז „מיר זענען דאָך עפּעס ייִדן״ שוין צוליב דעם אַליין, וואָס מיר האָבן פון דריי יאָר אָן אָנגעהויבן גיין אין חדר, לערנען תּורה און „זיי״ זענען אַרומגעלאָפן פּוסט־און־פּאַס. אונדז האָט מען געלערנט, אַז נאָכן מאַכן די נאַטירלעכע באַדערפעניש מוז מען וואַשן די הענט און זאָגן די ברכה „אשר יצר״. „זיי״ האָבן די דאָזיקע פליכט און נאָך אַנדערע פליכטן נישט געהאַט, פליכטן וועלכע די עלטערן פלעגן אונדז שטענדיק דערמאָנען. וואָס די שכנטע רעמבקאָווסקי האָט אַרויסגעוויזן צו אונדז, האָט צעשטערט אין אַ גרויסער מאָס די וואַנט צווישן „אונדז״ און „זיי״. די וואַנט, וואָס ביידע צדדים האָבן אויפגעשטעלט. ווען זייערע קינדער האָבן זיך נישט געוואָלט וואַשן, פלעגן די קריסטלעכע שכנים זיי מוסרן, אַז „אַפילו אַ ייִד וואַשט זיך פון מאָל צו מאָל״... פון אַזאַ „דערציִונג״, וואָס מיר האָבן באַקומען, האָבן מיר געקענט נאָר גרינגשאַצן די קריסטלעכע קינדער. אויך זיי האָבן אונדז גרינג־

געשאַצט, שיקאַנירט און געשלאָגן ביי יעדערער געלעגנהייט; געשריען, אַז מיר האָבן אומגעבראַכט זייער „פאַן יעזוס" און מיר זאָלן זיך אָפּטראָגן קיין פּאַלעסטינע... איך האָב נישט געוווסט, וואָס זיי ווילן פון מיר. איך האָב זיי אומגעבראַכט זייער גאָט? ווען איך בין געגאַנגען פאַרביי אַ פּלאַץ ווו יעזוס איז געהאַנגען, בין איך געווען זיכער, אַז נישט נאָר איך, נאָר אויך קיינער נישט פון אונדזער משפחה און קיין שום ייד בכלל האָט נישט צוגעלייגט קיין האַנט צו דעם, וואָס ער הענגט אויפן צלם. ווי אַזוי קען אַ ייד טאָן אַזאַ זאַך? אַ ייד, וואָס דערשרעקט זיך און אַנטלויפט, ווען אַ גוי הייבט אויף אַ האַנט און, ווער שמועסט, אַ שטעקן...

מיטן טאַטן פלעג איך מיטגיין אין דאָרף, ווו מיר האָבן געהאַלטן אַ פּרוכטסאַד. פאַרבייגייענדיק אַ צלם אויף וועלכן יעזוס איז געהאַנגען (אַזעלכע זענען געווען אויסגעשטעלט אויף די פּוילישע וועגן יעדע פּאָר הונדערט מעטער), האָב איך קיין מאָל נישט געהערט, אַז דער טאַטע זאָל זאָגן „שקץ תשקצנו", ווי אַ פרומער ייד דאַרף זאָגן. מיין טאַטע איז געווען זייער פרום. אפשר האָט ער עס געזאָגט אין דער שטיל. איך האָב אָבער דאָס קיין מאָל נישט געהערט פון אים. וואָס דער טאַטע פלעגט מיר יאָ זאָגן, אַז מען פאָרט מיט אַ גוי און ער פאָרט פאַרביי אַ צלם און צלמט זיך נישט איבער, דאַרף מען מיט אים ווייטער נישט פאָרן, ווייל אַזאַ גוי קען דיר אָפּטאָן דאָס ערגסטע, אַ סימן — ער האָט נישט קיין גאָט אין האַרצן.

לאָמיר זיך אומקערן צו מיין ברודער אַברהמ'טשע. ער האָט מיט שוועס־ רער מי זיך אויסגעלערנט שניידעריי. ס'הייסט, קיין פולער שניידער איז ער נאָך נישט געווען, אָבער האָט שוין אָנגעהויבן פאַרדינען און גענומען שיין זיך קליידן. דער טאַטע מיט דער מאַמען און אויך די שוועסטער און איך האָבן אָנגעקוואָלן, ווי שיין ער גייט אָנגעטאָן און ווי שיין ער זעט אויס. ער איז באמת געווען אַ שיין יינגל.

אַז די מאַמע פלעגט אונז זען אויף אַ פאָטאָגראַפיע מיט אַנדערע יינגלעך און מיידלעך, פלעגט זי זאָגן, אַז אירע קינדער שיינען אַרויס פון אַלעמען. נאַטירלעך, אַז דאָס איז געווען איבערגעטריבן, אָבער נאַטירלעך פאַר אַ מאַמען. דער טאַטע איז געווען צוריקגעהאַלטן און נישט אויסגעדריקט זיין מיינונג, אָבער ס'איז געווען צו מערקן, אַז ער שעפּט נחת. זיי האָבן זיך נעבעך אַזוי פיל אָנגעליטן פון ברודער מיט זיין קראַנקייט, איז זייער פרייד

געווען פאַרשטענדלעך. ס'איז זיי נאָך,ליידער, אויסגעקומען גאַנץ פיל צו ליידן פון זייערע קינדער, ווי מיר וועלן דאָס זען ווייטער.

אַברהמ'טשעס מייסטער, איטשע־נאָטע זילבער, איז מיט זיין משפחה אַרויסגעפאָרן פון קראָסניסטאַוו, און דער ברודער האָט געמוזט זוכן אַרבעט ביי אַנדערע שניידערס. דאָס איז אים נישט שווער אָנגעקומען, ווייל ער איז געווען אַ גוטער און ערלעכער אַרבעטער, אָבער זיך נישט געלאָזט צו פיל אויסנוצן, נישט געוואָלט אַרבעטן מער ווי 12 שעה, פון 7 פרי ביז 7 אָוונט, סיי זומער, סיי ווינטער.

ס'האָט שוין דעמאָלט עקסיסטירט אין קראָסניסטאַוו אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון שניידערס און שוסטערס. אמת, ער איז געווען שוואַך אָרגאַניזירט. דאָס שטעטל קליין, אַרבעט אַ גאַנץ יאָר איז נישט געווען, אַזוי אַרום זענען די עלטערע אַרבעטער, די וואָס האָבן דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין געגרינדעט, אַרויסגעפאָרן אין אַנדערע שטעט און אויך אין אַנדערע לענדער. דער שניידער שמואל אַנדאַנג (שמואל שבתאי־בערס) — קיין אַרגענטינע. דער שניידער יודל מיטעלמאַן (יודל לייטשעס) קיין וואַרשע. דער שוסטער שלמה פייגענבוים (שלמה מלכה'לעס) האָט חתונה געהאַט אין אַ צווייטער שטאָט אַריין. דעריבער האָבן זיך געפאָדערט פרישע כוחות אויף ווייטער אָנצופירן מיטן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, בכדי זיך נישט צו לאָזן פאַרשקלאַפן נאָך מער, ווי מען איז געווען פאַרשקלאַפט. דעם אמת געזאָגט, איז דער בעל־הבית אַליין געווען נישט ווייניקער פאַרשקלאַפט ווי זיינע אַרבעטער. ער האָט געדאַרפט מפרנס זיין אַ פאַמיליע און געאַרבעט האַלבע און צו מאָל אויך גאַנצע נעכט.

דער ברודער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער טעטיקייט פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין און צוזאַמען מיט אַנדערע חברים גענומען זאָרגן, מען זאָל אָפּהיטן דעם אַזוי אויך לאַנגן אַרבעטס־טאָג, און אויך פאַרלאַנגט אויסבעסערן די זייער שווערע אַרבעט־באַדינגונגען. געפּרוווט האָבן זיי פאָדערן, מע זאָל יעדע וואָך באַצאָלן דעם אַרבעטסלוין. די אָרעמע מייסטערס האָבן געצאָלט, לכל־הפחות געוואָלט צאָלן, צו דער צייט, טייל פון די רייכערע האָט אָפּגעשלעפּט מיטן צאָלן און גורם געווען נישט אין איין שטוב מען זאָל אונטערהונגערן.

דער ערשטער צוזאַמענשטויס פון די טוערס פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין

מיט אַ שוסטער־מייסטער איז פאָרגעקומען, ווען מען איז געקומען צו אים מיט געוויסע פאָדערונגען פאַר זיינע אַרבעטער. ער האָט אָנגעהויבן שרייען און זיך זידלען. ס'איז דערגאַנגען צו אַ געשלעג. דער מייסטער האָט געמאָלדן פּאָליציי. זיינע צוויי געזעלן האָבן זיך דערשראָקן און באַשטעטיקט פאַר דער פּאָליציי די ווערטער פון זייער מייסטער. מען האָט אַרעסטירט די אַרבעטער־דעלעגאַציע, צווישן וועלכע ס'איז געווען אויך מיין ברודער. אין שטאָט האָט דאָס געמאַכט אַ שווערן רושם. דאָס „ייִדישע האָרץ" פון די בעלי־מלאָכות האָט ווי געטאָן, וואָס מען האָט אַרעסטירט ייִדישע ייִנגלעך און וואָס דערצו האָט גורם געווען אַ ייִדישער האַנטווערקער. פון דער צווייטער זייט האָבן זיי נישט געקענט דערלאָזן צו אַזאַ „הפקרות", אַז עפּעס „ייִנגלעך" וועלן זיי אַרומפירן ביי דער נאָז און זיך אַריינמישן אין זייערע ענינים מיט די געזעלן.

ביי אונדז אין שטוב האָט זיך געטאָן חושך. די מאַמע האָט געוויינט. וואָס דען טוט אַ מאַמע? קודם־כל וויינט זי. דער טאַטע איז געווען איינגע־גראָבן אין זיך און זיך געשעמט. זיינער אַ זון האָט צו טאָן מיט פּאָליציי! נישט וויכטיק וואָס עס איז די סיבה. ס'איז אים געווען אַ בושה פאַרן רב און פאַר די פּני פון שטאָט, מיט וועלכע דער טאַטע האָט זיך כּמעט יעדן טאָג געטראָפן. די מאַמע, חוץ וואָס עס האָט איר ווי געטאָן אויפן זון וואָס זיצט נעבעך אין פּאָליציי, האָט שטאַרק רחמנות געהאַט אויפן טאַטן, וואָס האָט געליטן שווייגנדיק. ס'איז נאָך געווען אַ גליק, וואָס מען האָט אויפן צווייטן טאָג די אַרעסטירטע אַרויסגעלאָזט. מען האָט זיי געמאַכט אַ מישפּט. דאָ האָבן שוין דער מייסטער און אויך זיינע אַרבעטער, די געזעלן, צוריקגעדרייט די דערקלערונגען פון דער פּאָליציי און די געמישפּטע זענען אָפּגעקומען מיט אַ קליינער שטראָף און נישט אַריינגעפאַלן אין טורמע.

פון דעמאָלט אָן איז דער ברודער אָנערקענט געוואָרן פאַר אַן אַרבעטער־טוער און פאַר איינעם פון די אָנפירערס פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. די אָנערקענונג איז געקומען פון ביידע צדדים — די אַרבעטער און אַרבעט־געבערס. די ערשטע האָבן אין אים געזען איינעם, וואָס פאַרטיידיקט זייערע אינטערעסן; די צווייטע, כאָטש זיי האָבן באַקומען פאַר אים דרך־ארץ, זענען אָבער געווען פאַרזיכטיק ביים צונעמען אים צו דער אַרבעט. ס'האָט אים נאָר געהאָלפן דאָס, וואָס ער איז געווען אַ גוטער פאַכמאַן און די בעסערע

שנײַדערס האָבן אים גײטיק געהאַט. בײַ גאַרמאַלע באַדינגונגען, אַז ס׳איז נישט אױסגעבראָכן קײן סיכסוך, האָבן אים די אַרבעט־געבערס אַפֿילו גע־שעצט און ליב געהאַט, װײַל ער איז געװען ערלעך און פֿאַרן אמת געװען גרײט צו גײן אין פֿײער. ער האָט נישט געװוּסט פֿון קײן פֿאַלשקײטן און חניפֿה.

מיר דאַכט, אַז די צײַט װען ער איז געװען אַ בחור, איז געװען אַ גליק־לעכע צײַט אין זײַן לעבן. ער האָט געהאַט גוטע חברים, אױך חבֿרטעס, פֿײַנע און שײנע מײדלעך. אײנע פֿון זײ, זײער אַ שײנע און קלוגע, העניטשע בלאַט, איז געװאָרן זײַן פֿרױ. מיט די עלטערן פֿון העניטשען, דעם שוסטער יענקעלע און זײַן װײַב רבֿקה, האָבן מיר געװױנט אין זעלבן הױז פֿון די פֿריסטע קינדער־יאָרן, נאָך פֿון דער צײַט װען מען האָט זיך געשפּילט מיט ליאַלקעס און באַלן, געמאַכטע פֿון שמאַטעס. מיר, קינדער, האָבן ליב געהאַט צו זיצן אױף די שוסטער־בענקעלעך, װעלכע זענען געשטאַנען אױף אַ הילצערנער העכערונג אױפֿן דיל; ליב געהאַט צו קוקן, װי פֿלינק דער שוסטער קלאַפּט אַרײַן די הילצערנע פֿלעקעלעך אין דער זױל, װי פֿלינק ער ציט אַדורך די דראַטװע, װאָס איז געװען פֿאַרענדיקט מיט אַ שפּיציקער חזיר־האָר. ס׳האָט זיך אױסגעדאַכט, אַז קײן שענערע און בעסערע אַרבעט איז נישט פֿאַראַן אױף דער װעלט. דערצו נאָך, אױב דער שוסטער איז געװען אױפֿגערױמט און זיך דערלױבט אַ שפּאַס טאָן און טרײַבן ליצנות מיט די קינדער, װאָס בײַ אונדזער טאַטן האָבן מיר דאָס נישט געזען און נישט געהערט, זענען מיר געװען גליקלעך.

װען מיר זענען אַרױס פֿון דעם הױז, אָבער דאָך נישט װײַט אײנער פֿון צװײטן, האָט דער ברודער נישט אױפֿגעהערט צו באַזוכן דעם שוסטערס משפּחה. מעגלעך, אַז שױן דעמאָלט האָט זיך געװעבט אַ ליבע צװישן אים און העניטשען. מען איז צוזאַמען געגאַנגען אין דער פּױלישער שול, מען האָט זיך צוזאַמען געשפּילט. די יאָרן זענען געלאָפֿן, מען איז אונטערגעװאַקסן און דער ברודער האָט זיך אױף אַן אמתן פֿאַרליבט אין דער שײנער העניטשען. זי איז געװען אַן אָרעם מײדל, אַ ביסל געאַרבעט שנײַדערײַ, פּונקט װי מײַן ברודער, װאָס איז פֿון דער הײם געװען אַן אָרעמער בחור און אױך געאַרבעט שנײַדערײַ.

צו 21 יאָר איז ער געשטאַנען צום פּריזיװ. די פּאָליאַקן האָבן נישט

גערן געגומען ייִדן אין מיליטער. דערצו נאָך ווען צוליב דעם ברודערס טעטיקייט אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, האָט אים די פּוילישע פּאָליציי גע־האַלטן פאַר אַ לינקן, אַפילו פאַר אַ קאָמוניסט, האָט מען אים אין אַקטיוון מיליטער־דינסט נישט גענומען און בלויז, ווען ס׳וועט אויסברעכן אַ קריג, וועט ער זיך דאַרפן צושטעלן.

כאָטש ער איז געווען אירער אַ סימפּאַטיקער, האָט אָבער דער ברודער קיין מאָל נישט אָנגעהערט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. קען זיין, אַז דאָס וואָס ער איז געווען פאַרליבט אין הענטשען, האָט אים אָפּגעהאַלטן פון נעמען אויף זיך אַ ריזיקאָ, וואָס האָט שטענדיק געדראָט מיט תּפיסה. ער האָט אָבער די תּפיסה נישט אויסגעמיטן.

געשען איז דאָס אַזוי. אין פּוילן איז געווען אַן אָפּטיילונג פון דער אינ־טערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע „מאָפּר" — „אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פאַר הילף רעוואָלוציאָנערן". אין טייל לענדער איז זי געווען טעטיק לעגאַל, אין אַנדערע — האַלב לעגאַל און אין די האַלב־פאַשיסטישע און פאַשיסטישע לענדער — שטרענג אומלעגאַל. די אָרגאַניזאַציע איז געלעגן אין קאָמוניס־טישע הענט, כאָטש אויך סאָציאַליסטישע און ליבעראַלע פּאַרטייען האָבן מיט איר מיטגעאַרבעט. אין פּוילן האָט געדראָט אַ שטראָף פאַר מיטאַרבעטן מיטן „מאָפּר".

פון נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד, אין יאָר 1933, האָט זיך אין פּוילן פאַרשטאַרקט דער רעאַקציאָנערער קורס. ס׳קען זיין, אַז דערצו האָט מיטגעווירקט דאָס, וואָס פּוילן האָט זיך שטאַרק אָנגעהויבן חברן מיט היטלערן און מיט די פאַשיסטישע רעזשימען אויף דער וועלט. ס׳קען אויך זיין, אויס מורא פאַר דעם ריזיקן שכן — היטלער־דייטשלאַנד. אָבער נישט נאָר די מורא, נאָר אויך אידעיִשע שטרעמונגען האָבן מיטגעווירקט. עס זענען געקומען צו דער מאַכט אין פּוילן רעאַקציאָנערע עלעמענטן, וואָס אַנשטאָט זיך שטאַרקער צו פאַרבינדן מיט די דעמאָקראַטישע לענדער, האָבן זיי, נישט זעענדיק די סכּנה פונעם היטלער־רעזשים, זיך שטאַרק פאַרבונדן מיט די נאַציס און דערלאָזט, אַז פּוילן זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ נעסט פון היטלעריסטישע שפּיאָנען און דיווערסאַנטן. דאָס האָט זיך נוקם געווען אין פּוילן, ווען די היטלעריסטישע האָרדעס האָבן דעם 1טן סעפּטעמבער 1939 גענומען פאַרפּלייצן די פּוילישע ערד.

אין די פאַרמלחמהדיקע יאָרן האָבן די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען דורכגע־פירט אַ „רייניקונג" פון די לינקע עלעמענטן. באַנוצנדיק זיך מיט פּראָוואָ־קאַטאָרן און אונטערוועלט־טיפּן, האָט מען טויזנטער אַרבעטער, אַרבעטער־פירערס און אינטעליגענטן, וועלכע מען האָט חושד געווען אין קעגנערשאַפט צום האַלב־פאַשיסטישן רעזשים, איינגעזעצט אין די תּפיסות. אויך ביי אונדז אין קראַסניסטאַוו האָט די פּאָליציי געפונען אַ מיטהעלפער. אַן אוקראַאינישער בחור פון אַ דאָרף לעבן דער שטאָט, אַ קראַנקער אויף טובערקוליאָז, אַ מיט־גליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט גענומען דינען דער געהיים־פּאָליציי. מיין ברודער האָט ער נישט געקענט פון דער פּאַרטיי, ווייל ער האָט צו איר נישט אָנגעהערט. ער האָט אָבער געהערט וועגן ברודער, אַז ער איז לינק געשטימט. די פּאָליציי האָט אַריינגעשיקט דעם אוקראַאינער זיך נייען אַן אָנצוג ביים ברודער. און אַז מען וואַרט אויף מעסטן דעם בגד, פאַרפירט מען אַ שמועס. ער האָט בכּוונה אַרויפגעפירט די רייד אויף פּאָליטיק, און דער ברודער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגן רעזשים אין פּוילן. דער אוקראַאינער האָט דאָס דערטראָגן דער פּאָליציי. מען האָט דעם פּראָוואָקאַטאָר אויך געהייסן זאָגן, אַז ער קען דעם ברודער פון דער פּאַרטיי, ווי איינעם פון די אָנפירנדיקע קאָמוניסטן אין אונדזער שטאָט.

אין אַפּריל 1937 האָט די קראַסניסטאַווער פּאָליציי, מיט דער הילף פון דער פּאָליציי פון אַנדערע שטעט, דורכגעפירט אַרעסטן פון ייִדישע בחורים, פּאָליאַקן און אוקראַאינער. צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען מיין ברודער און איך. די אויספאָרשונג איז געפירט געוואָרן ביי טאָג און ביי נאַכט. מען האָט די אַרעסטירטע געהאַלטן אויף די פיס, די גאַנצע צייט מיטן פּנים צו דער וואַנט. מען האָט געשלאָגן און געפייניקט, נישט צולאָזנדיק קיין עסן. ווי נאָר איינער האָט זיך איינגעבראָכן, האָט מען אים גענומען פּייניקן ער זאָל „פאַרשיטן" אַנדערע. מען האָט אין אָנהייב נישט דערמאָנט דעם נאָמען פון פּראָוואָקאַטאָר, דעם אוקראַאינער (אויף וויפל איך דערמאָן זיך, האָט ער געהייסן גאַנטשאַש).

נאָך די פּייניקונגען, וואָס האָבן געדויערט עטלעכע טעג און נעכט, האָבן זיך כּמעט אַלע מודה געווען אין אָנגעהערן צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אויך אין פירן אַן אומלעגאַלע טעטיקייט. מיין ברודער האָט זיך מודה געווען אין אָנגעהערן צום דערמאָנטן „מאָפּר", אָבער נישט צו דער קאָמו־

גיסטישער פּאַרטיי. ער האָט זיך געבעטן ביי די אויספאַרשערס, מען זאָל מיך ניט שלאָגן און נישט פּייניקן, ווייל איך בין פיזיש שוואַך. דאָס האָבן מיר געזאָגט די אויספאַרשערס, אָבער איך האָב געמיינט, אַז זיי נאַרן מיך אָפּ, וועלנדיק ווירקן אויף מיר, איך זאָל מיך אויך מודה זיין. ווען מיר האָבן זיך געטראָפן אין טורמע, האָט דער ברודער דערציילט, אַז ער האָט זיי עס טאַקע געבעטן.

נאָכן אָפּזיצן העכער אַ האַלב יאָר אין קראַסניסטאַווער תּפיסה, איז פאָר־געקומען דער פּראָצעס. דעם ברודערס פרוי און אונדזערע עלטערן האָבן אַלץ געטאָן, ער זאָל האָבן אַ גוטן אַדוואָקאַט פון לובלין. ס'האָט אָבער גאָר־נישט נישט געהאָלפן. אויפן מישפּט האָט ער צוריקגעצויגן זיין מודה זיין זיך און דערקלערט, אַז מען האָט אים, ווי דער אמת איז געווען, געפּייניקט. דער פּראָקוראָר איז דערשינען פאַר די שופטים אין דער באַגלייטונג פון פּאָליציי. זעט אויס, אַז זיי האָבן אים ביזן פּראָצעס געהאַלטן אין אַ סאַנאַטאָריע פאַר טובערקוליאָז־קראַנקע, אָבער אויפן פּראָצעס איז ער געווען אַ האַלב טויטער. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָט ער געשווירן, אַז ער זאָגט דעם אמת, און איבערגעחזרט זיינע פּראָוואָקאַטאָרישע ליגנס. מיין ברודער האָט באַקומען פיר יאָר תּפיסה. דער פּראָוואָקאַטאָר איז אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן.

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אַ דריי יאָר נאָך דעם, ווי דער ברודער האָט חתונה געהאַט מיט הענטשען און זיי האָבן שוין געהאַט אַ ייִנגעלע, שמועלע (שמואל). דער ברודער האָט געליטן פון די צרות, וואָס ער האָט פאַרשאַפט אונדזער גאַנצער משפּחה, אָבער באַזונדערש שטאַרק האָט אים געפּייניקט דאָס, וואָס זיין פרוי מיטן קינד זענען געבליבן אָן מיטלען. די ערשטע צייט האָט הענטשע געפרווט אָננעמען אַרבעט און נייען. נישט אַריינבאַקומענדיק גענוג אַרבעט, האָט זי נישט געקענט מפרנס זיין זיך מיטן קינד. האָט זי דעריבער איבערגעלאָזט זייער זונדעלע ביי אונדזערע עלטערן, געפאָרן אַר־בעטן קיין לובלין און פון צייט צו צייט אַריינגעשיקט אַ ביסל הילף פאַרן קינד. מיינע טאַטע־מאַמע זענען געווען גוט צעבראָכן, כאָטש נאָך נישט אַזוי אַלט, און דאָס מטפּל זיין זיך מיט אַ קינד פון אַ פּאָר יאָר איז שוין נישט געווען פאַר זייערע כּוחות. זיי האָבן דאָס אָבער געטאָן מיט גרויס ליבשאַפט צום זון און צו דער שנור, און נאָך מער אויס ליבשאַפט צו זייער ערשט

אייניקל. דערצו נאָך, אַז די מאַמע מיטן טאַטן האָבן געהאַט די געלעגנהייט „צו מאַכן דאָס קינד פֿאַר אַ ייִד". דער טאַטע האָט אים געלערנט דעם אלף־בית און די מאַמע האָט מיט אים יעדן פֿרימאָרגן געזאָגט ברכה.

דער ברודער איז געזעסן אין טורמע אויף זיך „אָפּצורייניקן פֿון די זינד", וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן דער פּוילישער האַלב־פֿאַשיסטישער מאַכט. פֿריִער אין קראַסניסטאַוו, דערנאָך — אין לובלינער פֿעסטונג. פֿון דאָרטן איז ער געוואָרן אַריבערגעפֿירט אין דער תּפֿיסה פֿון ראַוויטש, נישט ווייט פֿון דער פּויליש־דייטשישער גרענעץ. זיין פֿרוי, הענטשע, אַרבעטנדיק אין לובלין, האָט פֿון צייט צו צייט אים געשיקט פּעקלעך שפּייז. אונדזערע על־טערן האָבן געהאַדעוועט זייער ערשט אייניקל און אויך געשיקט שפּייז־פּעקלעך צו זייער בכור אין תּפֿיסה.

דער ברודער האָט פֿון טורמע געשריבן האַרציקע בריוו צו זיין פֿרוי, צו די עלטערן און צו די שוועסטער. נאָכן אָפּזיצן צוויי יאָר האָט ער פּלוצעם אָנגעהויבן בעטן, מען זאָל אים שיקן אַ בילד פֿון דער גאַנצער משפּחה, אין דער ערשטער ריי פֿונעם טאַטן. ווען מיר האָבן נישט אַזוי גיך אויסגעפֿילט זיין בקשה, האָט ער געגומען אַזש פֿאָדערן. ס׳האָט זיך אונדז אויסגעוויזן, אַז ער האָט געחלומט נישט קיין גוטן חלום וועגן טאַטן, כאָטש ער איז נישט געווען פֿון די, וואָס גלייבן אין חלומות. מיר האָבן דאָס אַנדערש נישט געקענט אויסטייטשן, ווייל ער האָט גוט געוווסט, אַז מיר האָבן נישט קיין בילד פֿון טאַטן און נישט פֿון דער מאַמען; פּשוט ס׳איז זיי קיין מאָל נישט איינגעפֿאַלן זיך צו פֿאָטאָגראַפֿירן. ער האָט אויך געוווסט, אַז עס וועט נישט זיין לייכט צו באַוועגן דעם טאַטן זיך צו פֿאָטאָגראַפֿירן, נאָר אַז ער האָט דאָס אַזוי אויס־דריקלעך פֿאַרלאַנגט, האָבן מיר אַלע פֿאַרשטאַנען, אויך דער טאַטע און די מאַמע, אַז מען מוז אים דאָס צוליב־טאָן.

ווען איך שרייב וועגן דעם איצט, אין העכער פֿערציק יאָר אַרום, רירט עס מיך ביז טרערן. בעת איך האָב באַזוכט דעם ברודער אין מאָסקווע, אין אויגוסט 1964, האָט ער מיר באַשטעטיקט, אַז דאָס פֿאָדערן די פֿאָטאָגראַפֿיע איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון אַ שלעכטן חלום. כאָטש ער האָט נישט געגלייבט אין חלומות, האָט ער געוואָלט זיך איבערצייגן, אַז דעם טאַטן איז נישט געשען קיין בייז. נאָך דעם ווי מיר האָבן אים געשיקט דאָס בילד פֿון אונדזער גאַנצער משפּחה, האָט די תּפֿיסה־מאַכט אים דערלויבט דאָס האַלטן ביי זיך



אויפֿן רויטן פּלאַץ אין מאָסקווע (1964) בעתן באַזוך ביים ברודער.
פֿון רעכטס: רייִע פּוטערמאַן, דער מחבר, הינדע פּוטערמאַן, אברהמ'טשע פּוטערמאַן

אַ פּאָר טעג און דערנאָך עס אַוועקגענומען אין אַרכיוו, אויף אָפּצוגעבן ביים באַפֿרייט ווערן.

באַפֿרייט האָט ער זיך, ווען די דייטשן זענען באַפֿאַלן פּוילן, און אַזוי ווי ראַוויטש איז געווען נאָענט צו דער גרענעץ, איז די אַדמיניסטראַציע פֿון דער טורמע אַנטלאָפֿן און געלאָזט די פֿאַרשפּאַרטע אין די קאַמערן. די קרי־מינעלע פֿאַרברעכערס האָבן אויפֿגעבראָכן די טירן און מיט די שליסלען וואָס זיי האָבן געפֿונען, געעפֿנט די קאַמערן פֿון אַלע איבעריקע פֿאַרשפּאַרטע, אויך פֿון די פּאָליטישע.

ווי נאָר דער ברודער איז אַרויס פֿון דער קאַמער, האָט ער זיך געלאָזט אין אַרכיוו אויפֿזוכן דאָס בילד. ס'איז אים נישט אָנגעגאַנגען קיין שום אַנדער זאַך. אָבער דאָס בילדל האָט ער נישט געפֿונען.

איך קען זיך איצט נישט דערמאָנען פֿאַר וואָס, אָבער אויך ביי מיר האָט זיך נישט אָפּגעפֿונען קיין בילדל פֿון דעם איין און איינציקן מאָל, וואָס די עלטערן האָבן זיך דערלויבט צו פֿאָטאָגראַפֿירן. אַזוי אַרום זענען די געשטאַלטן

פון אונדזערע טייערע, פרומע און געטרייע טאַטע־מאַמע פאַרבליבן נאָר אין זכּרון. דאָס זעלבע אויך פון דער עלטסטער שוועסטער שׂרה. אויך איר גע־שטאַלט מיט די צוועגל־ברילן איז אונדז פאַרבליבן נאָר אין געדעכעניש.

באַפרייט געוואָרן פון דער תּפיסה איז דער ברודער, ווען דער איבערפאַל פון די דייטשישע האָרדעס אויף פּוילן איז געווען אין פולן גאַנג, און די היטלעריסטישע עראָפּלאַנען האָבן באָמבאַרדירט אַלץ, וואָס איז געווען אויפן וועג פון זייער מיליטער. נישט פונקציאָנירט האָבן די קאָמוניקאַציע־מיטלען, איז דער ברודער אַוועק צו פוס אַהיים, צו פרוי און קינד. געדאַרפט האָט ער דורכמאַכן הונדערטער קילאָמעטערס. ער איז אָנגעקומען קיין וואַר־שע, וואָס איז געשטאַנען אין פלאַמען. זיינע פיס זענען געווען געשוואָלן און פול מיט ווונדן. ער האָט געמוזט אַ ביסל אָפּרוען, בכדי צו קענען דערגיין אַהיים, נאָך ביי צוויי הונדערט קילאָמעטערס. אין וואַרשע האָט ער געטראָפן דעם קוזין, שלמה פודים, מיט וועלכן ער איז געשטאַנען אין אַ געוויסן שריפט־לעכן קאָנטאַקט אויך פון טורמע. ביי אים האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אַ פּאָר טעג און צוזאַמען מיט אים צו פוס זיך געלאָזט גיין קיין קראַסניסטאַוו. די היטלעריסטישע אַרמיי איז אָבער געגאַנגען האַסטיקער, און ווען דער ברודער איז אָנגעקומען אַהיים, האָבן די דייטשן שוין געהאַט געבאַלעבאַטע־וועט אין קראַסניסטאַוו. דערשאָסן עטלעכע צענדליק אַרטיקע ייִדן און קריסטן. ער האָט בלויז באַוויזן זיך געזעגענען מיט אונדזערע עלטערן, גענומען די פרוי און קינד און זיך געלאָזט איבערן טייך בוג, אין דעם טייל פון פּוילן, וואָס איז לויטן מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ־אָפּמאַך צוגעפאַלן צו די סאָוועטן.

איך בין שוין דעמאָלט געווען מיט מיין פרוי און קינד אין לודמיר (וולאָדזשימיעזש־וואָליגסק) און דאָרטן געטראָפן איינעם אַן אוקראַיִנער, זאַיאָנץ, וועלכן כ׳האָב געקענט פון פריִער. ער האָט זיך צוזאַמען מיט מיין ברודער באַפרייט פון ראַוויטשער טורמע, און מיר אָנגעזאָגט די „פריילעכע" בשׂורה, אַז קוים איז דער ברודער ביז היינט נישט אָנגעקומען אין דעם סאָוועטישן טייל, איז אַ סימן, אַז ער לעבט נישט.

לויט ווי ער האָט דערציילט, זענען אַ סך אומגעקומען אויף די וועגן, געפאַלן פון היטלעריסטישע קוילן און באָמבעס. דער זעלבער אוקראַיִנער, זייענדיק אַן איינוווינער פון קראַסניסטאַווער געגנט און שטענדיק גערודפט דורך דער פּוילישער פּאָליציי פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט, האָט זיך

איצט דערפילט ווי אַ פיש אין וואַסער. אַ באַפרייטער, איז ער אַרומגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט אין די מיזרח־געביטן פון פוילן, פאַרנומענע דורך דער רויטער אַרמיי, און אַגיטירט פאַר די סאָוועטן. אין איינער פון די שטעט, משמעות אין בריסק, האָט ער געטראָפן מיין ברודער און דעם קוזין שלמה פודים. היות ער האָט מיר פריִער געהאַט אָנגעזאָגט די שרעקלעכע בשורה, האָט ער איצט אַברהמ׳טשען דערציילט, אַז איך זוך אים און אַז ער האָט מיך פאַלש אינפאָרמירט וועגן זיין גורל. דער אוקראַיִנער האָט באַלד געוומען דעם ברודער און דעם קוזין און ביי יענע שווערע קאָמוניקאַציע־מיטלען זיי געברענגט קיין לודמיר.

אין מיטן דער נאַכט האָט ער אָנגעקלאַפּט צו מיר און געזאָגט:

„כ׳האָב דיר געהאַט אָנגעזאָגט אַ שלעכטע בשורה וועגן דיין ברודער, האָב איך אים איצט דיר געבראַכט אַ לעבעדיקן!"

צו אונדזער פרייד איז נישט געווען קיין גרענעץ.

טרויעריק איז מיר געוואָרן אויף דער נשמה, ווען כ׳האָב זיך דערוווסט פון ברודער אַז העגטשע מיטן קינד זענען נישט מיט אים. אים גופא איז אויף דער נשמה געווען נאָך ערגער. פון קראַסניסטאַוו זענען זיי אַנטלאָפן צוזאַמען. די היטלעריסטן האָבן געהערשט אין פוילן ביזן טייך בוג און ביז צו די סאָוועטן האָט מען דעם וועג געמוזט דורכמאַכן צו פוס. אַלע קאָמוני־קאַציע־מיטלען זענען געווען צעשטערט. אויך פויערים מיט וועגענער האָט מען כמעט ווי נישט געזען אויף די וועגן. דאָס קינד האָט מען געמוזט טראָגן און דאָס האָט פאַרשווערט דאָס גיין, מען האָט געשמועסט, אַז די רוסן וועלן די נאָענטסטע טעג מער נישט לאָזן אַריבערגיין אויף זייער זייט. פאַרבלייבן ביי די דייטשן נאָך דעם, ווי ער איז געזעסן אין תפיסה פאַר קאָמוניזם, איז געווען אַ זיכערער טויט. (דעמאָלט האָט מען נאָך נישט געוווּסט, אַז נישט דאָס וועט באַשטימען דעם גורל פון די יידן אין די ערטער, ווו ס׳האָט געהערשט דער היטלעריסטישער טייוול.) דער ברודער מיטן קוזין און אַנ־דערע זייערע חברים האָבן זיך צוגעאיילט אַריבערצוגיין דעם טייך, זייענדיק זיכער אַז העגטשע מיטן קינד וועלן אַריבערגיין דעם בוג אין עטלעכע טעג אַרום. אים מיטן קוזין איז טאַקע געלונגען אָנצוקומען אויף דער סאָוועטישער זייט, אָבער ווען העגטשע מיטן קינד איז אַריבער דעם בוג, האָט מען זי צו־ריקגעשיקט צו די דייטשן. זייענדיק נישט קיין פאַרשלאָפענע, האָט העגטשע

מיטן קינד אַ פּאָר מאָל זיך אַריבערגעשמוגלט די גרענעץ איבערן טייך, און יעדעס מאָל האָבן זי די רוסישע זעלנער צוריקגעשיקט. באַקאַנטע, וואָס מיר האָבן שפּעטער באַגעגנט אויף דער רוסישער זייט, האָבן אונדז דערציילט, אַז ווייל זי איז געווען העל־בלאָנד און אויך דאָס קינד איז געווען אַ העלס, האָבן די רוסן חושד געווען, אַז זי איז אַ דייטשקע און מען שיקט זי בכוונה... ס'האָט נישט געהאָלפן איר געוויין און געבעט, מען האָט זי פאַר קיין פאַל נישט איבערגעלאָזט אויף דער רוסישער זייט.

דער ברודער האָט געשריבן אַהיים צו די עלטערן, און ס'האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז הענטשע מיטן קינד איז צוריקגעקומען קיין קראַסניסטאַוו און ווינט צוזאַמען מיט זיי. זי האָט נישט געקענט שרייבן, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט ביים וועלן אַריבערגיין די גרענעץ, מורא האָבנדיק פאַר דער דייט־טשישער צענזור. די בריוו זענען געגאַנגען אומפּינקטלעך. דער ברודער, ווי אַלע פּליטים, האָט נישט געהאַט קיין סטאַבילן אַדרעס און נישט געקענט אויפהאַלטן קיין רעגולערן קאָנטאַקט מיט זיינע אייגענע.

אויף צו קענען זיין פאַרבונדן מיט דער פרוי, האָט דער ברודער אָנגעהויבן זוכן אַ פּלאַץ איף באַזעצן זיך. אַזאַ פּלאַץ און ווייט פון די דייטשן האָט ער געפונען אין טשעליאַבינסקער געגנט, אויפן אוראַל, און פון דאָרטן אָנגעהויבן זאָרגן וועגן אַריבערנעמען זיין פרוי מיטן קינד און אויך די עלטערן. ער האָט געשריבן קיין מאָסקווע אין אויסערן־קאָמיסאַריאַט, אויף וואָס פאַר אַן אופן ער איז געוואָרן צעשיידט מיט זיין פאַמיליע. מען האָט אים געענטפערט, אַז זיי הייבן אָן צו אונטערהאַנדלען מיט די דייטשן און האָפן, אַז ער וועט זיך פאַראייניקן מיט זיין משפחה.

צוליב פאַרשידענע סיבות איז דער ברודער לאַנג ניט פאַרבליבן אין טשעליאַבינסקער געגנט. ער האָט געוואָלט זיין נענטער צו דער גרענעץ מיט פּוילן, נענטער צו זיין ליבער הענטשען און צו זייער זונדעלע. האָט ער, צוזאַמען מיטן קוזין, זיך באַזעצט אין ביאַלע־צערקאָוו, אַ שטעטל נישט ווייט פון קיִעוו. ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן ביי זיין פאַך, שניידעריי, האָט פאַר־דינט, געשיקט פּעקלעך שפּייז צו די אייגענע אין קראַסניסטאַוו. אויך צו מיר האָט ער געשיקט אַ שפּייז־פּאַקעט (איך מיט מיין משפחה זענען שוין דעמאָלט געווען פאַרשיקט אין טיף סיביר, וועגן וואָס איך וועל נאָך אויספירלעך דערציילן).

דעם ברודערס הויפּטזאָרג איז אָבער געווען זיך צוזאַמענצוקומען מיט זיינע נאָענטסטע. די סאָוועטישע אַנשטאַלטן, וואָס האָבן געפירט זיין ענין, האָבן אים געענטפערט אויף זיינע ווענדונגען, אָבער קיינער קען נישט וויסן, צי די אַלע באַמיִונגען וואָלטן געגעבן אַ פּאָזיטיוון רעזולטאַט, אפילו ווען עס ברעכט נישט אויס די מלחמה צווישן די צוויי אַזוי „נאָענטע פאַרבינדעטע״, היטלער און סטאַלין...

דעם 22סטן יוני 1941 איז, ווי באַוווסט, נאַצי־דייטשלאַנד באַפאַלן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, און באַלד אין די ערשטע טעג פאַרכאַפּט לעמבערג, לוצק, ראָוונע, ביאַליסטאָק און אַ סך אַנדערע שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן ביזן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געהערט צו פּוילן און געווען באַזעצט דורך די סאָוועטן.

די פאַרטיליקונג פון די פּוילישע ייִדן דורך די דייטשן איז געווען אין פּולן גאַנג און האָט זיך איצט אויסגעשפּרייט אויך אויף די ייִדן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון פּוילן און געלעבט אין די דאָזיקע געביטן. דאָס לעבן ביזן אַנקום פון די דייטשן איז דאָ געווען שווער. די ייִדישע פּליטים האָבן זיך ממש געוואַלגערט אויף די גאַסן. ס׳איז נישט געווען קיין אַרבעט און ממילא האָט מען געהונגערט. ס׳זענען אויסגעבראָכן קראַנקייטן און נישט ווייניק טויט־פאַלן זענען געווען. ס׳האָט אָבער נישט געדראָט צו ווערן אומגעבראַכט נאָר דערפאַר, וואָס מען איז אַ ייִד.

ווי דער ברודער האָט מיר שפּעטער דערציילט, בעת מיר האָבן זיך געטראָפן אין מאָסקווע, אין יאָר 1964, איז ביאַלע־צערקאָוו, וווּ ער מיטן קוזין האָבן געוווינט, באָמבאַרדירט געוואָרן באַלד אין די ערשטע שעהען פון קריג. ער מיטן קוזין זענען גלייך געוואָרן מאָביליזירט און מען האָט זיי גענומען פירן צו פוס פון שטאָט צו שטאָט, ווייל די קאָמוניקאַציע־מיטלען זענען געוואָרן צעשטערט. זיין חלום זיך צוזאַמענצוקומען מיט זיין משפּחה׳לע האָט זיך טראַגיש פאַרענדיקט. אַנטווישט אין די האָפענונגען, נישט וויסנדיק וווּ ער גייט און וווּהין מען פירט אים און וואָס עס דערוואַרט אים, איז ער אַ דערשעפּטער געפאַלן אין וועג. מען האָט אים אַריינגעלייגט אין אַ שפּיטאָל און ער איז געוואָרן אויף אייביק צעשיידט פון קוזין, שלמה פודים, דעם איין און איינציקן נאָענטן מענטש, וואָס איז געווען מיט אים לעצטנס.

נאָכן אַרויסגיין פון שפּיטאָל האָט ער זיך געמאָלדן אין מיליץ, ווייל אין

דעם אָרט איז נישט געווען קיין מיליטערישע אָפּטיילונג, בכדי מען זאָל אויסגעפינען, ווו ער קען טרעפן די אַלע, וואָס מיט זיי איז ער געווען מאָביליזירט אין ביאַלע־צערקאָוו. ווען די מיליץ האָט אַריינגעקוקט אין זיין סאָוועטישן פּאַספּאָרט און געזען, אַז ער איז אַ פּליט פון פּוילן און אין זיין פּאַספּאָרט שטייט אַ פּאַראַגראַף וואָס דערלויבט אים נישט צו וווינען נאָענט צו אַ גרענעץ און אויך נישט אין קיין גרויסער שטאָט, האָבן זיי אים אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט אין אַן אַרבעטס־לאַגער צו אַרבעטן אין קוילן־שאַכטעס. ביי דער דאָזיקער מוראדיק שווערער אַרבעט איז ער אַזוי אַראָפּ פון די כּוחות, אַז ער האָט געוווויגן עפּעס מער ווי 40 קילאָ. ער איז געוואָרן אַפּאַטיש, אַרבעטן האָט ער מער נישט געקענט, אָבער באַשלאָסן נישט אונטערגעבן זיך און מיט די לעצטע כּוחות זיך דערשלאָגן צו איינעם פון די נאַטשאַלניקעס פונעם לאַגער און פון די שאַכטעס. געעפנט פאַר אים דאָס האַרץ, און ווי זאָגט אַ יידיש שפּריכוואָרט, „אַז דאָס האַרץ איז פול, גייען די אויגן איבער". ער האָט דערציילט זיין לעבנס־געשיכטע און געזאָגט, אַז ער האָט אַ פאַך, איז אַ שניידער. אין אַנדערע ענלעכע פאַלן פלעגן די רוסן ענטפערן: „מיר דאַרפן נישט קיין שניידערס, מיר מוזן איצט האָבן קוילן". דער נאַטשאַלניק האָט אָבער געזען, אַז קיין קוילן וועט שוין מיין ברודער נישט אַרויסציִען פון דער ערד, איז אפשר וועט ער נאָך זיין פעיִק צו מאַכן אַ פּאָר הויזן אָדער זיי צו פאַרלאַטען. דער נאַטשאַלניק האָט אים קודם־כּל געלאָזט אָפּרוען און דערנאָך אַריינגעגעבן אין אַ שניידעריי־וואַרשטאַט, ווו עס האָבן געאַרבעט פּונקט אַזעלכע ווי ער, וואָס די שאַכטעס האָבן פון זיי געהאַט אַרויסגעצויגן דאָס לעצטע ביסל חיות. אין שניידער־וואַרשטאַט האָט דער ברודער אָנגעהויבן צו קומען צו זיך. דאָ איז אויך געווען אַ מעגלעכקייט צו פאַרדינען אַ גרעסער שטיקל ברויט און אַ מאָל אויך אַ שטיקל פעטס. אַזוי האָט ער אָפּגעאַרבעט אין דער שניידעריי ביז צום סוף פון דער מלחמה.

אין שניידער־וואַרשטאַט האָט ער זיך באַקענט מיט אַ ייִד פון מאָסקווע, וואָס אויך ביי אים איז אין פּאַספּאָרט געווען אַן אומפינקטלעכקייט און ס'איז מיט אים פאַרגעקומען דאָס זעלבע וואָס מיטן ברודער. ווי נאָר זיי האָבן זיך באַפרייט, האָט אים דער דאָזיקער ייִד מיטגענומען צו זיך קיין מאָסקווע. דער ברודער האָט איצט געהאַט אַ שטיקל אָפּדאַך, אַן אַדרעס, פון וועלכן ער האָט געקענט אָנהייבן זוכן זיין פרוי און קינד און אויך די עלטערן.

דאָ הייבן זיך אָן נייע צרות. אין מאָסקווע איז אים געווען שטרענג פאַרווערט צו וווינען, האָט ער נישט געוווסט ווו זיך אַהינצוטאָן. ער האָט זיך שריפטלעך נאָכגעפרעגט אין קראַסניסטאַוו — ביי באַקאַנטע שכנים, גויִים, און אויך אין שטאָטראָט וועגן זיין משפּחה, און שוין צוליב דעם זיך נישט געקענט רירן פון אָרט, ביז ער וועט נישט באַקומען אַן ענטפער. האָט ער זיך געוואַלגערט אין מאָסקווע אומלעגאַל, ווו אַ טאָג ווו אַ נאַכט. זיין לאַגע איז געווען אַזוי פאַרצווייפלט, אַז ער האָט אָנגעהויבן ניצן דעם ביטערן טראָפּן, און דאָס איז געווען פאַר אים סם צוליב דער אָמאָליקער מאָגן־קראַנקייט.

דערוווסט האָט ער זיך דאָס, פאַר וואָס ער האָט זיך אַזוי געשראָקן, כאָטש ער האָט שוין געהערט וואָס ס'איז געשען מיט די ייִדן אין אייראָפּע בכלל און אין פּוילן בפרט. ער האָט באַקומען בריוו סיי פון מאַגיסטראָט (שטאָט־ראָט), סיי פון שכנים, אַז זיין פרוי און קינד זענען געגאַנגען דעם טראַגישן וועג פון אַלע ייִדן. דאָס זעלבע אויך אונדזערע עלטערן און די שוועסטער שׂרה.

אין דער צייט פון זיין אַרומוואַלגערן זיך אין מאָסקווע פלעגט דער ברודער פון צייט צו צייט נעכטיקן ביי אַ משפּחה, דאַכט מיר, זיי האָבן געהייסן גרובמאַן. דאָרטן איז געווען אַ טאָכטער, וואָס האָט זיך געהאַט גע־שיידט פון איר מאַן, אַ רוס. מיט איר איז געווען זייערס אַ קליין מיידעלע. דער ברודער האָט פאַר דער צייט זיך נישט געהאַט געטראָפן מיט פּליטים פון פּוילן און נישט געוווסט וועגן זייער רעפּאַטריאַציע. זעט אויס, אַז זיין פאַרצווייפלונג האָט גורם געווען, אַז ער האָט אַפילו נישט געטראַכט פאָרן צוריק אַהיים, וואָס האָט אויפגעהערט צו זיין אַ היים מיטן מאָמענט, ווען פון די אייגענע איז מער קיינער דאָרטן נישט געבליבן. אַזוי אַרום איז ווי פון זיך געקומען דאָס פאַרבינדן זיך מיט דער טאָכטער פון די גרובמאַנס. דאָס האָט אויך געלייזט דאָס פּראָבלעם פון קענען זיך צושרייבן אויף צו וווינען אין מאָסקווע.

זיין לעבן האָט זיך געגומען נאָרמאַליזירן, אויף וויפל די באַדינגונגען און דאָס געמיט האָבן דאָס דערלויבט. דאָס מיידעלע, סימאַ, האָט אים גענומען רופן פּאַפּאַ. אין אַ צייט אַרום האָט אים זיין פרוי רייע געבוירן אַ זון, וועלכן מען האָט געגעבן אַ נאָמען ראָמאַן. דעם נאָמען האָט דער ברודער אויסגע־קליבן צוליב דעם ערשטן אות פון אונדזער מאַמען רבקה (ריווטשע). היינט

דאַרף ראָמאַן אַלט זיין 32—33 יאָר. ער האָט חתונה געהאַט מיט נישט קיין ייִדישער פרוי, און זיי האָבן שוין אַ מיידעלע וועלכע די באָבע, רייע, דעם ברודערס פרוי, העלפט האָדעווען. זיי וווינען טאַקע צוזאַמען אין דער זעלבער דירה, וווּ זיי האָבן געוווינט, ווען דער ברודער האָט געלעבט און ווו איך האָב זיי באַזוכט אין יאָר 1964.

ביז היינט, אויף וויפל איך ווייס פון די זעלטענע בריוו וואָס איך באַקום פון רייען, טראָגט דעם ברודערס זון דעם פאַמיליע־נאָמען פוטערמאַן. די טאָכטער סימאָטשקע האָט אויך חתונה געהאַט. זי האָט גענומען אַ מאַן, וואָס איז פון אַ ייִדישער מאַמען.

נאָך דעם בריוו וואָס איך האָב באַקומען פון דער שוועגערין פון מאָסקווע אין דעצעמבער 1978, האָב איך איר אין מיין ענטפער פאַרבעטן צו קומען אויף אַ באַזוך צו אונדז. איך גלייב כמעט נישט, אַז זי זאָל וועלן קומען. זי געהערט צו דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און וועט זיך ניט דערוועגן בעטן אַ וויזע אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד און נאָך דערצו קיין ישראל, מיט וועלכער איר סאָוועטיש „פאָטערלאַנד" האָט נישט קיין דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען שוין באַלד 15 יאָר, פון נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה.

מיט אַ פאַרשפּעטיקונג האָב איך באַקומען אַן ענטפער פון דער שוועגערין. זי האָט געשריבן, אַז איצט קען זי נישט קומען צו אונדז. מעגלעך, אַז נאָך דעם, ווי זי וועט אַרויס אויף פּענסיע, וועט זיך די לאַגע ענדערן. אין צווישן איז זי שוין אַרויס אויף פּענסיע און געפונען אַנדערע תּירוצים אויף נישט צו קומען...

מיינע קינדער־יאָרן

איצט קום איך וועגן זיך צו דערציילן באַריכות. צו ערשט — די קינדער־יאָרן.

די ביאָגראַפיע פון אַ ייִדיש ייִנגל אַ מאָל, אין אַ קליינער שטאָט, ביי אָרעמע עלטערן, הייבט זיך אָן פון חדר. מיין אָנהייבן גיין אין חדר צו משה־מלמד האָב איך שוין באַשריבן.

ווען איך בין שוין געווען אַ „גרויסער בחור" און האָב פאַרשטאַנען,

אַלנפאַלס, מיין מאַמע האָט געגלייבט, אַז איך דאַרף שוין פאַרשטיין, האָט זי מיר אויפגעקלערט, וואָס אונטערשיידט אונדז, ייִדן, פון אַנדערע פעלקער, וואָס אונדז טוט שטרענג פאַרפליכטן און „זיי" נישט, ווי ווייט מיר דאַרפן גלייבן און האָבן בטחון אין גאָט.

די מאַמע האָט מיר אויך דערציילט: כ׳בין געווען אַ ברעקל קינד און געוואָרן ערנסט קראַנק, האָב נישט געקענט אַראָפּשלינגען דאָס עסן, אַפילו די מילך וואָס מען האָט מיר געגעבן. מיין לאַגע האָט זיך פאַרערגערט פון שעה. מען איז מיט מיר געלאָפן צו אַ דאָקטער, אַ קריסט (קיין ייִדישער דאָק־טער איז נישט געווען ביי אונדז אין שטעטל), און ער האָט געפסקנט, אַז איך האָב סקאַרלאַטין און מען זאָל מיך גלייך פירן קיין לובלין אין שפּיטאָל אַריין, ווייל נאָר דאָרטן קען מען מיך אָפּראַטעווען. דאָס איז געווען פונקט ערב יום־כּיפּור. די קאָמוניקאַציע אין די יאָרן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען נעבעכדיק. ס׳איז געווען אַן אייזנבאַן קיין לובלין, אָבער מען האָט זיך געמוזט איבערזעצן אין אַן אַנדער צוג אין שטעטל רייוויץ. מען האָט אויך געקענט דינגען אַ פערד־און־וואָגן. געלט וואָלט אפשר געוואָרן, ייִדן רחמנים וואָלטן נישט געווען דערלאָזט עס זאָל חלילה אַוועקגיין פון דער וועלט אַ ייִדיש קינד. ס׳האָט זיך אָבער געהאַנדלט אין אַ פיל ערנסטערן ענין: ס׳איז געווען ערב יום־כּיפּור און אַרויספאָרן קיין לובלין, אַ מהלך פון מער ווי 50 ק״מ, האָט געדראָט דערמיט, מיר זאָלן אָנקומען אַהין שוין נאָך כּל־נדרי. צו אַזאַ עבירה האָט מיין טאַטע נישט געוואָלט דערלאָזן. איי, פּקוח־נפש? דאָס איז געזאָגט וועגן שבת, אָבער אום יום־כּיפּור, שבת־שבתון! ס׳קען פאַר קיין פאַל נישט קומען אין באַטראַכט צו לאָזן זיך אין וועג אַריין! דאָ מוז מען זיך סומך זיין אויפן בורא־עולם, ער איז אַן אֵל רחום וחנון, אַ רופא־חולים און אַלץ אין דער וועלט. דעם וווּנדער, וואָס „ער" אין הימל קען באַווייזן און נאָך אין זכות פון הייליקן יום־כּיפּור, אַזאַ נס קען אַפילו אַ דאָקטער אין לובלין נישט באַווייזן.

דער מאַמען האָט דאָס האַרץ שטאַרק וויי געטאָן, אָבער אויך זי האָט נישט געוואָלט איינרייסן מיטן רבונו־של־עולם. האָט זי איינגעשטימט זיך צו פאַרלאָזן אויפן גרעסטן רופא־חולים. וואָס זי האָט געקענט טאָן, איז וויינען, אַ סך וויינען, דאַווענען און בעטן גאָט פאַר איר קינד, עס זאָל געזונט ווערן אין זכות פון הייליקן יום־הדין.

דער טאַטע פלעגט יום־כּיפּור ביי נאַכט נישט קומען אַהיים נעכטיקן. ער פלעגט בלייבן אין בית־המדרש, פלעגט זיך צוליגן אויף אַ פּאָר מינוט אויף דער האַרטער באַנק. די גאַנצע נאַכט האָט ער געזאָגט תּהילים און פאַרשידענע אַנדערע תּפילות. די מאַמע איז די נאַכט אויך נישט געשלאָפן און געוואַכט איבער מיר. אין דער פרי האָב איך געעפנט די אויגן און אַראָפּ־געשלונגען דאָס ערשטע לעפעלע מילך, וואָס מען האָט מיר דערלאַנגט. דער טאַטע האָט פאַר טאָג פאַמעלעך געעפנט די טיר צו זען, וואָס ס'איז מיט מיר געוואָרן, און מיך געזען זיצן ביי דער מאַמען אויף דער האַנט און ביים מיילעכל דאָס לעפעלע. ער איז נישט אַריין אין שטוב, צוריק פאַרמאַכט די טיר און אַוועק אין בית־המדרש. גאָט האָט אָנגענומען טאַטע־מאַמעס געוויין און געבעט...

די מאַמע פלעגט יעדן ערב יום־כּיפּור נאָך ליכט־בענטשן צוגיין צו אונדז, קינדער, ווינטשן אַ גוט יאָר און פלעגט אונדז באַגיסן מיט ביטערע טרערן. מסתּמא פלעגט זי זיך דערמאָנען, מיט דאַנקבאַרקייט און אמונה, אין יענעם ערב יום־כּיפּור, ווען גאָט האָט איר געשענקט איר קינד. דער טאַטע פלעגט דעמאָלט אויך אָפּווישן אַ טרער, אָבער זיך אָוועקדרייען, מען זאָל עס נישט באַמערקן. זיינע טרערן האָט ער יום־כּיפּור פאַרגאָסן, אָן איבערגעדעקטער מיטן טלית...

וועגן מיין גיין אין חדר און אין וועלכע חדרים, האָב איך זיך שוין אָפּגעשטעלט. וועל איך איצט אַ ביסל דערציילן וועגן מיין גיין אין דער פּוילישער פאָלקשול. מיך אַריינצוגעבן אין שול איז דער מאַמען געווען לייכ־טער, ווייל דער ברודער איז דאָרטן שוין געגאַנגען און דער טאַטע האָט נישט אַרויסגעוויזן אַזאַ קעגנערשאַפט. אין דער שול האָבן קינדער אָנגעהויבן לערנען צו זיבן יאָר. מיר דאַכט, אַז מיך האָט מען געשיקט אַ ביסל שפּעטער, צו אַכט אָדער צו ניין יאָר. כ'בין געקומען אין שול, ווען איך האָב שוין עפּעס געקענט, אויך שרייבן און לייענען. צי ווייל דער ברודער האָט מיך געהאָט געלערנט אָדער דער טאַטע און אפשר ביידע.

כ'געדענק, די מאַמע האָט מיך אַריינגעפירט אין קלאַס אַריין. די שילערס האָבן מיך נישט אַזוי פריינדלעך אויפגענומען. די לערערין האָט זיך עפּעס אויך געבייזערט און מיר געהייסן זיך זעצן אויף איינער פון די לעצטע בענק. איך האָב מיך געשעמט און זיך געפילט נישט גוט, נאָך דעם ווי די לערערין

האָט געזאָגט דער מאַמען, אַז זי קען שוין גיין און נישט שטערן דעם לימוד. די לערערין האָט מיך עפּעס געפרעגט, אַפילו זיך נישט אומקוקנדיק אויף מיר. איך האָב געענטפערט און, זעט אויס, אַז עס איז איר געפעלן. זי האָט מיך באַלד די ערשטע טעג אַוועקגעזעצט אויף איינער פון די ערשטע בענק. כ'האָב אָנגעהויבן זיין אַ שטיקל מיוחס. די ייִדישע ייִנגלעך האָבן מיך געקענט פון חדר און פון דער גאַס, אַ טייל קריסטלעכע קינדער, וואָס האָבן געוווינט מיט אונדז אויף דער זעלבער גאַס, האָבן מיך אויך געקענט. מיט אַ טייל האָב איך מיך געחברט, זיך געשפּילט, געשוווּמען אין טייך. ס'האָט זיך אַפילו געמאַכט, איך בין אַריין אַ ביסל טיפער אין וואַסער און זיך גענומען טרינקען. אַ שייגעץ, אַ חבר און אַ שכן פון זעלבן הויז, האָט מיך אַרויסגעשלעפּט.

איך האָב זיך נישט אויסגעצייכנט אין שפּילן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט לויפן, שפּרינגען און שווימען. צופעליק צונויפגעטראָפענע ייִנגלעך, פלעגן מיר אַרויס אין פעלד, וואָס איז געווען באַדעקט מיט גראָז און בלימעלעך, און מען האָט געשפּילט אין באַל אָדער אין „קוטשקע־פּאַלאַנט״. ייִנגלעך האָבן געשפּילט באַזונדער, מיידלעך — באַזונדער. מיך האָט מען צוגענומען צום שפּיל, ווען ס'האָט געפעלט איינער צו דער צאָל, אָדער ווען דער אָנפירער פון די שפּילן איז געווען דער ברודער אָדער זיינער אַ נאָענטער חבר. די דערוואַקסענע, באַזונדערש די מער פרומערע, האָבן אויף אונדז געשריִען „שקצים״ און אויך „גויִים״, ווייל שפּילן פלעגן מיר זיך אין די שבתים נאָכן טשאָלנט, ווען די עלטערן האָבן געכאַפּט אַ דרעמל. אַ גאַנצע וואָך איז דאָס געווען אוממעגלעך, ווייל אַ ייִדיש ייִנגל איז פון פרי ביזן אָוונט געווען פאַרנומען מיט לערנען אין חדר. זענען מיר געווען אויסגעשטעלט אויף דעם מוסר־זאָגן און אויך אויף קלעפּ פון טאַטן, אויב ער האָט זיך דערוווּסט, אַז מען האָט שבת געשפּילט אין באַל אָדער אין „קוטשקע־פּאַלאַנט״, ווער שמועסט נאָך, אַז דער טאַטע האָט דאָס געזען מיט זיינע אויגן... דאָס איז דאָך געווען אַן עבירה, ווייל אַז מען וואַרפט אַ שטעקן, מאַכט ער אַ גריבל אין דער ערד. און ווער מעג דאָס גראָבן אום שבת צי יום־טוב? אָדער, ווי מעג אַ ייִדיש ייִנגל אום שבת אָדער יום־טוב לויפן און דערשוויצן זיך? דאָס פּאַסט פאַר „שקצים״. איך האָב מיך שטענדיק געבראָכן דעם קאָפּ, צי האָבן די טאַטעס זיך נישט געשפּילט, ווען זיי זענען קליין געווען? און אין וואָס פאַר אַ שפּילן האָבן זיי זיך געשפּילט? צי איז עס דעמאָלט נישט

געווען פאַרבונדן מיט אַ ביסל שקאַצישקייט? אָבער פרעגן וועגן דאָס אַלץ דעם טאַטן האָב איך זיך נישט דערוועגט.

איך בין נישט געווען געפאַלן ביי זיך, וואָס איך האָב נישט אַרויסגעוויזן קיין ספּעציעלע פעיִקייטן ביי די דאָזיקע שפּילן, און אויך נישט פון דעם, וואָס מען האָט זיך נישט געריסן איבער מיך צוצושטיין צו דער אָדער יענער גרופּע. אין די אַזוי גערופענע „שטילע שפּילן" האָב איך אויסגענומען, און מ'האָט מיך שטענדיק געשטעלט אין שפּיץ. אַז מ'האָט זיך געשפּילט אין „רבי מיט תּלמידים", בין איך געווען דער רבי. אַזוי אויך, אַז מען האָט געשפּילט „לערער און שילער", בין איך געווען דער לערער.

איך בין איבערצייגט, אַז מיינע קינדער־יאָרן זענען געווען גליקלעכע יאָרן. איך האָב גענאָסן פון אַ שטאַרקער ליבע פון טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברודער און חברים. כ'דערמאָן זיך, בעת איך פלעג נישט געזונט ווערן, און דאָס האָט זיך געטראָפן נישט אַזוי זעלטן, פלעגט די מאַמע נישט אָפּ־טרעטן פון מיר, נישט ביי טאָג און נישט ביי נאַכט. גליקלעך בין איך אָבער געווען אַז דער טאַטע, ווען ער איז אַריינגעקומען אין שטוב, איז צוגעקומען צום בעט, אַרויפגעלייגט די האַנט אויף מיין שטערן. דערפון פלעגט מיר דורך איבערן לייב אַן אָנגענעמער ציטער. טאָמער איז מיין שטערן געווען וואַרעם, האָט זיך פּנים אויסגעדריקט אומרו. ווען ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די היץ איז געפאַלן, פלעגן די פּנימער פון טאַטע־מאַמע אויסדריקן פרייד. ווי נאַריש דאָס זאָל נישט זיין, איך האָב ליב געהאַט די טעג פון ליגן אין בעט, כאָטש ווען איך בין געזונט געווען, האָט מען מיר נישט געקאַרגט קיין ליבע. אַז איך בין אויפגעשטאַנען פון אַ קרענק, פלעג איך שוין טראַכטן, ווען וועל איך ווידער באַקומען אַ ביסל היץ...

נאָכן ערשטן וועלטקריג האָבן מיר געוווינט אין אַ זייער קאַלטער דירה. (אין דעם הויז מיט די דריי משה'ס) אין די פראָסטיקע ווינטערטעג, אַז מען האָט אין דער פרי געעפנט די אויגן, איז דאָס ערשטע וואָס מען האָט געזען, געווען אַ סטעליע, באַדעקט מיט אַ דינער שיכט אייז. מען האָט די שטוב נישט געקענט דערהייצן. פאַרן גיין שלאָפן פלעגט דער טאַטע נעמען מיין איבערבעט אין דער קיך אַריין, וואָס איז געווען גוט אָנגעהייצט, און אָנוואַרעמען דאָס, ווייל איך האָב זיך שטאַרק געשראָקן פאַר קעלט און שרעק זיך ביז היינט צו טאָג.

ווען איך בין אַלט געווען זיבן אָדער אַכט יאָר, איז דער טאַטע שטאַרק קראַנק געוואָרן. פאַר וואָס שרייב איך „שטאַרק קראַנק”? ביי דעם עלטער האָב איך געקענט וויסן, אַז דער טאַטע איז קראַנק, בלויז דערפון וואָס ער איז געלעגן אין בעט אויך ביי טאָג. ער פלעגט אָבער אַראָפּגיין פון בעט דאַווענען דריי מאָל אין טאָג, שחרית, מינחה און מעריב. אַז דער טאַטע איז נישט אַראָפּ פון בעט דאַווענען, האָט די מאַמע געבראַכן די הענט, געווען פאַרצווייפלט. דאָס איז פאַר איר געווען אַ סימן, אַז ער איז „שווער קראַנק”. איך מיטן ברודער פלעגן דעמאָלט אַרומגיין אויף די שפּיץ נעגל. מיר זענען מיטגעריסן געוואָרן מיט דער מאַמעס פאַרזאָרגטקייט. די ידיעה וועגן דעם איז דערגאַנגען צום רב פון שטאָט, הרב נפתלי ראַטשטיין זצ״ל, און אויך צו די חשובע בעלי־בתּים, וואָס פלעגן זיין אַריינגייערס צום רב. דער טאַטע איז, ווי כ׳האָב שוין דערציילט, געווען דער שמש פון שטאָט, און ממילא פלעגט ער יעדן טאָג זען דעם רב און געווען אַ שטיקל חשוב.

אין איינעם אַ טאָג בעת דעם טאַטנס שווערער קרענק האָט זיך אויף דער שוועל פון אונדזער שטוב באַוויזן אַ דעלעגאַציע פון די חשובסטע בעלי־בתּים פון שטאָט מיטן רב בראָש אויף מקיים צו זיין די מיצווה פון ביקור־חולים. דורך די פאַרפרוירענע שויבן האָט מען מיט דער וואַרעמער פאַרע פון מויל אויסגעהויכט אַ לעכל אין דעם אייז אויף צו קענען זען, צו וועמען אַזאַ וויכטיקע דעלעגאַציע איז אין מיטן דער וואָך אַראָפּגעקומען אויף דער פאַראָרעמטער „גראַבליע”. אַפילו אַ שבתדיקן זומערטאָג וואָלט דאָס געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע זאַך. אמת, די אָרעמע „גראַבליער” יידן האָבן גע־האַלטן אַ גאַנץ שיין בית־המדרש. איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין יאָר, אַ שבת אָדער אַ יום־טוב, האָבן דער רב און אויך אַ פּאָר פון די אָנגעזעענע בעלי־בתּים מזכּה געווען דאָס דאָזיקע בית־המדרש מיט אַ וויזיט. אַ פּאָר וואָכן פאַר דעם האָט זיך דער אָרעמער קהל געגרייט צום קבלת־פּנים, און אַ פּאָר וואָכן דערנאָך האָט מען וועגן דעם גערעדט און זיך באַרימט, ווער ס׳האָט געהאַט די זכיה צו שטיין סאַמע נאָענט צום רב און צו זיינע באַגלייטערס. און דאָ פּלוצעם, אין מיטן דער וואָך אין אַ קאַלטן ווינטערטאָג... זענען טאַקע אַלע געווען טשיקאַווע צו וויסן, צו וועמען גייט דאָס אַזאַ חשובע דעלעגאַציע. מען האָט געוווּסט וועגן דעם טאַטנס קראַנקייט, אָבער קיינער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז אַזעלכע בעלי־בתּים מיטן רב בראָש זאָלן קומען מבקר־

חולה זיין אַן אָרעמען שמש. די שטוב איז געווען אויפגערוימט, מחמת די מאַמע האָט ביי די שווערסטע באַדינגונגען געזאָרגט, אַז די אָרעמקייט זאָל זיין אַ זויבערע און אַ בכבודיקע. מיטן רב זענען מיטגעקומען נאָך פיר אָדער פינף חשובע ייִדן. איינעם געדענק איך אַפילו מיטן נאָמען — ר׳ שׂמחה בערגערמאַן, זייער אַ שיינער ייִד, אַן אָפּגעפּוצטער, מיט אַ ברייטער באָרד, פיין צוגעקעמט. איך בין פון אים שטאַרק באַאיינדרוקט געוואָרן. דאָס איז מסתּמא די סיבה וואָס זיין נאָמען געדענק איך. די דעלעגאַציע האָט באַגלייט ר׳ אַהרן־וואָלף, דער שמש פון ״גראַבליער״ בית־המדרש.

בלויז פונעם כּבוד אַליין, וואָס אַזאַ באַזוך האָט מיט זיך געבראַכט, האָט אַ קראַנקער אָרעמער ייִד געקענט געזונט ווערן. דער טאַטע אָבער האָט, אַפילו אויס כּבוד צו דער דעלעגאַציע, נישט געקענט אַראָפּ פון בעט. און דאָס איז געווען אַ סימן פון זיין ערנסטער קראַנקייט. דער רב און די געקומענע ייִדן האָבן אויסגעפרעגט דעם טאַטן, וואָס ער מאַכט, וואָס ער עסט און אַ״וו. דער טאַטע און די מאַמע האָבן זיך נישט באַקלאָגט, אַז אין שטוב איז נישט פאַראַן מיט וואָס צו שטעלן דעם טאַטן אויף די פיס. עס זעט אָבער אויס, אַז דאָס האָבן די געקומענע אַליין פאַרשטאַנען, און טאַקע מיטגעבראַכט מיט זיך פון אַלעם גוטן: בוימל און רייז, פאַרשידענע מילך־קאָנסערוון און אַנדערע גוטע זאַכן, וואָס אַזעלכע האָבן מיר געזען צום ערשטן מאָל.

פון וואַנען האָבן געשטאַמט די פּראָדוקטן? נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אַמעריקאַנער ייִדן געגעבן אַ גרויסע מאַטעריעלע הילף צו אַלע ייִדישע קהילות אין פּוילן, סיי מיט פּראָדוקטן פון זייער אַ הויכער קוואַליטעט, און סיי געטראָגענע מלבושים, וואָס צווישן זיי זענען געווען נייע און גוטע.

איך בין נאָך געווען צו קליין צו פאַרשטיין, פאַר וואָס מען האָט נישט געטיילט די רויע פּראָדוקטן צו דער אויסגעהונגערטער ייִדישער באַפעלקערונג, נאָר מען האָט געשאָפן אַ קיך מיט אַ פאַרוואַלטונג, מיט אויפזעערס און מיט קעכינס, און יעדערער איז געקומען און האָט באַקומען אויף צו טראָגן אַהיים אָפּגעקאָכט עסן לויט דער צאָל משפּחה־מיטגלידער. איך מיטן ברודער זענען אויך יעדן טאָג געגאַנגען ברענגען דאָס עסן. אָבער נאָר זומער. ווינטער פלעגט גיין די מאַמע. דער טאַטע איז פאַר קיין פאַל נישט געגאַנגען, ס׳האָט אים נישט געפּאַסט.

ווען איך בין עלטער געוואָרן, בין איך שטענדיק אין האַרצן דאַנקבאַר

געווען די אַמעריקאַנער ייִדן, ווי אויך דעם קראַסניסטאַווער רב און די חשובע בעלי־בתּים, וואָס האָבן געהאָלפן דעם טאַטן געזונט ווערן און מיך נישט געלאָזט קליינערהייט ווערן אַ יתום. מען מוז פאַרשטיין די מענטאַליטעט פון די מענטשן אין יענער צייט, דאַן וועט ווערן קלאָר, פאַר וואָס איך האָב אויס־פירלעך זיך אָפּגעשטעלט אויף יענעם באַזוך ביים קראַנקן טאַטן.

דער טאַטע האָט געזאָרגט וועגן מיין טאָג־טעגלעכן גיין אין חדר. די מאַמע האָט געזאָרגט אויך וועגן מיין גיין אין דער „גויִישער״ שול, ווייל מען דאַרף זיין אַ ייִד און קענען שרייבן סיי ייִדיש, סיי פּויליש. אָבער לויט דעם טאַטן, איז דאָס נישט געווען אָפּהענגיק פון גיין אין דער גויִישער „שקאָלע״. אָט איז ער אַליין נישט געגאַנגען אין קיין „שקאָלעס״ און קען גוט און שיין שרייבן ייִדיש, פּויליש, העברעיִש און אויך רוסיש. די מאַמע האָט געוווּסט, אַז דער טאַטע וועט נישט האָבן קיין געדולד אויף צו לערנען מיך שרייבן. אין בעסטן פאַל פלעגט מיך דער טאַטע פאַרהערן, צי איך פאַרשטיי די פּרשה פון דער וואָך, וואָס איך האָב געלערנט אין חדר מיטן רבין און דערנאָך אויך, ווי עס גייט מיר מיט רש״י. ווען איך בין שוין גרעסער געוואָרן, האָב איך פּריוואַט זיך אויסגעלערנט אַ ביסל שרייבן ייִדיש. פאַר די לעקציעס האָט מען געדאַרפט באַצאָלן און דאָס איז קיין מאָל נישט אָנגעקומען לייכט. אָבער די מאַמע האָט געזאָרגט, מיר זאָלן נישט וואַקסן קיין אַנאַלפאַבעטן, וואָס אין יענע צייטן איז דאָס ביי אָרעמע קינדער געווען אַן אָפּטע דערשיינונג. האָט מען ביי אונדז אָוועקגענומען פון מויל, אונטערגעהונגערט אָבער מען האָט מיך און מיין ברודער געלערנט שרייבן.

דער טאַטע פלעגט ברענגען „בריוון־שטעלער״, ביכלעך פון וועלכע מען האָט געלערנט צוזאַמענשטעלן אַ בריוו צו אַ פעטער, אַ מומען און אויך צו אַ כלה און צו אַ חתן. ווען איך בין גרעסער געוואָרן, האָבן מיר די דאָזיקע בריוו אויסגעזען ווי צוזאַמענגעשטעלט פון מענטשן, וואָס זענען אַליין נישט געווען באַהאַוונט אין דער ייִדישער שפּראַך, און זיי זענען פול געווען מיט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, אַלץ שטאַרק פאַרדייטשטמעריִשט. דאָס איז געווען דעמאָלט אין מאָדע.

שטאַרק האָט דער טאַטע אַכט געלייגט, מיר זאָלן שרייבן שיין. ער פלעגט אַ סך צייט פאַרלירן אויף צו ווייזן מיר און דעם ברודער, ווי אָנצושרייבן אַ שיינעם אות. דעמאָלט האָט מען אויף דעם אַ סך צייט אָפּגעגעבן אויך אין די

שולן און גימנאַזיעס. גערופן האָט מען עס „קאַליגראַפיע", און מען האָט פאַר שיין שרייבן געגעבן אויסצייכענונגען. אין די בתי־מדרשים פלעגט מען אויפ־הענגען פאַרשידענע מעלדונגען פון רב צי פון די ראָשי־הקהילה, וואָס פלעגן זיין באַזונדערש שיין געשריבן. נאָך דעם ווי זיי זענען מער נישט געווען אַקטועל, פלעגט דער טאַטע זיי ברענגען אַהיים און פאַרלאַנגט, מיר זאָלן אַלץ איבערשרייבן, געגוי לויט דער האַנטשריפט, ווי אין די מעלדונגען.

אויך האָט דער טאַטע אויפגעפאַסט, מיר זאָלן זיך פאַרנעמען מיט „קאָפּ־און מוח־אַרבעט". ער האָט אונדז געלערנט שפילן „דאַמקע", מיר האָבן זיך אָנגעמאָלן אַ שאַך־ברעטל. פיגורן פאַר דער שפיל פלעגט דער טאַטע מאַכן אַזוי: גענומען אַ פּאָר צווייגלעך פונעם בעזעם און צעשניטן פאַר יעדן איינעם 12 שטיקלעך. די „שוואַרצע" זענען געבליבן ווי זיי זענען, אָבער די 12 „ווייסע" האָבן זיך באַקומען, אָראָפּשיילנדיק די הויט פון די שטיקלעך צווייגן. דער טאַטע פלעגט נאָכפאָלגן אונדזער שפּיל. טאָמער האָט ער באַמערקט אַ נישט באַרעכנטן גאַנג, פלעגט ער רעאַגירן און זאָגן, אַז מען מוז צולייגן קאָפּ. ווען עמעצער פון אונדז האָט געמאַכט אַ קלוגן גאַנג, פלעגט ער יענעם לויבן. ער האָט אין דעם געזען אַ דערציִערישן מאָמענט, להבדיל ווי ביים פאַרהערן אונדז חומש מיט רש"י, וואָס מיר האָבן געלערנט מיטן רבין...

איך מוז דערציילן אַן עפּיזאָד פון מיין גיין אין דער פּוילישער פאָלקשול. אין איינעם אַ רעגנדיקן טאָג האָט מען אַוועקגעגעבן מיינע שוך צו פאַרריכטן און כ'בין דערפאַר אין שול ניט געגאַנגען. געוווינט האָבן מיר אַ הונדערט מעטער פון דער „שקאָלע". מיט אַ מאָל האָט זיך אין דער טיר באַוויזן מיין חבר, שמואל בורשטיין, אַ גוטער תּלמיד (היינט אין ירושלים מיט זיין פרוי דאָבקע). געקומען איז ער אַ שעה נאָכן אָנהייבן לערנען און געמאָלדן, אַז דער לערער וואָס איז אויך געווען דער פאַרוואַלטער פון דער שול, קריניצקי, אַן עלטערער מענטש, זייער אַן אָפּגעפּוצטער און סאָלידער, האָט אים געשיקט זאָגן, איך זאָל אומבאַדינגט גלייך קומען אין שול, טאַקע צוזאַמען מיט אים. מיר האָבן נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס עס האָט פּאַסירט. דאָס איז נישט געווען קיין געוויינטלעכע זאַך, אַז דער פאַרוואַלטער זאָל שיקן נאָך אַ תּלמיד, דערצו נאָך אַ יידישן תּלמיד. די מאַמע האָט אויסגעטאָן אירע שיך און זיי מיר געגעבן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פאַרוואַלטער האָט באַקומען אַ מעלדונג, אַז עס קומט אויף אַ קאָנטראָל דער אינספּעקטאָר. אַזוי ווי איך

בין געווען אַ גוטער תּלמיד, האָט ער געוואָלט זיך מיט מיר באַווייזן פאַרן אינספּעקטאָר... דער זעלבער פאַן קריניצקי האָט זיך שפּעטער אויפגערעגט, ווען איך האָב אים געמאָלדן, אַז איך הער אויף צו גיין אין „שקאָלע", ווייל איך מוז לערנען אַ מלאָכה. ער האָט געזאָגט, אַז איך דאַרף ווייטער לערנען אין שול, ווייל לויטן געזעץ האָט מען געדאַרפט ענדיקן ווינציקסטנס 7 קלאַסן פאָלקשול.

ס'האָבן אויך פּאַסירט נישט קיין אַנגענעמע זאַכן. קריסטלעכע תּלמידים, „שקצים", וואָס זענען געזעסן הינטער מיר, האָבן איין מאָל דערזען קריכן אויף מיר אַ לויז, צוגערופן באַלד די לערערין און איר מיט געלעכטער און שפּאָט באַוויזן, אַז דער „זשיד" איז פאַרלייזיקט. דאָס איז אין יענע יאָרן, און דערצו אין דער אָרעמער געגנט, ווו מיר האָבן געוווינט, נישט געווען פון די זעלטענע דערשיינונגען ביי אַלע קינדער. די לערערין האָט מיך געשיקט אַהיים, די מאַמע זאָל מיך גוט אויסקעמען און איך זאָל באַלד קומען צוריק. די מאַמע האָט זיך שטאַרק איבערגענומען פון דעם פאַקט, ווייל זי האָט ביי אַלע באַדינגונגען געהאַלטן אונדז ריין. ס'האָט איר ווי געטאָן, וואָס די קריסטלעכע תּלמידים האָבן מיך גערופן „פאַרלייזיקטער". זעט אויס, אַז דאָס איז אויך געווען אַ נקמה פון זייער זייט פאַר מיין זיין איינער פון די בעסטע שילערס אין קלאַס.

איך גיי לערנען אַ מלאָכה

נאָך איידער איך בין געוואָרן בר־מיצווה האָט מען אָנגעהויבן רעדן אין שטוב וועגן אַ תּכלית פאַר מיר. פאַרשטענדלעך, אַז עס איז נישט געווען אַ סך צו קלייבן. מען האָט נישט געטראַכט צו לאָזן מיך ווייטער לערנען; כאָטש אויף וויפל איך געדענק, האָב איך דאָס שטאַרק געוואָלט, ווייל דאָס לערנען איז מיר אָנגעקומען לייכט. דער איינציקער תּכלית וואָס מען האָט געפונען פאַר מיר, איז געווען דער זעלבער, וועלכן מען האָט געפונען פאַר מיין ברודער, וואָס איז געווען פעיִקער פון מיר, און אויך פאַר אַנדערע קינדער פון מיין עלטער, קינדער פון אָרעמע היימען. די פאָלקשול האָט טאַקע נישט געקאָסט, אָבער ביכער, העפטן, טינט־און־פעדער און אַנדערע לער־מכשירים האָט מען געמוזט אַליין קויפן. די ביכלעך, וואָס מען האָט געדאַרפט האָבן,

האָט מען געקויפט פון שילערס, וואָס זענען אַריבער אין העכערע קלאַסן. ווער ס׳האָט געקויפט אַ ניי ביכל, איז געווען אַ גאַנצער יחסן.

וועגן דעם, אַז איך מוז לערנען אַ פאַך, איז נישט געווען קיין גרויסער וויכּוח. כאָטש דעם טאַטן האָט עס, ווי פריִער ביים ברודער, נישט שטאַרק געשמעקט. צו אַלע צרות ווערט מען צוגעוווינט, און דער ברודער איז דאָך שוין צוויי יאָר געווען אַ „שניידער". דער טאַטע האָט געוואָלט מיך לערנען אַן „איידל" פאַך, נישט קיין שוסטער און נישט קיין שניידער. מיין מאַמע האָט געטענהט, אַז אַ מלאָכה מאַכט נישט מיאוס דעם מענטש, און אַפילו אַ שוסטער צי אַ שניידער קען בלייבן אַ פיינער מענטש, אַז ער האַלט זיך אָנשטענדיק און איז אָרנטלעך. זי האָט אָנגעוויזן אויף שוסטערס און שניי־דערס, וואָס זענען געווען חשובע בעל־בתּים. וועגן שוסטערס האָט זי געהאַט צוויי בעסטע באַווייזן: דער מאַמעס טאַטע, טוביה שוסטער, איז געווען, ווי איך האָב שוין פריִער דערמאָנט, אַ פרומער און פיינער מענטש. און דער צווייטער, נאָך אַ בעסערער באַוויז, — ר׳ יוחנן הסנדלר. וועגן ר׳ יוחנן האָט מיין טאַטע געוווּסט מער פון דער מאַמען. אָבער זיין טענה איז געווען, אַז פון די צייטן פון ר׳ יוחנן הסנדלר האָבן זיך צו שוסטעריי גענומען נישט אַזעלכע גרויסע תּנאָים, און ס׳איז געוואָרן אַ פאַך פון פּאַרגרעבטע ייִדן. שוסטעריי איז נישט געקומען פאַר מיר אין באַטראַכט אויך דערפאַר, ווייל איך האָב נישט געוואָלט. אויף וויפל מיין דעה האָט דעמאָלט געקענט ווירקן, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויף שניידעריי, כאָטש דער טאַטע האָט געוואָלט איך זאָל, אויב נישט זיך לערנען ווייטער, זיין אַ היטל־מאַכער אָדער אַ זייגער־מאַכער. נאָר אויב שוין יאָ שניידעריי, זאָל איך לערנען ביי אַ גוטן מייסטער.

אַ גוטער שניידער איז געווען ביי אונדז אין שטאָט שמואל־לייזער לעפּ־קאָוויטש. מיין טאַטע האָט מיך אָפּגעגעבן צו אים, אויף דריי יאָר. שמואל־לייזער און זיינער אַ ברודער אלי־בער, וואָס אויך זייער פאָטער איז געווען אַ שניידער, האָבן געפירט אַ גרויסן שניידער־וואַרשטאַט. ביי זיי האָט מען געקענט באַשטעלן אַן אַנצוג, אַ ווינטער־ אָדער זומער־מאַנטל, ווי אויך אַ פוטער, מיט זייער אייגענעם מאַטעריאַל. דעם קונה האָט מען געוויזן שטאָף און צודאַטן פון די בעסטע. אַזוי אויך אַ פוטער פון די בעסטע. דער קונה האָט געגעבן האַנטגעלט און נאָר געדאַרפט קומען עטלעכע מאָל מעסטן. דערנאָך האָט מען דעם קונה אָפּגעשיקט מיט אַ לערן־ייִנגל דעם מלבוש אַהיים.

צו אַ גאָר וויכטיקן קונה, אַ מלוכה־אָנגעשטעלטן אָדער דעם בירגער־מייסטער פון שטאָט, איז דער מייסטער, שמואל־לייזער, אַליין מיטגעגאַנגען און ביים באַשטעלער אין דער היים אָנגעמאָסטן דעם מלבוש. געפּירט האָט זיך, אַז דאָס לערן־ייִנגל האָט געדאַרפט וואַרטן ביי דער טיר, ביז מען איז געוואָרן פאַרטיק און, אַז מען האָט געפונען אַ פעלער, האָט מען דעם טייל מיטן פעלער גענומען צוריק אויף צו פאַרריכטן.

באַשטעלערס האָבן זיך געפירט, אַז מען האָט דעם ייִנגל וואָס האָט אָפּגעברענגט דעם מלבוש, געגעבן אַ פּאָר גראָשן. געהייסן האָט עס „ביר־געלט". די ייִנגלעך וואָס פלעגן אָפּטראָגן די מלבושים, האָבן נאָך נישט געטרונקען קיין ביר. נאָר אפשר איז דאָס געווען אַן אָנדייט אַז ס'איז געקומען די צייט אָנצוהייבן טרינקען אַ קופּל ביר? האָב איך נישט געקענט גיין קעגן אַנדערע לערן־ייִנגלעך וואָס האָבן זיך טאַקע געקויפט ביר. אַנדערע האָבן זיך געקויפט נאַשערייען, וואָס אין די אָרעמע שטובן איז דאָס געווען אַ זעלטנהייט. אַנדערע האָבן געמוזט אָפּגעבן די אָנגעזאַמלטע טעלעכע גראָשן צו די עלטערן אויף צו לינדערן די נויט אין שטוב. מיינע טאַטע־מאַמע האָבן ביי אונדז נישט אַוועקגענומען דאָס געלט, אָבער האָבן אונדז צוגעוווינט צו קלייבן גראָשן צו גראָשן ביז יום־טוב, פּסח אָדער ראָש־השנה, און קויפן פאַר זיך עפּעס אָנצוטאָן — אַ פּאָר נייע שיך, אָדער אַ ניי אָנצוגל, און אַז דאָס אָנגעקליבענע געלט האָט נישט געסטייעט און די עלטערן האָבן נישט געקענט צולייגן, האָט מען געקויפט אַ ניי היטל, אַבי מיט עפּעס זיך באַנייען לכבוד יום־טוב.

אין דעם שניידער־וואַרשטאַט האָבן געאַרבעט ביי אַ צען שניידער־געזעלן מיט אַ 2–3 לערן־ייִנגלעך. ווען מען האָט מיך, באַלד נאָך פּסח, אַריינ־געגעבן לערנען די מלאכה, האָב איך פלייסיק געאַרבעט ביז עס זענען געקו־מען די זייער וואַרעמע זומערטעג, און ס'האָט מיך גענומען ציִען צו די ייִנגלעך און שקצים, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין טייך... איך האָב דעריבער מיט פאַר־שידענע תירוצים, נישט געוואָלט מער גיין צו דער אַרבעט. כ'האָב געזאָגט, אַז איך וויל נישט לערנען שניידעריי נאָר אַן אַנדער פאַך.

ווידער בין איך געלאָפן מיט מיינע חברים צום טייך זיך באָדן און שווימען. אויך איז געווען גוט צו ליגן אונטער דיביימער פון סאָד, וואָס מיינע עלטערן פלעגן דינגען, און פון פאַרקויפן די פּרוכטן פלעגן זיי צור־

שטוקעווען צו דער חיונה. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אָפּהענגיק פון דעם, צי ס׳איז אַ גוטער זומער מיט רעגנס, אָבער נישט מיט קיין שטורעמס, וואָס פלעגן אַראָפּיאָגן די פרוכטן פון די ביימער פאַר דער צייט, און מען האָט אָנגעוווירן דאָס געלט, וואָס מען האָט געהאַט באַצאָלט דעם בעל־הבית פון סאָד. איז ער געווען אַ ליטישער גוי, פלעגט ער אין אַזאַ פאַל טראָגן אַ טייל פונעם היזיק. די פאַר חדשים וואָס די פרוכטן זענען געוואַקסן, איז אונדזער משפחה אַריבער וווינען אין סאָד. אין די גרעסערע סעדער פלעגן די בעלי־בתּים האָבן אַ סטאַבילע שטוב, אין וועלכער מען האָט געקענט וווינען, ביז מען האָט אַראָפּגענומען די פרוכטן. די בעלי־בתּים פון קלענערע סעדער האָבן זיך נישט געקימערט, ווי אַזוי דער ייִד וועט איבערקומען דעם זומער. די ייִדן פלעגן זיך אַליין אויפשטעלן אַ „בודע״ פון ברעטלעך אויף אָוועק־צולייגן דעם קאָפּ אָדער זיך צו באַשיצן פון רעגן. ביי נאַכט פלעגט מען מוזן היטן, מען זאָל נישט גנבענען די פרוכטן.

דאָס לעבן איז זומער נישט לייכט געווען. אָבער דאָס — נאָר פאַר דעם טאַטן מיט דער מאַמען. די קינדער האָבן געמאַכט דאָס „אמתע לעבן״ אין סאָד. ס׳האָט אונדז זייער געפרייט צו זיין אַ גאַנצן מעת־לעת אויף דער פרישער לופט און פריי אַרומלויפן, ליגן אונטער די ביימער און כאַפּן אַ פרוכט, וואָס איז נאָר וואָס אַראָפּגעפאַלן. אָפּרייסן אַ פרישע פרוכט האָט מען נאָר געמעגט, ווען עמעצער איז געקומען קויפן פאַר געלט. מיר האָבן געמעגט עסן אַ פרי, וואָס איז געווען אַ ביסל אָנגעפוילט, שטאַרק צעקלאַפּט, אָדער מען האָט באַמערקט, אַז אין דער פרוכט זיצט אַ וואָרעם. אָבער אַז מען איז געלעגן אונטערן בוים און געקוקט אין הימל אַריין, און עס איז פונקט דאַן אַראָפּגעפאַלן אַן עפּל, אַ באַרנע צי אַ פלוים, אַפילו גוטע צום פאַרקויפן, און אַז קיינער האָט נישט געזען, איז מען באַגאַנגען אַן „עבירה״ — מען האָט אויפגעגעסן. אַזאַ פרוכט איז געווען געשמאַקער טאַקע צוליב דער „עבירה״.

פאַר מיר איז די זומערצייט געווען שיין, אָבער ניט פאַר מיין תּכלית, וואָס די עלטערן האָבן אַזוי שטאַרק געזאָרגט פאַר אים. מיט גוטן און מיט בייזן האָבן זיי מיך געצוווּנגען ווידער גיין צו שניידעריי צום זעלבן שמואל־לייזער לעפקאָוויטש, וואָס האָט מיך צוגעכאַפּט מיט ביידע הענט. איך קען זאָגן, אַז דאָרטן האָט מען מיך ניט אויסגענוצט צו קיין שטובאַרבעט, סיידן

איך האָב געהאַט צייט און אַליין געוואָלט זיך שפּילן מיט די צוויי שיינע ייִנגעלעך, וואָס שמואל־לייזער מיט זיין פרוי, רויזל, אַ שיינע און דיקע פרוי, האָבן געהאַט. איינער האָט געהייסן חיימעק, דער צווייטער — פּייזול. (דער איז דער איינציקער פון דער גאַנצער משפחה, וואָס איז געבליבן לעבן אין פּוילן נאָכן קריג. אַוועקגעפאָרן איז ער דערנאָך קיין בראַזיל מיט זיין פרוי, וועלכע האָט אים געראַטעוועט פון די דייטשן. אַנהייב 1970 האָבן זיי זיך באַזעצט אין ישׂראל.)

אין דער צייט פון מיין אַרבעט ביי די לעפקאָוויטשעס זענען ביי זיי געבוירן געוואָרן נאָך צוויי ייִנגלעך. די קינדער האָב איך זייער ליב געהאַט און אויך זיי מיך. די בעל־בתּים זענען געווען גוט צו מיר. כ׳האָב געלערנט דעם פאַך פּלייסיק און געברענגט נוצן. די שניידערס וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט און זענען שוין געווען אמתע שניידער־געזעלן, האָבן זיך ניט שלעכט באַצויגן צו מיר. געווען זענען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט באַווייזן זייער מאַכט און וויכטיקייט אויפן חשבון פון דעם שוואַכערן. זיי פלעגן אָפּשפּעטן, חוזקן און אַרומשיקן אַן אַ שום ציל די לערן־ייִנגלעך צו פאַרשידענע שליחותן, וואָס זיי האָבן צוגעטראַכט. דאָס זענען געווען אַזוי גערופענע „פאַרוויילונגען״. אין יענער צייט זענען עס געווען אָנגענומענע באַציִונגען צווישן דעם דערוואַקסענעם, אַליין אַ פאַרשקלאַפּטן, און דעם קליינעם, שוואַכן לערן־ייִנגל. כ׳קען מיך נישט באַקלאָגן, אַז איך זאָל האָבן דערפון שטאַרק געליטן. די בעלי־בתּים האָבן נישט געלאָזט טרייבן ליצנות מיט די לערן־ייִנגלעך, כאָטש דאָס האָט זיי אויך אַ ביסל פריילעך געמאַכט. זיי זענען געווען פאַרגעשריטענע מענטשן, באַזונדערש דער ייִנגערער אליי־בער, וואָס איז געווען, אָנהייב די צוואַנציקער יאָרן, אַ לינקער פּועלי־ציוניסט.

די צייט איז געפלאָסן, און איך האָב שוין געקענט מאַכן אַ פּאָר הויזן. דאָס איז געווען נאָרמאַל נאָך אַ יאָר לערנען. פריִער האָט מען געמאַכט קלענערע אַרבעטן, ווי איינביגן קנעפּלעך, אויסשלייפן לעכלעך. מען האָט דערציילט, אַז אין אַמעריקע זענען שוין פאַראַן דערצו מאַשינען...

אין יענער צייט איז אַרויס אין פּוילן אַ געזעץ, אַז קינדער וואָס האָבן ניט געענדיקט קיין פולע 7 קלאַסן פאָלקשול און זענען אַוועק אַרבעטן, מוזן דערגאַנצן זייער בילדונג אויף אָוונט־קורסן. דאָס איז נישט געווען אַזוי פשוט, ווייל אין די וואַרשטאַטן האָט מען געאַרבעט ביז שפּעט, און די מייסטערס

וואָס האָבן אַליין נישט געקענט גוט שרייבן, האָבן נישט געוואָלט, אַז זייערע אַרבעטער און לערן־ייִנגלעך זאָלן גיין אין די אָוונט־שולן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז מען קען ווערן אַ גוטער בעל־מלאָכה אויך ווען מען קען נישט אַזוי גוט שרייבן פּויליש, אַ סימן — זיי אַליין.

איך האָב יאָ געוואָלט גיין אויף די קורסן און זיך געוואַנדן וועגן דעם צו דער שול־פֿאַרוואַלטונג. אַזוי ווי דער שניידער־וואַרשטאַט איז געווען באַקאַנט אין שטאָט, האָט מען געצוווּנגען דעם מייסטער, ער זאָל מיך לאָזן פֿריי צו גיין לערנען. כ׳געדענק נישט ווי לאַנג איך האָב דאָרטן געלערנט, כ׳האָב אָבער אַ סך געגנאַסן פֿון דעם. ווער עס האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַזוכן די קורסן אַ פּאָר יאָר, האָט געקענט צוקומען אַפֿילו צו מיטל־בילדונג, ווי ס׳איז געווען דער פֿאַל מיט מײַנעם אַ חבר, לייבטשע שטונ־צייגער, (היינט, אַריה שנון, וווינט אין ישׂראל, אין פּתח־תּקווה). וואָס מער איך האָב זיך פֿאַרפּולקומט אין פֿאַך, אַלץ מער איז די בעלי־בתּים מײַנע געווען אַ שאָד מיך צו לאָזן אַוועקגיין אויף די קורסן. ווען ס׳איז געווען אַ סך אַרבעט, האָט מען מיך „געבעטן" זײַן אַזוי גוט און איבערבלייבן. אַזוי אַרום האָב איך געמוזט איבעררייסן דאָס לערנען.

מיט מײַן שניידעריי בין איך געגאַנגען פֿאָרויס. איך האָב פֿאַרדינט און אָנגעהויבן זיך בעסער קליידן — פֿון דעם „בירגעלט", וואָס איך פֿלעג צוזאַמענקלייבן און אויך פֿון דעם, וואָס די עלטערן האָבן מיטגעהאָלפֿן. כ׳האָב גענומען אויסזען ווי אַ דערוואַקסענער „קאַוואַליער". מען האָט שוין געכאַפּט אַ זייטיקן בליק, אַ ביסל אַ פֿאַרשעמטן, אויף די מיידלעך, וואָס פֿריִער האָט מען זיך מיט זיי געשפּילט. אויף די מיידלעך האָבן געזוכט אונדזערע אויגן און צוגעוואָרפֿן צו אונדז בליקן פֿון זיך.

ווען איך האָב געענדיקט די צייט פֿון זײַן אַ לערן־ייִנגל און געדאַרפֿט ווערן אַ שניידער־געזעל, האָבן מיך די בעלי־בתּים אַרײַנגערופֿן אין צימער ווו עס זענען געלעגן די שטאָפֿן און שמואל־לייזער פֿלעגט צושניידן די מלבושים. מען האָט מיר אַראָפּגענומען אַ מאָס, נישט זאָגנדיק צו וואָס דאָס איז. איך האָב זיך נישט דערוועגט צו פֿרעגן, אָבער עס האָט זיך באַלד אַרויס־געוויזן, אַז זיי האָבן באַשלאָסן מיר צו געבן אַ געוויסן לוין פֿאַר מײַנע דריי יאָר אַרבעט. אויף פּסח האָבן זיי מיר אויפֿגענייט אַן אָנצוג — אַ מאַרינאַרקע פֿון גוטן שטאָף און אַ פּאָר קורצע הויזן, ביז די קני. איך בין דעמאָלט אַלט

געווען אַרום 16 יאָר און זיי האָבן געזאָגט, אַז לאַנגע הויזן וואָלטן מיך געמאַכט עלטער, און האָבן נישט געהאַט די כּוונה צו שפּאָרן אַ האַלבן מעטער שטאָף. דער בעסטער באַווייז, אַז פּונקט פאַר פּסח, ווען מען האָט געאַרבעט האַלבע נעכט אויף אויסצוענדיקן די באַשטעלונגען אויף יום־טוב, האָט מען געהאַט אין זינען צו מאַכן דעם אַנצוג אויך פאַר מיר, גלייך ווי נאָך פּסח וואָלט איך דאָס נישט צוגענומען. מיינע עלטערן האָבן אָנגעקוואָלן פון מיר און פון מיין אויסזען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויך די מיידלעך האָבן מיר אָנגעהויבן צווואָרפן וואַרעמערע בליקן. זיכער איז, אַז מיינע חברים, אויך פון צווישן די לערן־ייִנגלעך ביי שניידערס, האָבן מיר שטאַרק מקנא געווען.

איך בין געבליבן אַרבעטן ביי די זעלבע בעלי־בתּים און שוין באַקומען געצאָלט יעדע וואָך, לויטן אָפּמאַך וואָס דער טאַטע האָט געשלאָסן מיט שמואל־לייזערן. נישט קיין געשריבענעם אָפּמאַך, נאָרביידע האָבן אָפּגערעדט, וויפל געלט איך וועל באַקומען. דעמאָלט האָט מען געצאָלט אָדער מען האָט געדאַרפט צאָלן, יעדע וואָך. איך זאָג — „געדאַרפט צאָלן", ווייל קיין מאָל האָבן די אַרבעטער נישט באַקומען זייער לוין צו דער צייט.

מיר באַקן מצה

איך וויל זיך אומקערן צו אַן עפּיזאָד פון די פריִערדיקע יאָרן.

יעדן פאַר־פּסח פלעגט דער טאַטע מיט דער מאַמען און נאָך אַ פּאָר ייִדן אָפּדינגען בשותּפות אַ גרויסע שטוב אָדער אַ בעקעריי אויף צו באַקן מצות. דאָס איז געווען נאָך אַ מלאָכה, מיט וועלכער דער טאַטע האָט זיך פאַרנומען אויף מפרנס צו זיין דאָס הויזגעזינד. ס'איז פאַראַן אַ ייִדיש שפּריכוואָרט: „אַ סך מלאָכות און ווייניק ברכות".

גראָד פאַר וואָס האָט מען דאָס אין דער אומגאַנגשפּראַך זעלטן גערופן „מצה־בעקעריי", וויס איך ניט. אין אַנדערע געגנטן פון פּוילן האָט עס געהייסן אַ „לאָט". ביי אַ טייל — „אַ פאַרלוג" און ביי אַנדערע — „אַ שיר־וואַלניע". עס זענען דאַכט זיך געווען אויך אַנדערע נעמען אויף צו באַצייכענען דאָס באַקן מצות. ביי אונדז האָט עס שטענדיק געהייסן „אַ לאָט".

צוויי וואָכן פאַר פּסח, גענוי ראָש־חודש ניסן, האָט מען פאַרשלאָסן די שטוב און אָוועק זיך פאַרנעמען מיט איינער פון די שווערסטע אַרבעטן, וואָס

איך האָב באַגעגנט אין מיין דעמאָלטיקן לעבן. מאַשינען צו מאַכן מצות זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען אין אונדזער געגנט, און מען האָט זיי געמאַכט מיט דער האַנט. איך און דער ברודער האָבן אויך געדאַרפט מיטאַרבעטן, בכדי צו פאַרדינען אַ פּאָר זלאָטעס אויף פסח — צו קויפן אַ ניי מלבוש אָדער שיך. און אַז ס׳וועט זיין זייער שלעכט, געבן צו שטייער עטלעכע זלאָ־טעס אויף צו פּראַווען דעם יום־טוב פּסח, ווי ביי אַלע ייִדן.

דאָס באַקן די מצות איז געווען פאַרבונדן מיט שטרענגע רעליגיעזע דינים און מינהגים. אַזוי ווי מיין טאַטע און אויך די אַנדערע שותּפים זענען געווען שטרענג־רעליגיעזע ייִדן, האָט מען גאָר פּינקטלעך אָפּגעהיט אַלע רעליגיעזע תּקנות. מיין אויפגאַבע איז געווען יעדע פּאָר מינוט אָפּוואַשן דעם מעשענעם אָדער קופּערנעם בעקן, וואָס אין אים האָט מען געקנאָטן דאָס טייג. דערנאָך האָט מען דאָס טייג צעשניטן אויף קליינע שטיקלעך און פון יעדן שטיקל אויסגעוואַלגערט אַ מצה. דאָס אַלץ האָט געמוזט געמאַכט ווערן אַזוי, אַז פון דער מינוט, ווען פון דעם מעל איז געוואָרן טייג, ביז די מצה איז אַריין אין אויוון, זאָל נעמען וואָס ווייניקער צייט, דאָס טייג זאָל חלילה נישט נעמען זייערן. דעריבער האָט מען געמוזט אָפּט וואַשן דעם בעקן, בכדי עס זאָל נישט צוקלעפּן זיך דאָס קלענסטע ברעקעלע טייג, ווייל דאָס האָט געקענט פּסול מאַכן די מצות. פאַרשטענדלעך, אַז מען האָט זיך נישט פאַרלאָזן אויף מיין אַחריות. אײדער מען האָט דעם בעקן גענומען ניצן נאָך אַ מאָל, איז ער דורכגעגאַנגען די שטרענגסטע קאָנטראָל פון דער פרוי, וואָס האָט געקנאָטן דאָס טייג און פון די בעלי־בתּים, וואָס פאַר זיי האָט מען אין דעם מאָמענט געבאַקן די מצות.

מיין ברודער איז געווען אויף אַ מער פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן. פון דעם זאַק מעל וואָס איז געשטאַנען אָפּגערוקט אַ פּאָר מעטער, דאָס מעל זאָל חלילה נישט קומען אין באַרירונג מיט וואַסער, האָט ער אַריינגעשאָטן אַ געוויסן קוואַנטום אין אַן ערדענעם טאָפּ. די פּאַרציע מעל האָט שטענדיק געדאַרפט זיין די זעלבע, און צו דעם האָט מען שוין געדאַרפט האָבן אַ מער פאַראַנטוואָרטלעכן ייִנגל, וואָס זאָל מיטן אויג און מיט דער האַנט פּעַיִק זיין דאָס אָפּצושאַצן.

ס׳איז אויך געווען איינער, אַ ייִנגל פון אַ שותּף, וואָס איז געזעסן לעבן דער טייג־קנעטערקע און לויט איר אָנווייזונג געגאָסן וואַסער צום מעל,

וואָס אין בעקן. צוואַנציק און אַפילו דרייסיק פרויען, אָפּהענגיק פון דער גרייס פון דער בעקעריי, אַלטע, עלטערע און יונגע, האָבן פון די שטיקלעך טייג אויסגעוואַלגערט קיילעכדיקע מצות. מען האָט זיי גערופן „העלפערס״. כ׳ווייס נישט, פאַר וואָס „העלפערס״, בלשון זכר, ווייל געווען זענען דאָס לויטער פרויען. מעגלעך דערפאַר, וואָס אין דעם באַגריף זענען אויך אַריין די „רעדלערס״ — מענער וואָס האָבן גערעדלט די מצות, זיי זאָלן נישט ווערן אויפגעבלאָזן ביים באַקן. די מינדסטע אָנבלאָזונג פון דער מצה האָט זי פסול געמאַכט.

געאַרבעט האָט מען פון ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, און אָן איבער־רייס, בלויז אויף עפּעס אָפּצועסן, ביז 10 אַ זייגער אויף דער נאַכט. נישט גענוג, וואָס די אַלע וואָס האָבן געאַרבעט ביי די מצות האָבן געוווּסט, אַז לויט די רעליגיעזע דינים מוז די מצה פאַרטיק ווערן אין געציילטע מינוטן, האָבן נאָך די בעלי־בתּים און בעיקר זייערע ווייבער אונטערגעיאָגט די „העל־פערס״: שנעלער, נישט רעדן, נישט זינגען און אויך נישט לאַכן! לויט זייערע דעמאָלטיקע השגות האָט דאָס אַלץ אָוועקגערויבט צייט. אַז עס האָט זיך נאָך דערצו געטראָפן אַ גאַר פרומער ייִד, וואָס מען האָט פאַר אים געבאַקן די מצות, פלעגט ער אַרומלויפן צווישן די „העלפערס״ און שרייען און בעטן: „קינדער, ווייבעלעך, האָט אין זינען, לשם מיצוות מצה, קראַצט אָפּ די ברעטער און די וואַלגער־העלצער!״

פאַרמעגלעכע בעלי־בתּים פלעגן איבערלאָזן אַ געוויסן סכום אויף צו צעטיילן פאַר די אַלע, וואָס האָבן געאַרבעט און אָפּגעבאַקן און אויך אָפּגע־טראָגן זיי אַהיים די מצות. טייל זענען צוגעגאַנגען צו יעדן איינעם פון די „העלפערס״ און אַליין זיי אַריינגעלייגט אין האַנט אַ פּאָר גראָשן, און דערביי באַקומען אָנגעוווּנטשן צו דערלעבן איבער אַ יאָר מיט דער משפּחה און ווידער באַקן מצות, און ווידער טיילן געלט. צווישן די „העלפערס״ זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נאָכן אָוועקגיין פון די בעלי־בתּים זיך אומגעקוקט, אַז דער „גאַב״ איז נישט קיין גענוג שיינער, האָבן זיי נאָך די ווינטשעוואַניעס נאָכגעשיקט פיינע קללות.

אַריינלייגן די רויע און אַרויסנעמען די געבאַקענע מצות פון אויוון האָט זיך גערעכנט פאַר דער וויכטיקסטער און שווערסטער אַרבעט. צו שטיין 15–16 שעה אין טאָג ביי אַן אָנגעגליטן אויוון, און די הענט טאָרן נישט רוען

אויף קיין רגע. אַפּגעהיטן זאָל מען ווערן, אַז עס זאָלן ווערן פֿאַרברוינט עטלעכע מצות. ערשטנס, דער היזיק, צווייטנס, וועט פֿעלן צו דער וואָג. זענען טאַקע געווען ייִדן, גרויסע בריות ביי דער דאָזיקער מלאָכה. מיין טאַטע פֿלעגט בלויז קענען אַרויסהעלפֿן ווען דער „שיבער" (אַזוי האָט מען גערופֿן דעם וואָס איז געשטאַנען ביים אויוון) האָט געמוזט אַוועקגיין אויף אַ פּאָר מינוט. דעם „שיבער" פֿלעגט מען צאָלן אַ פּיל בעסערן געהאַלט, אָבער וויפֿל האָט ער שוין געקענט פֿאַרדינען אין די צוויי וואָכן, וואָס מען האָט געבאַקן די מצות? בסך־הכּל זענען דאָס געווען אָרעמע ייִדן, וואָס האָבן אַ גאַנץ יאָר זיך פֿאַרנומען מיט פֿאַרשידענע מלאָכות און געהאַט ווינציק ברכות.

דעם טאַטן איז נישט אָנגעקומען שווער צוצושטיין פֿאַר אַ שותּף צו אַ מצה־בעקעריי. מען האָט זיך אַפֿילו געריסן איבער אים, ווייל זייענדיק דער שטאָט־שמש, איז ער געווען איינער פֿון די „כּלי־קודש", האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ שטיקל חשוב. אויב מען האָט געוואָלט, אַז די שטאָט־גבירים און יחסנים זאָלן באַקן זייערע מצות אין דער בעקעריי, האָט מען געדאַרפֿט האָבן פֿאַר אַ שותּף דעם טאַטן. דער טאַטע איז אויך געווען אָנגענומען ביי אַ טייל אַסימילירטע ייִדן, וואָס האָבן נישט גערעדט קיין אַנדער שפּראַך ווי פּויליש. קיין גרויסער פּויליש־רעדנער איז דער טאַטע נישט געווען, אָבער האָט זיך מיט זיי פֿאַרשטענדיקט. אויס נויט האָבן זיי נעבעך געמוזט זיך באַנוצן אויך מיט אַ פּאָר ייִדישע ווערטער... דער טאַטע האָט געקענט פֿירן חשבונות און געהאַט קרעדיט אויף צו באַקומען מעל. אויף דאָס וואָס ער האָט געקענט אַ ביסל „שטיין ביים אויוון", איז געווען פֿאַררעכנט פֿאַר אַ מעלה.

אַ 5—6 מענער האָבן זיך פֿאַרנומען מיטן אָפּטראָגן די מצות צו די באַשטעלערס.

עס זענען געווען זייער אָרעמע משפּחות, וואָס האָבן זיך נישט געקענט דערלויבן צו באַקן זייערע מצות אין אַ בעקעריי. פֿלעגן זיי זיך צונויפֿנעמען, און איינער האָט דעם צווייטן געהאָלפֿן אָפּבאַקן די מצות ביי איינעם, ווו ס'איז געווען אַן אויוון, און זיך אויך געווונטשן צו „דערלעבן איבער אַ יאָר און ווייטער באַקן צוזאַמען".

מיטן אָנקום פון יום־טוב

די נאַכט פאַר פסח פלעגט אונדז, מיך מיטן ברודער, דער טאַטע מיט־געמען צו היימישע גויים, ערגעץ אין די בערג, און פון דאָרט האָבן מיר געבראַכט פריש שטרוי אויף אַריינצולייגן אין די סעניקעס פון די בעטן. צו מאָל האָבן די גויים גענומען אַ געוויסן געצאָלט, צו מאָל געגעבן דעם שטרוי ווי אַ מתנה אויף יום־טוב. וואָס זיי האָבן יאָ געבעטן, איז אַ שטיקל מצה. זעט אויס, אויף איבערצייגן זיך, צי ס׳איז נישט אַריינגעטאָן קיין בלוט פון אַ קריסטלעך קינד... זיי האָבן קיין מאָל נישט געגלייבט, אַז די מצה איז געמאַכט בלויז פון מעל און וואַסער. זיי זענען געווען איבערצייגט, אַז דאָרטן איז יאָ פאַראַן אַ ביסל קריסטלעך בלוט... די קריסטלעכע קינדער פלעגן דערציילן, אַז מען האָט זיי אָנגעזאָגט פאַר פסח זיך צו דערווייטערן פון די יידישע חברים און חס־וחלילה נישט אַריינגיין אין זייערע היימען. דער דאָזיקער אַנטיסעמיטישער בילבול איז געווען פאַרשפּרייט ביי כמעט דער גאַנצער קריסטלעכער באַפעלקערונג. אַגב, ווען איך בין אין דער צייט פון קריג געווען אין מיטל־אַזיע, סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט מיר דערציילט אַ לע־רער, אַ פּליט פון פוילן, אַז די טאָכטער פון אָרטיקן קאָמענדאַנט פון דער שטאָטישער מיליץ, וואָס איז אָן ספק געווען אַ קאָמוניסט, איז געקומען פאַר פסח אין שול און געוואָרנט אירע שול־חברים, אַז די „זשידעס״ כאַפּן קריסט־לעכע קינדער און צאַפּן פון זיי אויס דאָס בלוט אויף אַריינצוטאָן אין די מצות. און דעמאָלט איז, אַגב, געווען בכלל פאַרבאָטן צו באַקן מצות אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. מען האָט אויך נישט געקענט באַקומען קיין מעל. פון דעסטוועגן האָט זי געוווּסט וועגן דאָזיקן „גרויל״.

ווען ס׳איז געקומען די נאַכט פון ערשטן סדר, (אין חו״ל זענען שטענדיק פאַראַן צוויי טעג פסח מיט צוויי סדרים, און מצות האָט מען געגעסן אַכט טעג.) פלעגן די אָנגעהאַרעוועטע יידן ממש אַוועקפאַלן פון מידקייט. מען פלעגט די ערשטע נאַכט פסח אָפּדאַווענען דעם יום־טובדיקן מעריב ווי ווייט מעגלעך פרי, די קליינע קינדער זאָלן נישט איינשלאָפן ביים סדר און קענען פרעגן די פיר קשיות. דאָס איז געווען גוט אויך פאַר די אָנגעהאַרעוועטע יידן, וואָס נישט איינער פון זיי איז טאַקע איינגעשלאָפן, נאָך איידער ער איז צוגעקומען צו די קניידלעך.

ערב פּסח האָט אונדזער שטוב אָנגענומען אַן אַנדער אויסזען. די ווענט — אויסגעקאַלכט, ווייס, אַ ביסל בלוילעך, זייער ציכטיק. אין די בעטן — ניי שטרוי, איבערגעדעקט מיט פרישע לייוונטענע ליילעכער, אָבער נישט געוואַשן מיט קיין קראָכמאַל, ווייל קראָכמאַל האָט מען געמאַכט פון מעל, און מעל מיט פּסח איז פּונקט ווי פייער מיט וואַסער... אַלע זאַכן, וואָס האָבן זיך געפונען אין שטוב, אויך דאָס אָרעמע מעבל, — פריש און גוט אָפּגעוואַשן און אָפּגעריבן, עס זאָל חלילה נישט בלייבן קיין חשש פון חמץ. די פּליטע אויף וועלכער מען האָט געקאָכט און גענוצט חמץ, איז געוואָרן אַרומגעקלעפּט מיט ליים, און די נאַכט פון ערב פּסח, ווען מען איז בודק חמץ, איז זי געוואָרן שטאַרק אָנגעגליט, ביז די אייזערנע פּלאַטע וואָס אין איר זענען געווען אַריינגעשטעלט די טעפּ, איז געוואָרן רויט, ווי ביי אַ שמיד דאָס אייזן.

באַזונדערש האָט מען אַכט געלייגט אויפן טיש, וואָס איז געווען פול מיט שפּאַרעס און אין די שפּאַרעס — נישט ווינציק איבערבלייבעכץ פון עסן פון אַ גאַנץ יאָר. פאַר פּסח האָט מען געטאָן אַל דאָס מעגלעכע אויף אַרויס־צוקראַצן פון די שפּאַרעס דאָס איבערגעבליבענע. מען פלעגט די ברעטער פון די טישן רייבן מיט שטיינער, אויף צו זיין זיכער, אַז עס איז נישט געבליבן קיין חשש פון חמץ. ביי אונדז אין שטוב און אין אַנדערע שטובן ווו מען האָט געוואָלט זיין מהדרין שבמהדרין, האָט דער טאַטע געבערענגט אַ נייעם דיקט וואָס האָט פאַרדעקט דעם גאַנצן טיש, אַזוי אַרום איז ער געווען פולשטענדיק באַוואָרנט פון חמץ.

אַ גאַנץ יאָר האָבן מיר געגעסן אין פּשוטע כּלים, אַפילו אין בלעכענע שיסלען און מיט בלעכענע לעפל און גאָפּל, און אויך נישט געווען פאַר יעדן איינעם באַזונדער, נאָר איין מעסער פאַר אַלעמען. אויף פּסח האָט די מאַמע אַראָפּגענומען פון בוידעם שיין געפּעס: טעלערס פון פאָרצעליי, נייע שיינע גלעזער, שיינע מעסערס, לעפל און גאָפּל, אַלץ כּמעט ניי. דער טיש — באַדעקט מיט אַ שיינעם טישטעך, וואָס איז געוואָרן גענוצט נאָר פאַר די סדר־נעכט. דער קאָנטראַסט פון אַ גאַנץ יאָר און פון דער פּסח־צייט איז געווען אַזוי בולט, אַז שוין דאָס אַליין האָט אַריינגעברענגט פרייד און יום־טובדיקייט אין די יידישע שטובן, אַפילו ווען אויפן האַרצן איז ביי וועמען נישט געווען אַזוי פריילעך. דער יום־טוב פּסח האָט מחייב געווען עפּעס צו באַנייען. ווער עס האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט, האָט ווינציקסטנס

געקויפט אַ היטל. אין בית בית־המדרש האָט איינער דעם צווייטן געווונטשן, מען זאָל די נייע בגדים טראָגן געזונטערהייט.

מען איז געקומען אַהיים פון בית־המדרש און באַגריסט די אין שטוב געבליבענע ווייבער מיט אַ הויכן „גוט יום־טוב". מען האָט זיך געזעצט צום טיש, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען אַ פלאַש מיט אַליין געמאַכטן וויין פון ראָזשינקעס, גוט דורכגעלייטערט. אין טעם האָט מען געמיינט, אַז קיין בעסערס איז נישטאָ אויף דער וועלט. עס זענען געווען פאַר יעדן איינעם כּוסהלעך, באַצירטע מיט גאָלדענע רייפלעך און בלימעלעך. פאַרן טאַטן איז געשטאַנען אַ גרעסערער כּוס, און אַ באַזונדערש שיינער כּוס — פאַר אליהו הנביא. אין אַ סך הייזער איז פאַר אליהו הנביא געווען צוגעגרייט אַ זילבער־בעכער, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור. אויך איז געשטאַנען אויפן טיש די קערה מיט אַלע מינים, וואָס מען האָט געדאַרפט צום סדר, און דריי מצות, באַדעקט מיטן שענסטן סערוועטל, וואָס מען האָט זיך נאָר געקענט פאַרגינען.

דער טאַטע איז געזעסן אויפן „הסב־בעט", בכדי ער זאָל קענען מקיים זיין די מיצווה פון „כּולנו מסובין", געמאַכט דעם שיינעם קידוש מיט אַ ספּעציעלן יום־טובדיקן ניגון, און מיר, די קליינע קינדער האָבן געפרעגט די פיר „קאַשעס", איין נאַכט — דער ברודער, דער בכור, די צווייטע נאַכט — איך, דער מיזיניק.

ווען מיר זענען געוואָרן גרעסער, האָבן מיר ביידע גלייך געפרעגט די „קאַשעס", מיט אַ באַשטימטן ניגון. דער טאַטע האָט געענטפערט: „דער תּירוץ איז — עבדים היינו לפרעה במצרים". דער טאַטע פלעגט זיך דאָ צעוויינען און איך האָב שטענדיק נאָכגעטראַכט, צי וויינט ער אויף די אומגליקלעכע ייִדן פון מיט טויזנטער יאָרן צוריק, אָדער אויף די היינטיקע ייִדן, וואָס געפינען זיך אין פאַרשידענע גלויותן און ווערן געיאָגט און געפּלאָגט, און שטענדיק שטייט אויף אַ המן, וואָס וויל זיי אָפּמעקן פון דער וועלט. מעגלעך, אַז ביידע מאָמענטן האָבן אים געבראַכט צום געוויין. אָבער היות פּסח איז נישט פון די „ווינענדיקע" יום־טובים, האָט זיך דער טאַטע גיך באַרויִקט און מיט אַן אַלץ מער פריילעך ווערנדיקן ניגון ממשיך געווען דאָס זאָגן די הגדה. ער פלעגט קיין מאָל נישט אָנטאָן קיין קיטל, נאָר זיצן אין דער יום־טובדיקער קאַפּאָטע.

די צווייטע נאַכט פּסח, ווען אַלע זענען געווען מער אויסגערוט, פלעגט מען דאַוונען מעריב אַ ביסל לענגער. די יִדן האָבן זיך שוין נישט אַזוי געאײַלט. צווישן מינחה און מעריב פלעגט אַ טייל יִדן דערציילן מעשׂיות פון זייער דינען אין צאַרישן מיליטער, טויזנטער קילאָמעטערס ווייט פון דער היים. וועגן די וואָס האָבן געהאַט געדינט 25 יאָר (קאַנטאָניסטן), האָבן דערציילט זייערע זין, וועלכע האָבן שוין אַליין געהאַט מיטגעמאַכט די צאַרישע מיליטער־דינסט. מיר, קינדער, זענען געשטאַנען מיט אָפענע מײַלער און זיך צוגעהערט צו די שיינע, צו מאָל איבערגעטריבענע מעשׂיות. נאָכן קומען אַהיים פון בית־המדרש, ווידער מיטן שײַנעם און הויכן „גוט־יום־טוב" אָבער מיט מער געמיטלעכקייט און נישט געאײַלט, האָט מען זיך געזעצט צום צווייטן סדר. די וויכטיקסטע טיילן פון דער הגדה פלעגט דער טאַטע אויף זייער אַ פּייערלעכן אויפן פאַרטייטשן אויף יִדיש.

מײַן פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט

איך האָב פון פאַרויס געוווּסט, אַז שמואל־לייזער לעפקאָוויטש, דער שנײַדער, בײַ וועמען איך האָב געלערנט די מלאָכה, איז נישט פון די, וואָס צאָלט זײַנע אַרבעטער דעם לוין אין דער צייט. דאָך בין איך געבליבן בײַ אים אַרבעטן, נאָך די דריי יאָר פון זײַן אַ לערן־ייִנגל. כ'האָב ליב געהאַט די בעלי־בתּים און זייערע קינדער און בין בײַ זיי געווען ווי איינער פון דער משפּחה. אויך זיי האָבן זיך באַצויגן צו מיר ווי צו אַן אייגענעם. מען האָט מיך ליב גערופן דאָס „שאַמעסל", פאַרצויגן פון שמש, צוליב דעם טאַטן. איך האָב אין דעם נישט געזען קיין באַליידיקונג. זייער כּוונה איז נישט געווען מיך צו באַליידיקן, נאָר מיך צו דערנענטערן צו זיי.

ווען איך בין געוואָרן עלטער און ס'איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן אַ לענגערע צייט בײַ אַנדערע, האָב איך מיך צוגעוווינט אויך צו זיי. געווען אַזעלכע, וואָס איך האָב ממש ליב באַקומען און צו אַנדערע געבליבן גלײַכגילטיק. אײן זאַך ווייס איך: מיר איז אין לעבן נישט אויסגעקומען פײַנט צו האָבן עמעצן. איך האָב אָפּגעאַרבעט בײַ די לעפקאָוויטשעס כּמעט 8 יאָר, כאָטש זיי האָבן נישט געצאָלט רעגולער. פון דעם האָב איך נישט שטאַרק געליטן, ווײַל סײַ ווי האָבן מײַנע עלטערן נישט גענומען קיין געלט פאַרן

עסן, נישט פון מיר און נישט פון די אַנדערע קינדער, כאָטש ס׳האָט געהערשט אַ דוחק אין שטוב. עס זענען אָבער געווען אַרבעטער, וואָס ווען זיי האָבן נישט באַקומען דעם לוין צו דער צייט, פלעגן זיי נישט קענען אויסהאַלטן זייערע אָרעמע שטיבער און אונטערהונגערן. קיינער האָט אָבער צוליב דעם נישט פאַרלאָזט די אַרבעט, און אַרבעטשטרייקן זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען אין דער מאָדע, און אַוודאי נישט אין די קליינע שטעטלעך, ביי די בעלי־מלאָכות. מען פלעגט זיך אַליין אַ ביסל אונטערהעצן און אויס מורא זיך באַלד באַרויִקן.

ווי איך האָב שוין געשריבן, האָבן אונדזערע בעלי־בתים געאַרבעט מיט אייגענע סחורות, וועלכע זיי פלעגן באַקומען צום טייל אויף קרעדיט ביי וואַרשעווער און לובלינער סוחרים. יעדן חודש האָבן זיי געדאַרפט צאָלן די אויסגעשטעלטע וועקסלען. יעדן 1טן פון חודש, ווען די מלוכה־אָנגעשטעלטע, לערערס און אַנדערע סטאַבילע באַשטעלערס פון בגדים אויף קרעדיט האָבן באַקומען זייער געהאַלט, פלעגט זיך שמואל־לייזער אַרומדרייען אין גאַס און אַראָפּנעמען דעם הוט פאַר יעדן קונה מיוחס וואָס ער האָט געטראָפן, אָדער וועמען ער האָט געזוכט צו טרעפן. טייל האָט פאַרשטאַנען דעם רמז און טייל האָט זיך געמאַכט נישט פאַרשטיין, העפלעך אַראָפּגעצויגן דעם הוט און פאַרבייגעגאַנגען. פונעם געלט וואָס אים איז געלונגען צוזאַמענצונעמען, פלעגט ער צו ערשט אָפּצאָלן די וועקסלען, דערנאָך דעקן דרינגענדיקע חובות, בכדי ווידער צו האָבן קרעדיט. פון דעם געבליבענעם געלט פלעגט ער צאָלן די אַרבעטער און שטענדיק געבליבן זיי שולדיק. אויך מיט די סוחרים איז אים נישט איין מאָל אויסגעקומען צו גלייכן זיך. מען פלעגט אַלטע חובות אַ ביסל דעקן און דעם רעשט — אָנולירן.

צווישן די אַרבעטער האָבן זיך פאַרשפּרייט פאַרשידענע מעשיות און רכילותן וועגן די בעלי־בתים. דאָך איז כמעט קיינער נישט אַנטלאָפן פון זיי. מען האָט קיין אַרבעטער אויך נישט אָפּגעזאָגט, כאָטש אָפּזאָגן האָט מען געקענט יעדן טאָג און יעדע שעה אָן שום אַנטשעדיקונג, נישט געקוקט, וואָס ביי אונדז האָט שוין עקסיסטירט אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין, אָנגעשלאָסן אין דער צענטראַלע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין וואַרשע. אויך אין וואַרשע איז נישט געווען אײַנגעפירט קיין 8־שעהדיקער אַרבעטסטאָג. אין די גאָר גרויסע שניידער־וואַרשטאַטן פלעגט מען אַרבעטן 8, 9 — ביז

10 שעה. מיר האָבן זיך גענומען אויסצוקעמפן, מען זאָל נישט אַרבעטן מער ווי 12 שעה אין טאָג. דאָס איז אָנגעקומען שווער, און ווען נישט דער פּאַראיין, וואָלט מען אַפילו דאָס נישט געווען אויסגעקעמפט, ווייל אויך וועגן דעם האָט מען געמוזט שטרייקן. אַ טייל פון דער באַפעלקערונג האָט געהאַלטן מיט די אַרבעטער. די פרומע האָבן געטענהט, אַז די אַרבעטער דאַרפן אויך האָבן אַ מעגלעכקייט צו קענען גיין אין בית־המדרש דאַווענען שחרית און פּאַר נאַכט — מינחה־מעריב, גלייך ווי די אַרבעטער וואָלטן געשטרייקט, בכדי צו קענען גיין אין בית־המדרש... די מער אויפגעקלערטע האָבן גע־האַלטן אַז אַרבעטן מער ווי 12 שעה איז שקלאַפעריי, און מען דאַרף אויפהערן צו פאַרשקלאַפן מענטשן. די גאַנצע זאַך איז אָבער געווען, וואָס די בעלי־בתים גופא זענען געווען פאַרשקלאַפט צו זיך אַליין ניט ווינציקער ווי זיי האָבן פאַרשקלאַפט „זייערע מענטשן".

סוף צוואַנציקער יאָרן בין איך דורך מיין ברודער און אַנדערע, אַריינ־געצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט פון קראָסניסטאַווער פּראָפעסיאָנעלן פּאַר־איין. מען האָט ביים פּאַראיין געגרינדעט אַ יוגנט־סעקציע, און איך מיט מיין בעסטן חבר אַברהם וואַרמאַן און שמואל בורשטיין האָבן אָנגעפירט מיט איר. מיר האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט מיט ברען, זיך באַמיט אַריינצוציִען אַרבעטער, באַזונדערש יוגנטלעכע, פון די פאַרשיידנסטע וואַרשטאַטן און זיי אָרגאַניזירט אין סעקציעס לויט זייערע פּראָפעסיעס.

ביים פּראָפעסיאָנעלן פּאַראיין האָט עקסיסטירט אַ פיינע יידישע ביבליאָ־טעק. די מיטגלידער וואָס האָבן געקענט לייענען און שרייבן, האָבן געלערנט די, וועלכע האָבן נישט געקענט. געווען זענען אויך פולשטענדיקע אַנאַלפאַ־בעטן. ס'איז נישט געווען אַזוי פשוט אויסצולערנען יינגלעך פון 12, 13 און אַפילו 16, 17 יאָר, שרייבן און לייענען. אַנדערע האָבן זיך אויסגעלערנט אַ מינימום, אַנדערע זענען געבליבן נישט דערלערנט ביז היינט צו טאָג. איך באַקום בריוו פון געוועזענע חברים, צעשפּרייטע איבער דער וועלט, און זע, אַז די בריוו זענען געשריבן פון די פרויען.

איך בין אַלץ מער און מער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער געזעלשאַפט־לעכער טעטיקייט. בין געוואָרן אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון פאַראיין פון נאָדל־אַרבעטער, ס'הייסט שניידערס און היטל־מאַכערס. אויך די אַנדערע

פֿאַכן האָבן געהאַט זייערע פֿאַרוואַלטונגען און נישט איין מאָל האָבן מיר זיך אַרומגעריסן צוליב ערנסטע און נישט ערנסטע פֿראַגן. צום ביישפּיל, דער אַלגעמיינער פֿאַראיין האָט געהאַט איין לאָקאַל, און ס׳האָט זיך געמאַכט, אַז פּונקט ווען די פֿאַרוואַלטונג פֿון די שניידערס האָט באַשטימט אַ זיצונג, האָבן אין זעלבן טאָג און אין דער זעלבער שעה געוואָלט די שוסטערס און קאַמאַשן־שטעפּערס אָפּהאַלטן זייערע אַ זיצונג. מען האָט זיך געקריגט אַפֿילו וועגן אָרט לעבן טיש, ביי וועלכן יעדער סעקציע זאָל זיצן. די קולטור־אַרבעט האָט אָבער אַלעמען פֿאַראייניקט. די ביבליאָטעק איז געווען אַ בשותּפֿותדיקע און ממילא איז די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער ביבליאָטעק געוואָרן אויסגעקליבן פֿון פֿאָרשטייערס פֿון אַלע סעקציעס. מען האָט געזאַמלט געלט פֿאַר דער ביבליאָטעק ביי פֿאַרשידענע געלעגנהייטן, אַפֿילו אויף אַ חתונה ביי אַ חבר. מען האָט איינגעאָרדנט באַנקעטן און געגומען געצאָלט, אויסרעכענענדיק עס זאָל עפּעס בלייבן צו באַרייכערן די ביבליאָטעק.

מיר האָבן געוועקט דעם אינטערעס ביי דער יוגנט און אויך ביי עלטערע חברים צו לייענען ביכער. פֿריִער אין דער יוגנט־סעקציע, שפּעטער שוין אין דעם פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין האָט מען פֿאַרפֿליכטעט יעדן איינעם צו זיין פֿאַרשריבן אין ביבליאָטעק און לייענען ביכער. אַז מען האָט אַ בוך אין דער היים, האָט שוין דאָס געצויגן אַריינצוקוקן אין אים. אַזוי האָט מען זיך אַ ביסל פֿאַרפֿולקומט אין לייענען. די מערהייט פֿון דער אַרבעטער־יוגנט איז געוואָרן אַ געטרייער לייענער פֿונעם ייִדישן בוך. אין דעם פּרט האָט דער פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַראיין אַ סך אויפֿגעטאָן. אויף לייכטער צו מאַכן די אַרבעטער צו פֿאַרשטיין, וואָס זיי לייענען האָט מען איין מאָל אין דער וואָך איינגעאָרדנט אַ פֿאַרלעזונג פֿון אַ געוויסן בוך, און יעדערער האָט געקענט פֿרעגן פֿראַגעס. אמת, דער פֿאַרלייענער איז אַליין נישט געווען קיין גרויסער מומחה, אָבער איז געווען געניט אַנטוויקלט צו קענען ענטפֿערן אויף די געשטעלטע פֿראַגעס. עס האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייערע קענטענישן אַ פּאָר שוסטער־אַרבע־טער, צווישן זיי איינער, אַברהמ׳טשע פֿויגלפּיס. ער האָט פֿאַרמאָגט אַן אויסער־געוויינטלעכן חוש־הומאָר און צוגעצויגן די יוגנט מיט זיין פֿאַרלייענען און מיט זיין ענטפֿערן אויף פֿראַגעס.

איך בין געווען אַריינגעטאָן אין דער דאָזיקער קולטור־אַרבעט מיט לייב און לעבן. דאָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו פֿאַרפֿולקומען און

אויך לערנען אַנדערע. צו דער דאָזיקער טעטיקייט האָב איך געהאַט אַ גוטן און איבערגעגעבענעם שותּף, מיין נאָענטסטן חבר אַברהם וואַרמאַן. (איצט, אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, מיט זיין פרוי אסתּר, וועלכע איז אויך געווען מיינע אַ יוגנט־חברטע.)

דאָ וויל איך איבערגיין צו אַ וויכטיקער ווענדונג אין מיין לעבן, מיין פאַרבינדן זיך מיט מיין פרוי, הינדע, פון דער היים איינגווינער. איר פאָטער האָט געהייסן אַברהם איינגווינער, אָדער, ווי מען האָט אים גערופן, אַברהם־קצב, און איר מוטער — צירל די קצב׳טע, פון דער היים, שינדעלמאַן (אָדער שינדעלמאַכער).

איך האָב הינדעלען (אַזוי האָט מען זי דעמאָלט גערופן און אַנדערע רופן זי אַזוי ביז היינט צו טאָג) געקענט פון די פריסטע יוגנט־יאָרן. מיר זענען צוזאַמען געגאַנגען אין דער פוילישער שול און געשטאַמט האָט זי פון דער זעלבער געגנט. איך — פון דער „גראַבליע״ און זי — פון לעבן דער בריק, ביידע — פון דער מיזרח־זייט פון טייך וויעפּש, ווו ס׳האָט געוווינט דער אָרעמער טייל פון דער באַפעלקערונג. הינדעלעס עלטערן, זענען נישט געווען קיין אָרעמע־לייט, געהאַט אַ שיינע פּרנסה. געווען זענען ביי זיי דריי ברידער: יעקב (יענקל), ישׂראל (סרולקע) און חיים, און דריי שוועסטער: פּערעלע, הינדע און דבורה. הינדע איז געווען אַ שיין, באַחנט מיידל. נאָך אין שול האָב איך געזוכט איר נאָענטקייט, אָן שום זייטיקער כּוונה. מיר זענען נאָך ביידע געווען קינדער. זי, הינדע, איז יינגער פון מיר מיט קנאַפּע צוויי יאָר, געבוירן דעם 15טן אַפּריל 1913. מיר האָבן געלערנט אין זעלבן קלאַס, ווייל מיך האָט מען אַריינגעגעבן אין שול מיט אַ פאַרשפּעטיקונג.

וואָס עלטער מיר זענען געוואָרן, אַלץ מער איז זי מיר געפעלן געוואָרן, און איך האָב אָנגעהויבן צו קוקן אויף איר מיט אַ באַהאַלטענעם בליק. אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אַ לערן־יינגל ביים שניידער און אָפּגעטראָגן עפּעס אָן אַרבעט פאַר אירן אַ ברודער, האָב איך ביי זיי אין שטוב דערזען דאָס מיידעלע, צו וועלכער איך פלעג כאַפּן אַ שעמעוודיקן קוק. איך בין שוין דעמאָלט נישט געגאַנגען אין שול. זי האָט פאַרגעזעצט לערנען און געענדיקט 7 קלאַסן פאָלקשול. איך בין געווען יונג און קליין, אָבער גענוג גרויס און דערוואַקסן, אַז דער צוזאַמענטרעף זאָל אויפרודערן מיין נשמה. איך געדענק נישט, צי מען האָט מיר דאָרטן געגעבן „ביר־געלט״

פֿאַרן אָפּבערענגען דעם מלבוש. כ׳געדענק אָבער גענוי, אַז איך בין צוריק־געגאַנגען צו מיין אַרבעט אין אַ צערודערטן מצב. דעמאָלט טאַקע האָב איך מיך פֿאַרליבט אין מיין צוקונפֿטיקער פֿרוי, מיט וועלכער איך לעב שוין קרוב צו 50 יאָר.

די ערשטע ליבע

מיר האָבן געוווינט נישט ווייט איינער פֿון צווייטן און פֿלעגן צופֿעליק זיך באַגעגענען. די יאָרן זענען געפֿלאָסן, מיר זענען געוואַקסן. הינדע האָט אויך אָנגעהויבן לערנען שניידעריי ביי אַ גוטער שניידערין, ברכה שטערן. מיין מייסטערס ווייב, רויזל, האָט זיך עפּעס געניית ביי דער דאָזיקער שניי־דערין און קומענדיק אַהיים דערציילט, אַז זי האָט דאָרטן געטראָפֿן אַ שיין און באַחנט מיידל, וואָס לערנט שניידעריי. לויט אַלע סימנים האָב איך פֿאַר־שטאַנען, אַז זי מיינט עס די, צו וועלכער מיך ציט אַזוי שטאַרק. אין דער שטוב פֿון די לעפּקאָוויטשעס האָב איך פֿאַרברענגט מיינע יוגנט־יאָרן פֿון 13 ביז 21 יאָר און געווען דאָרטן ווי אַן אייגענער. דעם מייסטערס ווייב, רויזלען, האָב איך געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסן מבין. דערהערנדיק איר מיינונג וועגן הינדען, האָב איך געזאָגט צו זיך: „דאָס איז עס!״ מיך האָט אַלץ מער גענומען ציִען צו איר. אָבער אין לעבן גייט נישט אַלץ אַזוי גלאַטיק, און נישט אַלץ וואָס מען וויל, דערגרייכט מען. און אויב יאָ, קומט עס נישט אָן אַזוי לייכט.

ווי שוין פֿריִער דערמאָנט, בין איך געווען זייער אַריינגעטאָן אין דער טעטיקייט פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין און אין דער ביבליאָטעק. דאָ פֿלעגן אַריינקומען די אונטערגעוואַקסענע מיידלעך בייטן ביכער, זעט אָבער אויס, אַז אויך צו באַגעגענען זיך מיט בחורים, וואָס האָבן זיך געפֿונען יעדן אָוונט אין לאָקאַל. פֿאַרשטענדלעך, אַז איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט אויף זיך צו דערנענטערן צו מיין שפּעטערדיקער באַשערטער. מיר האָבן אַלץ מער זיך געחברט. כמעט שטענדיק האָבן מיר זיך באַגעגנט, ווען זי איז געווען צוזאַמען מיט אירע חברטעס, חיה׳לע בראַנד און רחל בלאַט, און איך בין געווען מיט די חברים, אַברהם וואַרמאַן, שמואל אַברוך און אַנדערע. הינדעס טאַטע איז געשטאָרבן, ווען זי איז נאָך געווען אַ קליין מיידל. די

מאַמע איז געוואָרן די פּרנסה־געבערין, איבערגענומען פירן זייער יאַטקע. די ברידער האָבן חתונה געהאַט, אַוועק פון שטוב און געעפנט יאַטקעס פאַר זיך. ווען די מאַמע האָט פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט געמוזט זיין אין יאַטקע, איז הינדע, נאָך אַ יונג מיידל, געוואָרן די בעל־הביתטע אין שטוב. הינדעס עלטסטע שוועסטער, פּערעלע, האָט חתונה געהאַט, געבוירן אַ מיי־דעלע, אסתּר׳ל. פּערעלע איז נאָכן געבורט קראַנק געוואָרן און יונג געשטאָרבן. (אונדזער טאָכטער, פּערעלע — פּאָליע, היינט, פּנינה, טראָגט איר נאָמען.) דאָס מיידעלע אסתּר׳ל איז געבליבן צום האָדעווען ביי דער באָבען. און אַזוי ווי די באָבע איז געווען פאַרנומען, איז הינדע געוואָרן די מאַמע פון פאַר־יתומטן קינד, זייענדיק אַליין נאָך גאָר יונג. אין שטוב איז אויך געווען די יינגסטע שוועסטער, דבורה, אַ גראָבע, גוט אַנטוויקלטע און שיינע. העלפן דער שוועסטער און דער שטוב־אַרבעט איז זי נישט געווען גרייט. עס פלעגן צווישן די שוועסטער אויסברעכן קאָנפליקטן אויף דעם שטח, כאָטש זיי האָבן זיך ליב געהאַט. איך בין אין די קאָנפליקטן נישט געווען נייטראַל און זיך אַריינגעמישט. שוועסטער קריגן זיך און בעטן זיך איבער. אויף מיר איז אָבער דבורה געווען אָפט ברוגז.

יאָ, אין לעבן גייט נישט אַלץ גלאַטיק און נישט אַלץ, וואָס מען וויל, דערגרייכט מען. ווען כ׳האָב מיך אויפגעהערט צו שעמען און אָנגעהויבן אַריינקומען צו הינדען אין שטוב, בין איך געווען גערן געזען סיי פון דער מאַמען און סיי פון דער שוועסטער און באַשטימט פון מיידל, וואָס איך האָב ליב באַקומען מיטן גאַנצן ברען פון דער יונגער נשמה. איך ווייס ביז היינט נישט, וועמענס איניציאַטיוו עס איז געווען: צו זיי האָט זיך אַריינגעצויגן אַ בחור, אַ פריזירער, עלטער פון מיר מיט אַ יאָר דריי, זייער אַ שיינער. מיר האָבן זיך געקענט, אָבער זיך נישט געחברט. ער האָט געהאַט די אַמביציע זיך צו חברן מיט גימנאַזיסטן, ייִדישע, און אַ מאָל אויך קריסטלעכע. זיין משפּחה מיט אַ צענדליק קינדער, האָט געוווינט ווייט הינטער דער שטאָט, און ער האָט געאַרבעטביים שטאָטישן פעלדשער, יונה מאַנדעלטאָרט, וועל־כער האָט געהאַלטן אַ פריזירעריי, אָבער אַליין זיך נישט פאַרנומען מיט דעם. זעט אויס, אַז צירל די קצב׳טע האָט נישט געקענט זיך אַנטקעגנשטעלן דעם ווילן פון דער טאָכטער, וועלכע האָט געפירט די שטוב־ווירטשאַפט און האָט זיך פאַרליבט אין דעם שיינעם בחור מיטן שיינעם טונקל־בלאָנדן קאָפּ האָר.

ער האָט אויך פאַרמאָגט אַריסטאָקראַטישע מאַניערן, נאָכמאַכנדיק די גימ־נאַזיע־חברים, אָפּשטאַמיקע פון רייכע הייזער.

מיט אַ צעבראָכן האַרץ פון דער אַנטוישטער ערשטער ליבע, האָב איך אויפגעהערט אַריינצוקומען צום מיידל, וואָס איז געוואָרן דער אידעאַל פון מיין לעבן. אמת, זי האָט קיין זאַך נישט געזאָגט, אַפילו נישט געגעבן אָנצו־הערן, אַז איך זאָל מער נישט אַריינקומען צו איר. דער אינסטינקט מיינער האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז איך דאַרף נישט שטיין ווי אַ וואַנט צווישן „מיין" הינדען און דעם בחור זלמן זיידוועבער, ווען זי האָט ליב באַקומען. איך וואָלט באַשטימט נישט אַזוי לייכט אָפּגעטראָטן, אָבער זעט אויס, אַז דווקא דאָס, וואָס איך האָב הינדען אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, האָט מיר דיק־טירט איר צו לאָזן דערגרייכן דעם ציל אירן. אין האַרצן האָב איך געהאָפט, אַז דער דאָזיקער ראָמאַן וועט זיך ענדיקן מיט אַ דורכפאַל.

די מאַמע הינדעס פלעגט מיך טרעפן און פרעגן, פאַר וואָס מען זעט מיך נישט. דאָס זעלבע — די שוועסטער דבורה. כ'פלעג זיך אַרויסדרייען מיט כלערליי אויסריידן. דאָס וואָס די מאַמע מיט דער ייִנגערער שוועסטער שטויסן מיך נישט אָפּ, האָט מיך אָנגעפילט מיט האָפענונג. ווי עס טרעפט אין אַזעלכע פאַלן, האָבן הינדעס חברטעס גענומען צוטראָגן צו מיר פאַר־שידענע שמועות און מעשיות. מסתמא, ווייל זיי האָבן זייער חברטע נישט שטאַרק פאַרגונען איר „דערפאָלג", ווי ס'פאַסירט צווישן די בעסטע חברטעס. נאָך אַ געוויסער צייט, און איך ווייס נישט ביז היינט צו טאָג די סיבות, זלמן איז אַרויס פון הינדעס שטוב. ער איז געווען איינגעבילדעט, אַז ער קען מיט זיין שיינקייט און מיט זיינע מאַניערן צוקומען צו אַ שענערער און בעסערער פון הינדען. ס'קען אויך זיין, אַז עס האָבן זיך אַריינגעמישט הינדעס ברידער, די מאַמע און די ייִנגערע טאָכטער און גענומען דריקן, ער זאָל זיך אַרויסציִען פון זייער שטוב. עס איז אָבער אויך מעגלעך, אַז הינדע האָט איינגעזען, אַז „פון דעם מעל וועט קיין ברויט נישט זיין", ווי עס זאָגט אַ שפריכוואָרט. קענטיק, אַז אַלץ צוזאַמען האָט מיטגעווירקט. ביז היינט צו טאָג ווייס איך נישט גענוי, ווי אַזוי עס איז געשען מיט זיין אַריינקומען ווינען אין הינדעס שטוב און ווי אַזוי עס איז געשען זיין אַרויסציִען זיך. הינדע האָט קיין מאָל נישט געוואָלט רעדן וועגן דעם און איך האָב נישט שטאַרק געדריקט, מען זאָל מיר דערציילן. פאַר מיר איז געווען גענוג, אַז דאָס איז

געשען. כ׳בין געווען גליקלעך, אַז פאַר מיר האָט זיך ווידער געעפנט די טיר צו מיין געליבטער.

ביי מיין גאַנצער אומגעדולד צוריק אַריינצוקומען אין דער שטוב, וואָס איז פאַר מיר געווען אַ צווייטע היים, האָב איך באַשלאָסן אָפּצוואַרטן. הינדעס חברטעס האָבן מיר דערטראָגן, אַז הינדע איז שטאַרק פאַרצווייפלט און בעט איך זאָל אַריינקומען צו איר. כ׳קען נישט וויסן, צי דאָס איז געווען פון זייער איניציאַטיוו, אָדער הינדע האָט זיי טאַקע געבעטן אויספירן די שליחות.

מיט אַ מאָל איז געשען דאָס, וואָס איך האָב אַזוי באַגערט. מיט הינדען האָבן מיר זיך „צופעליק" באַגעגנט נישט ווייט פון איר שטוב. זי האָט מיך אַריינגעפירט צו זיך און דאָ זענען מיר ביידע אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. איך — פון גרויס פרייד, וואָס איך בין ווידער אין די אָרעמס פון מיין געליב־טער. וואָס איר געוויין האָט באַטייט, איז געבליבן פאַר מיר אַ רעטעניש, איך האָב געגלייבט, אַז אויך איר געוויין איז געווען פון פרייד.

אין אַ צייט אַרום, סוף די פופציקער יאָרן, האָט זיך זלמן באַוויזן ביי אונדז אין שטוב אין חולון. ער איז געווען געקומען פון פוילן. האָט דאָרטן געלעבט אין גדאַנסק מיט אַ קריסטלעכער פרוי און נישט געהאַט קיין קינדער. ער האָט דערציילט, ווי אַזוי ער האָט איבערגעלעבט דעם קריג און באַלד נאָך דער מלחמה אַריין אין פוילישן מיליטער. דערנאָך געדינט אין דער גדאַנסקער פּאָליציי, ווי אַן אָפיציר. זלמן האָט נישט געוווסט, וואָס דאָס איז קאָמוניזם. אים האָט געלאָקט דער שיינער פוילישער מיליטערישער מונדיר און דער נישט ווינציק שיינער פּאָליציייִשער. און אַזוי האָט ער געדינט דעם רעזשים, נישט וויסנדיק פאַר וואָס און פאַר ווען. און אַז ס׳איז אים נימאס געוואָרן דאָס אַלץ און אויך די פּאָלקע, איז ער געקומען קיין ישׂראל. האָט זיך באַוויזן ביי אונדז, אַ שיינער ווי געווען, אַ פולערער אַ ביסל. מיר האָבן זיך מיט אים דערפרייט. נאָך דעם גרויסן חורבן איז מען דאָך געוואָרן נענטער איינער צום צווייטן. ווען מען האָט צום ערשטן מאָל באַגעגנט, האָט מען אויפגענומען ווי אַ ברודער. אין ישׂראל האָט ער קיין אָפיציר־פּאָסטן נישט געקענט האָבן צו באַקומען און מיט פריזירערייַ האָט אים נישט געפּאַסט זיך צו פאַרנעמען. איז ער אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע און קאַנאַדע, וווּ עס האָבן געוווינט זיינע דריי שוועסטער, אָפּגעראַטעוועטע פון היטלעריסטישן גיהנום.

אונדזער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט

מיר קערן זיך אום צו די דרייסיקער יאָרן.

צו ביסלעך איז דער פּראָפעסיאָנעלער פּאַראיין געוואָרן אויך אַ פּאָליטישע באַזע פון דער קראָסניסטאַווער אַרבעטער־יוגנט. איינער אַ יוגנטלעכער, עזריאל האָכבוים, פון אַן אָרעמער סוחרישער שטוב, האָט באַשלאָסן זיך לערנען אַ מלאָכה, און דווקא אויסגעקליבן צו ווערן אַ גאַרבער. דאָס איז נישט אָנגעשטאַנען זיינע פרומע עלטערן. ערשטנס האָבן זיי נישט געוואָלט, אַז זייער זון זאָל ווערן אַ בעל־מלאָכה און דערצו — אַ גאַרבער, וואָס איז געווען כמעט גלייך ווי צו ווערן אַ שוסטער. ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז ער אַוועק ווערן אַן אַרבעטער מיטן ציל צו קענען פירן צווישן דער אַרבעטער־יוגנט אַ פּאָליטישע טעטיקייט. געקומען איז ער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. איך ווייס נישט, צי מיטן אָנשליסן זיך צו אונדזער פּראָפעסיאָנעלן פּאַראיין, האָט עזריאל אויסגעפירט אַ שליחות פון אַ לינקער פּאָליטישער פּאַרטיי. איך גלייב, אַז דורכן פּאַראיין און זיינע מיטגלידער האָט ער געזוכט אַ וועג זיך איינצוגלידערן אין דער לינקער אַרבעטער־באַוועגונג. מעגלעך, אַז אין פּאַראיין זענען געווען עטלעכע עלטערע חברים, וועלכע האָבן שוין אָנגעהערט צו דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אמת, דאָס זענען געווען מענטשן, ביי וועלכע די פּאָליטישע אידעען זענען נישט געווען אויסגעקריסטאַליזירט. אויף צו אָרגאַניזירן אַנדערע זענען זייערע קענטעניש נישט געווען גענוג. עזריאלס דערשיינען צווישן די אַרבעטער אין פּאַראיין און אין דער ביבליאָטעק האָט אַריינגעברענגט לעבן. עפּעס אַ קליינקייט: איינער פון שטאָט, פון בירגערלעכן און סוחרישן שטאַנד, פון די ציוניסטישע רייען, קומט אויף דער „גראַבליע”, הייבט זיך אָן חברן מיט די פּשוטע אַרבעטער, ווערט אַן אָפטער גאַסט אין די אַרבעטער־היימען!

די אַרבעטער וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום פּראָפעסיאָנעלן פּאַראיין, זענען, נאַטירלעך, געווען לינק געשטימט. מען האָט גערעדט קעגן דער בורזשואַזיע און קעגן די קאַפּיטאַליסטן. דעם אמת געזאָגט, זענען ביי אונדז אין שטאָט קיין קאַפּיטאַליסטן כמעט נישט געווען. נישט געווען ביי אונדז קיין אינדוסטריע אָדער גרעסערע אונטערנעמונגען. ס'איז אָבער געווען גענוג, אַז איינער איז געווען אַ פאַרמעגלעכער סוחר אָדער אַ בעל־מלאָכה, וואָס האָט

באַשעפטיקט צוויי—דריי אַרבעטער און האָט געהאַט פּרנסה. ריכטיקער גע־זאָגט, האָט נישט געליטן פון מאַנגל אין פּרנסה, און די האָבן שוין אויסגעזען אין די אויגן פון די אַרבעטער ווי בורזשויען און קאַפּיטאַליסטן. אויף זייער חשבון האָט מען גערעדט, אַז נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע וועט מען זיך מיט זיי אָפּרעכענען, ווי אין סאָוועט־רוסלאַנד. אַ טייל אַרבעטער, די מער אויפגעקלערטע, האָבן דאָס אַרויסגעזאָגט אין שפּאַס. עס זענען אָבער געווען אַזעלכע, וואָס האָבן דאָס געמיינט ערנסט. עזריאל האָט זיך נישט שטאַרק אַנטקעגנגעשטעלט די אַלע מיינונגען, כאָטש איך בין זיכער, אַז פאַר אים האָט דאָס אויסגעזען פּרימיטיוו. דער עיקר, די אַרבעטער זאָלן וויסן, אַז מען מוז קעמפן קעגן די זאַטע, און די קעמפּערס דאַרפן זיין די הונגעריקע...

עזריאל האָט אויסגעברייטערט די קולטור־טעטיקייט אין אונדזער פאַר־איין, האָט איינגעאָרדנט אָפטע פאָרלעזונגען און קעסטל־אָוונטן, ווו די אַרבע־טער וואָס האָבן געקענט שרייבן, פלעגן שריפטלעך שטעלן פראַגעס, און די וואָס האָבן נישט געקענט שרייבן, האָבן געפרעגט מינדלעך. עזריאל פלעגט פאַרענטפערן די קשיות, זיך שטיצנדיק אויף מאַרקסן און ענגעלסן, בעיקר אויף לענינען און אַנדערע קאָמוניסטישע גדולים. ער האָט גערעדט וועגן דער גערעכטיקייט פון די קאָמוניסטישע און אומגערעכטיקייט פון די סאָציאַ־ליסטישע אידעען און פירערס. די אַרבעטער האָבן געשלונגען זיינע אויפ־קלערונגען, ווייל ער האָט גערעדט מיט איבערצייגונג־קראַפט, ווי קיין אַנ־דערער חבר פון פאַראיין.

די פּוילישע פּאָליציי האָט גענומען זיך אינטערעסירן מיט דעם, וואָס עס טוט זיך צווישן די ווענט, ווו עס קומט זיך צונויף די אַרבעטער־יוגנט פון דער „גראַבליע”. אויף פאַרן דערשיינען פון עזריאלן פלעגט עמעצער פון דער פּאָליציי פון צייט צו צייט אַריינשמעקן ביי אונדז, אָבער איצט האָבן די וויזיטן גענומען ווערן אָפטער. דאָס נאָכפרעגן זיך און פאָרשן וועגן וואָס מען רעדט און וואָסערע ביכער עס געפינען זיך אין ביבליאָטעק, האָט אַפילו גענומען שטערן אונדזער טעטיקייט. חברים, אין דער ערשטער ריי די מייד־לעך, האָבן זיך דערשראָקן און זעלטענער באַזוכט דעם לאָקאַל, ווייל זייערע עלטערן האָבן פאַרווערט אַריינצוקומען אין אַן אָרט, ווו די פּאָליציי איז אַן אָפטער גאַסט.

זעט אויס, אַז עזריאל האָט שוין אַ טייל פון די אַרבעטער געהאַט אַריינ־

געצויגן אין דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג. די זאַך איז נישט געבליבן פאַרהוילן פון די מאַכט־אָרגאַנען, און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן רדיפות. מען האָט גענומען נאָכקוקן, נאָכפאָרשן עזריאלן. אויך ביי די עלטערן איז אויפגעקומען דער חשד, אַז ער פירט אַראָפּ זייערע קינדער פון דרך־הישר, ווייל דאָס אויפפירן זיך פון דער „גראַבליע״־יוגנט אין די הימען האָט זיך געענדערט. מען האָט אָנגעהויבן אָפּנאַרן די עלטערן מיטן דאַווענען. אין פאַראיין האָט מען אויפגעהאַנגען אַ גרויסן לאָזונג מיט דער אויפשריפט: „רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק״. פאַרשטענדלעך, אַז עזריאל האָט אויף זיינע פאָרלעזונגען אויפגעקלערט, וואָס דאָס מיינט. און דאָס איז דערגאַנגען צו פרומע טאַטע־מאַמעס. און כאָטש דער גרעסטער טייל האָט נישט פאַרשטאַנען דעם באַטייט פון די ווערטער, ווייל ס׳איז געווען פאַר זיי שווערער ווי תרגום־לשון, האָבן זיי געפילט אַז קיין גוטע זאַך איז דאָס נישט. די סימפּאַטיע פון די אָרעמע עלטערן צו עזריאלן האָט זיך גענומען אָפּקילן.

איך און אַנדערע יוגנטלעכע זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אומלעגאַלער אַרבעט. אין אָנהייב האָט מען אויף אונדז נישט אַרויפגעלייגט קיין שווערע פליכטן. מען האָט אונדז, פיר־פינף חברים, גענומען אויף אַ שפּאַציר, זומער — אין אַ גאָרטן אָדער אין אַ סאָד. ווינטער — אין אַ פּריוואַטער שטוב, ווו מען האָט געהאַט צוטרוי צו די בעלי־בתים. עזריאל אָדער אַן אַנדערער חבר, אַן עלטערער פון אונדז, האָט געגעבן אויפקלערונגען וועגן די צילן און אויפגאַבעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון דער קאָמוניסטישער יוגנט. עס האָט געהייסן, אַז מיר דאַרפן צוגרייטן די אַרבעטער אין פּוילן, זיי זאָלן זיין גרייט, ווען עס וועט קומען די שעה דורכצופירן די סאָציאַלע איבערקערעניש אין גייסט פון דער גרויסער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין סאָוועט־רוסלאַנד, אָנגעפירט פון לענין און סטאַלין.

ווען איך בין יונג געווען, האָט דאָס אַלץ אויסגעזען אַזוי פּשוט און פאַרשטענדלעך. מען האָט אין רוסלאַנד געשאַפן אַ גן־עדן פאַר די אַרבעטער און אָט דעם גן־עדן דאַרף מען אויסשפּרייטן אויף דער גאַנצער וועלט. נאָר אַזוי ווי מיט איין מאָל איז דאָס שווער אָדער נישט מעגלעך צו מאַכן, מוז מען עס טאָן ביסלעכווייז. און אַזוי ווי פּוילן איז גאָר נאָענט צום סאָוועטישן גן־עדן, און די פּוילישע מאַסן זענען פאַראָרעמט און פאַרשקלאַפט צו דער פּוילישער בורזשואַזיע און אונטערדריקט פון האַלב־פאַשיסטישן רעזשים,

דאַרפֿן מיר זיין פֿון די ערשטע נאָכצוטאָן דעםביישפּיל פֿון די רוסישע אַרבעטער און פּויערים...

מיר האָבן נישט לאַנג געדאַרפֿט וואַרטן אויף זיך צו איבערצייגן, אַז די „אָרעמע פּוילישע מאַסן״ זענען געווען „רייך״ אין פֿאַרגלייך מיט דער אָרעמקייט, אויף וועלכער מיר האָבן זיך אָנגעטראָפֿן אין סאָוועט־רוסלאַנד, אַנקומענדיק אַהין, נאָך דעם ווי די היטלעריסטישע האָרדעס האָבן פֿאַרפּלייצט פּוילן. מיר האָבן אויך געזען, אַז די אונטערדריקטע מאַסן אין פּוילן, וועלכע זענען טאַקע געווען אונטערדריקט, האָט מען געקענט באַטראַכטן, ווי פֿרייע בירגער אין פֿאַרגלייך מיט דער מוראַדיקער אונטערדריקונג פֿון די מענטשן אין סאָוועט־רוסלאַנד, אין דער צייט פֿון סטאַלינס הערשאַפֿט.

די עטלעכע אָנפֿירנדיקע חברים האָבן זיך פֿאַרנומען נישט נאָר מיטן אָרגאַניזירן די יוגנטלעכע. זיי האָבן אויסגעפֿירט פֿאַרשידענע טעכנישע אַרבעטן: אויסגעקלעפּט פּלאַקאַטן מיט קאָמוניסטישע לאָזונגען און אויך אויסגעהאָנגען רויטע פֿענדלעך. אין יעדן רויטן פֿענדל אָדער אויפֿרוף וואָס מען האָט געפֿונען אין דער פֿרי אין שטאָט, האָט די לינק־געשטימטע יוגנט געזען אַ טראָט נענטער צו דער רעוואָלוציע...

די פּאָליציי איז אַרויס פֿון די כּלים. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן רדיפֿות און אַרעסטן, אָבער זעלטן איז דער פּאָליציי געלונגען צו באַווייזן, ווער עס האָט די אַרבעט דורכגעפֿירט. פֿאַר יעדן „פּראָלעטאַרישן יום־טובֿ״ פֿלעגט די פּאָליציי אַריינפֿאַלן אין לאָקאַל פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין און דורכפֿירן רעוויזיעס: צעוואָרפֿן אַלץ וואָס עס איז זיי געקומען אונטער די הענט, זוכנדיק קאָמפּראָמיטירנדיקע מאַטעריאַלן. דאָס זעלבע האָבן זיי געטאָן ביי די אָנפֿירנדיקע חברים אין די היימען.

איך און דער ברודער זענען געווען פֿון די, וועמען די שטאָטישע פּאָליציי האָט חושד געווען אין אָנגעהערן צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אין אויספֿירן פֿאַרשידענע אירע שליחותן. כ׳האָב שוין דערמאָנט אַז מיין ברודער האָט קיין מאָל נישט אָנגעהערט צו קיין שום אומלעגאַלער פּאַרטיי, העכסטנס האָט ער געזאַמלט געלט פֿאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע, און דאָס האָבן געטאָן אויך ליבעראַל געשטימטע מענטשן, נישט אומבאַדינגט קאָמוניסטן. אמת, פֿאַר דער פּאָליציי זענען אַזעלכע אויך געוואָרן פֿאַררעכנט פֿאַר קאָמוניסטן, כאָטש קיין פּראָצעס האָט מען קעגן זיי נישט פֿאַרפֿירט, אָבער די וואָס האָבן

געזאַמלט געלט, האָט מען יאָ געשטעלט פאַר אַ געריכט און פאַרמישפּעט אויף תּפיסה.

נישט איין מאָל האָבן די פּאָליציי־לייט נאָך דער רעוויזיע מיך מיטן ברודער מיטגענומען אין פּאָליציי־צענטער און פאַרהאַלטן אויף 48 שעה. די עלטערן און די שוועסטער האָבן שטאַרק געליטן דערפון. פלעגט אויס־קומען, אַז מען האָט אונדז פאַרהאַלטן אין אַרעסט שבת אָדער יום־טוב, איז אין שטוב געווען גאָר נישט יום־טובדיק. די מאַמע האָט געוויינט, דער טאַטע האָט געליטן אויך פון דער בושה פאַר די שטאָטישע בעלי־בתים און פאַרן רב. די עלטערן זענען געוואָרן גרוי און אַלט, און ס'איז געווען אַ ביטערער רחמנות אויף זיי. אָבער די רעוואָלוציע, האָט זיך נישט געוואָלט רעכענען מיט קיין סענטימענטן, אַזוי האָט מען אונדז געלערנט... מיט דער גאַנצער אויסערגעוויינטלעכער ליבע, וואָס מיר האָבן געפילט צו אונדזערע עלטערן, זענען מיר נישט געווען גרייט מוותּר צו זיין אויף אונדזער טעטיקייט. מיין געליבט מיידל האָט אויך געגנוג געליטן פון דעם, וואָס מען אַרעסטירט מיך ביי יעדער געלעגנהייט. זי האָט זיך אָבער געשעמט מיר צו זאָגן, אַז זי איז נישט מסכּים מיט מיין וועג, ווייל זי אַליין האָט געהאַט אַ געוויסע סימפּאַטיע צו דער לינקער באַוועגונג.

פּאָליציי־לייט וואָס פלעגן קויפן פלייש ביי הינדעס מאַמען, פלעגן איר זאָגן: „אַבראַמאָוואַ" (אין פּויליש רופט מען אַזוי אַ פרוי, וואָס איר מאַן הייסט אַברהם), מאַך וואָס גיכער חתונה דיין טאָכטער מיט מרדכי פּוטערמאַן (זיי האָבן אַלץ געגנוי געוווּסט...), וועט ער נעמען דעם טלית און גיין אין בית־המדרש, פּונקט ווי אַלע אַנדערע פון זיינע עלטערע חברים, וואָס האָבן פאַר אים און גלייך מיט אים זיך פאַרנומען מיט דער זעלבער נישט שיינער אַרבעט"... אין אַ סך פאַלן האָט דאָס טאַקע געשטימט. נאָך דער חתונה האָבן אַ סך חברים פאַרלאָזט דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין און אַפילו אויך די ביבליאָטעק, און געוויס די אומלעגאַלע טעטיקייט. זיי האָבן טאַקע גענומען די טליתים און געגאַנגען, ווינציקסטנס שבת און יום־טוב, אין בית־המדרש אַריין. פאַר דער פּאָליציי איז דאָס געווען אַ באַווייז, אַז מען איז צוריק אַרויף אויפן דרך־הישר.

עזריאל האָט געמוזט אַנטלויפן פון דער פּאָליציי, וואָס האָט אים געזוכט צו אַרעסטירן. ער איז אַוועק קיין לובלין און דאָרטן געווען אַ שטיקל צייט

אומלעגאַל. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ מיידל פון אַ פּראָלעטאַרישער, לינק־געשטימטער משפּחה. אַ טייל פון דער משפּחה איז געווען טעטיק ביי די „לינקע פּועלי־ציון" און אַ טייל — ביי די קאָמוניסטן. זייענדיק אומלעגאַל האָט עזריאל אָנגעהאַלטן אַ שטיקל קאָנטאַקט מיט די קראַסניסטאַווער אַרבע־טער. מען האָט געזאָגט, אַז אין לובלין שפּילט ער אַן אָנפירנדיקע ראָלע אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער איז אָבער אין גיכן אַרעסטירט און פאַר־מישפּט געוואָרן אויף אַ סך יאָרן תפיסה.

מיין פּאָליטישע אַנטווישונג

נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, אין יאָר 1933, האָט די רעאַקציע אין פּוילן אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אויך פריִער איז דאָ דער רעזשים נישט געווען צו ליבעראַל, אָבער איצט האָבן זיך געשטאַרקט די רדיפות קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג, — נישט נאָר קעגן די קאָמוניסטן, נאָר אויך קעגן די סאָציאַליסטן, פון וועמענס רייען דער פּוילישער פירער פּילסודסקי אַליין האָט געשטאַמט, און דורך זיי געקומען צו דער מאַכט. נאָך זיין טויט האָט אין פּוילן געהערשט אַ כמעט פאַשיסטישער רעזשים, וואָס האָט סימפּאַטיזירט מיט די אידעען פון מוסאָליניִן אין איטאַליע און פון היטלערן אין דייטשלאַנד, נישט פאַרויסזעענדיק, אַז דאָס פּוילישע פאָלק וועט באַצאָלן אַ טייערן פּרייז פאַר היטלערס פּלענער. דעם טייערסטן און העכסטן בלוט־פּרייז האָט אָבער באַצאָלט אונדזער פאָלק. ווען היטלער האָט אַלץ געטאָן צו פאַרשטאַרקן דעם אַנטיסעמיטיזם, איז די שׂינאה פון די פּאָליאַקן צו די דריי מיליאָן פּוילישע ייִדן שטאַרק געוואַקסן און פאַרשלעפּערט די וואַכזאַמקייט פון פּוילישן פאָלק צו דער סכנה, וואָס דראָט אים פון היטלער־דייטשלאַנד. מען האָט אַריינגע־וואָרפן אין די טורמעס אַלע, וואָס זענען געווען קעגן דער רעגירונג, אין דער ערשטער ריי די לינק־געשטימטע עלעמענטן. מען האָט זיך באַנוצט מיט די געמיינסטע פּראָוואָקאַטאָרן און אַלץ געטאָן, עס זאָלן נישט בלייבן אויף דער פריי קעגנערס פון רעזשים.

אין צווישן זענען פאָרגעקומען געשעענישן וואָס האָבן מיר געגעבן אַ שטויס נאָכצוטראַכטן, צי מיין קאָמוניסטישע אָריענטאַציע איז אַ ריכטיקע. פון ציוניזם בין איך געווען ווייט, פּונקט ווי אַלע מיינע חברים. מיין טאַטע

האָט גערעדט וועגן ציון מיט גרויס ליבשאַפט, אָבער בלויז אין איינקלאַנג מיט דער ייִדישער תורה, מיט די תפילות „ומפני חטאינו גלינו מארצנו", „ובא לציון גואל" און נאָך אַנדערע תפילות, וואָס האָבן געבראַכן ייִדישע הערצער און אויך אָנגעפילט זיי מיט האָפענונג אויף משיחן...

אַליין אַ געקומענער פון די ציוניסטישע רייזן, האָט עזריאל געוווּסט וועגן די פאַרהעלטענישן צווישן די אַראַבער, די ייִדן און ענגלענדער. ער האָט געפירט אַן אַגיטאַציע קעגן ציוניזם און באַוויזן באותות ומופתים, אַז דאָס איז אַן אוטאָפּיע, ווייל ס'איז נישט געמאָלט, מיר זאָלן אַרויסטרייבן די אַראַבער פון ארץ־ישׂראל און זיך באַזעצן אויף זייער פּלאַץ. מיר דאַרפן בלייבן אין פּוילן, אויסקעמפן פאַר זיך אַ לעבן ווי ייִדן און ווי מענטשן.

די ציוניסטישע צייטונגען „היינט" און „מאָמענט" פלעג איך לייענען צופעליק. דער טאַטע איז נישט געווען קיין גרויסער אָנהענגער פון די צײַ־טונגען. ער האָט געזען אין זיי אַפּיקורסות. איך פלעג לייענען מיט אַנדערע חברים בשותפות די בונדישע „פאָלקס־צייטונג", כאָטש מיר זענען געווען ווייט פון "בונד". ביי אונדז אין שטאָט האָט איבערהויפּט נישט עקסיסטירט קיין בונדישע אָרגאַניזאַציע, אָבער דאָך איז דאָס געווען אַן אַרבעטער־צייטונג, וועלכע האָט געקעמפט קעגן ציוניזם, נישט ווייניקער ווי די קאָמו־ניסטן. ווען עס איז אַ געוויסע צייט אַרויסגעגאַנגען אין וואַרשע די ייִדישע צייטונג „פריינד", אַרויסגעגעבן דורך אַלטער קאַציזנע, וואָס איז געווען נאָענט צו די לינקע קרייזן, פלעגן מיר, עטלעכע חברים, זי לייענען. די צײַ־טונג איז אָבער גיך פאַרמאַכט געוואָרן דורך דער פּאָליציי. אַזוי אַרום איז די „פאָלקס־צייטונג" געבליבן אונדזער אינפאָרמאַטאָר און דערציִער. די „פאָלקס־צייטונג" האָט אָפט קריטיקירט און געטאַדלט דעם דיקטאַטאָרישן רעזשים אין ראַטן־סאַרבאַנד, און כאָטש מען האָט אונדז דערצויגן נישט צו גלייבן אין קיין שום קריטיק וועגן דער „איינציקער אין דער וועלט אַרבעטער־מדינה", האָב איך אין אַ שמועס מיט חברים אַרויסגעזאָגט אַ פּאָר קריטישע באַמערקונגען. ווען דאָס איז דערגאַנגען צו עזריאלן, האָט ער מיר גענומען פאַרוואַרפן, אַז איך בין באַגאַנגען אַ גרויסע „עבירה" און אַז מען טאָר אַזוי נישט רעדן, און אויב ער וועט הערן פון מיר נאָך אַ מאָל אַזעלכע רייד, וועט ער מיך שטעלן פאַר אַ געריכט פון דער פּאַרטיי...

איך האָב גענומען נאָכטראַכטן, צי מיין וועג איז אַ ריכטיקער. פון איין

זייט שרייען מיר, אַז די גאַנצע וועלט טויג נישט, און פון דער צווייטער זייט מוזן מיר שרייען אויף אַלץ וואָס קומט פאַר דאָרטן, אַז ס'איז גוט און ווויל. איך האָב אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז ס'איז נישטאָ פון איין זייט בלויז שוואַרץ און פון דער צווייטער זייט בלויז לייכטנדיק און שיין.

אַ צווייטע געשעעניש האָט מיר געגעבן אַן ענדגילטיקן שטויס זיך צו דערווייטערן פון דער קאָמוניסטישער אידעע. אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן איז אַ זאַמאָשטשער בחור, ירחמיאל גלאַנץ, אַנטלאָפן פון דער פּוילישער פּאָליציי, וועלכע האָט אים געוואָלט אַרעסטירן און אַריינפּאַקן אין תּפיסה פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט. די פּאַרטיי האָט אים איבערגעשיקט אומלעגאַל קיין סאָוועט־רוסלאַנד. זיין כּלה איז געווען אונדזערע אַ חברטע, פרידע בלאָשטיין. נאָכן אָפּזיין דאָרטן אַ פּאָר יאָר, האָט ירחמיאל באַוויזן אַריבערצונעמען צו זיך זיין כּלה אויף אַ לעגאַלן אופן. זי איז געווען איבערגליקלעך, און מיר אַלע האָבן זי פּשוט מקנא געווען. זי איז געווען אַן אָרעם מיידל פון דער „גראָבליע", אַ שניידערין. צו דער פּאַרטיי האָט זי נישט אָנגעהערט, אָבער געווען אירע אַ סימפּאַטיקערין, געווען טעטיק אין פּראָפּעסיאָנעלן פאַראיין און אין דער ביבליאָטעק. און דווקא זי האָט געטראָפן „דאָס גרויסע גליק" — גלייך אין סאָוועטישן גן־עדן אַריין!

די ערשטע צייט האָט זי געשריבן בריוו צו איר בעסטער חברטע, רחל פרידמאַן, אַ הייסע אָנהענגערין פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מיר זענען מיט רחלען געווען נאָענטע חברים. (הייַנט לעבט זי אין וווּראָצלאַוו, פּוילן, מיט איר מאַן לייזער שוכהענדלער, כּאָטש איר גאַנצע משפּחה — שוועסטער און ברידער מיט זייערע פאַמיליעס — האָבן פאַרלאָזט פּוילן און אַ טייל פון זיי האָט זיך באַזעצט אין ישׂראל, אַ טייל — אין אויסטראַליע. אויך רחלס און לייזערס אַ זון מיט זיין פאַמיליע האָבן זיך באַזעצט אין אויסטראַליע. זייערע אַ טאָכטער מיט איר פאַמיליע האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן פּוילן, דעריבער איז אויך רחל מיט איר מאַן פאַרבליבן דאָרטן. רחל מיט לייזערן האָבן צוויי מאָל באַזוכט ישׂראל און ביטער געוויינט, וואָס זיי מוזן זייער לעבן אויסלעבן צווישן פרעמדע. אין זייערע בריוו שרייבן זיי מיט פאַרשטעלטע ווערטער וועגן די גרויסע אַנטוישונגען אין לעבן. זיי זענען ביידע קראַנק. זייער לעבנסלענגלעכע פּענסיע אין פּוילן מאַכט נישט גליקלעך.)

אין די דרייסיקער יאָרן, ווען אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבן זיך געפירט די

גרויסע פּראָצעסן קעגן די וויכטיקסטע פירערס פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, וועלכע מען האָט באַשולדיקט אין פאַרראַט און אין שפּיאָנאַזש און אין אַנדערע שוידערלעכע מעשׂים קעגן דער סאָוועטן־מאַכט, האָבן זיך געפירט שטאַרקע וויכּוחים אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט. אַפילו קאָמוניסטיש געשטימטע אַרבעטער האָבן גענומען צווייפלען אין אמת פון די באַשולדיקונגען, כאָטש די באַשולדיקטע האָבן זיך „אַליין" מודה געווען. איך בין געווען צווישן די, וואָס האָבן נישט געגלייבט אין די פּראָצעסן, און געזאָגט, אַז אויב די באַשולדיקונגען זענען אמתע, איז עס אַ סימן, אַז די גרעסטע פירערס פון דער רעוואָלוציע האָבן זיך אַנטוישט און איינגעזען, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ פעלער סיי מיט דער רעוואָלוציע, סיי מיט דער איינגעפירטער סאָוועטישער אָרדענונג. און טאָמער זענען די באַשולדיקונגען פאַבריצירט (און דאָס איז טאַקע געווען מיין מיינונג), איז עס אַ סימן, אַז די איצטיקע פירערס פון דער סאָוועטן־מדינה האָבן דורך אַ שרעקלעכן טעראָר באַוויזן צו בלייבן ביי דער מאַכט, אַריינוואַרפנדיק זייערע חברים אין די תּפיסות און דערשיסנדיק די אַנפירערס פון דער רעוואָלוציע.

היות רחל פרידמאַן איז געשטאַנען אין שריפטלעכן קאָנטאַקט מיט פריידען אין מאָסקווע, האָט מען באַשלאָסן איר אָנצושרייבן אַ בריוו און פרעגן, וואָס עס קומט דאָרטן פאָר. פאַרשטענדלעך, אַז קיינער האָט נישט געטראַכט וועגן די שרעקלעכע קאָנסעקווענצן פאַר פריידען מיט איר מאַן, וועלכע אַזאַ בריוו קען מיט זיך ברענגען. באַלד נאָך דעם ווי פריידע האָט אונדזער בריוו באַקומען, האָט זי געענטפערט מיט אַ קאַרטל. געשריבן געציילטע שורות: אַלץ איז אמת, זיי, די געמישפּטע זענען שפּיאָנען און פאַררעטערס, עס קומט זיי דאָס ערגסטע, און זי בעט, מען זאָל אין די וויטערדיקע בריוו מער די פראַגע נישט באַרירן, אין קעגנפאַל וועט זי נישט ענטפערן אויף די בריוו. מיר האָבן זיך געשעמט צו קוקן אין די אויגן איינער דעם צווייטן, געפילט, אַז עס קומט פאָר אין סאָוועט־רוסלאַנד עפּעס שרעקלעכס. נאָכן איבערלייענען דאָס קאַרטל זענען מיר זיך צעגאַנגען יעדערער אין זיין זייט, די גאָר פאַרעקשנטע — אויף זייער אַלטן און פאַלשן וועג. איך אָבער האָב אָנגעהויבן שטעלן טריט אין אַ נייער ריכטונג, נישט וויסנדיק וווהין עס וועט מיך דערפירן. אַ פולשטענדיק אַנטוישטער האָב איך איבערגעריסן מיט דער קאָמוניסטישער וועלט.

איך שרייב דאָס אַלץ נישט ווייל איך וויל אויסדריקן חרטה אויף מיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין די יוגנט־יאָרן. איך קען זאָגן דאָס פאַר־קערטע: איך האָב געגלייבט אין אַן אידעע, וועלכע האָט געשטרעבט צו גלייכהייט און ברידערלעכקייט, אָפּשאַפן פאַרשקלאַפונג און אונטערדריקונג פון איין מענטש צום צווייטן. מיט איין וואָרט, שאַפן אַ שענערע און גערעכ־טערע וועלט. וואָס קען נאָך זיין נאָבעלער און איידעלער פון דעם? מיליאָנען האָבן געגלייבט, און אַ סך פון זיי האָבן זיך אַנטוישט. אין מיין סביבה האָבן כמעט אַלע זיך אָנגעכאַפּט אין דער קאָמוניסטישער אידעע. די וואָס זענען נישט מיטגעגאַנגען, האָבן זיך נישט אָנגעשלאָסן אין קיין אַנדערע באַוועג־גונגען און זענען געבליבן געזעלשאַפטלעך פּאַסיוו. איך האָב אַזוי נישט געקענט טאָן. עד־היום פילט מיך אָן מיט אַ געוויסן שטאָלץ דער פאַקט, וואָס איך האָב עפּעס געפּרוווט טאָן פאַר די קראַסניסטאַווער אַרבעטער, זייענדיק זיכער, אַז דאָס וואָס איך טו, ברענגט זיי נוצן.

וואָס ערלעכער איך האָב געגלייבט אין דער גרויסקייט פון דער קאָמו־ניסטישער אידעע, אַלץ גרעסער איז געווען מיין אַנטוישונג. אַז איך קוק אויף צוריק, איז מיר אַ ביסל שווער צו באַנעמען, ווי אַזוי איך האָב עטלעכע יאָר געקענט אָנגעהערן צו אַ באַוועגונג, וואָס האָט פאַרלאַנגט בלינדע געהאָרכי־קייט, און איך האָב קיין מאָל נישט ליב געהאַט אויסצופירן בלינדערהייט יענעמס אָנווייזונגען. אמת, איך בין קיין מאָל נישט געווען לחלוטין איבער־צייגט, אַז אַלץ וואָס איך טראַכט און טו, איז פולשטענדיק ריכטיק. כ'האָב שטענדיק געהאַלטן, אַז גערעכטיקייט איז פאַראַן אויך ביי אַנדערע. און טאַקע דאָס שטימט נישט מיטן קאָמוניסטישן דענקען און דער קאָמוניסטישער דאָקטרין. ווי נאָר איך האָב מיך אָנגעטראָפן אויף דעם פאַקט, אַז מען האָט מיר געהייסן זאָגן „אָמן" צו ענינים און געדאַנקען, וואָס זענען מיר געווען פרעמד, האָב איך מיך אָפּגעטראָגן.

אין די יאָרן פון מיין זיין אין רוסלאַנד בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט אונדזער חברטע פריידע בלאָשטיין, וועלכע איך האָב פריִער דערמאָנט, באַקומען דורך עמעצן מיין אַדרעס און מיר אָנגעשריבן אַ גרויסן בריוו, נישט אָנגעבנדיק דעם צוריק־אַדרעס. דער בריוו איז געווען געשריבן נישט מיט קיין טינט, נאָר מיט טרערן און מיט בלוט פון האַרץ. אַזוי טאַקע האָט זי זיך אויסגעדריקט. אין אים האָט זי אויסגעדערציילט אַלץ, וואָס מיט איר

איז געשען נאָך דעם ווי זי האָט אונדז געשיקט דאָס דערמאָנטע קאַרטל און פון ווען אָן מיר האָבן מער נישט געהערט פון איר. דער מאַן אירער, ירחמיאל גלאַנץ, דער געטרייער קאָמוניסט וואָס איז אַנטלאָפן פון דער פּוילישער פּאָ־ליציי, ווייל אים האָט געדראָט תּפיסה, איז אַרעסטירט געוואָרן דורך דער נ.ק.וו.ד. און פאַרמישפּט געוואָרן אויף צען יאָר פאַרשיקונג. זי, פריידען מיט איר קליין קינד, האָט מען אַרויסגעוואָרפן פון דער דירה, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ צימער מיט אַ בשותּפותדיקער קיך. זי האָט זיך אַרומגעוואַלגערט מיטן קינד, נישט האָבנדיק קיין דאַך איבערן קאָפּ. איר מאַן איז געשטאָרבן אָדער איז אומגעבראַכט געוואָרן אין סיביר, נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו פאַר־ענדיקן די צען יאָר לאַגער.

ווען איך בין איר יאָר 1964 געווען אויף אַ באַזוך ביי מיין ברודער אין מאָסקווע, האָבן מיר זיך געזען מיט פריידען. זי איז געקומען צוזאַמען מיט איר צווייטן מאַן, אַליאָשאַ, און מיט מיין ברודער, שוועגערין און קינדער מיך באַגעגענען אויפן פלי־פּלאַץ. די באַגעגעניש מיט פריידען איז געווען ענלעך צו דער באַגעגעניש מיטן ברודער — פרייד געמישט מיט אַ סך טרערן. מיך מיט הינדען און אויך מיין ברודער מיט זיין פאַמיליע האָט זי איינגעלאַדן צו זיך אַהיים, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ צימער און אַ בשותּפותדיקער קיך מיט נאָך דריי פאַמיליעס. דאָס זעלבע — די „באַקוועמלעכקייטן" און דער טעלעפאָן זענען געווען בשותּפות פאַר אַלע פיר משפּחות. זי האָט מיר געוויזן אַ דאָקומענט, אַז מען האָט רעאַבילירט איר נחמנען, און מען באַדויערט וואָס עס איז געשען... אויפשטעלן אים צוריק אויף די פיס מיט אַלע אַנדערע מיליאָנען, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אויף אַן ענלעכן אופן, האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט.

עזריאל האָט איבערגעלעבט דעם קריג אין רוסלאַנד. צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע איז ער אין יאָר 1946, מיט דער ווייט גרעסטער מערהייט פון פּוילישן ייִדנטום, אַרויסגעפאָרן פון רוסלאַנד. ער האָט גענומען פאַרווירק־לעכן זיין אידעע אין וועלכער ער האָט געגלייבט פאַרן אַריבערגיין אין קאָמוניסטישן לאַגער, די ציוניסטישע אידעע. מיט זיין משפּחה איז ער עולה געווען, זיך באַזעצט אין פּתח־תּקווה, ווו זיין ברודער, יוסף, האָט געוווינט נאָך פון פאַרן קריג. עזריאל איז אַריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי „פּועלי־ציון שמאל" און דערנאָך אין מפּ"מ. געווען טעטיק און פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען

אויף פּאָליטישע טעמעס און אויך רעפּאָרטאַזשן. צו ערשט אין דער יי׳דישער צייטונג, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן די פּאַרטיי „פּועלי־ציון שמאל" און שפּעטער אין „על המשמר" פון מפ"מ. אויף די יערלעכע אַזכּרות, וואָס מיר אָרדנען איין נאָך די׳ קדושים פון אונדזער שטאָט, אומגעבראַכטע דורך די נאַציס און זייערע באַהעלפערס, פלעגט עזריאל אַרויסטרעטן מיט אַ רעדע. ער האָט געשפּאָרט לויב־ווערטער פאַר דער סאָוועטן־מאַכט, ווייל ער האָט שוין גוט געוווּסט, וואָס זי שטעלט מיט זיך פאָר. אָבער געלויבט די „רויטע אַרמיי", וואָס האָט אַ סך בייגעטראָגן צום זיג איבער היטלער־דייטשלאַנד. אין ישׂראל איז אים, ליידער, געפאַלן דער איינציקער זון. זייענדיק אין צה"ל אַ פּאַראַשוטיסט, האָט זיך בעת מאַנעווערס נישט געעפנט זיין פּאַראַשוט און ער איז אומגעקומען. עזריאלן האָט דער פאַל מיטן זון אין גאַנצן צעבראָכן. ער איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן צו 65 יאָר. געווען איז ער אַן ערלעכער חבר און מענטש, אַן איבערגעגעבענער און געטרייער בירגער פון מדינת־ישׂראל.

נאָך דער אויסניכטערונג

כ׳וועל זיך אומקערן צו יענע יאָרן, ווען איך האָב מיך געהאַט אויס־געניכטערט פון מיין לינקן געדאַנקען־גאַנג. איך בין דעמאָלט טיילווייז געווען אַרבעטלאָז. נאָך גוט, וואָס איך האָב געקענט עסן ביי די עלטערן. מיטן אַנטאָן בין איך געווען באַזאָרגט פון מיין אַרבעט ביי די לעפּקאָוויטשעס. פון צייט צו צייט פלעג איך אָנקומען אַרבעטן ביי אַנדערע שניידערס. ביי איינעם פון זיי, יענקל קירשנבוים, אַ מיליטערישער שניידער, זייער אַ שווערער מענטש, אַן אַלטער קאַוואַליער. ער פלעגט וועלן, איך זאָל צו אים קומען אַרבעטן. נאָר כּל־זמן כ׳האָב געהאַט אַ ברירה און באַקומען אַ ביסל אַרבעט אַנדערש וווּ, בין איך צו אים נישט געגאַנגען. ער האָט אָבער פאַרלייגט אַ נעץ אויף מיר, וויסנדיק, אַז איך בין אַ גוטער בעל־מלאָכה. געצאָלט האָט ער פּינקטלעך, יעדן פרייטיק,ביים ענדיקן די אַרבעט פון דער וואָך. דאָס איז געווען אַ זעלטנהייט צווישן די אַרבעט־געבערס. ער האָט געהאַט אַן אַלטן טאַטן, אויך אַ געוועזענער שניידער, „אפרים שניידער" האָט מען אים גערופן. דעם טאַטן זיינעם האָט יענקל באַהאַנדלט נישט אַזוי גוט. פלעגט זיך וויצלען

אויף זיין חשבון, טאָמער איז אָבער דער טאַטע קראַנק געוואָרן, פלעגט ער איינלייגן וועלטן אויף צוריקצושטעלן אים אויף די פיס. אַ ספּעציעלער טיפּ פון אַ מענטשן איז געווען אָט דער „יענקל פראַזמס״, ווי מען האָט אים גערופן.

ביי נאָך אַ שניידער־מייסטער, ישׂראל קאַנער, האָב איך געאַרבעט עט־לעכע מאָל צו פּאָר חדשים. אויך ער, „סרולקאַלע קאַנער״, ווי מען האָט אים גערופן, איז געווען נישט קיין שלעכטער שניידער און זייער אַ פריילעכער מענטש. האָט ליב געהאַט צו טאַנצן און זינגען. ער פלעגט זינגען שבתדיקע זמירות מיטן ניגון פון די לעצטע פּאָפּולערע שלאָגערס, צופּאַסנדיק די ניגו־נים צו די ווערטער. געהאַט האָט ער אַ פרוי, לאה, וואָס חוץ וואָס זי האָט געפירט אַ שטוב מיט קינדערלעך, פלעגט זי זיין אַ „גבאיטע״, זאָרגנדיק פאַר הכנסת־כלה און ביקור־חולים. יעדער נויט־באַדערפטיקער האָט געפונען ביי איר אָן אָפן האַרץ. זי פלעגט טאָן אַ סך גוטס. ישׂראל איז געווען אַ קראַנקער מענטש און געשטאָרבן בעתן קריג. דריי זיינע קינדער זענען געבליבן לעבן: אַ זון, מעכל, מיט אַ טאָכטער, חיה׳לע — אין קאַנאַדע, אַ זון, אליעזר — אין ישׂראל. זיין פרוי לאה מיט נאָך פיר אָדער פינף קינדער, האָבן געטיילט דעם טראַגיטן גורל פון אַלע פּוילישע יידן. גע־אַרבעט האָב איך ביי דעם שניידער נאָר אין „שטאַרקן״ סעזאָן — ערב פּסח, ערב די אַנדערע יום־טובים און אויך פאַר די קריסטלעכע חגאות. די איבע־ריקע צייט בין איך געווען אַרבעטלאָז, פונקט ווי אַנדערע שניידער־געזעלן און אַפילו שניידער־מייסטערס.

איך האָב געהאַט גענוג צייט זיך אָפּצוגעבן מיט מיין געליבטער, הינדען, נישט נאָר אין די אָוונטן, נאָר אויך אין מיטן העלן טאָג. הינדע איז אָבער שטענדיק געווען באַשעפטיקט מיט דער בעל־הבתישקייט אין שטוב, ווו אַלץ האָט געפינקלט פון ריינקייט. ווען אַ פּאָר יאָר פאַר אונדזער חתונה זענען זיי אַריבער וווינען אין צענטער שטאָט אין אַ גרעסערער דירה, האָט עס דערגעבן הינדען אַרבעט. אויך דאָס האָדעווען די קליינע אסתרל, דער פאַרשטאָרבענער שוועסטערס קינד, איז אויך געלעגן אויף איר קאָפּ. האָט זי פאַר מיר געהאַט ווייניק צייט און דאָס האָט מיך שטאַרק געקרענקט. ס׳פלעגן אויסברעכן צווישן אונדז קלענערע און גרעסערע איבעררעדענישן. צום פייער האָבן נאָך צוגעגאָסן בוימל די חברטעס, וואָס האָבן זיך אויך באַקלאָגט, אַז הינדעלע האָט קיין מאָל נישט קיין צייט אַרויסצוגיין מיט זיי שפּאַצירן.

אַ פענצטער פון הינדעלעס נייער דירה איז אַרויסגעגאַנגען אין שטאָטישן גאָרטן. פלעג איך מיך אַוועקזעצן אויף אַ באַנק אַקעגן דעם פענצטער, האָפנדיק צו זען הינדען כאָטש דורך אים. זי האָט געוווּסט פון מיין שטאַרקער ליבע און ווי שווער מיר איז אָן איר. איך האָב מיך נישט צו פיל באַמיט דאָס אויסצובאַהאַלטן...

איך פלעג פאַרעקשנט אָפּוואַרטן די צייט, ווען הינדע פלעגט גיין צו דער מאַמען אין יאַטקע. אַ מאָל האָט זי איר צוגעטראָגן אַ טרונק, אַן אַנדערש מאָל — געגאַנגען אָפּנעמען פּראָדוקטן, וואָס די מאַמע פלעגט איינקויפן אויפן מאַרק. זי פלעגט איינשפּאָרן דער מאַמען דאָס שלעפּן צו פיל זאַכן אַהיים נאָכן אָפּאַרבעטן אַ גאַנצן טאָג. הינדע פלעגט פאַרבייגיין און אָפּט געמאַכט זיך נישט זען מיך. אַז זי איז געגאַנגען מיט דער קליינער אסתּרל, פלעגט דאָס קליינע זיך אַ ריס טאָן צו מיר. דעמאָלט האָט שוין הינדע נישט געהאַט קיין ברירה און פלעגט זיך אָפּשטעלן. אַז זי פלעגט אָבער פאַרבייגיין אַליין און זיך נישט מאַכן וועענדיק, האָב איך טיף געליטן. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער דערמאָנטער זלמן האָט אויפגעבויט צווישן מיר און איר אַ וואַנט. און אפשר האָט זי אַליין גאָר די וואַנט געבויט? מיר האָט זיך געוואָלט גלייבן, אַז דער שולדיקער איז ער און נישט זי. הינדע האָט אונדזערע ברוגזן געקענט אויסהאַלטן לענגער פון מיר. איך האָב פּשוט נישט געקענט לעבן אָן איר. די טעג וואָס מיר זענען געווען גוט, האָבן אויסגעפּילט מיין לעבן מיט פרייד. ווען איך פלעג גיין אַהיים פון איר, אַפילו שפּעט ביי נאַכט, בין איך ממש געפלויגן אין דער לופטן. כ׳פלעג נישט מורא האָבן פאַר קיינעם, אַפילו נישט פאַר די שיכּורע גויים, וואָס מען פלעגט אָנטרעפן. די שיכּורים האָבן אַרויסגעוויזן נאָך אַ גרעסערע יידן־שינאה ווי זייענדיק ניכטער. יידן פלעגן זיי וויַיכן, אַפילו ווען עס פלעגט אויסקומען אַריינצוקריכן אין אַ טיפער בלאָטע, וואָס האָט נישט אויסגעפעלט אויף דער „גראַבליע". ניט איין מאָל איז אַ שיכּור אַריינגעפאַלן אין דער דאָזיקער בלאָטע נאָכיאָגנדיק אַ יידן. מסתּמא האָט ער דעמאָלט געחלומט, דער שיכּור, אַז ער ליגט אין אַ וויַיכן איבערבעט...

אין די גליקלעכע אָוונטן, ווען אונדזער קעגנזייטיקע ליבע האָט געברענט, בין איך נישט געלאָפן פון קיינע שיכּורים. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין אין שטאַנד זיך קעגנצושטעלן יעדן איינעם, וואָס וועט וועלן זיך

פאַרטשעפּענען מיט מיר, כאָטש אין דער אמתן בין איך גאָרנישט געווען קיין העלד און האָב גאַנץ גוט מורא געהאַט אַפילו פאַר נישט קיין שיכּורע שקאָצים...

מיר האָבן חתונה

נאָך אונדזער אַרומגיין אַ שיינע פּאָר יאָר, האָט מען ביי הינדען אין שטוב גענומען רעדן: „וואָס וועט זיין דער תּכלית, מען דאַרף דאָס פּאָרל חתונה מאַכן?"

איך האָב אין די יאָרן פון פירן די ליבע נישט באַשאַטן הינדען מיט קיין מתּנות, ווי עס איז דעמאָלט געווען אָנגענומען. ווייל וואָס הייסט, מען האָט ליב אַ מיידל און מען קויפט איר נישט קיין מתּנות? דאָס מיידל האָט געדאַרפט גרייטן נדן. מען האָט קיין מאָל נישט געפרעגט, פאַר וואָס דאַרף דער בחור נישט געבן קיין נדן? דאָס זענען געווען אָנגענומענע נאָרמעס און לויט די נאָרמעס האָט מען געלעבט.

הינדע איז באַשטאַנען אויף דעם, איך זאָל מיך ווענדן צו איר מאַמען און בעטן די דערלויבעניש חתונה צו האָבן מיט איר טאָכטער, ווי ס'האָט זיך געפירט אין יענע צייטן ביי לייטישע משפּחות. איך האָב דאָס געטאָן מיט נישט קיין צו פיל דרייסטקייט. מיר האָט דאָס אויסגעזען איבעריק. פאַר דעם האָט הינדעס מאַמע געבעטן זיך טרעפן מיט מיינע עלטערן ביי זיי אין שטוב אויף „צו רעכט מאַכן דעם שידוך". אַזוי האָט דאָס דעמאָלט געהייסן, און אויך דאָס איז געווען פון די אָנגענומענע נאָרמעס. מיינע עלטערן האָבן געגעבן זייער הסכּמה. אמת, די מאַמע האָט געהאַלטן, אַז איך בין נאָך צו יונג, כאָטש איך בין שוין געווען אַ שיינע פּאָר יאָר אַריבער די „בן שמונה עשׂרה לחופּה". איך בין אַלט געווען 25 יאָר.

די הסכּמה איז געגעבן געוואָרן מיט זייער אַ שווער האַרץ, ווייל אין שטוב האָבן זיך אַרומגעדרייט צוויי עלטערע שוועסטער, נישט קיין חתונה־געהאַטע און אָן אָן אויסקוק אויף שידוכים. דער ברודער האָט שוין חתונה געהאַט מיט צוויי יאָר פריִער און אַפילו געהאַט אַ קינד. די עלטערן האָבן אויך אויסגערעכנט, אַז נאָך דער חתונה וועל איך נעמען דעם טלית און גיין אין בית־המדרש דאַווענען, פּונקט ווי ס'האָט זיך אויסגעדריקט דער פּאָליציי־אַפּיציר צו הינדעס מאַמען. אָבער איז דאָס געווען באַקאַנט אין שטאָט, ווייל

אַ סך פון אונדזערע חתונה געהאַטע חברים זענען טאַקע געוואָרן פיינע בעל־בתּימלעך און אַפילו געוואָרן פרום. מיין ברודער האָט עס נישט געטאָן און דאָס האָט פאַרשאַפט האַרצקלעמעניש די עלטערן, באַזונדערש דעם טאַטן. איך בין נאָך דער חתונה פון מאָל צו מאָל יאָ געגאַנגען דאַווענען, אויף אַ ביסל לייכטער צו מאַכן דעם פאַרדראָס פון די עלטערן. מעגלעך, אַז דאָס איז נישט געווען די איינציקע סיבה...

זייענדיק אַנטוישט אין מיינע פריִערדיקע אידעען, איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז עס האָט מיך גענומען ציִען אין שול אַריין, באַזונדערש אין די ימים־הנוראים. דעם טאַטן האָט דאָס נישט צופרידנגעשטעלט. ער האָט נישט געוווּסט פון קיין פשרות. לויט אים האָב איך געדאַרפט דאַווענען דריי מאָל אין טאָג.

איך בין אַ ביסל פאַרלאָפן אין פאַרויס די ענינים. מיר האַלטן דערווייליע נאָך פאַר אונדזער חתונה.

נאָך די יום־טובים פון יאָר 1935 האָבן מיר זיך גענומען גרייטן צו אונדזער חתונה. מיר האָבן געדונגען אין צענטער שטאָט אַ דירהלע מיט אַ געוועלב אין פראָנט, ווו איך האָב געפּלאַנט צו עפענען אַ שניידעריי. מען האָט די דירה אויסגעמאָלט און אַריינגעשטעלט מעבל. דאָס געלט אויף דעם האָט געגעבן הינדעס מאַמע פון אירע אָפּשפּאָרונגען. דאָס איז געווען דער אַזוי גערופענער „נדן". ס׳זענען אונדז נאָך געבליבן אַ פּאָר הונדערט זלאָטעס אויף הוצאות, וואָס וועלן זיך מאַכן. כ׳האָב געקויפט אַן אָפּגעניצטע ניי־מאַשין און אַנדערע נייטיקע מכשירים פאַר אַ שניידער־וואַרשטאַט. צו מיר איז צוגעשטאַנען פאַר אַ שותּף מיין ברודער, וועלכער האָט געפירט אַן אייגענעם וואַרשטאַט אויף דער „גראַבליע", אין זעלבן צימער, ווו ער האָט געוווינט מיט זיין משפּחהלע. ער האָט שוין געהאַט אַ שם פון אַ גוטן שניידער, און זיינע קונים האָבן געמוזט קומען צו אים פון שטאָט. די אָרעמע באַפעלקערונג פון דער געגנט ווו ער האָט געוווינט, האָט נישט געהאַט קיין געלט אויף צו נייען זיך גוטע מלבושים. דער ברודער האָט שוין געקענט גוט צושניידן און איך בין נאָך געווען אַן אָנהייבער.

אונדזער חתונה האָט געזאָלט פאַרקומען אָנהייב יאַנואַר 1936. דאָ האָט הינדעס משפּחה געטראָפן אַ גרויס אומגליק. דער עלטסטער ברודער, יענקל, איז פּלוצלינג שווער קראַנק געוואָרן. דער דאָקטער האָט פאַראָרדנט אַריינ־

לייגן אים אין שפיטאָל. דאָס שטאָטישע שפיטאָל האָט זיך געפונען אויפן וועג פון קראַסניסטאַוו קיין לובלין, און יענקל האָט געוווינט אין דער מיזרח־זייט פון וויעפּש, איבער אַ קילאָמעטער פון שפיטאָל. גיין מיט די אייגענע כוחות האָט ער שוין נישט געקענט, האָט מען געדונגען פערד־און־וואָגן, געמאַכט אַ ווייכן איבערבעט און אָוועקגעלייגט דעם קראַנקן. ווי נאָר מיר האָבן זיך גערירט פון אָרט, איז צוגעקומען אַ גוי, אַריינגעקוקט אין וואָגן, אָנגעקוקט דעם קראַנקן און געפרעגט מיט באַדויער: „וואָס מוטשעט איר דעם אומגליקלעכן קראַנקן? וווהין פירט איר אים? איר זעט נישט, אַז ער וועט נישט לעבן?" אויף אונדז האָט דאָס געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק, יעדערער האָט געקענט זען, אַז דער קראַנקער האַלט שמאָל, אָבער מיר, ייִדן, זענען געוווינט עס ניט אַרויסצוברענגען פון מויל און נישט צו פאַרלירן די האָפענונג, כל־זמן שהנשמה בקרבו. דערקעגן ביי די גויִים איז דאָס געווען פשוט, אַריינצוזאָגן אין פנים דאָס ערגסטע — צוויי פאַרשיידענע מענטאַליטעטן. זיי זענען צוגעגאַנגען צו אַזעלכע ענינים אַן סענטימענטן.

דאָ וויל איך איבערהאַקן מיין דערציילונג און פאַרצייכענען אַן ענלעכן פאַקט. פאַר אַ ווייכאַכט־חגא האָב איך געאַרבעט ביי אַ שניידער, אַ פּאָליאַק מיטן נאָמען זאַפּראַווע. איך בין ביי אים געווען דער איינציקער ייִד, עס האָבן ביי אים נאָך געאַרבעט עטלעכע קריסטלעכע שניידער־געזעלן, וואָס אַנדערע פון זיי האָבן גערעדט אַ גוטן ייִדיש. דאָס האָט זיי נישט געשטערט צו זיין פאַרברענטע אַנטיסעמיטן און ברייען אויף ייִדן נישט קיין געשטויגענע און נישט קיין געפלויגענע מעשׂיות. איינער פון זיי, אַ יונגער און שיינער שייגעץ האָט גענומען סדרן, אַז ייִדן האָבן געקרייזלטע האָר, ווייל זיי זענען ברודיק, זיי וואַשן נישט דעם קאָפּ און קעמען זיך קיין מאָל נישט צו. דאָס האָט מיך אויפגערעגט און כ'האָב געמאָלדן דעם מייסטער, אַז איך וויל מיט דעם ייִדן־שׂונא נישט זיצן אין דער זעלבער שטוב, און אויב ער גיט מיר נישט אַ באַזונדערן פּלאַץ צו אַרבעטן, גיי איך אַוועק. זאַפּראַווע אַליין איז אויך נישט געווען קיין גרויסער ליבהאָבער פון ייִדן, פון דעסטוועגן האָט ער מיך איינגעאָרדנט אין אַ באַזונדער צימער. כ'האָב דאָ אָפּגעאַרבעט אַ פּאָר חדשים און אַוועק. ער איז מיר שולדיק געבליבן געלט. ס'איז מיר נימאס געוואָרן צו גיין און מאָנען. אים איז אָבער נישט נימאס געוואָרן צו הייסן מיר קומען מאָרגן, איבערמאָרגן און מיר טאַקע דאָס געלט נישט באַצאָלט.

ביי אַט דעם זאַפּראָווע האָט זיך געטראָפן אַן אומגליק: זיינס אַ ייִנגל איז שווער קראַנק געוואָרן. איין מאָל האָט ער געזאָגט מיט ווייטיק, אַז זיין ייִנגל וועט נישט לעבן. אַזוי ווי עס האָט זיך דערנענטערט דער יום־טוב פון קריס־טוס־געבוירן, „באָזשע נאַראָדזעניע״, צוויי טעג חגא, איז ער אַריין צום קראַנקן ייִנגל, האָט אים אַראָפּגענומען אַ מאָס און געגעבן די קריסטלעכע געזעלן, זיי זאָלן מאַכן פאַרן ייִנגל אַן אַנצוג פון שוואַרצן שטאָף, אים אָנצוטאָן, טאָמער ער וועט שטאַרבן אום חגא, ווען מען וועט נישט אַרבעטן. מיין ייִדישער שׂכל האָט עס פּשוט נישט געקענט באַנעמען...

און איצט קערן מיר זיך אום צו הינדעס ברודער. יענקל איז געשטאָרבן אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָכן ברענגען אים אין שפּיטאָל. ער האָט איבערגעלאָזן אַן אַלמנה מיט פיר קליינע קינדער, זייענדיק אַלט עטלעכע און דרייסיק יאָר. די טראַגעדיע איז געווען גרויס. הינדעס מאַמע, צירל, האָט באַגראָבן אַ יונגן זון, נאָך דעם ווי מיט עטלעכע יאָר פריִער האָט זי קובר געווען אַ יונגע טאָכ־טער און גאָר פרי — דעם מאַן. צירל האָט געדאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזן דאָס אַלץ איבערצוטראָגן. אויך פאַר די ברידער און שוועסטער איז דאָס געווען אַ גרויסער קלאַפּ. מען איז אַוועק צום רב פרעגן, וואָס צו טאָן מיט אונדזער חתונה, וועלכע איז שוין געווען באַשטימט. דער רב האָט געפּסקנט אָפּצולייגן די חתונה ביז איבער די שלושים.

די חופּה האָבן מיר געשטעלט פּרייטיק פאַר ליכט־צינדן. פאַרשטענדלעך, צוליבן טרויער וואָס האָט געהערשט נאָך יענקלס טויט, זענען די פייערונגען פאַרגעקומען אָן כּלי־זמר. הינדע האָט געטראָגן אַ ביי העל־ראָז קלייד און האָט אויסגעזען זייער שיין, כאָטש דער טרויער איז געווען אויסגעגאָסן אויף איר פּנים. אַלע געסט האָבן זי באַוווּנדערט. אויך איך בין געווען פיין אָנגעטאָן. מסדר־קדושין איז געווען דער חזן, ר׳ ברוך פּרעכטער, אַ נאָענטער פריינד פון טאַטן (ברוך פּרעכטער האָט באַוויזן איבערצולעבן די מלחמה אין רוסלאַנד, איז געקומען קיין ישׂראל, ווו ער האָט געהאַט קינדער, וואָס זענען עולה געווען ווי חלוצים נאָך פאַרן קריג. איך האָב באַוויזן אים צו הערן דאַווענען אין בית־המדרש אין לוד, ווו ער איז געשטאָרבן אין טיפערן עלטער.)

דער רב, ר׳ אַברהמ׳לע ראָטשטיין, וואָלט באַשטימט געווען געקומען מסדר־קדושין צו זיין, ווייל אויך ער, פּונקט ווי זיין פאָטער, דער פריִערדיקער רב׳ ר׳ נפתּלי, איז געווען זייער באַפריינדט מיטן טאַטן. צוליב דעם, וואָס די

חופּה איז געשטעלט געוואָרן פרייטיק פאַר נאַכט, האָט דער רב נישט געקענט קומען. פאַר מיר און מיין כּלה האָט נישט געהאַט קיין באַטייט, צי דער רב איז אונדז מקדש, צי דער חזן, מיר זענען נישט געווען פרום און עס איז אונדז אָנגעגעמער געווען דער חזן מיט ווייניקער שטייפקייט, איידער דער רב, ביי וועמענס בייזיין אַלע האָבן געמוזט זיין אָנגעשפּאַנט.

צו דער חופּה זענען געקומען בלויז די משפּחות און נאָענטע קרובים פון די עלטערן. נאָך דער חופּה זענען זיך אַלע פונאַנדערגעגאַנגען, יעדערער אין זיין בית־המדרש מקבל שבת צו זיין און דערנאָך — צו זיך אַהיים, צו דער שבתדיקער סעודה. ביי אונדז זענען געבליבן אַ פּאָר געסט פון זאַמאָשץ, הינדעס קרובים און חברים. ביי נאַכט נאָך דער סעודה זענען זיך ווידער צוזאַמענגעקומען די געסט און מען האָט געפּראַוועט שבע־ברכות, לויטן פאַרלאַנג פון מיינע עלטערן, וואָס האָבן אָפּגעהיט, אַלץ זאָל פאָרקומען „ווי עס באַדאַרף צו זיין ביי „יידן״.

שבת אין דער פרי איז מען זיך צוזאַמענגעקומען ביי דער כּלה אין שטוב דאַווענען. מען האָט אויסגעליִען אַ ספר־תורה פון בית־המדרש. מיך האָט מען געוואָלט מכבד־זיין מיט „מפטיר״, וואָס דאָס קומט דעם חתן און עס רעכנט זיך פאַר אַ גרויסן כּבוד. איך האָב מיך אָפּגעזאָגט, נישט זייענדיק קיין גרויסער מומחה אין דעם ניגון פון דעם מפטיר און די ברכות. בכלל האָט מיר דאָס נישט אויסגעזען פון די וויכטיקע פּראָבלעמען.

נאָכן דאַווענען האָט מען געפּראַוועט אַ גרויסע סעודה. די נאָענטסטע קרובים זענען געווען קצבים. אויך מיין קוזין, מתתיהו (מאָטעס) פייגענבוים, איז געווען אַ פאַרמעגלעכער קצב. האָט מען טאַקע צוגעגרייט אַ סעודה כּיד־המלך. שבת ביי טאָג האָט מען ווידער געפּראַוועט שבע־ברכות.

די הויפּט־שימחה איז פאָרגעקומען שבת־צו־נאַכטס. דאָס איז שוין געווען אַ פריילעכער באַנקעט אָן רעליגיעזע צערעמאָניעס (אויך אָן מוזיק, צוליבן טרויער.) בייגעווען זענען בעיקר אונדזערע אַלע חברים און חברטעס, מיט וועלכע איך האָב מיטגעמאַכט די יוגנט־יאָרן און מיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. מען האָט אונדז באַגריסט אין נאָמען פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין און פון דער ביבליאָטעק, וועלכע האָבן נאָך פאָרמעל עקסיסטירט. אין נאָמען פון דער פּאַרטיי האָט מען נישט באַגריסט. איך בין שוין געווען ווייט פון איר טעטיקייט, זיך שוין גערעכנט פאַר אַן אַנטוישטן און „אַנטלאָפענעם״. מען

האָט עס אויך נישט געטאָן אויס מורא, עס זאָל נישט דערגיין צו דער פּאָליציי. ווען נישט דער טרויער וואָס האָט געשוועבט אין דער לופט, וואָלט די חתונה געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע. מיר איז איר איינדרוק געבליבן איינגעקריצט אין זכרון אויפן גאַנצן לעבן.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן פּאַר אונדז גליקלעכע טעג. ענדלעך בין איך געווען מיט מיין געליבטער הינדען. געלעבט, לויט די דעמאָלטיקע באַגריפן, אין אַ שיינער וווינונג. מיט פּרנסה איז אויך נישט געווען שלעכט. בשותּפות מיטן ברודער האָבן מיר געפירט דעם שניידער־וואַרשטאַט אין אונדזער דירה און פאַרדינט. דעם ברודערס מאַטעריעלער מצב האָט זיך פאַרבעסערט. ביי אים אין שטוב איז געוואָרן פרייילעכער — זיי האָבן שוין געהאַט אַ זונ־דעלע. אויך ביי אונדז מיט הינדען איז די לאַגע געוואָרן גוט. דערצו נאָך, ווען הינדעס מאַמע פלעגט ברענגען אין שטוב אַריין אַ שטיקל פלייש אָן געלט אָדער פאַר קלייינגעלט. הינדע פלעגט צו מאָל קאָכן אויך פאַר דער מאַמען און פאַר דער שוועסטער, און מיר פלעגן עסן צוזאַמען. אויף שבת פלעגט הינדעס מאַמע אָפּבאַקן חלות און פאַרשידענע געבעקסן און פאַרזאָרגן אויך אונדז. פון מאָל צו מאָל פלעגט אויך מיין מאַמע ברענגען פון דער היים גוטע זאַכן, וואָס זי האָט געוווּסט, אַז איך האָב דאָס ליב.

אונדזער קרייז חברים האָט, ווי פריִער, זיך געהאַלטן צוזאַמען און זיך אויסגעברייטערט, היות איך בין איצט געווען אַ שניידער מיט אַן אייגענעם ווערקשטעל. צוזאַמען מיטן ברודער בין איך געוואָרן אַריינגעצויגן אין פאַר־איין פון די האַנטווערקער, און געזעלשאַפטלעכע אַרבעט איז ווי נאַרקאָטיק: עס ציט אַריין, און אַז מען געוויינט זיך צו צו דעם, איז שווער זיך אָפּצוגע־וווינען. און דאָ זענען געווען וואַלן צו דער יידישער קהילה און צום שטאָט־ראַט, וווּ די האַנטווערקער זענען פאַרטראַטן און אפילו געווען די פירערס פון דער יידישער קהילה. די אָנפירנדיקע פערזאָנען האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז איך וועל קענען משפיע זיין אויף די מענטשן צו וועלכע איך בין געווען נאָענט בעת מיין פריִערדיקער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, און זענען אויך געוואָרן זעלבשטענדיקע בעלי־מלאָכות. איך בין געווען צופרידן, אַז אַזעלכע חשובע יידן, ווי יעקב (יענקל) שאַק און דער שטאָטישער פעלדשער און טייערער ייד, יונה מאַנדעלטאַרט, און נאָך אַנדערע האָבן געזוכט צו האָבן מיט מיר צו טאָן אין געזעלשאַפטלעכע ענינים.

איך ווער אַרעסטירט

סוף 1936 האָבן מיר געגומען וואַרטן אויף אונדזער ערשטן קינד, און אין אַפּריל 1937 איז געקומען אַן איבערבראַך אין אונדזער לעבן: מיין אַרעסט.

אַ געוויסן פרייטיק־צו־נאַכטס, גאַר שפּעט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין אונדזער טיר. אויף מיין פראַגע ווער עס קלאַפּט, האָט מען געענטפערט, אַז פּאָליציי, און איך זאָל תיכּף עפענען. עטלעכע פּאָליציי־לייט אין מונדירן און עטלעכע אין ציוויל זענען מיט אַ שטורעם אַריין אין שטוב, געמאַכט אַ שטרענגע רעוויזיע, צוגענומען אַ פּאָר בילדער, וווּ איך בין געווען פאָטאָ־גראַפירט מיט מיינע געוועזענע חברים פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. אויך עפּעס אַ לעגאַלן העפט, אַרויסגעגעבן דורך ליבעראַלע און לינק־געשטימטע פּערזענלעכקייטן. קיין שום אומלעגאַלע מאַטעריאַלן האָבן זיי נישט געפונען און אויך נישט געקענט געפינען. פון דעסטוועגן האָבן זיי מיר באַפוילן זיך אָנצוטאָן און מיטגיין „אויף אַן אויספאָרשונג".

מען האָט מיך אויף אַ פויערשן וואָגן, וואָס איז ספּעציעל מאָביליזירט געוואָרן, אָפּגעפירט קיין טאַרנעגורע, אַ דאָרף לעבן דעם שטעטל איזשביצע, אַ 10 ק״מ פון קראַסניסטאַוו. דאָרטן האָב איך שוין געטראָפן מיין ברודער און נאָך עטלעכע פון די אַמאָליקע חברים. מען האָט געהאַלטן אין ברענגען נאָך יידן, אוקראַינער און אויך פּאָליאַקן. מען האָט אַלעמען אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים צו דער וואַנט און נישט דערלויבט אויסצורעדן אַ וואָרט. ס'האָט דערמאָנט אינעם שרעקלעכן טעראָר און די אַרעסטן אין היטלער־דייטשלאַנד. קיין עסן האָט מען נישט צוגעלאָזט. ביי נאַכט האָבן זיך אָנגעהויבן די אויס־פאָרשונגען. צווישן די אויספאָרשערס זענען געווען פּאָליציי־לייט און פּאָ־ליציי־אַגענטן, וואָס בלויז ביים אָנקוקן זיי פלעגט אָפּשטאַרבן יעדער אבר — הויכע, דיקע מיט וועלפישע בליקן. בעת דער אויספאָרשונג האָבן זיי געדאַרפט אַנוואַרפן אַ מורא אויף דעם באַשולדיקטן, בכדי ער זאָל אָן אַ פיזישן דרוק זיך פרייוויליק מודה זיין. דאָס איז זיי צום טייל געלונגען. ווען זיי האָבן נישט געקענט צווינגען „פרייוויליק" זיך מודה זיין, האָט מען אָנגעווענדט קעגן אים די שרעקלעכסטע פייניקונגען.

היות אין יאָר 1937 איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין קראַסניסטאַוו און, ווי מיר שיינט אין גאַנץ פּוילן, שוין געווען צעבראָכן און פול מיט

פּראָוואָקאַטאָרן, איז דער פּאָליציי נישט שווער געווען צו דערגרייכן איר ציל. וועגן זיך קען איך זאָגן, אַז כ׳האָב באַלד פון אָנהייב געמאָלדן, אַז איך בין גרייט צו „דערציילן דעם אמת״, אָבער מען זאָל קעגן מיר נישט באַנוצן קיין פיזישע מיטלען. כ׳בין נישט געווען גרייט צו ליידן פאַר אַן אידעע, אין וועל־כער איך האָב נישט געגלייבט מער. שפּעטער בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז מיין ברודער האָט געבעטן די פּאָליציי־לייט, זיי זאָלן מיך נישט פּייניקן, ווייל איך בין אַ שוואַכער און קען חלשן. דאָס איז געווען אַ טריק פונעם ברודער, ווייל פאַקטיש בין איך קיין מאָל נישט געווען קיין חלוש, אָבער געווירקט האָט דאָס.

כ׳האָב דערציילט, אַז איך בין טאַקע געווען אַ סימפּאַטיקער פון קאָמוניזם, אָבער די פּראָצעסן אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבן מיר באַוויזן, אַז איך בין אויף אַ פאַלשן וועג און איך האָב זיך פון אים דערווייטערט. דאָס האָט צופרידנ־געשטעלט די אויספאָרשערס. היות איך האָב מיך טיילווייז מודה געווען, האָבן זיי די ווייטערדיקע פּראָגעס אָפּגעלייגט אויף דער צווייטער אויספאָרשונג. אַנדערע, און צווישן זיי מיין ברודער, זענען שרעקלעך געפּייניקט געוואָרן: מען האָט זיי אויפגעהאָנגען מיטן קאָפּ אַראָפּ און געגאָסן וואַסער אין נאָז ביזן פאַרלירן דעם באַוווּסטזיין. מען האָט זיי געשלאָגן מיט גומי־שטעקנס אויף די נאַקעטע פּאָדעשוועס און פּיאַטעס, און נאָך אַנדערע עינויים האָבן זיי געהאַט אויסצושטיין. צו דעם אַלעם האָבן די אויספאָרשערס זיך נאָך באַנוצט קעגן ברודער און די אַנדערע מיט אַן אוקראַאינישן בחור, אַ פּראָ־וואָקאַטאָר, וועגן וועלכן איך האָב שוין געגנוי דערציילט, בעתן רעדן וועגן ברודער. די פּאָליציי האָט דערגרייכט דאָס וואָס זי האָט געוואָלט. כמעט אַלע באַשולדיקטע האָבן זיך מודה געווען און דערצו נאָך „געשאָטן״ איינער אויפן צווייטן. זעט אויס, אַז די פּאָליציי האָט זיך באַנוגנט מיט איר דערפּאָלג, וואָס זי קען אַלעמען אַוועקשיקן אין תפיסה אַריין ביזן פּראָצעס, זייענדיק אויך זיכער, אַז ס׳איז פאַראַן גענוג מאַטעריאַלן פאַר די נישט שטאַרק אָביעק־טיווע ריכטערס צוצומישפּטן שווערע תפיסה־שטראָפן די באַשולדיקטע.

מיך האָט מען מער נישט געפּאָרשט און איך האָב מיר איינגעבערענגט דאָס, וואָס איך האָב נישט געדאַרפט רעדן קעגן אַנדערע מיינע חברים.

נאָך אַ פּאָר טעג פאַרשן האָט מען מיך מיט אַלע אַנדערע געשלאָסן אין קייטלעך און אָפּגעפירט אין קראַסניסטאַווער תפיסה. מיינע ליידן און

בענקענישן האָבן זיך אָנגעהויבן, אָבער ס׳איז נישט געווען קיין פאַרגלייך צו די ליידן פון הינדען, וואָס האָט געוואָרט אויף אונדזער ערשטן קינד. און נאָך שווערער האָבן געליטן די עלטערן, וואָס מען האָטביידע זייערע זין פאַרשפאַרט אין תפיסה.

די מאָראַל פון די אַרעסטירטע איז געווען אַ נידעריקע. איינער האָט באַשולדיקט דעם צווייטן, אַז צוליב אים זיצט ער פאַרשפאַרט. ס׳איז דער־גאַנגען אַזוי ווייט, אַז יידן האָבן זיך גרופּירט באַזונדער, און אויך אַז אוקראַי־נער האָבן זיך אָפּגעזונדערט פון די פּוילישע און יידישע חברים. די קריסט־לעכע חברים האָבן גענומען דערציילן וויצן אויפן חשבון פון יידן, מיט איין וואָרט, דאָס זענען מער נישט געווען קיין מענטשן, וואָס מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט זיי פאַראייניקט איין אידעע. יעדער איינער האָט געוווּסט, אַז עס דערוואַרטן אים יאָרן טורמע. מען האָט נאָר געקלערט, ווי אַזוי צו האַנד־לען, אַז די יאָרן זאָלן זיין וואָס ווינציקער. פון דעסטוועגן זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן ביי די ווייטערדיקע אויספאָרשונגען גענומען טענהן, אַז אַלץ איז וואָס זיי האָבן זיך מודה געווען, און אויך דאָס וואָס זיי האָבן פאַרשאָטן אַנדערע, האָט מען ביי זיי אַרויסגעפּרעסט דורך פּייניקונגען. דאָס איז אַגב געווען דער ריינער אמת, אָבער זיי האָבן דערמיט פאַרערגערט זייער לאַגע בעתן פּראָצעס. דער פּראָקוראָר האָט דערקלערט, אַז דאָס איז אַ קאָמוניסטישע טאַקטיק אויף צו באַשמוצן די פּאָליציי. אין כמעט אַלע פאַלן האָט דאָס געריכט אָנגענומען די טענות פון פּראָקוראָר.

מיין ברודער איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָט דערציילט מיט וואָסערע עינויים מען האָט ביי אים אַרויסגעצויגן זיין מודה זיין זיך. אויך אַנדערע האָבן אַזוי געהאַנדלט. זיי האָבן אָבער די לאַגע פון די חברים, אויף וועלכע זיי האָבן גערעדט בעת דער ערשטער אויספאָרשונג, נישט געלינדערט און זייער אייגענע לאַגע שטאַרק פאַרערגערט. די פּראָקוראַטור האָט זיי פאַר־געשטעלט אין באַשולדיקונג־אַקט און ממילא פאַרן געריכט, ווי האַרטנעקיקע קאָמוניסטן. איך האָב מיך ביי די אויספאָרשונגען, וואָס די פּראָקוראַטור האָט געפירט אין תפיסה, געהאַלטן ביי מיינע פריִערדיקע טענות. מען האָט ביי מיר געוואָלט אַרויסציִען באַשולדיקונגען קעגן אַנדערע חברים. איך האָב אַלץ געטענהט, אַז עס זענען אַוועק שיינע עטלעכע יאָר זינט איך בין געווען טעטיק, און כ׳געדענק נישט. ביי די אויספאָרשונגען אין דער תפיסה־קאַנ־

צעלאַריע האָט מען שוין נישט געשלאָגן, העכסטנס איז מען אָפּגעקומען מיט אַ קלאַפּ אין טיש און הויכע געשרייען.

די טעג אין תּפיסה זענען געווען שווער. כ׳האָב שרעקלעך געבענקט אַהיים, נאָך היגדען, און געליטן, פאַרשטעלנדיק זיך אירע ליידן און די ליידן פון די עלטערן. דאָס איז געווען די ערגסטע צייט פון מיינע אָפּגעלעבטע 26 יאָר. מיך איז באַפאַלן אַ רעליגיעזע שטימונג און אין האַרצן, אָן ווערטער, האָב איך איבערגעחזרט תּפילות, וואָס איך האָב געקענט אויסנווייניק. מיין ברודער האָט געפּרווּוט מיך טרייסטן, אויפהייטערן מיין געמיט. אַ מאָל איז דאָס אים געלונגען און אַ מאָל — נישט.

די תּפיסה־קאַמערן זענען געווען ריין און ווייס געקאַלכט. די אַדמיניס־טראַציע האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז די אַרעסטירטע זאָלן זיין וואָס מער באַשעפטיקט. פלעגן זיי הייסן וואַשן יעדן טאָג די פּאָדלאָגעס אויך אין די קאָרידאָרן און רייניקן די קלאָזעטן. געווען ציטן, באַלד נאָך דער אַנטשטייונג פון פּוילן, אין יאָר 1918, און אויך יאָרן שפּעטער, ווען פּאָליטישע אַרעס־טירטע האָבן אַזעלכע שמוציקע אַרבעטן נישט געדאַרפט אויספירן. דער תּפיסה־רעגולאַמין האָט זיי פון דעם באַפרייט. דאָס האָבן געטאָן די געווינט־לעכע קרימינעלע פאַרברעכערס. די רעאַקציע האָט געבושעוועט. פּוילן איז אַלץ מער געוואָרן פאַשיסטיש. האָט מען גענומען אָפּשאַפן פּריווילעגיעס, ביז מען איז דערגאַנגען דערצו, אַז ס׳איז בכלל פאַרשוווּנדן דער טערמין „פּאָליטישע אַרעסטירטע״, און דווקא אויף זיי האָט מען אַרויפגעוואָרפן די שווערסטע און שמוציקסטע אַרבעטן. לייכט איז דאָס דער אַדמיניסטראַציע נישט אָנגעקומען. עס זענען פאָרגעקומען אין די טורמעס אומרוען און הונגער־שטרייקן. עס זענען געפאַלן קרבנות פון צווישן די אַרעסטירטע. געזיגט האָבן, פאַרשטייט זיך, די מאַכט־אָרגאַנען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז כּדאי צו דערציילן אַ קליינעם עפּיזאָד מיט אַ תּפיסה־וועכטער מיטן נאָמען מיש. (דער נאָמען האָט זיך איינגעקריצט אין זכּרון, ווייל זיין טייטש איז אין יידיש — „מויז״). ער איז געווען אַ גרויסער שרייער, באַזונדערש ווען אַ העכערער באַאַמטער פלעגט זיין דערביי, אָבער פון נאַטור אַ גוטער מענטש און פשוט נישט געקענט טאָן קיין שלעכטס אַן אַרעסטירטן. ער פלעגט בסוד דערציילן, אַז זיין ווייב איז אַ פרומע קאַ־טוילין. אויך ער איז פרום. טאַמער קומט עפּעס פאָר ביי אים אין שטוב —

עמעצער ווערט קראַנק אָדער עס געשעט אַ צרה, וואַרפט אים דאָס ווייב פאָר, אַז ער האָט, זעט אויס, שלעכט באַהאַנדלט די אַרעסטירטע. איין מאָל איז ביי אים אין שטוב אויסגעבראָכן אַ שׂרפה און ס׳איז כמעט אַלץ אַוועק מיטן פייער. זיין ווייב האָט פון אים פאַרלאַנגט, ער זאָל נאָכטראַכטן, וועמען פון די אַרעסטירטע ער האָט געטאָן שלעכטס, זאָל אים איבערבעטן און אויך גיין צום גלח זיך מתוודה זיין. ער פלעגט באמת איידל זיך באַציִען צו די אַרעסטירטע. מיך האָט דאָס געצווונגען זיך צו פאַרטראַכטן און קומען צום אויספיר, אַז די רעליגיע איז פאָרט אַ כּוח, וואָס צוימט דעם מענטש און האַלט אים אָפּ פון טאָן שלעכטע מעשׂים. מיך אַליין האָבן אויך אין יענער צייט אַרומגעכאַפּט רעליגיעזע געפילן. כ׳האָב נישט געטראַכט, אַז אַלע אַפּיקורסים זענען שלעכטע מענטשן, פּעיִקע אָפּצוטאָן אַל דאָס בייז. פאַראַן נישט־גליי־ביקע מיט אויסערגעוויינטלעך זויבערע נשמות. אָבער צו דעם דאַרף מען זיין אַ מענטש מיט אַ הויכער מאָראַל, וואָס נישט נאָר דער גלויבן און די מורא פאַר גאָט צווינגט אים צו אַ גוטער און מאָראַלישער אויפפירונג. די אַנדערע פון דעם טיפּ, ווי דער תּפיסה־וועכטער, מיש, מוזן נאָר מורא האָבן פאַר גאָט, אַז זיי זאָלן מענטשלעך קענען זיך באַגיין מיט מענטשן.

נאָך מיין אָפּזיצן ביי פיר חדשים, דעם 15טן אויגוסט 1937, איז געבוירן געוואָרן אונדזער ערשט קינד, אַ מיידעלע. ס׳איז געווען אַ שטיקל גליק פאַר מיין טאַטן, וואָס נישט קיין ייִנגל, און מען האָט נישט געדאַרפט פראַווען קיין ברית, און דער טאַטע פון קינד זאָל נישט זיין דערביי. דעם מיידעלע האָט מען אַ נאָמען געגעבן פּערעלע, נאָך היינדעס פאַרשטאָרבענער שוועסטער און אויך מרים, נאָך היינדעס אַ מומע, איר מאַמעס אַ שוועסטער, וועלכע איז געשטאָרבן מיט אַ פאָר יאָר צוריק און נישט געלאָזן קיין קינדער.

די צוויי נעמען האָבן מיר באַשטימט בעת אַ זעונג, וואָס היינדע האָט מיט מיר געהאַט אין טורמע. דאָס איז געווען די טרויעריקסטע פון אונדזערע געציילטע זעונגען. מיין ווילן אַרויסצוגיין אויף דער פריי האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט.

עס זענען אונטערגעקומען די ימים־נוראים. די תּפיסה־אַדמיניסטראַציע פלעגט אָפּגעבן אַ קאַמער פאַר די ייִדישע אַרעסטאַנטן, זיי זאָלן דאָרט דאַווע־נען. פאַר דעם האָבן זיי מער געזאָרגט, ווי פאַר דער סאַניטאַרער היגיענע פון די מענטשן און דעם עסן. אין דאַוונען האָבן גענומען אַנטייל נאָר די

קרימינעלע פֿאַרברעכערס, די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן דאָס דאַווענען בדרך־כּלל באָיקאָטירט. געצוווּנגען האָט מען קיינעם נישט, אָבער אַריינגע־שריבן אין „ענין״ האָט מען, אַז דער און דער איז נישט געגאַנגען „זיך מאַליען״. דאָס האָט געדינט ווי אַ געוויסער פֿאַקט פֿאַר דער באַשולדיקונג בעת דעם פּראָצעס.

איך האָב באַשלאָסן יאָ אָנטייל צו נעמען אין די תּפֿילות. ערשטנס, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, בין איך געווען באַהערשט פֿון אַ געוויסן פֿרומקייט־געפֿיל, צווייטנס, האָב איך נישט געוואָלט, אַז אין מײַנע אַקטן זאָל זײַן פֿאַר־שריבן, אַז איך בין נישט געגאַנגען דאַווענען. דערצו האָט מען מיר צו וויסן געגעבן, אַז דער טאַטע וועט קומען ראָש־השנה בלאָזן שופֿר פֿאַר די אַרעס־טירטע, ווײַל קיין בעל־תּקיעה איז נישט געזעסן אין תּפֿיסה... בעלי־תּפֿילה האָבן זיך יאָ אײַנגעפֿונען צווישן די אַרעסטירטע. ס׳איז געווען אַ רחמנות אויף זייערע תּפֿילות. קיינער האָט נישט געוווּסט דעם נוסח פֿון ימים־נוראימדיקן דאַווענען. מען האָט געקלאַפּט אָן אָפּשטעל, כאָטש יעדערער האָט זיך באַמיט צו זאָגן מיט אַ סך האַרץ. עס זענען צווישן די קרימינעלע פֿאַר־ברעכערס געווען פֿרומע ייִדן. איך בין נישט געווען דער אײַנציקער פֿון די פּאָליטישע אַרעסטירטע, וואָס איז געקומען דאַווענען. אַנדערע האָבן דאָס געטאָן צוליבן יום־טובֿדיקן עסן פֿאַר די, וואָס „היטן אָפּ״ רעליגיעזע מינ־הגים. מײַן ברודער איז נישט געגאַנגען דאַווענען, און איך האָב אים נישט געקענט באַווירקן עס צו טאָן. דער רבֿ האָט, ווי יעדן יאָר, אויסגעפּועלט, מען זאָל אַרײַנלאָזן אַ בעל־תּקיעה. דאָס מאָל האָט דאָס געזאָלט זײַן דער טאַטע. פֿאַרשטענדלעך, נישט געמאָלדן, אַז ער האָט צוויי זין אין תּפֿיסה...

מיט גרויסער שפּאַנונג האָב איך דערוואַרט דעם יום־טובֿ און די מינוט צו קענען זיך זען מיטן טאַטן. און די מינוט איז געקומען. ס׳איז געווען פֿאַר־ווערט זיך אַרומצונעמען. כאָטש מען האָט נישט אַרײַנגעשיקט קיין וועכטערס צו היטן די דאַווענערס, דאָך האָבן די שומרים געקענט זען דורכן אָבסער־וואַציע־אויג, וואָס עס טוט זיך אין דער קאַמער. ווען מען האָט זיך איבער־געדעקט מיט די טליתים איבערן קאָפּ (און דער טאַטע האָט דאָס שטענדיק געטאָן בײַ יעדן דאַווענען, שוין אָפּגערעדט, ימים־נוראים), האָבן מיר דאָס אויסגענוצט אויף אַרומצונעמען זיך און אויסצוטוישן אַ פּאָר ווערטער. בײַם זאָגן „למנצח לבני קורח מזמור״ האָט דער טאַטע שטאַרק געוויינט. און

אַזוי ווי מען זאָגט די תּפֿילה פֿאַר שופֿר־בלאָזן זיבן מאָל, האָט ער געהאַט געזונג צייט אויף צו פֿאַרגיסן טרערן. קיין מאָל ביים דאַווענען האָט ער זיך נישט אָוועקגעזעצט, און זיין דאַווענען אין דער תּפֿיסה־קאַמער האָט מיך צוריקגעקערט צו מיינע פֿריסטע קינדער־יאָרן, ווען דער טאַטע פֿלעגט מיך ביים דאַווענען האַלטן לעבן זיך און אַרונטערנעמען אונטער זיין טלית, האָט געטייטלט מיטן פֿינגער אין די געזאָגטע תּפֿילות, און זיינע טרערן האָבן זיך פֿון די אויגן געקייקלט איבער זיין שיינער באָרד און אַראָפּגערונען אויף מיר. איצט, אין דער תּפֿיסה־קאַמער, ביי די אויסערגעוויינטלעכע אומשטאַנדן, בין איך אויך געווען איבערגעדעקט מיטן טלית (מען האָט דערלויבט אַריינ־צוגעבן אין תּפֿיסה טליתים אויף איבער די יום־טובֿים) און אויך ביטער געוויינט. כ׳האָב דאָס געטאָן, דער טאַטע זאָל נישט זען, בכדי אים נישט צו פֿאַרגרעסערן דעם צער. דער טאַטע איז אויך געקומען אין תּפֿיסה די אַכט טעג סוכּות אויף צו בענטשן אתרוג מיט די אַרעסטירטע. איך האָב געהאַט אַ מעגלעכקייט אים צו זאָגן, ווי אַזוי איך וועל מיך פֿירן ביים פּראָצעס, און אויך וואָס פֿאַר אַן אַדוואָקאַט מען זאָל מיר נעמען.

דער פּראָצעס איז געווען באַשטימט אויף אָנהייב נאָוועמבער 1937. מיט די עטלעכע הונדערט זלאָטעס וואָס האָבן זיך געפֿונען ביי הינדען, איז איר ברודער, חיים, געפֿאָרן קיין וואַרשע און געדונגען דעם אַדוואָקאַט בענקעל, איינעם פֿון די באַוווסטע אַדוואָקאַטן אין פּאָליטישע פּראָצעסן.

מיין פּראָצעס איז פֿאָרגעקומען אין קרייזגעריכט פֿאַר דריי ריכטערס. מיט מיר זענען געווען נאָך פֿיר אָדער פֿינף באַשולדיקטע, פּאָליאַקן און אוקראַינער. איך בין געווען דער איינציקער ייד. אַנדערע מיטבאַשולדיקטע האָבן אויסגעדריקט חרטה אויף זייער געוועזענער קאָמוניסטישער טעטיקייט. איך האָב פֿאַר די ריכטערס געטענהט דאָס זעלבע, וואָס ביי די אויספֿאָר־שונגען און דערקלערט, אַז די מאָסקווער פּראָצעסן האָבן מיר באַוויזן, אַז איך בין געגאַנגען אויף אַ פֿאַלשן וועג. ס׳איז שוין פֿאַרביי אַ לענגערע צייט ווי איך גרענעץ מיך אָפּ פֿון דער קאָמוניסטישער אידעע, און בעט דאָס געריכט עס צו נעמען אין באַטראַכט און אויך רעכענען זיך מיט מיין לאַגע: ס׳איז מיר געבוירן געוואָרן אַ קינד, וואָס איך האָב נאָך ניט געזען...

דער אַדוואָקאַט מיינער האָט נישט געהאַט קיין סך אַרבעט. אין געציילטע ווערטער האָט ער זיך באַמיט צו איבערצייגן דאָס געריכט, אַז היות איך האָב

אויסגעדריקט חרטה, בין איך שוין ווייט פון קאָמוניזם און שטעל מיט זיך נישט פאַר קיין סכּנה פאַר דער געזעלשאַפט. דעריבער בעט ער מיך באַ־פרייען. נאָר אויב מען וועט מיך באַשטראָפן פאַר פריִערדיקע חטאים, זאָל מען מיר די שטראָף „פאַרהענגען", ס'הייסט געבן „באַדינגלעך", „על־תּנאי". דער פּראָקוראָר האָט זיך נישט צו פיל צעלאָזן, ער האָט בלויז אָנגעוויזן, אַז מיין אויסדריקן חרטה האָט ביי אים נישט קיין גרויסן ווערט, ווייל איך האָב נישט אַרויסגעגעבן מיינע געוועזענע חברים־קאָמוניסטן. דעריבער בעט ער, דאָס געריכט זאָל מיך באַשטראָפן, נישט אָנמערקנדיק די הייך פון דער שטראָף. דאָס אַליין איז שוין געווען אַ גוטער סימן. נאָך אַ קורצער באַראַטונג האָבן די ריכטערס אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל: איך און אַ טייל פון אונדזער גרופּע זענען פאַרמישפּט געוואָרן אויף 2 יאָר תּפיסה מיט „פאַרהענגען" דאָס אויספירן די שטראָף אויף 10 יאָר. מען האָט אונדז אויך צוגענומען דאָס פּוילישע בירגער־רעכט אויף 10 יאָר. דאָס האָט מען אָנגעוואָנדן קעגן יעדן איינעם, וואָס איז פאַרמישפּט געוואָרן פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט, אַפילו אויף דער קלענסטער שטראָף.

מיין פרייד איז געווען גרויס. דאָס זעלבע — פון אַלע אייגענע. מען האָט מיך נאָכן פּראָצעס צוריקגעפירט אין טורמע, אָבער שוין נישט געשלאָסן די הענט, ווי ביים פירן צום מישפּט. איך האָב געמוזט איבערנעכטיקן אין תּפיסה, ווייל נאָך די מיטאָג־שעהען האָט מען נישט באַפרייט. פאַרשטענדלעך, אַז נישט איך און נישט קיינער פון די חברים פון דער קאַמער איז די נאַכט נישט געשלאָפן. דער ברודער האָט נישט געטאַדלט מיין אויסדריקן „חרטה" און זיך געפרייט, וואָס איך קום אַהיים צו פרוי און קינד און צו די עלטערן, וואָס וועלן זיך באַשטימט טרייסטן דערמיט. נאָכטאָן מיין ביישפּיל האָט ער נישט געוואָלט און מיר נישט געלאָזט רעדן וועגן דעם. דאָס וואָלט אים אָגב נישט געהאָלפן, ווייל דער פּראָוואָקאַטאָר האָט אויף אים אַרויפגעלייגט מער ווי אויף אַלע אַנדערע. זעט אויס, אַזוי האָט אים דיקטירט די פּאָליציי.

מיין ברודער איז געווען אַנטשלאָסן אויך ביים מישפּט, פּונקט ווי בעת די אויספאָרשונגען, אָפּצולייקענען אַלץ וואָס ער האָט דערקלערט אין דער פּאָליציי וועגן די אַנדערע חברים. מעגלעך, אַז עס וואָלט געהאָלפן, ווען אויך די אַנדערע זאָלן נישט געווען אַרויפּגעבראַכט אײנער אויפן אַנדערן פאַר־שידענע באַשולדיקונגען. אַ פּאָר טעג שפּעטער איז מיין ברודער דורכן זעלבן

קרייז־געריכט פאַרמישפּט געוואָרן אויף פיר יאָר תּפיסה. מיט אים — נאָך עטלעכע חברים — ייִדן, פּאָליאַקן און אוקראַיִנער.

צו מאַרגנס אין דער פרי, נאָך מיין מישפּט האָט מיך הינדע מיט נאָך עמעצן פון דער משפּחה אָפּגעוואַרט ביים אייזערנעם טויער פון דער קראָסני־סטאַווער תּפיסה. איך בין ווידער געווען אויף דער פריי נאָך זיבן חדשים טורמע. די היים איז געווען צעבראָכן. אין אונדזער דירה האָבן איצט געוווינט הינדעס שוועסטער, דבורה, מיטן מאַן, יונה לערנער, אויך אַ שניידער. הינדע מיטן קינד האָבן פאַר דער צייט פון מיין זיצן געלעבט ביי איר מאַמען. איך האָב גענומען בויען אַלץ פון דאָס ניי.

צו אַלעם ערשט האָבן מיר געדונגען אין צענטער שטאָט אַ דירה מיט אַן אָרט אויף צו פירן ווידער אַ שניידעריי, און גענומען צוריק אויפבויען אונדזער צעשטערטע היים. דאָס קינד איז געוואַקסן און זיך גוט אַנטוויקלט. ס׳איז געווען אַ שיין מיידעלע און האָט אַריינגעבערענגט פרייד אַלע אייגענע.

די מאַמע פלעגט אונדז באַזוכן און ברענגען אַ געשמאַקן ביסן. דער טאַטע פלעגט אויך אַריינקומען צו אונדז, אָבער האָט נישט פאַרזוכט קיין זאַך ביי אונדז, מורא־האָבנדיק, אַז ס׳איז נישט גענוג כּשר. אַ גלאָז טיי פלעגט ער יאָ טרינקען. אויך די מאַמע האָט ביי אונדז נישט געגעסן צוליב דער זעלבער סיבה. ס׳האָט נישט געהאָלפן הינדעס אויפקלערונג, אַז זי האָט פליישיקע און מילכיקע כּלים. דריקן, זיי זאָלן עסן ביי אונדז, האָב איך נישט געוואָלט, ווויסנדיק, אַז אין גאַנצן אומגערעכט זענען זיי נישט... זייער פאַר־גענינגן איז געווען צו זען דאָס צווייטע אייניקל זייערס און זיך אַ ביסל אָנשפּילן מיט דעם.

הינדעס מאַמע, וווינענדיק נאָענט, פלעגט יעדן טאָג זיין ביי אונדז, און ווי פריִער, האָבן מיר אָפט געגעסן צוזאַמען. זי איז אויך געווען אָפּגעהיט אין כּשרות אָבער זיך איבערצייגט, אַז הינדע פירט אַ כּשרע שטוב.

דבורה, הינדעס שוועסטער, האָט שטאַרק ליב געהאַט אונדזער מיידעלע און פלעגט זי זיך מיט איר אַ סך אָפּגעבן. זי איז געווען נאָך דער חתונה און נאָך נישט געהאַט קיין קינד.

מיין שניידעריי איז גוט אַוועק. איך האָב געהאַט גענוג אַרבעט און סטאַ־בילע קונים, ייִדן און אויך קריסטן. כ׳האָב גענומען באַשעפטיקן אַ פּאָר מענטשן. לויט די אַמאָליקע באַגריפן בין איך שוין געווען אַ שטיקל „בורזשוי״

און אַ „קאַפּיטאַליסט״, כאָטש איך האָב נאָר געהאַט פּרנסה און געלעבט אַ ביסל אויף אַ העכערן סטאַנדאַרט, ווי מיינע עלטערן. די צייטן האָבן זיך געביטן. מען האָט גענעבן די קינדער מער, ווי מיר האָבן באַקומען ווייענדיק קליין. געוווינט האָבן מיר אין אַ הויז פון פאַרמעגלעכע מענטשן — סוחרים, קלענערע און גרעסערע, און אַלץ וואָס זיי האָבן געגעבן זייערע קליינע קינדער, האָבן מיר זיך באַמיט צו געבן אונדזער מיידעלע — סיי אין קליידונג, סיי אין עסן.

אָנהייב 1939 האָבן זיך גענומען פאַרשאַרפן די באַציִונגען צווישן פּוילן און דייטשלאַנד. די היטלעריסטן האָבן שוין געהאַט פאַרנומען עסטרייך און זיך געטשעפּעט צו טשעכאָסלאָוואַקיע. פּוילן האָט מיטגעטאַנצט מיט דייטשלאַנד און געקומען מיט פּרעטענזיעס צו דער שכנותדיקער און באמת דעמאָקראַטישער טשעכאָסלאָוואַקיע; געוואָלט אָפּלעקן אַ ביינדל און פאַרכאַפּן זאַאָלזשע, וואָס איז געווען באַוווינט אויך פון פּאָליאַקן, נאָכמאַכנדיק היטלערס שפּיל, וואָס האָט געצילט אָפּצורייסן די סודעטן פון טשעכאָסלאָוואַקיע, מיט דער טענה, אַז דאָס געביט איז באַוווינט פון דייטשן. היטלער־דייטשלאַנד האָט טאַקע אירס דערגרייכט, אָבער פּוילן האָט נישט גענומען אין באַטראַכט, אַז עס קומט איר ריי פאַר היטלעריסטישע פאָדערונגען: אָפּגעבן דעם אַזוי גערופענעם דאַנציגער קאָרידאָר און די שטאָט דאַנציג. דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939 איז זי, ווי באַוווּסט, אָנגעפאַלן אויף פּוילן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די שרעקלעכע צווייטע וועלט־מלחמה.

מלחמה־יאָרן

אין די ערשטע מלחמה־טעג

ראַדיאָ־אַפּאַראַטן זענען געווען ווינציק ביי אונדז. כּמעט אַלע — אין באַזיץ פון דער רייכערער קריסטלעכער באַפעלקערונג. אָבער ווי אַ וויכער האָט זיך די ידיעה וועגן דייטשלאַנדס אָנפאַל אויף פּוילן פונאַנדערגעטראָגן איבער דער שטאָט. ס'איז פאַרשווונדן דער שמייכל פון די פּנימער. אַלע זענען אַרומגעגאַנגען ערנסט און צעטראָגן. ווייניגדיקע פּרויען האָבן באַגלייט זייערע מענער צום מיליטער. די מאָביליזאַציע, פריער אַ באַגרענעצטע, בכדי נישט אויפצורייצן די דייטשישע חיות, מיט וועלכע מען האָט זיך געקושט אין די פּיסקלעך און מיט וועלכע מען איז געווען גרייט זיך צו צעטיילן מיט דער שכנותדיקער טשעכאָסלאָוואַקיע, איז איצט געוואָרן אויס־געברייטערט. אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט. די גוט געשמירטע און מיט דער דייטשישער פּינקטלעכקייט אָרגאַניזירטע מלחמה־מאַשין האָט אַריינ־מאַרשירט אין פּוילן, זייענדיק חורבן און טויט, ברענענדיק און פאַרטיליקנ־דיק אַלץ אויפן וועג. דאָס פּוילישע רעגולערע מיליטער און די ווינציקע וואָס מען האָט באַוויזן צו מאָביליזירן, האָבן געשטעלט אַ העלדישן ווידער־שטאַנד, פאַרשאַפנדיק אבידות דעם דייטשישן אַגרעסאָר. אָבער צוליב דער „גרויסער פריינדשאַפט", וואָס האָט געהערשט צווישן די צוויי איצטיקע שונ־אים, איז פּוילן אין גאַנצן נישט געווען צוגעגרייט צו קיין מאָדערנעם קריג — נישט געהאַט קיין מאָדערנע עראָפּלאַנען, נישט קיין מאָדערנע טאַנקען, אויך נישט קיין געווער קעגן לופט־אַנגריפן. אין דער צייט ווען די דייטשן האָבן יאָרן זיך געגרייט צו זייערע פאַרכאַפּערישע און מערדערישע פּלענער. זיי האָבן אָבער זיך נישט דערוועגט צו באַפאַלן פּוילן, איידער זיי האָבן זיך געזיכערט דעם מזרחדיקן פלאַנק און אונטערגעשריבן מיטן קאָמוניסטישן סאָוועטן־פאַרבאַנד דעם אַזוי גערופענעם מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ־אָפּמאַך און צעטיילט פּוילן צווישן זיך. זעט אויס, אַז די סאָוועטן האָבן דאָס געמאַכט מיט אַ רויִקן געוויסן, ווייל פּוילן האָט אַלע יאָרן געפלירטעוועט מיט דייטש־

לאַנד און געטאָן אַלץ צו זיין אין אַנגעצויגענע באַציִונגען מיט איר גרויסן מיזרח־שכן.ביידע, סיי פוילן און סיי רוסלאַנד, זענען געווען קורצזיכטיק צו זען די פאָלגן פאַר זיך אַליין און פאַר דער גאַנצער וועלט, צו וועלכע זייער פּאָליטיק וועט דערפירן. די דייטשן האָבן מאַרשירט איבער פוילן, אויסמיידנדיק וואַרשע, וועלכע האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, וואָס די גאַנצע וועלט האָט באַוווּנדערט.

אין משך פון דער ערשטער וואָך פון קריג איז כמעט נישט געווען קיין אָרט אין פוילן, וואָס די דייטשן זאָלן נישט האָבן באָמבאַרדירט. אונדזער שטאָט איז באָמבאַרדירט געוואָרן אַ פּאָר טעג נאָכן אָנהייב פון די קריג־אָפּעראַציעס. עס זענען אומגעקומען פון די באָמבעס עטלעכע ייִדישע משפחות.

די באָמבאַרדירונג האָט מיך אַזוי דערשיטערט, אַז כ׳האָב אויפגעהערט עסן, נישט געקענט שלאָפן און געוואָלט אַנטלויפן וואָס ווייטער. ביי מיר האָט געאַרבעט אַ יונגער בחור, סענדער פּראַנק. זיין פאָטער, דוד פּראַנק, האָט געהאַט אַ גוטן פערד־און־וואָגן, ער פלעגט פירן תבואה פון קראַסניסטאַוו קיין לובלין. האָט ער איינגעשפּאַנט דעם פערד, געקומען צו מיר און ממש פאַרלאַנגט, איך זאָל אַרויפלייגן די נייטיקסטע זאַכן, נעמען הינדען מיטן קינד, די שוויגער און דבורהן מיט איר מאַן; ער האָט גענומען זיין פאַמיליע און מיר זענען אַוועקגעפאָרן אין אַ דאָרף עטלעכע קילאָמעטערס פון קראַסני־סטאַוו.

די ערשטע נאַכט האָבן מיר גענעכטיקט ביי פּויערים אויף דער פּאָדלאָגע, אויסגעבעט מיט פרישן שטרוי. איך געדענק נישט, צי מיר האָבן באַצאָלט פאַרן נאַכטלעגער אָדער ניט. אין דאָרף איז געווען שטיל. נאָך די שלאָפלאָזע נעכט אין שטאָט בין איך די נאַכט גוט געשלאָפן. פאַרטאָג־צו האָבן מיר געהערט אַ שטאַרקן רעש פון מענטשן. מיר זענען אַרויס און דערזען אַן אויסערגעוויינטלעכע דערשיינונג: טוזנטער מענער, יונגע און עלטערע, אויך יונגע פרויען מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס, זענען געגאַנגען מיט דעם זאַמדיקן וועג, ווי פון עמעצן געיאָגט. אויף אונדזער פראַגע וואָס איז געשען, האָבן אַנדערע געענטפערט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ פאַראָרדענונג פון די פוילישע מאַכט־אָרגאַנען, אַז מיליטער־פליכטיקע זאָלן פאַרלאָזן די היימען און זיך ציִען אויף מיזרח, נעענטער צו די גרענעצן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָרטן וועט מען פאָרמירן מיליטערישע איינהייטן אויף צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד

די דייטשן, טייל האָט געזאָגט אין דער שטיל, אַז די דייטשן גייען זייער שנעל פאָרויס און זענען נישט ווייט. קיינער האָט זיי נישט געהאַט געזען, אָבער דאָס געשפענסט האָט נאָכגעיאָגט די מחנות מענטשן. דאָ קומט צו אונדז צו די גויע, וואָס האָט אונדז געלאָזט איבערנעכטיקן און זאָגט מיט אַן אויפ־געקרעגט קול, מיר זאָלן וואָס גיכער אַוועק פון איר הויז. די דייטשן דער־נענטערן זיך און ווו זיי קומען אַריין און טרעפן ייִדן, הרגענען זיי אַלעמען אויס — די ייִדן און אויך די, ווער ס'האָט זיי געגעבן אַן אָפּדאַך. די דייטשן שנײַדן אַלעמען איבער די העלדזער מיט סערפּן. די פויערטע האָט גערעדט מיט אַזאַ איבערצייגונג און שרעק, גלייך ווי זי וואָלט עס אַליין געזען.

מיר האָבן איר געפּרוּווט דערקלערן, אַז דאָס איז נישט אמת, זי האָט אָבער נישט געוואָלט הערן.

דער דייטשישער שפּיאָנאַזש איז אַרויס פון די לעכער און האָט אָנגע־הויבן צעשטערן פוילן פון אינעווייניק. פאַרשטענדלעך, אַז אין דער ערשטער ריי האָט עס געטראָפן די ייִדן. איז מען געלאָפן. וווּהין? מיט קליינע קינדער איז געווען נישט אַזוי לייכט. מען האָט זיך געמוזט אָפּט אָפּשטעלן. מיר האָבן זיך אַזוי געשלעפּט אַ פּאָר מעת־לעת און אָנגעטראָפן אַפילו גרופּעס פוילישע זעלנער, וועלכע האָבן אונדז געהייסן פאָרן ווייטער ווייל זיי האָבן אַוועק־געשטעלט מאַשין־געווער, דאָס בעסטע און שטאַרקסטע וואָס זיי האָבן פאַר־מאָגט, און וואַרטן אויפן שונא.

מיר זענען אָנגעקומען אין אַ דאָרף, ווו ס'האָבן געוווינט עטלעכע ייִדן. און ווי ייִדן אין אַן עת־צרה, האָבן זיי זיך מיט אונדז פשוט דערפרייט. די דייטשן האָבן זיך נישט דערנענטערט און דאָס פוילישע מיליטער איז נעלם געוואָרן. האָבן מיר גענומען טראַכטן וועגן פאָרן צוריק אַהיים. ס'האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די דייטשן זענען אַריין אין קראַסניסטאַוו און באַלד דערמאָרדעט פיר ייִדן. אַן עלטערע פרוי, וואָס אַלע האָבן זי דאָ גערופן „באָבע", האָט זיך צעשריִען, פאַר וואָס מען וואַרפט אויף אונדז אַן אַ מורא. וואָס הייסט, די דייטשן האָבן סתם גענומען און געשאָסן ייִדן? וואָס איז, עפּעס אַ הפקר־וועלט? און ווו איז גאָט? אויך די דייטשן האָבן מורא פאַר גאָט.

ס'האָט זיך דערנענטערט יום־כיפור און מיר האָבן באַשלאָסן יום־כיפור צו זיין ביי זיך אין דער היים, און גענומען פאָרן אויף צוריק. מיר זענען טאַקע אָנגעקומען אַהיים ערב יום־כיפור.

קראַסניסטאַוו איז שוין געווען פּאַרנומען פון די דייטשן. דאָס ערשטע וואָס מיר זענען געוווּיר געוואָרן איז געווען, אַז די קלאַנגען וועגן די פיר ייִדן, וואָס די דייטשן האָבן דערהרגעט ביי אונדז אין שטאָט זענען געווען אַ טרויעריקער אמת. די ווירקלעכקייט האָט אויסגעזען אַ סך שרעקלעכער, ווי מען האָט זיך געקענט פאָרשטעלן. די דאָרפישע באָבע, וואָס האָט געשריִען, אַז מען שרעקט אונדז מיט די דייטשישע רציחות, האָט אַ ביטערן טעות געהאַט. די נאַצישע ווילדע חיות האָבן, ווי נאָר זיי זענען אַריין אין שטאָט, צונויפגענומען דרייצן ייִדן פון פאַרשידענעם עלטער, ייִדן מיט בערד און אָן בערד, בעלי־מלאָכות און סוחרים. אַ דייטשישער אָפיציר און עטלעכע זיינע געהילפן האָבן יעדן איינעם פון די דרייצן אַריינגעפירט אין אַ הויז, אַראָפּגעפירט אין קעלער און דערשאָסן. די דייטשן האָבן געמאָלדן, אַז די ייִדן האָבן צו זיי געשאָסן ביים פאַרנעמען די שטאָט. מיטן זעלבן אויסרייד האָבן זיי דערשאָסן אויך אַ קריסטלעכן בחור. מיט איין מאָל זענען פאַריתומט געוואָרן דרייצן ייִדישע משפחות און מיט זיי האָט מיטגעטרויערט די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג.

דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער פּראָלאָג צו דער טאָטאַלער פאַרטיליקונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. ייִדן האָבן זיך נאָך געפּרוּווט טרייסטן, אַז אין גאַנג פון די קאַמפן קומען פאָר אַזעלכע זאַכן, כאָטש דער ייִדישער אָפּטימיזם האָט נישט געהאַט אויף וואָס צו באַזירן זיך.

מיר האָבן נישט געקענט פאָרן צו זיך אַהיים, ווייל די הילצערנע בריק איבערן טייך, וואָס האָט פונאַנדערגעטיילט די שטאָט, איז געווען פאַרברענט. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף איבער יום־כיפור ביי אונדזערע עלטערן, וועלכע האָבן געוווינט אין מיזרחדיקן טייל פון שטאָט. דאָ זענען קיין דייטשישע זעלנער נישט געווען. מען האָט אָפּילו פאַרשפּרייט אַ ווערסיע, אַז דער טייך וויעפּש וועט זיין די גרענעץ צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד, וועמענס מיליטער איז שוין אַריבער די פּוילישע גרענעץ. פונקט ווי היטלער־דייטשלאַנד פון מערב, אַזוי האָט סטאַלינס רוסלאַנד פון מיזרח פאַרפּלייצט די פּוילישע ערד.

דעם יום־כיפור וועל איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן. ביי אונדז אין שטוב און אויך אין כמעט אַלע ייִדישע הייזער, איז ערב יום־כיפור ביים אָנצינדן די ליכט פאָרן גיין אין בית־המדרש צו כל־נדרי, אַלע מאָל געווען אַ באַזונ־

דערע אַטמאָספער. די מאַמע האָט ביים צינדן די ליכט ביטער געוויינט און נישט קענענדיק איינהאַלטן די טרערן, האָט זי מיט אַ וויינענדיקן קול געבעטן גאָט פאַר זיך, אָבער קודם־כל פאַר אירע קינדער, פאַר איר מאַן און פאַר דער גאַנצער משפּחה. דער טאַטע האָט אונדז נאָר צוגעדריקט צו זיך, אַפילו ווען מיר זענען שוין געווען גרויסע בחורים, אָבער גאָרנישט נישט געזאָגט אויפן קול. טרערן האָבן זיך אים געגאָסן פון די אויגן. ער פלעגט אַרויס פון שטוב, אַנווינטשנדיק דער מאַמען מיט די קינדער אַ גוט יאָר. ווען מיר זענען געווען קליין, פלעגט ער אונדז מיטנעמען אין בית־המדרש אַריין.

דעם איצטיקן ערב יום־כּיפּור איז דאָס אַלץ געווען ערנסטער און טראַגישער. מערקווערדיק, איך געדענק אַ סך פּרטים פון יענע טראַגישע טעג און נעכט, געדענק אָבער נישט, ווי אַזוי ס׳האָט אויסגעזען אין בית־המדרש צו יענעם כּל־נדרי. קענטיק, אַז איך בין נישט געגאַנגען מיטן טאַטן דאַווענען און געבליבן מיט מיין משפּחה׳לע ביי די עלטערן אין דער היים.

דער טאַטע איז, ווי יעדן יאָר, געבליבן די נאַכט אין בית־המדרש. מסתּמא האָט ער געזאָגט תּהילים, וואָס ער האָט געקענט אין גאַנצן אויסנווייניק און אויך אַנדערע תּפילות, וואָס פרומע ייִדן זאָגן ווען עס לויערט אַ געפאַר. אויך אין דער פרי בין איך נישט אַוועק צום דאַווענען, וויסנדיק אַז ביי די איצטיקע באַדינגונגען וועט דער טאַטע נישט האָבן פּאַראיבל אויף מיר.

קיין דייטשישן זעלנער האָט מען אויף דער גאַס ווו די עלטערן האָבן געוווינט, נישט געזען. מיטאָגצייט בין איך אַוועק אין בית־המדרש צו מוסף און נעילה. ייִדן זענען אַריינגעקומען און געמאָלדן, אַז אויף דער גאַס שמייען אַרום דייטשן, וואָס כאַפּן געגנדז און הינער. און טאַקע באַלד האָבן אַ פּאָר פון זיי זיך באַוויזן אין דער טיר פון בית־המדרש און אַריין אינעווייניק. ביים עמוד איז געשטאַנען ר׳ בנימין פינקער, אַ שיינער ייִד מיט אַ פּאַטריאַרכאַלער באָרד, וואָס האָט געהאַט אַ שיין קול. אַלע יאָרן, זינט איך געדענק, האָט ער יום־כּיפּור געדאַוונט מוסף און אויך נעילה. ווען מען האָט אים געזאָגט, אַז אין בית־המדרש זענען אַריינגעקומען דייטשן, איז ער געבליבן פאַרשטיינערט און נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט. ווער ווייסט, אפשר זענען דאָס די רוצחים וועלכע האָבן מיט צוויי טעג צוריק אויף אַזאַ

אַכזריותדיקן אופן דערמאָרדעט די דרייצן יידן? די דייטשן האָבן גאָרנישט נישט געזאָגט, זיך אומגעקערט און אַרויס כאַפּן געגנדז און הינער.

ר׳ בינימין פינקער האָט אָפּגעכאַפּט דעם מוסף און זיך אַוועקגעזעצט. אַ צווייטער ייִד האָט געדאַוונט די יום־כּיפּורדיקע מינחה און דערנאָך האָט ר׳ בנימין אָפּגעדאַוונט נעילה, און מען איז זיך צעגאַנגען אַהיים אָן מחדש צו זיין די לבנה, ווי מען פלעגט דאָס טאָן יעדן יאָר אויף דער גאַס לעבן בית־המדרש.

ווי נאָר מען האָט נאָכן תענית אָפּגעגעסן, איז מען אַרויס אין דרויסן. ס׳איז געווען אַ שיינע לבנה־נאַכט, גאַנץ ליכטיק. פון שטאָט האָט זיך דער־טראָגן אַ ידיעה, אַז די דייטשן פּאַקן זיך צוזאַמען און ציִען זיך צוריק קיין לובלין, פון וואַנען זיי זענען געווען אַריין אין קראַסניסטאַוו.

צו מאָרגנס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די ידיעה איז ריכטיק. מען האָט טאַקע מער נישט געזען ביי אונדז קיין דייטשן. מ׳האָט גערעדט, אַז זיי טרעטן אָפּ צו דער ווייסל, און די רויטע אַרמיי וועט פאַרנעמען פּוילן מיזרחדיק פון איר. דאָס אַלץ זאָל זיין לויטן מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ־פּאַקט. אַזוי אַרום האָט מען זיך צעטיילט מיט דער ירושה...

גלייך נאָך יום־כּיפּור האָבן מיר מיט הינדען און אונדזער קינד פאַרלאָזן די שטוב פון מיינע עלטערן און זענען אַוועק אין שטאָט אַריין, צו זיך אַהיים. ס׳איז געווען טרויעריק אויפן האַרצן, נישט אַזוי ווי מען קומט צוריק אַהיים פון אַ וואַנדערוועג. ערשטנס, די טראַגעדיע וואָס איז געשען אין שטאָט; צווייטנס, יעדער איינער האָט געפילט, אַז מיט דעם ענדיקט זיך נישט די מלחמה. אין שטאָט איז נישט געווען קיין מאַכט. עס זענען, ווי פון דער ערד אַרויסגעשפּרונגען אַ פּאָר פּוילישע זעלנער, באַוואָפנט מיט ביקסן, און האָבן דערקלערט, אַז זיי וועלן זיך אַנטקעגנשטעלן דער סאָוועטישער אַרמיי. ס׳איז געווען צום לאַכן, אָבער לײַדער האָט זיך קיינעם נישט געגלוסט לאַכן, כאָטש די דערקלערונג איז געווען נישט מער ווי אַ טרויעריקער וויץ.

געציילטע טעג האָט מיט דער שטאָט אָנגעפירט דער בירגער־מייסטער, אויף וויפל ער האָט געקענט אָנפירן מיט אַ שטאָט, נישט האָבנדיק הינטער זיך קיין שום כּוח.

ערב סוכּות האָבן זיך באַוויזן די ערשטע סאָוועטישע טאַנקען און מאַ־שינען מיט זעלנער. אין פאַרגלייך צו די דייטשישע רוצחים, האָבן די רוסן

אויסגעזען זייער אָרעם, אָפּגעריסן, אין אָפּגעטראָגענע אוניפאָרמען, אָבער אין דעם מאָמענט איז דאָס פּאָר קיינעם נישט געווען וויכטיק. אין אונדזערע אויגן האָבן די רוסן אויסגעזען ווי מלאכים. זיי האָבן מיט יעדן איינעם געדרעדט און זיך געוויצלט. ייִדישע פּנימער האָבן ווידער אויפגעלויכטן. די זעלבע נאָכט האָבן זיי צונויפגערופן אַן אַזוי גערופענע פאָלקס־פאַרזאַמלונג און געבעטן אויסוויילן אַ קאָמיטעט אויף אָנצופירן מיט דער שטאָט. דער גרעסטער זאָל אין קראַסניסטאַוו איז געווען איבערפולט מיט ייִדן און קריסטן.

איינער אַ מיליטער־מאַן, האָט געהאַלטן אַ פלאַמיקע רעדע אין רוסיש. געווען עלטערע מענטשן וואָס האָבן נאָך געדעדט רוסיש פון די צייטן, ווען פּוילן האָט געהערט צום צאַר. טאָמער מען האָט נישט פאַרשטאַנען, איז אויך נישט געווען געפערלעך. די הויפטזאַך איז באַשטאַנען אין דעם, עס זאָל ווערן „אויסגעוויילט" אַ קאָמיטעט. (חלילה נישט „נאָמינירט", ביי זיי, אין „דער גרעסטער דעמאָקראַטיע אין דער וועלט" ווערן קאָמיטעטן נאָר „געוויילט" און נישט נאָמינירט...) עמעצער האָט אויסגערופן אויך מיין נאָמען ווי אַ קאַנדידאַט. באַלד האָט זיך אויפגעשטעלט אַ בחור, וואָס איז געווען אַרעסטירט צוזאַמען מיט מיר, באַקומען צוויי יאָר תּפיסה און באַפרייט געוואָרן אָנהייב זומער 1939, אַ פּאָר חדשים פאַרן אויסבראָך פון קריג. ער האָט געבעטן אַ וואָרט און אויף פּויליש דערקלערט, אַז איך בין נישט ראוי אויסגעוויילט צו ווערן אין „אַזאַ קאָמיטעט, מחמת כ'האָב מיך אין תּפיסה אָפּגעטרייסלט פון דער „זיגרייכער קאָמוניסטישער אידעע". אויף דער פאַרזאַמלונג האָט ער גאַנץ געגעני געהערט, ווי כ'האָב נאָך פּאַר אים אויסגעשריִען, אַז איך בעט אַראָפּנעמען מיין קאַנדידאַטור. כ'ווייס נישט וואָס עס האָט מער געווירקט, צי זיינע רייד, צי מיינע. איך בין געווען גליקלעך, אַז מען האָט מיך געלאָזט צו רו. כ'האָב באמת נישט געהאַט קיין אינטערעס זיך צו וואַרפן אין די אויגן פון דער נייער מאַכט. (דער בחור איז אין צייט פון קריג געלאָפן קיין סאָוועט־רוסלאַנד, איז דאָרטן פאַרבליבן אויך נאָך דער מלחמה. ער האָט חתונה געהאַט און האָט קינדער. ווען איך האָב אין 1964 באַזוכט מיין ברודער אין מאָסקווע, איז ער געקומען מיך זען. ער האָט געזאָגט, אַז זיין איינציקער חלום אין לעבן איז צו קומען קיין ישׂראל.

מיר פאַרלאָזן קראַסניסטאַוו

אויף צו מאָרגנס נאָך אָט דער פאַרזאַמלונג האָט זיך אין שטאָט פאַר־שפּרייט אַ קלאַנג, אַז די סאָוועטן וועלן זיך צוריקציִען צו מיזרח און זיך שטעלןביים טייך בוג. געברענגט האָט די ידיעה נישט קיין אַנדערער, ווי אונדזער אַלט־באַקאַנטער חבר, עזריאל האַכבוים, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס געהאַט באַפרייט פון תּפיסה און קומענדיק אַהיים צו זיין פרוי אין לובלין, האָט ער געהערט די דאָזיקע נייעס פון דייטשישן ראַדיאָ־ברעסלאַו. די רוסן האָבן נאָך נישט געהאַט פאַרנומען לובלין, אָבער זענען שוין גע־שטאַנען אין איר פאַרשטאָט. באַהערשט לובלין האָבן די דייטשן. ווי נאָר עזריאל האָט געהערט די דאָזיקע ידיעה, איז ער אַנטלאָפן קיין קראַסניסטאַוו און עס בסוד דערציילט צו עטלעכע חברים. זיך געזעגנט מיט זיינע עלטערן און ברידער, איז ער גלייך געלאָפן וויטער אויף מיזרח, מיטן געדאַנק אַריבערצוגיין דעם בוג און ענדלעך דערגרייכן די סאָוועטן, וואָס דאָס איז געווען זיין לעבנס־חלום.

די ידיעה, אַז די סאָוועטן וועלן פאַרלאָזן קראַסניסטאַוו, האָט זיך פונאַנ־דערגעטראָגן צווישן די ייִדן און אויך צווישן די קריסטן פון שטאָט. מען איז אַוועק פרעגן די רוסישע אָפיציעלע פּערזאָנען. זיי האָבן אַלץ אָפּגעלייקנט און זיך צעשריִען, אַז ווער עס פאַרשפּרייט אַזעלכע גרויל־ידיעות, וועט אַרעסטירט ווערן, ווייל די רויטע אַרמיי גייט קיין מאָל נישט צוריק, שטענדיק נאָר פאָרויס. ייִדן האָבן זיך אָבער נישט באַרויִקט. מען האָט געוווּסט, אַז עזריאל איז אַ צו ערנסטער מענטש און וועט נישט צוטראַכטן קיין נישט געשטויגענע מעשׂיות. האָבן זיך טאַקע גענומען שאַפן גרופּעס וואָס האָבן געטראַכט, אַז עס איז זיכערער צו גיין אויף מיזרח, צום בוג. טאָמער וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די סאָוועטן וועלן נישט אָפּטרעטן, וועט מען קומען צוריק אַהיים. אַזוי ווי די דייטשן האָבן געהאַט געשאָסן נאָר מענער, האָט מען איבערגעלאָזט די פרויען מיט די קינדער אין דער היים. מיר, מענער, האָבן איינגעפּאַקט אַן איבעריק פּאָרל וועש און נאָך עפּעס פון די נייטיקסטע זאַכן און זיך געלאָזט אין וועג אַריין „אויף אַ פּאָר טעג".

איך בין אַוועק מיט מיין שוואָגער, הינדעס שוועסטערס מאַן, יונה לער־נער, מיט מיינעם אַ גוטן פריינד, צדוק זינגער, און נאָך אַ פּאָר ייִדן. מיין

געזעגענען זיך מיט הינדען און מיט אונדזער צוויי־יאָריק טעכטערל האָט געגומען אַ פּאָר סעקונדעס און געווען נישט ערנסט, פונקט ווי אַ מענטש גייט אַרויס פון שטוב אויף אַ פּאָר שעה.

ס׳איז געווען פאַר טאָג. מיר זענען פאַרביי גיט ווייט פון דער שטוב, ווו ס׳האָבן געוווינט מיינע עלטערן און מיין עלטסטע שוועסטער, שׂרה, און כ׳בין נישט אַריין צו זיי זיך געזעגענען, ווייל געטראַכט האָט מען, אַז אָט באַלד קערט מען זיך אום צוריק. דאָס איז געווען איינע פון די גרעסטע לייכטזיני־קייטן אין מיין לעבן, ס׳מאַטערט מיך מיין געוויסן, פאַר וואָס איך בין נישט אַריין צו מיינע טייערסטע און ליבסטע, פאַר וואָס איז מיר נישט געווען באַשערט צוצודריקן זיי צום האַרץ, צעקושן זיך מיט זיי, פאַרגיסן אַ טרער... פערציק יאָר זענען פאַרביי און ס׳פייניקן מיך אין שלאָפלאָזע נעכט די געדאַנקען וועגן דעם, אַז איך האָב געקענט זיך כאָטש געזעגענען מיט מיינע אייגענע און עס נישט געטאָן... ס׳פעלן מיר ווערטער אויסצודריקן מיינע דאָזיקע געפילן. ווען איך לאַך און בין פריילעך, באַפאַלט מיך אַ קלעמעניש: איך האָב זיך דאָך מיט מיינע ליבסטע און טייערסטע נישט געזעגנט!

ביים פאַרלאָזן די היימשטאָט האָט קיינער פון אונדז זיך נישט פאָר־געשטעלט, אַז מיר געזעגענען זיך מיט איר אויף אייביק. און זי איז דאָך אונדז געווען אַזוי נאָענט און טייער. יעדער בוים, יעדער שטיין, יעדעס הויז האָט גערעדט צו אונדז. מיר וועלן מער נישט זען דעם אַזוי שיינעם טייך וויעפּש, נישט ווינטערצייט ווען ער איז געווען געפרוירן און מען האָט געקענט גיין איבער אים און פאָרן אויף אַ שליטן געשפּאַנט מיט פערד; מיר וועלן נישט זען מער די יונגע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן זיך געגליטשט איבער דעם געפרוירענעם אייז, און די יונגע געלעכטערס האָבן אָפּגעקלונגען ווייט, ווייט; מיר וועלן מער נישט זען דעם טייך אין פרילינג, ווען דאָס אייז צעגייט און גרויסע אייזקריַעס שווימען איבער אים, דאָס וואַסער הייבט זיך און פאַרגיסט גרויסע שטחים. דער טייך זעט דעמאָלט אויס ווי אַ ים, לויט אונדזערע דעמאָלטיקע באַגריפן, ווייל קיין ים האָבן מיר נאָך נישט געהאַט געזען. מיר וועלן מער זיך נישט באָדן אינעם וויעפּש אין די הייסע זומער־חדשים, וואָס יעדער קראַסניסטאַווער האָט אַזוי ליב געהאַט. אין דעם מאָמענט פון אַרויסגיין פון שטוב און גייענדיק אויף מיזרח איבער די פּוילישע וועגן, האָט קיינער נישט געטראַכט, אַז מיר וועלן מער

נישט זען די וואָס מיר האָבן אַזוי ליב געהאַט און וואָס זענען געווען אַ טייל פון אונדזער לעבן. פאַרקערט, יעדער איינער איז געווען זיכער, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט מען זיך צוריק אומקערן אין די היימען און דאָס איבער־געלעבטע וועט אויסזען ווי אַ בייזער חלום.

אונדזער וועג האָט געפירט צו אַ קליין שטעטעלע, קראַשניצין. (מייך מאַמעס עלטערן האָבן געשטאַמט פון דאָרט.) אויפן וועגן האָבן מיר געטראָפן רוסישע מיליטער־לייט, וואָס האָבן געוואָלט וויסן, וווהין מיר גייען. מיר האָבן זיי געפרעגט, צי ס'איז ריכטיק, אַז זיי וועלן צוריקטרעטן. זיי האָבן זיך צעשריִען אויף אונדז מיטן באַוווסטן פיזמון: „ווו די רויטע אַרמיי שטעלט אַריין אַ פוס, בלייבט זי!" צווישן זיי זענען געווען יידישע קאָמאַנדירן, וועל־כע האָבן אונדז באַגלייט אַ שטיקל וועג און בסוד געוואָרנט, מיר זאָלן וואָס גיכער גיין אויף מיזרח און אויך זאָרגן, אַז וואָס מער יידן זאָלן אַנטלויפן אויף מיזרח, ווייל די היטלעריסטן קומען צוריק.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן באַשטעטיקן דאָס, אין וואָס מיר האָבן נישט געוואָלט גלייבן. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן וועקן ספיקות, צי מיר וועלן אַזוי גיך זען אונדזער היים, אונדזערע טייערע און ליבסטע. נאָר אַז מיר וועלן זיי מער קיין מאָל נישט זען, איז קיינעם אויפן געדאַנק נישט געקומען. האָבן דאָך די גרעסטע און שאַרפסטע קעפּ, די פעיקסטע שרייבערס, זשורנאַליסטן, פּראָפעסאָרן, פּאָליטיקערס נישט פאָרויסגעזען דעם שרעקלעכן חורבן, וואָס וועט טרעפן אונדזער פאָלק. קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס ס'דערוואַרט אונדז ביי די רוסן. אָבער אונדז האָט געוואָרנט דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון די דרייצן יידן, וואָס די דייטשישע רוצחים האָבן דערשאָסן ביים ערשטן אַריינקומען אין אונדזער שטאָט. דערקעגן האָבן די סאָוועטישע זעלנער אַרויסגערופן צו זיך טימפּאַטיע.

אין קראַשניצין האָבן מיר געדונגען אַ פויער מיט אַ פערד־און־וואָגן, וואָס האָט אונדז אָפּגעפירט אין אַ שטעטעלע וויסלאָוויץ. דאָ האָבן מיר איבער־גענעכטיקט ביי אַ קרוב פון איינעם פון אונדזער גרופּע. צו מאָרגנס אין דער פרי זענען מיר אַוועק ווייטער אויף מיזרח און אָנגעקומען אין אוסטילע (אושטשילוק, אויף פּויליש) און אַריבער דעם בוג. די סאָוועטן האָבן נאָך נישט געמאַכט קיין שוועריקייטן, געלאָזט אַלעמען אַריבערגיין. אַ טאָג שפּעטער זענען מיר שוין געווען אין דער שטאָט לודמיר. (וולאָדזשימיעזש־וואָלינסקי,

אויף פויליש). דאָ האָט הינדע געהאַט אַ קוזין, יוסף שינדעלמאַן, מיט זיין פרוי העניע און זייערע צוויי קינדער. איך און מיין שוואָגער האָבן ביי זיי איבער־גענעכטיקט. די אַנדערע פון אונדזער גרופּע האָבן אויך געפונען קרובים און באַקאַנטע און געהאַט ווו דעם קאָפּ אָוועקצולייגן. מיר זענען געווען די ערשטע פליטים און פאַר אונדז האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין דער גאַנצער שאַרפקייט אונדזער לייכטזיניק אַנטלויפן פון דער היים, איבערלאָזנדיק אין דער גרעסטער סכּנה די סאַמע נאָענטסטע — פרוי און קינדער, עלטערן, ברידער און שוועסטער.

מיין שוואָגער, יונה, איז געווען אַ מענטש וואָס האָט זיך געקענט געבן אַן עצה אין שווערע מאָמענטן. ער האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ סאָוועטישן קאָמאַנדיר און אים צוגעזאָגט אַ פּאָר אַנצוגער אָדער מאַנטלען פאַר אַ מאַשין מיט אַ שאָפער, וואָס זאָל ברענגען אַהער אונדזערע פרויען און קינדער. דער וועג איז געווען פריי און די סאָוועטן זענען נאָך געווען ביי אונדז אין שטאָט. ווען די רוסן האָבן זיך אָבער גענומען פּאַקן אין וועג אַריין און אָפּציִען אויך פון אונדזער שטאָט, האָבן זיך אַ פּאָר חברים, ייִדישע און אוקראַיִנישע, זיך געוואָנדן צו הינדען און געפרעגט ווו איך בין, וועלנדיק מיך מיטנעמען מיט זיך. די סאָוועטישע מיליטער־לייט האָבן זיי געשטעלט מאַשינען, זיי זאָלן מיט זיי מיטפאָרן, ווייל ביי זייער אַריינקומען אין שטאָט, האָבן זיך אַ סך ייִדישע בחורים, אַפילו פון די ציוניסטן און רעוויזיאָניסטן, געשטעלט צו זייער דינסט, אָנגעטאָן רויטע לענטעס, געקראָגן ביקסן אויף אָפּצוהיטן די אָרדענונג. שוין אָפּגערעדט, אַז ס'האָבן זיך געשטעלט צום דינסט פּאַרטיי־חברים, באַפרייטע פון די תּפיסות. איצט האָבן די סאָוועטן זיי אַלעמען געוואָלט שיצן, זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן צו דייטשן. הינדען האָבן זיי פאַרגעשלאָגן נעמען דאָס קינד און נאָך וועמען זי וויל און מיטפאָרן. זיי האָבן איר פאַר־זיכערט, אַז זיי וועלן מיך געפינען און לודמיר און אַזוי אַרום וועלן מיר זיין צוזאַמען. הינדע האָט געפרעגט ביי מיינע עלטערן וואָס צו טאָן. די מאַמע האָט מיט ביטערע טרערן זיך געבעטן ביי הינדען זי זאָל נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט און זיך פאַראייניקן מיט מיר. „צו אַ מאַן פאָרט מען מעבר לים", — האָט זי געזאָגט, באַגיסנדיק זיך מיט טרערן. דאָס זעלבע האָבן געהאַלטן דער טאַטע און די שוועסטער. מען האָט הינדען געהאָלפן פאַרפּאַקן וואָס מער זאַכן און מלבושים. פאַרפּאַקנדיק מיין זומער־מאַנטל, האָט די מאַמע

אים געקושט און באַגאָסן מיט טרערן... אָט דער מאָנטל האָט מיר שפּעטער גוט געדינט אויפֿן לאַנגן און שווערן וואַנדערוועג.

צוזאַמענגעטראָפֿן האָבן מיר זיך טאַקע אין לודמיר, אין אַ „בורסע” ווו ס׳האָבן זיך פֿאַרן קריג אויפֿגעהאַלטן גלחים. די רוסן האָבן זיי באַזייטיקט און די צימערן אָפּגעגעבן צו די פּליטים. הינדע מיטן קינד און נאָך אַ פּאָר באַקאַנטע פֿון אונדזער שטאָט האָבן באַקומען אַ גרויסן צימער. מיך האָט מען באַלד אויפֿגעזוכט און געמאָלדן, אַז מײַנע אייגענע זענען דאָ. מײַן פֿרייד איז געווען אין־לשער.

דאָס לעבן אין לודמיר און אויך אין אַנדערע שטעט פֿון מיזרח־פּוילן, וואָס זענען איצט געווען אונטער דער שליטה פֿון דער רויטער אַרמיי, איז געוואָרן שווער. יעדן טאָג, יעדע שעה זענען צוגעקומען נײַע פּליטים — יונגוואַרג, אַלטע לײַט, עלטערן מיט פּיצעלעך קינדער. מען האָט נישט געהאַט ווו דעם קאָפּ אָנצוקוליען. מיר זענען געווען די גליקלעכע, האָבנדיק דעם גרויסן צימער, וואָס איז באַלד געוואָרן קליין. דער שוואָגער, יונה לערנער, האָט געבראַכט זײַן פֿרוי, הינדעס שוועסטער דבורה, און די מאַמען, און מיט זיי — נאָך קרובים, וועלכע מען האָט נישט געקענט לאָזן זיך וואַלגערן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. ס׳איז געווען סוף אָקטאָבער, ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די האַרבסט־רעגנס. ווער פֿון די היימישע, וואָס האָט נישט געהאַט ווו זיך אַהינצוטאָן, איז געקומען צו אונדז. בײַ נאַכט האָט מען זיך אויסגעלייגט אויפֿן דיל, און ס׳איז נישט געווען ווו אַ שפּילקע־קעפּל אַרײַנצוּוואַרפֿן.

דאָ האָט זיך מײַן שוויגער, הינדעס מאַמע, דערמאָנט, אַז אין קראַסניסטאַוו האָט זי געלאָזן פֿיר פּיצלעך קינדער פֿון איר פֿאַרשטאָרבענעם זון, יענקל, און זייער מאַמען, וועלכע האָט אין נאָרמאַלע צײַטן נישט געקענט מפֿרנס זײַן איר משפּחה. די שוויגער האָט געמאָלדן, אַז זי קען נישט לאָזן אויף הפֿקר אירע פֿיר אייניקלעך און פֿאָרט צוריק קיין קראַסניסטאַוו. מעגלעכקייטן זענען נאָך געווען, רוסישע מיליטער־לײַט זענען געפֿאָרן הין און צוריק. מיר האָבן געפּרוווט ווירקן אויף איר, זי זאָל בלײַבן מיט אונדז. אַלע קינדער אירע, צוויי זין און צוויי טעכטער מיט זייערע משפּחות, זענען געווען אין מיזרח־פּוילן, בײַ די סאָוועטן. דער דאָזיקער אַרגומענט האָט נישט געהאָלפֿן. זי האָט געטענהט, אַז דאָס גאַנצע פֿאַרהאָרעוועטע פֿאַרמעגן פֿון אירע קינדער איז געבליבן אויף הפֿקר, פֿאָרט זי צוריק און וועט אָפּהיטן די יתומים פֿון

איר עלטסטן זון און אויך דאָס „האָב־און־גוטס" פון אַלע אירע קינדער... מ'האָט זיך געזעגנט מיט געוויין און מיטן ווונטש ווידער צו זיין צוזאַמען...

אויפן אָרט פון דער שוויגער זענען צו אונדז אין צימער אַריין מיין אָפּגעזוכטער ברודער, אַברהמ'טשע, און דער קוזין, שלמה פודים. וועגן דעם, ווי אַזוי מיר האָבן זיך אָפּגעזוכט, האָב איך שוין פריער דערציילט.

די באַדינגונגען אין דער „בורסע" און אין דער שטאָט בכלל האָבן גענומען ווערן אומדערטרעגלעך. מען האָט געמוזט שטיין שעהען אין דער ריי („אָטשערעד") אויף צו באַקומען אַ ביסל שפּייז, אַפילו צו קויפן ברויט. קיין פּראָדוקטן האָבן נישט אויסגעפעלט, אָבער די באַפעלקערונג אין לודמיר האָט זיך פילפאַכיק פאַרגרעסערט און וואָס ס'איז געווען אין די געשעפטן האָט מען צעכאַפּט אין די מינוטן.

דאָס לעבן אין שטאָט איז גאָר שווער געוואָרן. אומעטום רייען אויף רייען, אַפילו אין די שטאָטישע טואַלעטן... די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט אָנגעהויבן קוקן אויף די פּליטים מיט שׂינאה, און די שׂינאה איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג. דאָס וואָרט „ביעזשעניעץ" — פּליט — איז געוואָרן אַ זידל־וואָרט. מען האָט דערציילט ווי אַ קוריאָז, אַז ווען מען האָט זיך געקריגט מיט אַ מיידל און געוואָלט איר ווי טאָן, האָט מען געזאָגט, אַז אַפילו אַ „ביעזשעניעץ" וועט זי נישט וועלן נעמען פאַר קיין פרוי. הכלל, פון אַ פיינער און סאָלידער שטאָט, וואָס מיר האָבן זי דערקענט ביי אונדזער אָנקום, איז לודמיר געוואָרן אַ גיהנום. מען האָט גענומען זוכן וועגן, ווי צו אַנטלויפן פון דאַנען.

מען האָט גענומען פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז די סאָוועטן וועלן נעמען רעגיסטרירן יעדן איינעם וואָס וועט וועלן אַריינפאָרן קיין רוסלאַנד, און דער־ווײַלע צעשיקט נענטער צו דער רוסישער גרענעץ די פּליטים פון די שטעט, ווו זייער צאָל איז געווען גרויס און מענטשן האָבן זיך ממש געוואַלגערט אין די גאַסן. ס'איז אָנגעקומען דער ווינטער מיט רעגנס און שנייען, און אונדז מיט קליינע קינדער, האָט מען גענומען פירן מיט דער באַן טיפער אין לאַנד אַריין. די פענצטער פון די וואַגאָנען זענען געווען צעבראָכן, ס'האָט געיאָגט פון אַלע זייטן. מען איז לאַנג געפאָרן, לאַנג געשטאַנען אויף די באַן־סטאַציעס און זיך פּאַמעלעך גערירט אויף מיזרח.

מיר זענען אָנגעקומען אין אַ שטעטעלע, בערעסטעטשקאָ, ערגעץ אין

דער געגנט פון לוצק און דובנע. זעט אויס, אַז די אַרטיקע באַפעלקערונג האָט שוין געהאַט געהערט דאָס וואָרט „ביעזשענצעס", און ס'האָט אָנגעוואָרפן אויף זיי אַ שרעק. ביים פונאַנדערטיילן אונדז אין ווינונגען האָט די אַרטיקע, נאָר וואָס אָרגאַניזירטע סאָוועטן־מאַכט, אונדז איינגעקוואַרטירט נאָר דאָרטן, ווו מען האָט אונדז אַריינגעלאָזט, און ניט אין די ערטער ווו די מענטשן האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. דערווײַלע האָט מען אונדז געהאַלטן אין בתי־מדרשים, שולן און אַנדערע עפנטלעכע געביידעס. סוף־כל־סוף האָט די מאַכט באַשלאָסן אָנצוווענדן אַ שטאַרקע האַנט און געמאָלדן, אַז ווער עס וועט מיט גוטן נישט אָפּגעבן אַ טייל פון דער דירה אויף צו באַזעצן פּליטים, וועט ווערן אַרעסטירט און אויך באַזייטיקט פון דער ווינונג.

מיך מיט הינדען און אונדזער קינד, און אויך מיין ברודער מיטן קוזין, און נאָך עמעצן פון אונדזערע חברים האָט מען איינגעקוואַרטירט ביים גרעסטן גביר פון שטעטל, שפּיראָ. זיין פאַמיליע איז באַשטאַנען בלויז פון אים, זיין פרוי און אַ קינד, אין זעלבן עלטער, וואָס אונדזער טעכטערל, און אויך אַן אַלטע מאַמע. זיי האָבן געהאַלטן די דינסט, וואָס פון פאַרן קריג, אַן אוקראַינקע, און באַוווינט אַ זייער גרויסע דירה. זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע שניט־קראָם און נאָך איצט יעדן טאָג געעפנט דאָס געשעפט און עפּעס פאַרקויפט, ווייל די מאַכט־אָרגאַנען האָבן עס געצוווּנגען. אַ סך סחורה האָבן זיי געהאַט פאַרמויערט אין אַ קעלער און די דינסט האָט דערפון געוווּסט. (שפּעטער, ווען מיר זענען שוין געווען אין רוסלאַנד, איז צו אונדז דערגאַנגען די ידיעה, אַז די דינסט האָט פאַרמסרט די באַהאַלטענע סחורה. שפּיראָן האָט מען אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין סיביר.)

אין אָנהייב האָבן די שפּיראָס אונדז נישט געלאָזט איבערן שוועל. ווען מען האָט אונדז מיט כּוח אַריינגעזעצט, האָבן זיי זיך אויף אונדז נישט געוואָלט אומקוקן, ווי מיר וואָלטן זיי באַרויבט, צעשטערט זייער רייכקייט און גע־מיטלעכקייט. זיי האָבן אָבער באַלד געענדערט זייער באַציִונג צו אונדז און אַפילו געהאָלפן מאַטעריעל. מיר זענען געווען פאַר זיי אַ שטיקל שוץ, ווייל די מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיך מער נישט געטשעפּעט צו זיי. אונדזער קינד איז זיי געוואָרן טייער, ווי אַן אייגן קינד. דאָ האָבן מיר רויִק אָפּגעלעבט אַ פאָר חדשים, ביז מען האָט אונדז רעגיסטרירט אויף צו פאָרן אין טיף רוס־לאַנד, קיין טשעליאַבינסק, וואָס אויפן אוראַל.

מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט מיט אונדזערע בעלי־בתּים. ווי עס פירט זיך ביי ייִדן, אויך פאַרגאָסן אַ טרער, נישט, חלילה, אויף יוצא־זיין, נאָר אַן אמתע, אַן אויפריכטיקע טרער. מיר האָבן נישט געוווּסט וווּהין מיר פאָרן. זיי האָבן נישט געוווּסט, ווּעמען מען וועט צו זיי אַריינברענגען. ס׳איז זיי געווען קלאָר, אַז דעם שטח פון זייער דירה וואָס מיר האָבן געהאַט פאַרנומען, וועלן זיי נישט באַקומען צוריק. פאַרקערט, זיי זענען געווען זיכער, אַז מען וועט זיי אַריינזעצן נייע פּליטים און ס׳האָט געעקבערט די פראַגע, ווער וועלן זיי זיין. זיי זענען געווען ממש צעבראָכן פון אונדזער אָפּפאָר און פאַרזאָרגט אונדזער קינד אויפן וועג מיט אַלעם גוטן. אויך אונדז האָבן זיי מיטגעגעבן, וואָס זיי האָבן נאָר געקענט.

ס׳איז געווען טיפער ווינטער. מען האָט אונדז אַרויפגעזעצט אויף פויער־שע שליטנס און אַוועקגעפירט צו אַ באַן־סטאַציע. מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון אַ וואַרעמער שטוב און געשטאַנען פאַר דער רעטעניש: וווּהין פירט אונדז דער גורל? איינס איז געווען קלאָר, מיר דערווייטערן זיך פון דער אַלטער היים, פון פּוילן, און דאָס ערגסטע — מיר דערווייטערן זיך פון אונדזערע ליבסטע און טייערסטע, פון ווּעמען מיר זענען אַוועק אויף באַלד צו קומען צוריק...

מיר זענען אָנגעקומען צו עפּעס אַ באַן־סטאַציע. מען האָט אונדז אויפ־געלאָדן אין פראַכט־וואַגאָנען. אינעווייניק זענען געווען נאַרעס פון ברעטער, איינע איבער דער אַנדערער, צוויי שטאָק. אין איין ווינקל, פאַרהאַנגען מיט אַ דיקער דעקע, איז געווען געמאַכט אַ לאָך אין דער פאָדלאָגע און אַריינ־געשטעלט אַ בלעכענע רער, אויף צו דערליידיקן דאָ די מענטשלעכע באַ־דערפענישן. ס׳איז אויך געווען אַ לאַמטערנע מיט אַ ליכט אויף צו באַלייכטן דעם וואַגאָן אין די נאַכט־שעהען. אין מיטן וואַגאָן איז געשטאַנען אַן אייזערן איוועלע. ס׳איז אונדז געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרצן, ווען מיר האָבן דערזען, אין וואָסערע באַדינגונגען מען וועט אונדז פירן אַזאַ ווייטן וועג. מיר האָבן נישט געוווּסט, נישט געקענט זיך פאָרשטעלן, ווי שטאַרק ווייט ער איז. די, וואָס האָבן אונדז באַגלייט ווי פאַרשטייערס פון די מאַכט־אָרגאַנען, האָבן אונדז געזאָגט, אַז מיר וועלן אָנקומען קיין טשעליאַבינסק אין צוויי וואָכן אַרום. אין דער אמתן האָט דאָס גענומען פּונקט דאָפּלט.

אין וואַגאָן זענען מיר געווען אַלע אייגענע — קרובים, חברים. איך מיט

הינדען און אונדזער קינד, מיין ברודער אַברהמ׳טשע און דער קוזין, שלמה פודים, מיין ברודערס פרויס שוועסטער, רחל, מיט איר מאַן, שמואל ליאַקס־מאַן, אונדזער חבר, אַברהם וואַרמאַן, מיט זיין פרוי און אונדזער חברטע אסתר, אונדזערער אַן עלטערער פריינד, פּנחס אָקסענבערג, מיט זיין פרוי ראָכטשע און זייער זונדעלע משה׳לע, אונדזערער אַ שטאָטישער און נאָענטער באַקאַנטער, שלמה מאַנהיים, און נאָך עטלעכע, וועמען איך געדענק נישט גענוי.

וואָס עס האָט נישט געפעלט, דאָס איז „קיפּיאַטאָק״, קאָכעדיק וואַסער, וואָס אין רוסלאַנד קריגט מען אויף אַלע באַן־סטאַציעס ביז היינט צו טאָג. ווי נאָר די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, און אָפט האָט זי זיך אָפּ־געשטעלט ווייט פון דער סטאַציע, האָט מען געכאַפּט — ווער אַ טשייניק, ווער סתם אַ טעפּל — און געלאָפן נאָך „קיפּיאַטאָק״, פונעם הייסן וואַסער האָט מען געמאַכט טיי און אויך גענוצט אויף זיך אַרומצווואַשן. מען האָט געקענט נעמען הייס וואַסער אין אַן עמער, הכלל מיט הייס וואַסער איז מען געווען פאַרזאָרגט. ערגער איז געווען מיטן עסן. די פירערס פון עשעלאָן פלעגן מעלדן, אַז אויף דער און דער סטאַציע וועלן מיר באַקומען געקאָכט עסן. נישט שטענדיק אָבער איז עס געשען. ס׳האָט אויך פּאַסירט, אַז צוליב פאַרשפּעטיקונג פלעגן מיר אָנקומען אויף דער סטאַציע אין מיטן דער נאַכט, דעמאָלט פלעגט מען ברענגען דאָס עסן און מען האָט אויפגעוועקט די מענטשן. אַ טייל פלעגט מוותר זיין אויפן עסן, מען זאָל זיי נאָר לאָזן שלאָפן.

אַזוי לאַנג ווי מען איז געפאָרן דורך די געביטן, וואָס האָבן פריִער געהערט צו פּוילן, איז אַלץ געווען פאַרהעלטנישמעסיק נישט זייער טייער, בערך דאָפּלט ווי אַ מאָל, און מיטן רוסישן רובל האָט מען געקענט צאָלן אַזוי גוט ווי מיט דער פּוילישער זלאָטי. נאָר אַז מען איז אַריינגעפאָרן אין רוסלאַנד, האָט זיך די לאַגע שטאַרק געביטן: אַלץ שרעקלעך טייער און שווער צו באַקומען. אַז דער צוג פלעגט זיך אָפּשטעלן, איז מען געלאָפן ברענגען אַ ביסל פּראָדוקטן, ווייל דאָס עסן וואָס מיר האָבן באַקומען פון די אָנפירערס פון עשעלאָן, איז נישט געווען גענוג. דאָס וויכטיקסטע איז געווען צו באַזאָרגן די קינדער מיט אַ ביסל מילך. עס האָט אַרויסגערופן געלעכטער און אויך האַרץ־ווייטיק און בושה, ווען פּנחס אָקסענבערג איז באַלד אין די ערשטע טעג פון פאָרן אויף דער רוסישער טעריטאָריע, און ס׳האָט געדאַרפט

הייסן, אַז מיר זענען שוין אין אמתן גן־עדן, האָט ער געבראַנגט אַ פלאַש מילך פון אַ האַלבן ליטער און באַצאָלט צוויי רובל. אַריינקומענדיק אין וואַגאָן האָט ער מיט אַ צווידייטיקן ווונק און מיט אַ ביטערן שמייכל געזאָגט, אַז מיר זענען אָנגעקומען אין אַ „טייער לאַנד"... ער איז געווען אַ לינק־געשטימ־טער מענטש און נישט געוואָלט קיין מאָל גלייבן, וואָס די בירגערלעכע פּרעסע האָט געשריבן וועגן דער לאַגע אין סאָוועט־רוסלאַנד. ווי אַלע לינק־געשטימטע האָט ער געהאַלטן, אַז דאָס איז פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער „איין און איינציקער פּראָלעטאַרישער און סאָציאַליסטישער מלוכה", ביז ער האָט זיך אַליין אָנגע־שטויסן אין דער טרויעריקערווירקלעכקייט. מיר האָבן זיך געסודעט און געשושקעט, אַז די מענטשן אין וואַגאָן, וועלכע מיר האָבן זיי נישט געקענט, זאָלן נישט הערן. מען האָט זיך געפרעגט, ווי אַזוי וועט מען קענען לעבן? מען איז ביסלעכווייז געוווּיר געוואָרן די פּרייזן פון אַנדערע פּראָדוקטן און פּנחס האָט מיט זיין וויציקער שפּראַך אַלץ איבערגעחזרט: „עס איז זייער אַ טייער לאַנד". מיר האָבן טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

נאָכן אָפּשלעפּן זיך מיטן עשעלאָן אַרום פיר וואָכן, זענען מיר אָנגעקומען קיין טשעליאַבינסק. דאָס איז געווען אין מיטן ווינטער 1940.

אין טשעליאַבינסקער געגנט

אין טשעליאַבינסק האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין אַ שיינעם רעסטאָ־ראַן, וווּ ס'איז געווען צוגעגרייט אַ פיינער קבלת־פּנים. אויפגענומען האָבן אונדז פּרויען, נישט אַזוי שלעכט געקליידט ווי די, וואָס מיר האָבן זיך אָנגע־זען אויף די מערק, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, מיט אָפּגעטראָגענע שלעכטע שטיוול אין מיטן אוראַליש־סיבירישן ווינטער. די פּרויען וואָס האָבן אונדז אויפגענומען, זענען געווען אָנגעטאָן אין בעסערע מלבושים, אין שטיוול אָדער וואַליקעס און זענען אַפילו געווען צוגעפּאַרבט. זיי האָבן גענומען אונדזערע קינדער אויף די הענט און זיך געשפּילט מיט זיי, געקויפט זיי שפּילעכלעך.

נאָכן אָפּרוען זיך און אָפּעסן האָט מען אונדז אַוועקגעפירט נעכטיקן אין ריינע באַראַקן. צו מאָרגנס נאָכן פרישטיק האָט מען געמאָלדן, אַז מיר זענען צוגעטיילט געוואָרן צו וווינען און צו אַרבעטן אין אַ דאָרף פּראָכאָראָ־באַלאַנ־

דינאַ, עטלעכע צענדליק ק״מ פון טשעליאַבינסק. דאָס זענען פּאַקטיש געווען צווייּ דערפער, וואָס צווישן זיי איז דורכגעפלאָסן אַ טייך. אַ פּרימיטיווע בריק וואָס איז געהאַנגען אויף אייזערנע סלופּעס, צוגעפעסטיקט מיט דראָטן, האָט פאַראייניקט די ביידע דערפער. ס׳האָט מיט זיי אָנגעפירט איין פאַרוואַלטונג, ד״ה איין „סעלסקי-סאָוועט״. ווינטער איז דער טייך געווען געפרוירן און איבערן אייז זענען אַן מורא געפאָרן לאַסט-אויטאָס און טראַקטאָרן.

ווען ס׳איז פאַרביי דער ווינטער, אין אַפּריל אָדער מיי, האָט דאָס אייז אָנגעהויבן צעגיין, און פאָרן אָדער אַפילו גיין איבער אים איז געווען אַ סכנה. די אויטאָס און טראַקטאָרן האָבן געהאַט אַן אומוועג און זענען אַזוי אַרום אָנגעקומען פון איין טייל דאָרף אין צווייטן. מיר האָבן אָבער געמוזט גיין איבער דער „הענג-בריק״, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות-נפשות. זי פלעגט זיך וויגן, בעת צוויי מענטשן זענען אויף איר געגאַנגען. ס׳איז נאָך געווען גוט, וואָס מיר האָבן געוווינט און געאַרבעט אין זעלבן דאָרף. די נאַטשאַלסטווע מיט די ביוראָען זענען געווען אין צווייטן דאָרף, און דאָס איז שוין געווען נישט גוט, ווייל מען האָט דאָך פון מאָל צו מאָל געמוזט קומען צו נאַטשאַלסטווע.

ווען מען האָט אונדז געברענגט אין דאָרף, האָט מען נאָך אַ פּאָר טעג אָפּרו געזאָגט, אַז מען דאַרף גיין אַרבעטן. „ווער עס אַרבעט נישט, דער עסט נישט״, דער באַוווסטער לאָזונג, וואָס האָט אונדז נאָכגעיאָגט אַלע יאָרן אין רוסלאַנד.

די אַרבעט אונדזערע איז באַשטאַנען אין אַרויסבאַקומען מאַרמאָר-שטיינער פון דער ערד. די גרובן זענען געווען אָפן, אָבער גאַנץ טיף. אַראָפּ האָבן געפירט ספּעציעלע וועגן. ס׳פלעגט אויסקומען אַראָפּצולאָזן זיך אַזוי טיף, אַז צו מאָל דאָ, ווו מען האָט געגראָבן, אָדער מיט דינאַמיט אויפגעריסן די מאַרמאָר-שטיינער, האָט מען זיך אָנגעטראָפן אויף וואַסער, וואָס האָט געדראָט צו פאַרגיסן די גרובן. ספּעציעלע מאָטאָרן האָבן אויסגעשעפּט דאָס וואַסער. צו גלייך מיט די מענער האָבן אויך געאַרבעט עטלעכע פרויען. זייער אַרבעט איז געווען אַ פּשוטע, אָבער אַ שווערע. אין דער הייך איז געווען געשפּאַנט אַ פערד צו אַ ראָד, צו וועלכן ס׳איז געווען צוגעבונדן אַ שטאָלענער קאַנאַט. צו אים איז געווען צוגעפעסטיקט אַן אייזערנע וואַגאָ-נעטקע. אין גרוב האָבן מיר אָנגעפילט די וואַגאָנעטקע מיט די אָנגעהאַקטע

שטיקער מאַרמאָר. דאָס פערד האָט זיך געדרייט, דער קאָנאָט האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום ראָד און אַרויפגעצויגן די וואַגאָנעטקע. די פרוי וואָס האָט געטריבן דאָס פערד צוזאַמען מיט נאָך אַ פרוי, אָדער אַ מאַן, האָבן די וואַגאָנעטקע אויסגעליידיקט און זיי ווידער אַראָפּגעלאָזט צו אונדז, בכדי ווי־דער אָנצופילן, און אַזוי גאַנצע אַכט שעה.

די אַרטיקע איינוווינערס זענען געווען צו דער שווערער אַרבעט צוגע־וווינט. ווי זיי האָבן דערציילט, האָבן זייערע טאַטעס און זיידעס, נאָך פאַר די צאַרן געאַרבעט ביי די דאָזיקע גרובן. האָבן זיי טאַקע געפרעגט, ווי אַזוי וועלן מיר זיך צוגעוווינען צו אַזאַ האַרעוואַניע? און אין דער שטיל געזאָגט, אַז מיר וועלן דאָ לאַנג נישט אויסהאַלטן. די פאַרוואַלטערס פון דעם פּלאַץ, האָבן אָבער געהאַלטן, אַז מיר מוזן זיך צוגעוווינען. דאָס לאַנד שטייט אין קריג מיט פינלאַנד און מוז האָבן מאַרמאָר. וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג עס האָט דער מאַרמאָר מיטן קריג, איז געווען שווער צו פאַרשטיין, ווייל סך־הכל האָט דער מאַרמאָר וואָס מיר האָבן אַרויסבאַקומען, געזאָלט דינען צו באַפּוצן דאָס „הויז פון די סאָוועטן"... מיר האָבן די גאַנצע מעשה „מאַרמאָר" געהערט צום ערשטן מאָל אין לעבן. מען האָט פאַר אונדז געהאַלטן לעקציעס וועגן דעם „מאַרמאָר", גלייך מיר וואָלטן זיך געלערנט אויף אינזשעניערן.

ווי די אַרטיקע אַרבעטער האָבן אונדז פאָרגעזאָגט, האָבן מיר זיך צו דער אַרבעט נישט געקענט צוגעוווינען. מיר האָבן פשוט נישט געהאַט דערצו גענוג פיזישן כוח, כאָטש באַלד נאָך אונדזער אָנקומען האָט מען אונדז געגעבן ספּעציעלע באַדינגונגען — באַזעצט אין פריש אויסגעקאַלכטע דאָרפישע שטובן מיט עלעקטרישן ליכט, מער ווינציקער איינגעאָרדנט מיט אַ ביסל מעבל, אַ שאַפע און בעטן, אַ טיש מיט בענקלעך. ס'איז אויך אין אָנהייב געווען צוגעגרייט צעהאַקט האָלץ צום הייצן. מיר האָבן אויך באַקומען פּראָ־דוקטן אָן אַ ריי, אין דער צייט ווען אַלע אַנדערע האָבן נאָך יעדער זאַך געמוזט מקיים זיין די מיצווה פון שטיין אין „אָטשעריעד". מען האָט אונדז אויך נית באַגרענעצט. וויפל מיר האָבן געוואָלט, האָט מען אונדז פאַרקויפט. דאָס איז געווען אַן אָנווייזונג פון דער העכערער מאַכט, און אָן דערווידערונג איז אַלץ געוואָרן אויסגעפירט, ביז...

ביז די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט גענומען פּראָטעסטירן, פריער — אין דער שטיל, און שפּעטער — עפנטלעך. נאָך דער אַרבעט און נאָר דעמאָלט

האָט דער פּאַרקויפער געעפנט דאָס געוועלב און דעמאָלט פלעגן מיר קומען נעמען דאָס נייטיקע. לכתחילה זענען עס געווען פּראָדוקטן, וואָס מען האָט נאָר אונדז פאַרקויפט, און די אַרטיקע איינוווינערס האָט מען געזאָגט, אַז עס איז מער נישט פאַראַן. איז נישט קיין ווונדער וואָס דער עולם האָט זיך גענומען „בונטעווען”, געשריען, אַז מיר דאַרפן אויפהערן זיך האַלטן פאַר יחסנים און ווערן גלייך מיט אַלעמען, שטיין אין דער ריי, באַקומען דאָס וואָס מען גיט דער אַרטיקער באַפעלקערונג, און אַפילו אַליין זיך אָנהאַקן האָלץ אויף צו באַהייצן די שטובן. מיר דאַרפן אויפהערן זיין „פּוילישע פּאַנעס” און ווערן גלייך מיט אַלעמען. זיי זענען געווען נישט שטאַרק אומגערעכט, אָבער אונדז האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן, ווייל אַ געוויסע אומרעכט איז געווען אין זייערע טענות. כמעט יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט לעבן דער שטוב אַ שטיקל ערד, וואָס זיי האָבן אַליין באַאַרבעט, און דאָס האָט פאַר־לייכטערט זייער עקסיסטענץ. טייל פון זיי האָט אויך געהאַלטן אַ קו און געהאַט מילך פאַר דער משפחה. אַפילו פאַרקויפט אונדז מילך. אָבער אַזוי איז שוין דער מענטש, ער פאַרשטייט קודם־כל זיך. מעגלעך, אַז זיי האָבן באַקומען אַן אָנדייט פון דער אַרטיקער מאַכט, אָוועקצושטעלן אונדז אויפן ריכטיקן פּלאַץ. מיר האָבן שפּעטער באַמערקט, אַז אין סאָוועטישן רעזשים ווערט אַלץ אָרגאַניזירט פון אויבן. ווי עס זאָל נישט זיין, דער פאַרקויפער פון געוועלב האָט אונדז גענומען אָפּגעווינען פון די פּריווילעגיעס און מיט גוטן געזאָגט, אַז ער קען זיך נישט קעגנשטעלן דעם דרוק פון עולם. מיר זענען אַוועק זיך באַקלאָגן פאַרן ראָש פון אַרטיקן סאָוועט. ער האָט דערקלערט, אַז לאַנג וועט ער נישט קענען זיך קעגנשטעלן דעם „ווילן פון פאָלק”. ער וועט נאָך פּרובירן ווירקן אויף די מענטשן, זיי זאָלן נישט אַזוי שטאַרק דריקן, אָבער מיר דאַרפן פאַרשטיין די לאַגע. פאַרשטענדלעך, אַז מיר האָבן גענומען פאַרשטיין... אַ ברירה האָבן מיר געהאַט?

מיר האָבן זיך געווענדט צום פאַרוואַלטער פון די מאַרמאָר־גרובן און דערקלערט, אַז מיר פאַלן פון די כוחות און קענען נישט אויספירן די אַרבעט. ער האָט אונדז געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער קען אונדז נישט העלפן. נישט ער האָט אונדז געבראַכט אַהער און קען אונדז דעריבער נישט באַפרייען. מיר האָבן געהאַט אַ חשד, אַז איינער פון די אָנפירערס איז געווען אַ ייִד. זיין נאָמען איז געווען שלאָסקין. ס'האָט זיך אונדז אויסגעדאַכט, אַז טאָמער

ער איז טאַקע אַ ייִד, וועט אונדז זיין לייכטער אים צו איבערצייגן, ווי שווער אונדז איז. (אויף אונדזער ווייטערדיקן וועג, האָבן אונדז יידישע נאַטשאַל־ניקעס און יידישע דאָקטוירים נישט ווייניק געהאָלפן). דער האָט זיך אָבער נישט געגעבן צו דערקענען. אפשר איז ער באמת נישט געווען פון אחינו־בני־ישראל. ער האָט אונדז געגעבן צו פאַרשטיין, אַז פאַר אונדז האָט זייער „קאָמבינאַט" באַצאָלט, ווען מיר זענען נאָך געווען אין מערב־אוקראַינע, און נאָר דער „קאָמבינאַט" איז באַפולמעכטיקט צו ענדערן אונדזער צושטאַנד.

מיר האָבן באַשלאָסן זיך צו ווענדן צום ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַהין האָט מען געדאַרפט פאָרן. מיט עפּעס אַן אויסרייד האָבן מיר, צוויי, זיך באַפרייט פון דער אַרבעט אויף אַ טאָג, און אַ שאָפער פון אַרבעט־פּלאַץ האָט אונדז מיטגענומען אין ראַיאָן אַריין. דאָרטן האָבן מיר זיך געוואָנדן צום סעקרעטאַר פון ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, דעם הויפּט־בעל־הבית פון ראַיאָן. דאָס וואָס ער קען נישט אַליין באַשליסן, גיט ער איבער דעם שטאַטישן סעקרעטאַר, און דער האָט די ברירה איבערצוגעבן דעם ענין „העכער" — צום סעקרעטאַר פון קרייז (אָבלאַסט) און אַזוי גייט עס ביז מאָסקווע אין „קרעמל"...

דער סעקרעטאַר פון ראַיאָן־קאָמיטעט האָט אונדז פריינדלעך אויפגענומען. מיר האָבן פאַר אים אויסגעגאָסן אונדזער ביטער האַרץ, דערקלערט, אַז מיר זענען ספּעציאַליסטן, שניידערס, שוסטערס און מען האָט אונדז אַוועקגעשטעלט אַרבעטן ביי אַ שוואַרצער, שרעקלעך שווערער אַרבעט, בעטן מיר אַריבערפירן אונדז אַרבעטן ביי אונדזערע פאַכן. ער האָט זיך פאַרטראַכט און געזאָגט פייערלעך, אַז מיר זענען פרייע בירגער, און די סאָוועטישע דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע פאַרזיכערט יעדן איינעם צו אַרבעטן ביי זיין פאַך. און דאָס איז חל אויך אויף אונדז. נאָך אַזאַ דערקלערונג האָבן מיר געבעטן, ער זאָל אונדז געבן וועגן דעם אַ בריוו צו דער פאַרוואַלטונג פון די גרובן. האָט ער ווידער פייערלעך זיך אָפּגערופן, אַז מיר דאַרפן נישט קיין שום בריוו, אונדזער בריוו איז די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע, און מיר זאָלן דערקלערן אונדזער נאַטשאַלסטווע, אַז דער סעקרעטאַר פון ראַיאָן־קאָמיטעט האָט געזאָגט, אַז מיר האָבן רעכט זיך איינאָרדענען אויף אַרבעט ביי אונדזערע פּראָפעסיעס. בקיצור, מיר זענען געקומען אַהיים און אַריין צו אונדזער נאַטשאַלסטווע ווי זיגערס, דערציילט, וואָס דער ראַיאָן־סעקרעטאַר האָט

געזאָגט. ענטפערט מען אונדז: „לאָמיר זען דעם בריוו, וואָס ער האָט אייך געגעבן. מיר מוזן דאָך האָבן דעקונג". דערציילן מיר, אַז ער האָט געזאָגט, אַז מיר דאַרפן נישט קיין בריוו, נאָר די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע... הכּלל, מיר זאָגן אונדזערס, זיי זאָגן זייערס, און מיר מוזן צוריקגיין צו דער אַרבעט אין די גרובן.

מיר האָבן געמוזט נאָך דער אַרבעט און אויך אין די אָפּרו־טעג צואַר־בעטן, יעדערער ביי זיין פאַך אויף צוצופאַרדינען. דער געהאַלט איז נישט געווען גענוג אויף מפרנס צו זיין די משפּחה, ווייל מיר זענען געווען זייער ווייט פון אויספילן די נאָרמעס. אַפילו די אָרטיקע אַרבעטער האָבן קוים באַוויזן זיי אויסצופילן. פאַרשטענדלעך, אַז מיט די וואָס האָבן איבערגעשטיגן די נאָרמעס האָט מען זיך געצאַצקעט: זייערע בילדער אויסגעהאַנגען ביי דער קאָנטאָר און אויך ביים געוועלב, וואָס גיט אַרויס פּראָדוקטן, שיך און קליידונג, בכּדי אַזוי אַרום אַרויסצורופן ביי אַנדערע אַרבעטער אַמביציע צו אַרבעטן אינטענסיווער. מיר האָבן געזען, אַז דאָס אַלץ וואָס מיר האָבן באַקעמפט אין קאַפּיטאַליסטישן פּוילן, ווערט דאָ אַנגעוואָגדן און מען מאַכט דערפון אַן אידעאַל, ווייל ס'איז פאַרן „סאָציאַליסטישן פאַטערלאַנד".

מיר האָבן נישט אויפגעגעבן אונדזערע באַמיִונגען אַוועקצוגיין פון דער קאַטאָרגע, ווייל מיר האָבן געפילט, אַז יעדער טאָג אַרבעט דערנענטערט אונדזער סוף, און באַשלאָסן צו פאָרן קיין טשעליאַבינסק, צום פּאַרטיי־סעק־רעטאַר פון דער „אָבלאַסט" (געגנט).

איך בין געפאָרן מיט אסתּרן, די פרוי פון אַברהם וואַרמאַן. איך בין געווען דער רוסיש־רעדער. פאַרשטענדלעך, מער פּויליש, ווי רוסיש, און זי, אסתּר, וואָס האָט געהאַט אַ געשליפענע צונג, האָט געזאָלט לאָזן אַ טרער, ווייל רעדן מיט אַ ביסל טרערן ווירקט מערער. ערשט שפּעטער האָבן מיר זיך באַקענט מיטן פּאָפּולערן סאָוועטישן ווערטל: „מאָסקווע גלייבט נישט קיין טרערן"...

בכּדי צוצוקומען צום סעקרעטאַר פון געגנטלעכן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, דאַרף מען האָבן אַ באַזונדערן זכות. און אַז מען האָט שוין אַזאַ זכות, גייט מען ערשט דורך שבעה־מדורי־גיהנום: פאַרשידענע קאָנטראָלן, אויס־פאָרשונגען און צענדליקער שפּיציקע אייגעלעך. מיר זענען אַריין אין זיין שיינעם קאַבינעט, און ער האָט אונדז אויפגענומען מיט אַ פריינדלעכן שמייכל

און אויסגעהערט. איך בין גישט שטאַרק זיכער, צי ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען, וואָס מיר האָבן צו אים גערעדט אין אונדזער געבראָכענעם רוסיש. אסתּרס טרערן האָט ער באַשטימט פאַרשטאַנען. ס'האָט זיך איבערגעחזרט דאָס זעלבע, וואָס ביים סעקרעטאַר פון ראַיאָן־קאָמיטעט, גלייך ווי ער וואָלט פון פריִער געוווּסט, וואָס יענער האָט אונדז געזאָגט. ער, דער סעקרעטאַר פון „אָבלאַסט״, האָט אונדז מיט די זעלבע ווערטער, נאָר נאָך פייערלעכער און וואָגיקער געזאָגט דאָס זעלבע: „די קאָנסטיטוציע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד״, און אַזוי ווייטער און ווייטער... מיר דאַרפן נישט קיין שום בריוו, מיר דאַרפן נאָר זאָגן, אַז ער אַליין בכבודו־ועצמו, האָט אונדז געזאָגט אַזוי און אַזוי... און ביי אונדזער פאַרוואַלטונג האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע סצענע: „אויב זיי ווילן נישט געבן קיין בריוו אָדער האָבן מורא צו געבן אַ בריוו, האָבן מיר נישט דאָס רעכט אייך אָפּצולאָזן״...

מיר האָבן זיך אַנטשלאָסן צו אַ ריזיקאַלישן שריט: דינגען פערד־און־וואָגן, און ביי נאַכט, מיט אונדזערע בעבעכעס אָפּפאָרן קיין טשעליאַבינסק, זיך איינבעטן ביי דאָרטיקע ייִדן, זיי זאָלן אונדז פאַר געלט לאָזן איבערנעכטיקן, זיי זאָלן אונדז קויפן באַן־בילעטן קיין מערב־אוקראַיִנע — אין די געביטן פון וואַנען מען האָט אונדז אָוועקגעפירט אין סאָוועטישן גן־עדן אַריין.

נישט אַלע האָבן זיך דערוועגט דאָס צו טאָן. מיין ברודער, אַברהמ'טשע, און אונדזער קוזין, שלמה פודים, האָבן באַשלאָסן צו בלייבן אַרבעטן אין די גרובן. זיי האָבן נישט געהאַט קיין פרויען און קינדער ביי זיך, און זייער אַוועקפאָרן, ווען זיי וועלן באַשליסן דאָס צו טאָן, וועט זיי עס אָנקומען לייכטער. אַנדערע צוויי פאַר־פעלקער מיט קינדער, וואָס זענען געווען מיט אונדז, האָבן אויך באַשלאָסן צו בלייבן.

באַשטעלט פערד־און־וואָגן, האָבן מיר אין איינער אַ נאַכט זיך געלאָזט אין וועג. מיר האָבן אויסגערעכנט, אַז ווען נאַטשאַלסטווע וועט זיך כאַפּן, אַז מיר זענען אַוועק, וועלן מיר שוין זיין נאָענט צו טשעליאַבינסק. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז מען וועט אונדז נאָכיאָגן און מישפּטן פאַרן אַנטלויפן פון דער אַרבעט.

געווען איז עס אין מיי חודש 1940, אין אַ שיינעם, קילן פאַרטאָג. מיר זענען געפאָרן די גאַנצע צייט צווישן וועלדער. ווען ס'איז ליכטיקער געוואָרן, האָבן זיך די פייגעלעך צעזונגען, געמאַכט פריילעכער אונדזער שווער געמיט

און געהויבן דעם מוט. הינדע מיטן קינד און די פרוי רחל ליאַקסמאַן זענען געזעסן אויפן וואָגן, די מענער און אסתּר וואַרמאַן זענען אים נאָכגעגאַנגען. זעענדיק אַז מען יאָגט אונדז נישט נאָך, האָבן מיר אָנגעהויבן באַדויערן, וואָס מיר זענען אַנטלאָפן געהיים. אויך האָט באַנג געטאָן אויף די עטלעכע הונדערט רובל, וואָס אונדז האָט געקומט פאַר אָפּגעטאָענער אַרבעט.

מיר זענען אַריינגעפאָרן אין טשעליאַבינסק און נישט ווייט פון דער באַן־סטאַציע געפונען אַ יידישע משפּחה. מען האָט אונדז צעטיילט צווישן אַ פּאָר שכנותדיקע יידישע פאַמיליעס. אויך האָבן די מענטשן צוגעזאָגט אונדז צו באַזאָרגן באַן־בילעטן צו פאָרן ווייטער. די משפּחות האָבן געהאַט פאַרבינ־דונגען מיט יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער באַן־דירעקציע. דאָס באַקומען באַן־בילעטן איז איצט געווען דאָס וויכטיקסטע פּראָבלעם, ווייל בילעטן האָט מען באַקומען נאָר לויט אַ באַשטעטיקונג פון אַן אַרבעטפּלאַץ, אַז מען ווערט געשיקט אין ענינים פון דער אונטערנעמונג. מיר האָבן אונדזערע גאַסט־געבערס דערציילט דעם גאַנצן אמת. די מענטשן האָבן געהאַט אויף אונדז רחמנות און צוגעזאָגט צו העלפן. גערעדט האָבן מיר יידיש. כאָטש טשעליאַ־בינסק איז נישט געווען קיין שטאָט פון יידן, האָבן די, ביי וועמען מיר זענען איינגעשטאַנען, גערעדט צווישן זיך מאַמע־לשון.

איצט האָבן מיר אָנגעהויבן זוכן אַ וועג אָפּצונעמען דאָס געלט, וואָס האָט אונדז געקומט פאַר אָפּגעטאָענער אַרבעט אין די גרובן, און באַשלאָסן, אַז אַ טייל פון אונדז וועט אַריינפאָרן אין דאָרף און זען צו דערליידיקן דעם ענין. היות מיין ברודער מיטן קוזין זענען געבליבן אויפן אָרט און ווייטער געאַרבעט, האָבן מיר דאָס געקענט טאָן אָן גרויסער ריזיקע. צו אונדזער גרויסער פאַרוווּנדערונג האָבן זיי אונדז געזאָגט, אַז מיר ריזיקירן נישט מיט גאָרנישט, און גלייבן, אַז מיר וועלן באַקומען דאָס געלט, און ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויך זיי וועלן לעגאַל פאַרלאָזן די אַרבעט. זיי האָבן שוין אָפּילו גערעדט מיטן נאַטשאַלניק, און ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסע קעגנערשאַפט. ס׳איז אונדז געוואָרן לייכטער אויף דער נשמה און אַוועק מאַנגען דעם חוב. דאָ האָט מען אונדז נאָר פאַרגעוואָרפן, הלמאַי מיר זענען אַוועק אין געהיים, ווייל „די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע פאַרזיכערט דאָך יעדן איינעם פרייהייט״... מען האָט מיט אונדז זיך שיין אָפּגערעכנט. די ביטיקסטע זאַכן — מאַטראַצן, כלים — וואָס מיר האָבן באַקומען אויסגעליען

פון אַרבעטפּלאַץ, האָט מען איצט אונדז פֿאַרקויפט אויף מלוכישע פּרייזן און נאָך אַראָפּגערעכנט אַ גרויסן פּראָצענט פֿאַר אָפּגעניצטקייט. אַזוי אַרום האָבן מיר זיי באַקומען כּמעט אומזיסט. מען האָט מיט אונדז פֿיין זיך געזעגנט. זעט אויס, געדאַנקט האָבן זיי גאָט, וואָס זיי זענען פון אונדז פּטור געוואָרן. אויך מיר האָבן געדאַנקט גאָט פון גאַנצן האַרצן...

מיר האָבן זיך נאָך אַ מאָל געזעגנט מיטן ברודער און מיטן קוזין און מיט די אַנדערע ייִדישע משפּחות, וואָס זענען פֿאַרבליבן אין דאָרף. צום מאָמענט האָט דער ברודער נישט געקענט זיך רירן פון אָרט, ווייל ער האָט געוואָרט אויפן ענטפֿער פון מאָסקווע וועגן דער ביטע, וואָס ער האָט געשיקט אין אויסערן־מיניסטעריום בנוגע אַריבערנעמען זיין פרוי מיטן קינד.

ווידער אין די געוועזענע פּוילישע געביטן

צוריקקומענדיק קיין טשעליאַבינסק איז שוין געווען איבעריק דאָ צו בלייבן אַ טאָג. באַקומען בילעטן, האָבן מיר זיך געלאָזט קיין קיִעוו. די ייִדן ביי וועלכע מיר האָבן געוווינט און וואָס האָבן אונדז פֿאַרזאָרגט מיט די בילעטן, האָבן אונדז געוואָרנט, נישט צו רעדן קיין ייִדיש צווישן זיך און זיך נישט וואַרפֿן אין די אויגן, ווייל אומעטום שווימלט מיט נ.ק.וו.ד.־אַגענטן. קיין ייִדיש האָבן מיר נישט גערעדט, אָבער די דאָזיקע שיינע לייט האָבן אונדז דערקענט לויטן „אויסלענדישן" אָנטאָן. באַזונדערש האָבן זיי געלייגט אַכט אויף אונדזער קינד, וואָס האָט געטראָגן אַ ווייס פֿאַלטענדל און אַ שיך היטעלע, וואָס אַזעלכע האָט מען אין רוסלאַנד נישט באַקומען. נאָכן אָפּפֿאָרן עטלעכע סטאַציעס האָבן די נ.ק.וו.ד.־אַגענטן נישט געפֿוילט זיך און געפֿרעגט, ווער מיר זענען און וווּהין מיר פֿאָרן. יעדערער האָט דערציילט אַ צוגעטראַכטע מעשׂה, און זיי האָבן אונדז נישט געטשעפּעט. שמואל ליאַקסמאַן מיט זיין פֿרוי, אונדזער חברטע רחל, וואָס האָט ניט געהאַט קיין קינדער, האָבן די אַגענטן געבעטן אַראָפּגיין מיט זיי. ווען מען האָט זיי געענדיקט אויספֿרעגן, איז אונדזער צוג שוין געווען אָפּגעפֿאָרן. מיר האָבן זיך שפּעטער אָפּגעזוכט אויפֿן קיִעווער וואָקזאַל צווישן טויזנטער און טויזנטער פּליטים צוריק־פֿאָרערס פון סאָוועטישן גן־עדן. עטלעכע טעג האָבן מיר זיך געוואַלגערט אויפֿן וואָקזאַל, ביז מען האָט געשטעלט עשעלאָנען און געלאָזט אונדז צוריק־

פאָרן אין די מיזרח־געביטן פון געוועזענעם פוילן, איצט פאַרנומענע פון די סאָוועטן.

מיר זענען אָנגעקומען אין ראָוונע און געפונען דאָ הינדעס אַ מומע, פערל, איר מאַן הערש גראַבשטאַק מיט זייערע קינדער — צוויי זין, מאָטל און שׂמחה, און צווי טעכטער, פייגע און עטל. זיי אַלע — נאָך אַן אַן אייגענער משפּחה. מיט זיי אַלעמען האָט הינדעס משפּחה זייער גוט געלעבט, באַזונדערש מיט די קינדער. מיטן עלטסטן, מאָטל, אין אונדזער עלטער, זענען מיר געוועזן גוט באַפריינדעט, כאָטש ער איז זעלטן געקומען קיין קראַסניסטאַוו. ער איז געווען אַן אינטערעסאַנטער מענטש, אַ שיינער, מיט הומאָר, געקענט לעבעדיק דערציילן מעשׂיות און אַנעקדאָטן. אַז ער פלעגט קומען אויף אַ יום־טוב צו זיינע עלטערן, פלעגט ער מער זיין ביי אונדז, ווי ביי זיי. איצט, ווען זיי האָבן אונדז דערזען, האָבן זיי באַלד געמאַכט פאַר אונדז אַ פלאַץ ביי זיך, זיך געפרייט מיט אונדז, באַזונדערש — מיט אונדזער קינד.

אין דער צייט וואָס מיר זענען געווען אין דאָרף נעבן טשעליאַבינסק, זענען הינדעס שוועסטער, דבורה, מיט איר מאַן, יונה לערנער, אַראָפּגעקומען קיין פּאָלטאַווע און זיך גוט איינגעאָרדנט. יונה האָט געאַרבעט, ווי אַ שניידער אין שטאָטישן מלוכה־טעאַטער. אָבער אויך זיי איז נישט געפעלן דאָס לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד און אין דער זעלבער צייט, וואָס מיר זענען געקומען קיין ראָוונע, זענען זיי אַוועקגעפאָרן קיין לודמיר מיטן געדאַנק זיך אומצו־קערן קיין קראַסניסטאַוו. דורך בריוו האָבן מיר זיך פאַרשטענדיקט, אַז מיר קומען צו זיי קיין לודמיר, בכדי צו זיין צוזאַמען און באַשליסן וואָס ווייטער צו טאָן.

ביים איינשטייגן אין וואַגאָן צום פאָרן קיין לודמיר (איך בין געפאָרן אַליין צוצוגרייטן אַ פלאַץ אויף אַראָפּצוברענגען הינדען מיטן קינד), האָבן גנבים אינסצעניזירט אַ געדראַנג, און מען האָט מיר אַרויסגעצויגן מיין טאַש מיט אַלע דאָקומענטן און מיין גאַנץ ביסל געלט. ס'איז מיר געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן. איך בין שוין נישט געפאָרן. אַוועק אין מיליץ און געמאָלדן וואָס מיר האָט פּאַסירט. מען האָט מיך אויסגעהאָרכט און אָנשטאָט צו טרייסטן, זאָגן אַ גוט וואָרט, אָנגעהויבן שרייען אויף מיר. דער עלטסטער האָט באַפוילן, מען זאָל מיך באַזוכן, און געשריען, אַז זיי איז באַקאַנט דער סאָרט מענטשן

וואָס מאַכן גוואַלדן, אַז מען האָט זיי באַגנבעט. אין דער אמתן זענען זיי אַליין שותּפים צו די גנבים אָדער האָבן געוויסע אַנדערע צילן.

מען האָט ביי מיר נישט געפונען קיין „געגנבעטע סחורה״ און מיך פּשוט אַרויסגעטריבן. כ׳האָב געדאַנקט גאָט, וואָס איך בין צוריק אויף דער פרייַ. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב מיך אַנגעשטויסן אין די סאָוועטישע היטערס פון געזעץ, און דאָס ערשטע מאָל וואָס מען האָט מיך באַשולדיקט, אַז איך בין אַ גנב... מיט דער פּוילישער פּאָליציי האָב איך, ווי באַוווּסט, געהאַט פּראָבלעמען. אפשר בין איך אין זייערע אויגן געווען ערגער ווי אַ גנב, אָבער ווען נישט מיין פּאָליטישע טעטיקייט, וואָלט מען געקוקט אויף מיר ווי אויף אַן אָרנטלעכן מענטש.

איצט האָב איך געהאַט נייַע שווערע דאגות: געבליבן אָן דאָקומענטן, אָן געלט און ווייַט פון דער היים. פּוילן איז פאַרנומען דורך אַ בלוטיקן שונא, די מלחמה גייט אָן. די דייטשן זענען באַשעפטיקט מיט די ענגלענדער און מיט די פראַנצויזן, און די רוסן — מיט פינלאַנד. מיר האָט מען אַרויסגע־גנבעט דעם פּאַספּאָרט און אַ מלוכה־צייגעניש, אַז איך האָב דאָס רעכט צו פירן אַ זעלבשטענדיקן שניידער־וואַרשטאַט, ס׳הייסט אַז איך בין דורכ־געגאַנגען עקזאַמענס און בין אַ פאַכמאַן.

מיך האָט געשראָקן דער געדאַנק, אַז פאַר די אַלע וואָס קענען מיך נישט, האָב איך נישט וואָס צו באַווייזן, אַז איך בין איך, מרדכי פּוטערמאַן, דער זון פון משה און רבקה, און די הויפּט זאַך — איך האָב גאָרנישט נישט אויף צו באַווייזן, אַז איך בין אַ פּוילישער בירגער. דאָס איינציקע וואָס איך האָב געקענט טאָן, איז שרייבן צו מיינע עלטערן און צו דער שוויגער, מען זאָל מיר אַרויסשיקן אַ קאָפּיע פון מיין בעל־מלאָכה־צייגעניש און אַ געבורטשיין. דאָס האָב איך טאַקע געטאָן. כ׳האָב נישט געקענט בעטן קיין פּאַספּאָרט, ווייל צו דעם האָט מען געדאַרפט פאָטאָס און זיין פּערזענלעך דערביי. אַ דובליקאַט פון מיין בעל־מלאָכה־צייגעניש איז געווען אוממעגלעך אַרויסצובאַקומען פון מאַגיסטראַט. מען האָט מיר געשיקט אַ געבורטשיין. אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען מיר אַרויסגעפאָרן פון ראָוונע, צוזאַמען מיט הינדען און מיט אונדזער טעכטערל, וואָס איז אַלט געווען קנאַפּע דריי יאָר.

אין לודמיר, אויך אין אַנדערע פריִערדיקע פּוילישע שטעט, וואָס זענען געווען פאַרנומען פון די סאָוועטן, איז געזעסן אַ געמישטע קאָמיסיע פון רוסן

מיט דייטשן, די צוויי „בעסטע פריינד", און רעגיסטרירט די מענטשן וואָס האָבן געוואָלט פאָרן צוריק צו זיך אין די היימען — די שטעט וואָס זענען געווען באַזעצט דורך די היטלעריסטן. די געמישטע קאָמיסיע איז זיך צו־זאַמענגעקומען נאָך דעם, ווי אין אַלע שטעט זענען פאָרגעקומען דעמאָנ־סטראַציעס פון פּליטים, וואָס האָבן געשריגן, אַז זיי ווילן פאָרן אַהיים. ביידע „פריינד", די דייטשן און די רוסן, האָבן געהאַט יעדערער באַזונדער אַן אינ־טערעס אין דער קאָמיסיע. די דייטשן האָבן געוואָלט באַווייזן (און מען האָט דערציילט, אַז זיי האָבן וועגן דעם געשריבן אין זייערע צייטונגען), אַז די פּליטים איז אַזוי נימאס דער סאָוועטישער רעזשים, אַז זיי ווילן צוריק אין די דורך די דייטשן באַזעצטע געביטן. די רוסן האָבן געוואָלט וויסן, ווער ס'איז גרייט צוריקצופאָרן צום היטלעריסטישן פאַשיזם, און זיך געגרייט מיט זיי אָפּצורעכענען זיך. געווען פאַלן, ווען די דייטשישע קאָמיסיע־מיטגלידער האָבן געפרעגט די יידן וואָס זענען געקומען זיך רעגיסטרירן, צי זיי ווייסן אַז דער פירער, אַדאָלף היטלער, האָט פיינט יידן, צו וואָס זאָלן זיי פאָרן אין אַן אָרט, ווו מען האָט זיי פיינט? טייל האָט זיך נישט רעגיסטרירט. די מער־הייט איז אָבער באַשטאַנען, מען זאָל זיי פאַרשרייבן. פון דער גאַנצער שפּיל מיט דער רעגיסטראַציע האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. מען האָט נישט געשטעלט קיין עשעלאָנען, קיינער איז נישט געפאָרן „אַהיים". דעם ריווח האָט געהאַט די נ.ק.וו.ד. — פאַרטיקע רשימות, מיט נעמען און אַדרעסן. אין אַ געוויסן טאָג פון זומער 1940 האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אויף דער באַן־סטאַציע אין לודמיר (און מסתמא אויך אין אַנדערע מערב־אוקראַי־נישע שטעט) האָט די סאָוועטישע מאַכט אָוועקגעשטעלט אַ גרויסע צאָל וואַגאָנען. מען האָט געפילט, אַז עס גרייט זיך עפּעס. טייל פּליטים, דער עיקר מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פאַמיליעס, אָדער פאַרלעך אָן קינדער, זענען אַוועק פון זייערע „היימען", וואָס זענען ממילא קיין היימען נישט געווען, און געבעכטיקט אין פאַרשידענע לעכער, אַפילו אויפן בית־הקברות.

ווען די בהלה איז פאַרביי, זענען מענטשן צוריק אַריין אין זייערע „היימען", און ערשט דעמאָלט, אין מיטן דער נאַכט, האָט מען אָנגעקלאַפּט אין די טירן. עס זענען אַריין עטלעכע מענטשן, אוקראַינער און יידן, אין מיליטערישע און אין ציווילע קליידער. זיי האָבן געהייסן באַווייזן דאָקומענטן און געפרעגט, ווער עס האָט זיך פאַרשריבן אויף צו פאָרן „אַהיים". אַזוי האָט

מען אויך אָנגעקלאַפּט ביי אונדז. מיר האָבן ציטווייליק געווינט צוזאַמען מיט הינדעס שוועסטער, דבורה, און איר מאַן. אויך אונדז האָט מען געפרעגט, צי מיר האָבן זיך רעגיסטרירט. מיר האָבן געענטפערט, אַז ניין. איך האָב מיך טאַקע נישט געהאַט רעגיסטרירט, געהאַלטן, אַז ס׳איז בעסער זיך צו וואַלגערן אין די ערגסטע באַדינגונגען און נישט זיין אונטער דער הערשאַפט פון די נאַציס. מיין שוואָגער, יונה לערנער מיט זיין פרוי דבורה, האָבן זיך נישט געלאָזט איבערצייגן און האָבן זיך יאָ רעגיסטרירט. כ׳ווייס נישט ווי אַזוי עס איז געשען, אַז די נ.ק.וו.ד.־לייט, וואָס זענען געווען ביי אונדז ביי נאַכט, האָבן נאָכגעקוקט אין זייערע רשימות און געמאָלדן, אַז מיר געפינען זיך טאַקע נישט צווישן די פאַרשריבענע. ס׳איז נאָר צו פאַרשטיין, אַז אָדער די רשימות האָבן זיך געפונען אין די הענט פון איינעם, וואָס האָט נישט געקענט לייענען, אָדער דער וואָס האָט נאָכגעקוקט אין די רשימות, איז געווען אַ ייִד און געוווּסט, אַז די וואָס מען פאַרנעמט, פאַרשיקט מען קיין סיביר. האָט ער באַשטעטיקט, אַז אויך יונה און דבורה לערנער זענען נישטאָ צווישן די רעגיסטרירטע. די נ.ק.וו.ד.־לייט זענען אַוועק, איבערלאָזנדיק אונדז אויפן אָרט. מיין שוועגערין דבורה איז דעמאָלט געווען אין אַכטן חודש...

ווען מיר זענען אין דער פרי אַרויס אין גאַס, האָט מען שוין געהערט, אַז די וואַגאָנען אויף דער באַן־סטאַציע זענען אָנגעפּאַקט מיט ייִדן. מען האָט זיי דערקלערט, אַז אַזוי ווי זיי האָבן זיך פאַרשריבן צו פאָרן צו היטלערן, זענען זיי נישט קיין באַגלייבטע עלעמענטן, און מען פירט זיי אַוועק הונדערט קילאָמעטערס פון דער סאָוועטיש־דייטשישער גרענעץ. די צווייטע נאַכט איז מען געקומען און מען האָט שוין נישט געפרעגט, צי מע האָט זיך פאַרשריבן אויף צו פאָרן „אַהיים״, נאָר באַפוילן זיך צו פאַרפּאַקן. באַלד וועלן צוקומען לאַסט־אויטאָס אָדער וועגענער און אונדז אַוועקפירן הונדערט קילאָמעטערס פון דער גרענעץ, ווייל נישט זייענדיק קיין סאָוועטישע בירגער, האָבן מיר נישט קיין רעכט צו וווינען אין אַ גרעסערער שטאָט, נאָענט צו דער גרענעץ.

מיר זענען געווען פאַרפּאַקט, ווייל אונדזער באַגאַזש איז נאָר וואָס געווען צוריקגעקומען פון טשעליאַבינסק. הינדע האָט גענומען זיך בעטן און וויינען, אַז זי קען נישט איבערלאָזן איר שוועסטער אַליין פאָרן גיין צו קינד. האָט מען איר געזאָגט, אַז די שוועסטער מיטן מאַן מוזן אויך פאָרן, כאָטש זי איז אין די הויכע חדשים.

מיט אונדז צוזאַמען אין לודמיר האָבן אויך געוווינט, ווי פּליטים, יונהס צוויי ברידער. דער עלטסטער, אַהרן לערנער, און דער ייִנגסטער, חנן לערנער, ביידע — אָן זייערע משפּחות. געהערט, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט, זענען זיי געקומען צו לויפֿן. ווען אַהרון, האָט דערזען, אַז מען נעמט אונדז אַלעמען צו, איז ער געלאָפֿן און געבראַכט אַ דאָקטער. דער דאָקטער האָט אומישנע דערקלערט, אַז דבורה איז אין נײַנטן חודש און מען טאָר זי נישט רירן פֿון אָרט. די נ.ק.וו.ד.־לײַט האָבן לכתּחילה נישט געוואָלט קיין זאַך הערן, געהייסן איר קריכן אין לאָסט־אויטאָ. דער דאָקטער האָט פּראָטעסטירט, וואָס מען פֿירט אַוועק אַ פֿרוי, וואָס קען יעדע מינוט געבערן, און ס׳איז אַ סכּנה פֿאַר איר לעבן. די נ.ק.וו.ד.־לײַט האָבן זיך דערשראָקן, געהייסן איר איבערבלײַבן און מיט איר אויך איר מאַן.

הינדעס בעטן זיך און וויינען, מען זאָל זי איבערלאָזן מיט דער שוועסטער ביז איבערן געבורט, האָט נישט געהאָלפֿן. מיר האָבן געמוזט אַרויף אויפֿן לאָסט־אויטאָ. מען האָט אונדז אָפּגעפֿירט צו דער באַן־סטאַציע און אַרײַנגעזעצט אין אַ פֿראַכט־וואַגאָן. צוזאַמען מיט אונדז זענען אויך געווען יונהס צוויי ברידער, אַהרון און חנן.

אין אַנדערע שטעט האָט מען נישט געלאָזן קיין שוואַנגערע פֿרויען בלײַבן אויף די ערטער. אַלע אָן אויסנעם האָבן געמוזט פֿאָרן. האָט טאַקע פּאַסירט, אַז פֿרויען זענען אין די וואַגאָנען אַוועק פֿון דער וועלט ביים געבערן, כאָטש, מען דאַרף זאָגן, אַז די מאַכט־אָרגאַנען האָבן אַלץ געטאָן צו שאַפֿן דערטרעגלעכע באַדינגונגען פֿאַר די, וואָס זענען געגאַנגען צו קינד. און אויך אין די וואַגאָנען זענען געבאָרן געוואָרן געזונטע קינדערלעך. ס׳קען זײַן, אַז דבורה מיט איר מאַן זאָלן געווען פֿאָרן מיט אונדז, וואָלטן זיי געבליבן לעבן צוזאַמען מיט זייער קינד. בלײַבנדיק אויפֿן אָרט זענען זיי אין אַ יאָר אַרום אַרײַנגעפֿאַלן צו היטלערן, שוין האָבנדיק אַ מיידעלע, און געטיילט דעם גורל פֿון די זעקס מיליאָן אומגעבראַכטע אייראָפּעיִשע ייִדן. אין דער זעלבער שטאָט מאַניעוויץ (וואָלין), וווהין זיי זענען אַריבערגעפֿאָרן, זענען זיי אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט הינדעס ברודער, ישׂראל, מיט זײַן פֿרוי רבקה און זייערע דריי קינדער.

מען פירט אונדז אין טיף רוסלאַנד

נאָך דעם ווי די נ.ק.וו.ד. האָט געמיינט, אַז זיי האָבן שוין אויסגעכאַפּט אַלע פּליטים, וואָס האָבן זיך געפונען אין לודמיר, האָט מען פאַרמאַכט די וואַגאָנען און נישט צוגעלאָזן צו זיי קיינעם. ס'האָט פּאַסירט, אַז עמעצער האָט זיך אויסגעבאַהאַלטן און מען האָט אים נישט געפונען. זעענדיק, אַז לודמיר איז כּמעט אויסגעליידיקט פון פּליטים און מען האָט צוגענומען אַלע זיינע קרובים, חברים און באַקאַנטע. איז דער מענטש אַוועק צו דער נ.ק.וו.ד. און געבעטן מען זאָל אויך אים צונעמען. האָט מען געענטפערט, אַז איצט איז שפּעט. מער נעמט מען נישט.

ס'זענען פאָרגעקומען טראַגעדיעס: מען האָט צוגענומען דעם מאַן און נישט באַוויזן צו נעמען די פרוי, און פאַרקערט. דער איבערגעבליבענער טייל פון דער משפּחה איז געקומען בעטן רחמים, מען זאָל לאָזן זיך פאַראייניקן מיט די אייגענע. האָט מען אָנגעטראָפן אויף אַ בלינדער מויער: „מער נעמט מען נישט, און שוין!״

געוועזן מאָמענטן, ווען מען האָט אויפגעמאַכט די וואַגאָנען, האָט מען זיך ווי עס איז אַהין אַריינגעגנבעט. אַז נישט, האָט מען באַצאָלט אַ פּאָר רובל. די וואָס האָבן נישט באַוויזן צו פאַראייניקן זיך מיט דער משפּחה אין די וואַגאָנען אין לודמיר, זענען נאָכגעפאָרן דעם עשעלאָן, געטראָפן אים שטיין אויף אַ וועלכער ניט איז קליינער סטאַציע, האָט מען געפּרוווט דאָרטן זיך אַריינכאַפּן אין וואַגאָן. און אַז ס'איז נישט געלונגען, האָט מען פאַרגעזעצט ביז קאָוועל. דאָס איז געווען אַ וויכטיקער באַנקנופּ, און דער עשעלאָן איז געבליבן שטיין עטלעכע טעג. מערקווערדיק, אַז אין קאָוועל האָט מען געעפנט די וואַגאָנען, און ווער ס'האָט געוואָלט, האָט געקענט אַוועקגיין און זיך נישט צוריקקערן. קיין פּעקעלעך האָט מען נישט געלאָזט אַרויסנעמען פון די וואַ־גאָנען, און יעדער ייִד האָט דאָך עפּעס אַ פּעקל. האָבן טאַקע פאַמיליעס נישט פאַרלאָזט די וואַגאָנען און באַשלאָסן: וואָס עס וועט זיין מיט כּל־ישׂראל וועט זיין מיט זיי. בחורים און מיידלעך, אמת, נישט קיין סך, זענען אַוועק אין שטאָט און זיך מער נישט צוריקגעקערט. די גרויסע מערהייט פון די, וואָס זענען אַוועק האָבן געזען, אַז אויך פון דאָנען האָט מען אויסגעכאַפּט די „ביעזשענצעס״, זענען זיי געקומען צוריק, בכדי צו פאָרן מיט אַלעמען.

די וואַגאָנען זענען געווען איינגעאָרדנט אויף דעם זעלבן אופן, ווי איך האָב דאָס געשילדערט אויף מיין נסיעה, וואָס האָט אונדז געהאַט פאַרפירט קיין טשעליאַבינסק, מיטן אונטערשיד, וואָס דעמאָלט איז געווען ווינטער און מען האָט געמוזט הייצן דעם אייזערנעם אויוון, אַז נישט האָט מען געקענט פאַרפרוירן ווערן אין די מוראַדיקע רוסישע פרעסט. די איצטיקע נסיעה האָבן מיר געמאַכט זומער, און דאָס האָט פאַרלייכטערט אונדזער לאַגע. אין די וואַגאָנען זענען געווען אַרייַנגעשטעלט אייזערנע אויוועלעך אויף אָפּצוקאָכן עסן. ווען מען איז אַריבערגעפאָרן די פויליש־סאָוועטישע גרענעץ פון פאַרן קריג, האָבן די נ.ק.וו.ד.־לייט שוין נישט צוגעשלאָסן די וואַגאָנען. בלויז ווען מען איז געשטאַנען אין אַ גרויסער שטאָט, פלעגן זיי צו מאָל נישט לאָזן אַרויסגיין און אַפילו פאַרשליסן די וואַגאָנען. דער עשעלאָן פלעגט זיך קיין מאָל נישט אָפּשטעלן אויף דער סטאַנציע גופא, שטענדיק אַ פאָר ק״מ פאַר אָדער נאָך איר. דאָס איז געווען פּראַקטיש פאַר די „פּאַסאַזשירן". מען איז אַראָפּ פון די וואַגאָנען און געלאָפן ווי פאַרסמטע מייז דערלעדיקן אין דער סביבה מענטשלעכע באַדערפעענישן. מענער האָבן דערביי זיך אָנגעטראָפן אויף פרויען און פאַרקערט. דאָס געפיל פון בושה איז געוואָרן כמעט אין גאַנצן פאַרווישט. מען האָט שלום געמאַכט מיט די באַדינגונגען. אַז דער צוג איז געבליבן שטיין לענגער (מען האָט קיין מאָל נישט געוווּסט, ווי לאַנג ער וועט בלייבן שטיין), האָט מען אָפּגעזוכט שטיקלעך האָלץ, אַ פאָר שטיינער, געמאַכט אַ פייער און אַרויפגעשטעלט עפעס אָפּקאָכן. און אַז ס׳איז געלונגען עפעס אָפּצוקאָכן און זיך אַוועקצוזעצן לעבן וואַגאָן, אָדער שוין אין וואַגאָן און אָפּעסן אַן אייגן אָפּגעקאָכט מאכל, איז דאָס געווען גלייך, ווי היינט וואָלט זיך אַ פאַמיליע אַוועקגעזעצט אין איינעם פון די עלעגאַנטסטע רעסטאָראַנען און געמיטלעך געגעסן די בעסטע שפייזן, צוגעגרייט פון די בעסטע קוכערס און סערווירט אין די בעסטע און שענסטע פאָרצעלייענע כלים, דערצו נאָך באַגלייט מיט דער שענסטער מוזיק...

ס׳האָט פּאַסירט, אַז אין מיטן קאָכן, אָדער ווען די פרויען זענען געווען מיט אויפגעהויבענע קליידלעך און מענער מיט אַראָפּגעלאָזענע הויזן, האָט דער לאָקאָמאָטיוו גענומען פייפן, אַ סימן אַז מען פאָרט ווייטער, און די שומ־רים האָבן גענומען אַרייַנטרייבן אַלעמען אין די וואַגאָנען. דעמאָלט פלעגט ווערן אַ שרעקלעכע בהלה. ס׳האָט אויך פּאַסירט, אַז עמעצער איז אַוועק

ווייטער פון עשעלאָן בכדי עפּעס איינצוקויפן, און האָט נישט באַוויזן צו קומען צוריק, און דער צוג איז אַוועק. איז מען מיטן אַנדערן צוג נאָכגעפאָרן און נישט שטענדיק געטראָפן די אייגענע. אַזוי האָבן פרויען פאַרלוירן מענער און פאַרקערט. געווען אויך פאַלן, ווען מען האָט דאָס געמאַכט בכוונה. כ׳געדענק, אַ מאַן האָט אַזוי „פאַרלוירן״ זיין פרוי, וועלכע איז געווען אין אַנדערע אומשטאַנדן. זי האָט געבאָרן אַ יינגעלע און זיך מאַטעריעל שווער געמאַטערט. קרובים און באַקאַנטע, וועלכע האָבן אַליין נישט געהאַט צו פיל, האָבן איר געהאָלפן. אין די שווערע באַדינגונגען איז דאָס קינד געוואַקסן אַ קרענקלעכס. אין יאָר 1943 האָב איך באַקומען אַ בריוו פון ארץ־ישראל, אין וועלכן מען האָט מיר אויסגערעכנט עטלעכע באַקאַנטע, וואָס זענען אַרויסגעפאָרן מיט דער אַנדערס־אַרמיי און אָנגעקומען אין פאַלעסטינע—ארץ־ישראל. צווישן די נעמען האָב איך געפונען דעם מאַן, וואָס האָט „פאַרלוירן״ זיין פרוי. כ׳בין געלאָפן צו איר אָנזאָגן די גוטע בשורה, אַז איר מאַן געפינט זיך אין ארץ־ישראל. כ׳האָב גלייך געענטפערט אַ בריוו און געבעטן, מען זאָל איבערגעבן דעם מאַן דעם אַדרעס פון זיין פרוי מיטן קינד. מען זאָל אים גלייכצייטיק זאָגן, ער זאָל וואָס גיכער איר שיקן הילף. ער האָט אָבער זיך נישט אָפּגערופן... ווען מיר זענען סוף 1948 געקומען קיין ישראל, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אָט דער שיינער מאַן האָט דאָ באַלד חתונה געהאַט און האָט שוין מיט דער נייער פרוי אַ פּאָר קינדער. פון זיין ערשטער פרוי מיטן ערשטן קינד האָט ער נישט געוואָלט וויסן. זיינע קרובים און באַקאַנטע פון אונדזער שטאָט האָבן זיך אַריינגעמישט. ערשט נאָכן גט האָט ער געגעבן אַ ביסל געלט פאַר זיין יינגל. די ערשטע פרוי האָט דאָ חתונה געהאַט און געבוירן נאָך אַ זון. זי איז ליידער מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געשטאָרבן, אָבער באַוויזן צו זען איר זון פון דעם ערשטן „פאַרלוירענעם״ מאַן, אַ גוט איינגעאָרדנטן, אַ חתונה געהאַטן מיט אַ פיינער פרוי און אַ טאַטע פון קינדער.

איך ווייס נאָך אַ פאַל, ווען אַ מוטער פון קינדער, האָט פאַרלוירן דעם עשעלאָן און זיך נישט אָפּגעפונען ביז היינט צו טאָג. איר מאַן האָט גענומען אַ פרוי, וואָס האָט געהאָדעוועט די קינדער. זיי זענען געקומען קיין ישראל און זיך באַזעצט אין צפת.

כ׳האָב דאָ געבראַכט צוויי פאַלן און אַזעלכע זענען געווען אין די צענדליקער און אפשר אין די הונדערטער. ס׳איז כדאַי צו באַמערקן, אַז ווען די

מאַכט־אָרגאַנען, אָדער די באַן־דירעקציע האָט באַקומען אַ ווענדונג פון עמעצן, אַז מען האָט זיך פאַרלוירן, האָבן זיי געטאָן אַלץ אויף צו העלפן: מען פלעגט דעם מענטש וואָס איז אָפּגעשטאַנען פון זיין עשעלאָן, אַרויפזעצן אויף דעם קומענדיקן עשעלאָן אָדער אַפילו אויף אַ פּאַסאַזשיר־צוג, בכדי צו דעריאָגן די פאַמיליע. מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט, אַז אויף די באַן־רעלסן האָבן זיך געפונען הונדערטער עשעלאָנען, וואָס האָבן געפירט קיין סיביר הונדערטער טויזנטער פליטים, ס׳רוב ייִדן, אָבער אויך אוקראַיִנער און פּאָליאַקן, וועלכע מען האָט אַרעסטירט אין די פריִערדיקע פּויִלישע שטעט: געוועזענע גוט־באַזיצערס, פּוילישע רעגירונגס־באַאַמטע, פּאָליציאַנטן, טורמע־וועכטערס און אַנדערע; אויך אוקראַיִנער וואָס האָבן אַנגעהערט צו פאַשיסטישע און האַלב־פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס. דערביי האָט מען זיך נישט שטאַרק געקימערט, אויב עס זענען אַריינגעפאַלן אויך געוועזענע קאָמוניסטן... מען האָט דערקלערט, אַז מען וועט אַלץ אויפקלערן, ווען מען וועט קומען אויפן געהעריקן פּלאַץ...

אַ שווערער פּראָבלעם איז געווען דאָס באַשפּייזן די פאָרערס, כאָטש די פירערס פון עשעלאָן האָבן זיך באַמיט, אַז מיר זאָלן נישט הונגערן. געווען צווישן די פּליטים אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט פּראָדוקטן. געווען אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט געלט, און אין יענער צייט האָט מען נאָך אויף אַ טייל סטאַציעס באַקומען עפּעס צו קויפן. געווען אויך פּליטים וואָס האָבן געהאַט קרובים אין די דורך די רוסן פאַרנומענע שטעט. און ווען מען האָט די פּליטים פאַרנומען, האָבן די קרובים מיטגעגעבן זיי געלט און פּראָדוקטן. געווען אָבער אויך אַזעלכע, וואָס האָבן ממש געהונגערט, זייענדיק אויסגעשטעלט בלויז אויפן עסן וואָס די פירערס פון עשעלאָן האָבן געטיילט. געקאָכטע אַכילות האָט מען געגעבן צוויי מאָל אין טאָג און אָפט בלויז איין מאָל אין עטלעכע טעג. טרוקענע פּראָדוקטן איז אויך נישט געווען בשפע. ווער ס׳איז געפאָרן מיט קליינע קינדער, האָט טאַקע געליטן און געווען אויסגעשטעלט אויפן גוטן האַרץ פון די פאַרמעגלעכערע מיטפאָרערס.

די אַנפירערס פלעגן זאָרגן, מיר זאָלן יעדע פּאָר טעג גיין אין באָד. מען פלעגט אונדז פירן אויסגעשטעלט ווי אַרעסטירטע, אָבער נישט מיט קיין וואַך. מען האָט אויך געהייסן מיטנעמען די מלבושים, וועלכע מען האָט אַריינגעגעבן צו דיזאַינפיצירן, ווייל פון דעם מין קריכנדיקע האָט ביי קיינעם

נישט געפעלט. מערקווערדיק, אין דעם טייל ווו ס'האָבן זיך געבאָדן די מענער האָבן זיך אַרומגעדרייט פרויען, וואָס האָבן געזאָרגט פאַר דער ריינקייט פון פלאַץ, געגעבן די מענטשן אַ שטיקל זייף. (אָפט האָט אויסגעפעלט זייף.) די פרויען זענען נישט געווען קיין אַלטע, אַנדערע — גאַנץ יונגע, און זיי האָבן זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון אַריינגיין אין דער אָפּטיילונג, ווו ס'האָבן זיך געבאָדן די מענער. אַז עמעצער האָט פּראָטעסטירט, האָבן די פרויען געזאָגט מיט אַ געלעכטער: „וואָס מאַכט איר אַ וועזן פון אַזעלכע קלייניקייטן. ביי אונדז איז דאָס נישט קיין נייעס, מיר האָבן שוין דאָס אַלץ געזען". און דאָס האָט זיך איבערגעחזרט אין יעדן באָד־אַנשטאַלט. זעט אויס, אַז דאָס האָט געהערט צום „פּראָגרעס"...

שלעפּנדיק זיך אין די עשעלאָנען, זענען מיר אין אַ חודש אַרום אָנגעקומען אין אַסינאָ, אַ פּונקט אין סיביר, טאָמסקער געגנט (אָבלאַסט), פון וואַנען פאַרשיקטע קיין סיביר ווערן אָפּגעטראַנספּאָרטירט מיט שיפן און שיפלעך אין פאַרשידענע לאַגערן אויף האַקן ביימער אין די טייגעס און דורכצופירן אַנדערע קאַרטאָרגע־אַרבעטן, ווי בויען וועגן. אין אַסינאָ האָט פאַר אַ טייל מענטשן זיך געענדיקט דער וואַנדערוועג, ווייל אַ סך פון די ניי־אָנגעקומענע „ביעזשענצעס" האָט מען באַשטימט צו באַדינען די ניי־אָנגעקומענע עשעלאָנען: אַרבעטן אין די קיכן פון דעם דורכפאָרפּונקט, וואָס האָט געטיילט היים עסן. מען האָט געדאַרפט, אויסלאָדן פון וואַגאָנען פּראָדוקטן און דורכפירן אַנדערע נישט קיין לייכטע אַרבעטן. אָבער דאָך איז געווען אַ גליק צו בלייבן אויף אַן אָרט. דערצו זענען זוכה געווען נאָר מענטשן פון די ערשטע אָנגעקומענע עשעלאָנען. די ווייטערדיקע טויזנטער אַהער געבראַכטע האָט מען געשיקט אין פאַרשידענע פּונקטן פון סיביר, ווו די הויפּט־אַרבעט איז געווען האַקן ביימער אין די טייגעס, וואָס ציִען זיך איבער טויזנטער קילאָמעטערס און ווו אַ מענטשנס פוס האָט נאָך נישט געטראָטן.

געווען עשעלאָנען, וואָס זענען בכלל נישט אָנגעקומען קיין אַסינאָ, נאָר געוואָרן צעוואָרפן אין די וועלדער פון אוראַל און וואָלאָגדאָ, ווו די קעלטן זענען נישט קלענער ווי אין סיביר. אין אַ טייל די ערטער האָבן מענטשן געאַר־בעט אויך אין פאַבריקן. אוראַל איז שוין געווען אינדוסטריאַליזירט און מען האָט געהאַלטן אין בויען אַלץ נייע פאַבריקן. ביים בויען זיי האָט מען באַ־

שעפּטיקט טויזנטער אַרעסטירטע, קרימינעלע און פּאָליטישע, און איצט זענען נאָך צוגעקומען די „ביעזשענצעס", וועלכע די נ.ק.וו.ד. האָט אַ נאָמען געגעבן „ביעזשענצעס — ספּעצ.־פּערעסעלענצעס". דאָס איז געווען אַ נייער סאָרט פאַרשיקטע און צוליב דעם ניי־צוגעטראַכטן נאָמען, האָבן ייִדן זיך געטרייסט, אַז מיר וועלן נאָך זען די פרייהייט. דער ייִדישער אָפּטימיזם האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם וואָרט „ספּעצ", ווי אין אַ רעטונג און, ווי מיר וועלן ווייטער זען, איז דאָס אין אונדזער פאַל געווען נישט אָן אַ יסוד.

אין אַ לאַגער

מיר איז נישט אויסגעקומען צו בלייבן אין דעם „גליקלעכן" אַסינאָ. אין אַ געוויסן טאָג האָט מען מיך מיט מיין פאַמיליע אָפּגעשיקט ווייטער. מיט אונדז זענען געווען נאָך אַ פּאָר קראַסניסטאַווער ייִדן, ס'רוב נישט קיין חתונה געהאַטע, וואָס האָבן זיך באַמיט צו האַלטן לעבן היימישע משפּחות. נאָך עטלעכע טעג פאָרן, אַ ביסל מיט דער באַן און דאָס איבעריקע מיט שיפן און שיפלעך, זענען מיר אָנגעקומען אין אַ געוועזענעם גרויסן אַרבעט־לאַגער פאַר קרימינעלע און פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, בערעגאַיעוואַ, טיגולי־דעצקי ראַיאָן, נאָוואָסיבירסקער אָבלאַסט. דעם הויכן שטעכלדראָט־צוים האָט מען צום טייל געהאַט צענומען. די וואַכטורעמס זענען אָבער געבליבן. די אַרטיקע נאַטשאַלסטווע האָט געזאָגט, אַז אויך דאָס וועט מען אַוועקנעמען; דערווייל האָבן די וואַכטורעמס דערמאָנט, וואָס דאָ איז געווען. נישט אויס־געשלאָסן, אַז דאָס איז טאַקע געווען דער ציל פון לאָזן זיי שטיין, בכדי מיר זאָלן האָבן אַ רמז, ווו און אונטער וועמענס השגחה מיר געפינען זיך. געציילטע רוסן זענען געבליבן פון פריִער אויפן פּלאַץ, בכדי אָנצופירן און באַדינען אונדז, ביז מען וועט אָפּקלייבן אָנפירערס און באַדינערס פון די אָנגעקומענע „ספּעצ.־פּערעסעליענצעס". ס'האָבן אָנגעהויבן אַרומצוגיין קלאַנגען וועגן דעם, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן פאַר אונדזער קומען, וואָס פאַר אַ שווערער לאַגער דאָס איז געווען. דאָס האָבן דערציילט די פאַרבליבענע רוסן, און די ייִדן האָבן דאָס צעטראָגן פון אויער צו אויער. נאַטירלעך, האָט יעדער איינער דערגעבן לויט זיין כאַראַקטער און לויט זיין געמיט. טייל האָט געזאָגט, אַז דאָ וועלן מיר שוין פאַרבלייבן אויף אייביק און דאָ וועט זיין

אונדזער סוף. אַנדערע, בעסער געשטימטע און אָפּטימיסטישע, האָבן דער־ציילט דאָס פּאַרקערטע, אַז מיר וועלן דאָ בלייבן ביז דער קריג וועט זיך ענדיקן און דערנאָך וועט מען שיקן יעדן איינעם צו זיך אַהיים. מען דאַרף געדענקען, אַז דאָס איז געווען זומער 1940, ווען די רוסן האָבן מילחמה געהאַלטן מיט פינלאַנד און זיך פאַרלויפיק געחברט מיט היטלער־דייטשלאַנד.

די ערשטע אַרבעט וואָס די רוסן האָבן געהאַט מיט אונדז, איז צעטיילן אַלעמען אין די באַראַקן. נאָענטע מענטשן האָבן לכתחילה געוואָלט וווינען צוזאַמען, כאָטש דאָס איז קיין מאָל נישט געווען קיין גאַראַנטיע פאַר אַ גוט צוזאַמענלעבן. מענטשן וואָס האָבן ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען געלעבט ווי גוטע ברידער, האָבן זיך אין די בשותּפותדיקע וווינונגען גענומען קריגן און נישט זעלטן געוואָרן שׂונאים. די רוסן האָבן נישט געמאַכט קיין שוועריקייטן ביים צוקלייבן זיך מיטוווינערס, דער עיקר, אַז אַ שטוב וואָס איז געווען באַשטימט פאַר צען נפשות, זאָל נישט באַזעצט ווערן פון ווייניקער. ס'האָט זיי נישט געאַרט, אַז ס'האָבן זיך אַריינגעקליבן צוועלף אָדער מער, פאַר קיין פאַל אָבער נישט ווייניקער. נישט חתונה געהאַטע האָט מען איינגעקוואַרטירט אין אַ באַראַק, וווּ ס'האָבן געדאַרפט וווינען 20—30 און אַפילו מער מענטשן. מען האָט עס אָנגערופן „אָבשטשעזשיטיע". האָבן אַ סך פון די נישט־חתונה־געהאַטע זיך צוגעשריבן צו משפּחות, דערלערט זיך פאַר אַ ברודער, אַ שוועס־טער אָדער אַ נאָענטן קרוב און אַזוי אַרום אריין וווינען צוזאַמען מיט אַ משפּחה, מיט וועלכער מען האָט זיך באַקאַנט און זיך באַפריינדט אין וועג. נישט שטענדיק איז דאָס גוט געראָטן. צו מאָל האָט מען זיך גענומען באַשול־דיקן אין נישט קיין שיינע מעשׂים. אַפילו אין גנבֿות און אין ראָמאַנטישע אָפּערעס. איך ווייס אויך פון אַ סך פאַלן, ווען פרעמדע מענטשן האָבן זיך באַפריינדט און זיך אַזוי דערנענטערט, אַז מען איז געבליבן פאַרבונדן אין האַרציקער פריינדשאַפט אויפן גאַנצן לעבן. וועגן דעם וועט מיר נאָך אויס־קומען צו דערציילן.

ס'איז כדאַי צו באַמערקן, אַז אין לאַגער זענען אָנגעקומען דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן, געוועזענע גרויסע גרויסע טוערס, מענטשן וואָס האָבן פאַרנומען וויכטיקע פּאָזיציעס אין געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פּוילן.

די הונדערטער באַראַקן זענען געוואָרן אָפּגעקאַלכט אויף ווייס און אָפּ־געפּרישט. אין זיי זענען געשטאַנען הילצערנע נאַרעס, וואָס האָבן פאַרנומען

נישט ווינציקער ווי אַ האַלבן צימער. אַזוי אַרום איז אויסגעקומען צו שלאָפן צוזאַמען עלטערן מיט קינדער און אויך פרעמדע מענטשן. און די פרעמדע, וועמען ס׳איז נישט געווען אָנגענעם זיך צו לייגן צוזאַמען מיט די משפחות, האָבן זיך געלייגט אויפן דיל, וואָס איז נישט געווען פאַרנומען פון דער נאַרע.

ס׳איז געווען אוממעגלעך איינצושלאָפן: ווי נאָר מען האָט פאַרלאָשן די עלעקטרישע ליכט, זענען די מענטשן באַפאַלן געוואָרן פון וואַנצן. מיר אַלע האָבן געוווסט, וואָס עס הייסט און ווי אַזוי זעען אויס וואַנצן. פון דעם מין האָט אויך אין פוילן נישט געפעלט, באַזונדערש אין די אָרעמע געגנטן. אָבער דאָס, אויף וואָס מיר האָבן זיך דאָ אָנגעטראָפן, איז געווען אויסער אונדזער באַגריף. מען איז געוואָרן באַשאָטן מיט וואַנצן, גלייך ווי מען וואָלט געעפנט אַ זאַק און אויסגעקערט אויף דיר די דאָזיקע קריכעדיקע סחורה. ס׳איז געווען אוממעגלעך צוצומאַכן אַן אויג. מען האָט צוריק אָנגעצונדן ליכט און מיט די הענט האָט מען גענומען אַראָפּשאַרן פון זיך פולע הויפנס מיט וואַנצן. מען האָט זיי געוואָרפן און צעטראָטן אויפן דיל און אויך צע־קוועטשט אויף די ווענט. אין דער פרי האָבן די ווענט און דער דיל אויסגעזען ווי אין אַ שעכטהויז. די ווייס אויסגעקאַלכטע ווענט זענען געווען רויט פון בלוט, וואָס די וואַנצן האָבן אויסגעזויגן פון די מענטשן.

באַלד אין דער פרי האָט מען אין הויף פון לאַגער מיט אַ ביטער געשריי און געוויין דערציילט איינער דעם צווייטן וואָס ביי נאַכט איז געשען. די רוסן האָבן אונדז געטרייסט, אַז עס איז נאָר אין אָנהייב. די וואַנצן האָבן ליב פריש־געקומענע. שפּעטער טשעפּען זיי נישט. ווייס איך נישט, צי די וואַנצן ווערט נימאס דאָס בלוט פון די מענטשן, צי די מענטשן ווערט נימאס צו קעמפן מיט זיי און מען מאַכט שלום צווישן זיך. מיר האָבן זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז מען קען מיט זיי לעבן צוזאַמען... מיר האָבן געדריקט, און די רוסישע נאַטשאַלסטווע האָט באַשטעלט צו מאַכן דיזאינפעקציעס — יעדן טאָג אין אַ פּאָר באַראַקן. מען האָט געמוזט זיי פאַרלאָזן אויף אַ פּאָר נעכט. מען איז אַריין אין די ביוראָען און אין די צימערן פון די באַאַמטע. אַפילו אין דער קיך האָט מען געוווינט. די דיזאינפעקציע האָט אין אַ גרויסער מאָס געהאָלפן, אָבער נישט אין גאַנצן.

דאָס ווייטערדיקע פּראָבלעם איז געווען צו צעטיילן די מענטשן אויף אַרבעט: ווער ס׳זאָל בלייבן אויף באַדינונג אין לאַגער גופא, ווער ס׳זאָל

אַרויס האַקן די טייגע. דאָס האָט זיך גערעכנט פאַר דער שווערער אָבער מיוחסדיקער און בעסט באַצאָלטער אַרבעט. מיר פּערזענלעך וואָלט דאָס, לויט מיין דעמאָלטיקן אויסזען (איך בין געווען דאַר און אָפּגעצערט), געווען שווער אויסצוהאַלטן. נאָך דעם ווי איך בין, פּונקט ווי אַלע, דורכגעגאַנגען אַ קאָמיסיע פון דאָקטוירים, האָט זי געפּסקנט, אַז איך דאַרף באַקומען אַ לייכטערע אַרבעט, כאָטש מיר איז געווען נאָר 29 יאָר.

היות איך בין געווען רעגיסטרירט ווי אַ שניידער, האָט מען מיר איבער־געגעבן צו אָרגאַניזירן אַ שניידער־וואַרשטאַט. מיין חבר, שמואל ליאַקסמאַן, דער מאַן פון מיין ברודערס שוועגערין רחל, האָט מען איבערגעגעבן צו אָרגאַניזירן אַ שוסטער־וואַרשטאַט, ביידע אין זעלבן באַראַק. אַ ביסל כּלים פון ביידע מלאָכות זענען געווען אויפן אָרט נאָך פון פריִער, האָבן מיר זיך גענומען צו דער אַרבעט. מען האָט אונדז דערלויבט אַריינצונעמען אַ פּאָר שניידערס און שוסטערס, אָבער נאָר פון די מענטשן, וואָס זענען צוגעטיילט געוואָרן צו לייכטע אַרבעטן, פאַר קיין פאַל נישט פון די, וואָס זענען באַ־שטימט געוואָרן צו האַקןביימער אין דער טייגע.

היות קיינער פון די מענטשן איז פריִער נישט געווינט געווען צו אַזאַ שווערער פיזישער אַרבעט ווי האַקן וואַלד, פלעגן זיי קומען אַהיים טויט־מידע און ממש געפאַלן פון די פיס. מען האָט אָנגעהויבן זיך בונטעווען. ס'האָבן זיך דערטראָגן ידיעות אויך פון אַנדערע שכנותדיקע לאַגערן, צע־וואָרפענע אין ראַיאָן אין די צענדליקער, אַז אויך דאָרטן טוט זיך חושך. איך געדענק אַ פאַקט וואָס האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון. איינער פון די נאַטשאַלניקעס איז אַליין געווען אַ פאַרשיקטער און איז אין די לאַגערן דורכגעגאַנגען שבעה־מדורי־גיהנום (זיין נאָמען איז געווען ניעכאַראָשי, אויף ייִדיש באַטייט עס — נישט־גוטער). אָט דער „נישט־גוטער" האָט אַרויס־געשלעפּט אַ ייִדן פון באַראַק אין טלית און תּפילין און געפאָדערט, ער זאָל גיין צו דער אַרבעט. קיינער האָט נישט געוווסט, צי דער ייִד האָט אָנגעטאָן דעם טלית מיט די תּפילין, בכדי נישט אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט אָדער ער האָט פּשוט פאַרשפּעטיקט מיטן דאַווענען. דאָס האָט געמאַכט אַ שוידער־לעכן איינדרוק. מען האָט גענומען זיך נאָך מער בונטעווען. אויפן צווייטן טאָג האָט מען מער דעם „נישט־גוטן" נישט געזען אין לאַגער. די אומצו־פרידנקייט האָט אָבער נישט אויפגעהערט.

אין די לאַגערן פון אונדזער געגנט זענען געווען פאַרשיקט באַוווסטע פערזענלעכקייטן, ווי די סיים־דעפּוטאַטן באַלעסלאַוו דראַבנער, עמיל זאָמער־שטיין און אַ סך אַנדערע געזעלשאַפטלעכע טוערס אויף דער יידישער גאַס. זיי זענען געווען געניט אין אַנפירן מיט אומצופרידענע מענטשן און געזען, אַז די פראָטעסטן זאָלן נישט אַרויס פון די ראַמען, בכדי נישט צו געבן קיין אויסרייד דער נ.ק.וו.ד. דורכצופירן אַרעסטן און רעפּרעסיעס, וועלכע האָבן זיך געקענט ענדיקן טרויעריק. דאָך האָט מען דערציילט, אַז מען האָט אַרעס־טירט און אַרויסגעפירט פון לאַגער געוויסע פּערזאָנען, וואָס האָבן אין דער פרי פאַרן אַרויסגיין צו דער אַרבעט צו פיל געטומלט און זיך געוואָרפן אין די אויגן.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט מען פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז מען פירט אַרויס פון בערעגאַיעוואָ און פון אַנדערע אַרומיקע לאַגערן דעם גרעסטן טייל מענטשן. ס׳האָט געהייסן, אַז מען פירט אין בעסערע און אין לייכטערע אַרבעט־פּלעצער. מען האָט אויך געשמועסט, אַז די רוסישע מאַכט איז געקו־מען צו אַ פאַרשטענדעניש מיט אירע „פריינד״ — דייטשלאַנד און איטאַליע — מען זאָל אַריבערפירן די פּליטים קיין איטאַליע און פון דאָרטן יעדן איינעם צו זיך אַהיים. ווער ס׳וועט וועלן, וועט קענען פאָרן קיין פּאַלעסטינע. ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן אַליין פאַרשפּרייט די דאָזיקע משונהדיקע ווערסיעס, כּדי זיך נישט אָנצושטויסן אויף קיין ווידערשטאַנד ביים דורכפירן זייערע עוואַקואַציע־פּלענער. די נישט־יידן, פּאָליאַקן און אוקראַינער, האָבן זיך נישט אַזוי געריסן צום פאָרן, אָבער די יידישע פּליטים האָבן געזען אין דעם ממש אַ רעטונג.

פאַרשלעפּט אין אַ נייעם לאַגער

אַ געוויסן טאָג האָט מען אונדז גענומען מיט זעק און פּעק, צוגעפירט צו אַ שיף אין פּאָרט, נישט ווייט פון לאַגער, פאַרשריבן די פאַמיליע און צאָל פּערזאָנען פון יעדער משפּחה און געהייסן מיט די פּעקלעך אַרויפגיין אויף דער שיף. די מענטשן וואָס זענען אַרויף, האָבן געהאַלטן, אַז זיי האָט געטראָפן דאָס גרעסטע גליק. די אָנפירערס פון לאַגער האָבן נישט יעדן געלאָזט פאָרן. די וואָס זענען געווען באַשעפטיקט ביים באַדינען די לאַגער־איינוווי־

נערס — דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטער און פאַרשידענע בעלי־מלאָכות — האָבן זיי באַלד דערקלערט, אַז זיי בלייבן אויפן אָרט. פון דעסטוועגן האָט יעדער איינער פון די אַ מענטשן געפּרוּווט דורך פאַרשידענע קאָמבינאַציעס זיך אַרויפבאַקומען אויף דער „גליקלעכער" שיף. וועמען די נ.ק.וו.ד. האָט נישט באַזאָרגט מיט קיין טראַנספּאָרט, האָט זיך באַמיט צוצוקומען צום פּאָרט מיט די אייגענע כּוחות: געדונגען פערד־און־וואָגן ביי אַ פּויער, אָדער עפּעס געגעבן דעם שאָפער פון לאַגער, און ער האָט אין דער שטיל אָוועקגעפירט צום טייך. מיר מיט מיין פאַמיליע איז געלונגען צו זיין צווישן די „גליקלעכע" — מען האָט מיך נישט באַמערקט... אָבער מיין נאָענטן חבר שמואל ליאַקס־מאַן און זיין פרוי רחל, האָט באַמערקט איינער פון די נאַטשאַלניקעס, וואָס האָט זיי געקענט, און בעתביידע זענען שוין געווען אויף די שטיגן פון שיף, האָט ער זיי מיט כּוח אַרונטערגעשלעפּט. רחל האָט זיך אַזוי גענומען צום האַרצן, אַז זי האָט געוואָלט שפּרינגען אין וואַסער אַריין. איך און הינדע האָבן שווער איבערגעלעבט די צעשיידונג, אָבער נישט געהאַט קיין מוט צוריקצוגיין און בלייבן מיט זיי אין לאַגער. כ׳האָב צו זיי אַראָגעשריִען פון שיף, אַז כ׳וועל זיי שרייבן, ווי נאָר מיר׳ן קומען אויפן אָרט. כ׳האָב נישט געגלייבט, אַז מיר פאָרן אַרויס פון סאָוועט־רוסלאַנד, ווי אַנדערע האָבן זיך איינגערעדט, אָבער געהאַט פאַרשידענע גוטע האָפענונגען...

די שיף איז געוואָרן אָנגעפּילט מיט אַ סך מער מענטשן, ווי זי איז געווען מסוגל אַרויפצונעמען. ביי נאַכט איז נישט מעגלעך געווען אויסצוציִען אַ פוס. עסן האָט מען געגעבן אַ מאָל געקאָכטס און אַ מאָל טרוקנס. די סאַני־טאַרע באַדינגונגען זענען געווען שרעקלעכע. די שיף האָט נישט געהאַט גענוג וואַסער פאַר אַזוי פיל מענטשן. עס האָט זיך געפונען אַ ייד וואָס איז געשטאַנען אויפן דעק מיט אַן עמער, צוגעבונדן צו אַ שטריק, און כּסדר געשעפּט וואַסער פון טייך און געגעבן די מענטשן צו טרינקען. מען האָט נאָר געפרעגט, ווען שלאָפט דער ייד, אַז מען זעט אים כּסדר מיטן עמער אין האַנט. אַנדערע, וואָס האָבן נישט מורא געהאַט צו שטיין ביים ראַנד פון שיפ־דעק, האָבן אויך געשעפּט וואַסער אָבער פאַר זיך און פאַר קרובים. דער ייד האָט געטאָן די מלאָכה ווי אַ מיצווה — פאַר יעדן איינעם וואָס איז צו אים געשטאַנען אין דער ריי.

עס דערמאָנט זיך מיר, אין איינער אַ נאַכט בין איך געשלאָפן, זיצנדיק

אין די מלבושים, אַזוי ווי אַלע אַנדערע, און פּלוצעם דערפילט ווי עמעצער דערלאַנגט מיר שטאַרקע קלעפּ. כ׳האָב געעפנט די אויגן און דערזען, אַז אַ יונגערמאַן מיט אַ שוואַרצער באָרד וואָס ליגט לעבן מיר, שלאָגט מיך. האָב איך אינסטינקטיוו גענומען זיך פאַרטיידיקן, קאַפּן אים מיט די פיס. ס׳האָט זיך באַלד אויפגעכאַפּט זיין אַלטע מאַמע און זיינער אַ ברודער. זיי האָבן מיך באַרויקט, דערקלערנדיק, אַז דאָס איז ביי אים אַזאַ קרענק. ער האָט חלומות און ר׳עאַגירט אויף זיי. כ׳האָב באַמערקט, אַז ווען ער האָט מיך געשלאָגן, האָט ער טאַקע געהאַלטן צוגעמאַכט די אויגן, גלייך ער וואָלט געשלאָפן. כ׳האָב מיך פאַרענפערטערט פאַר דער אַלטער פרוי און פאַר איר צווייטן זון און אויסגעדריקט מיין טיפן באַדויער. נאָך דעם ווי דער בחור האָט זיך איבערגעוועקט, האָט ער נישט געוווּסט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט און זיך אויפגעפירט, ווי אַ נאָרמאַלער מענטש, צוזאַמען מיט זיין ברודער אַריינגעקוקט אין אַ ספר, געשמועסט מיט מיר, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט נישט געשען.

אַזאַ נסיעה מיט אַ שיף אויף די סיבירער גרויסע און שיינע טייכן אין מיטן זומער וואָלט אין נאָרמאַלע צייטן געווען אַן אמתער פאַרגעניגן. אין אונדזער פאַל איז די שיף געווען אַ שרעקלעכער טרערן־אינדזל, און מען האָט געדאַנקט גאָט, אַז מען איז אָנגעקומען אין אַ געוויסן אָרט און אַראָפּ אויף דער יבשה. אייגנס האָבן מיר באַלד געזען — מיר זענען נישט אָנגעקומען אין איטאַליע און אויך נישט אַהיים... אָבער איך בין געווען צופרידן, וואָס מיר געפינען זיך טויזנטער קילאָמעטערס ווייט פון דער היטלעריסטישער בעסטיע, כאָטש מיר האָבן נאָך געגנוי נישט געוווּסט, וואָס די דאָזיקע בעסטיע גרייט צו פאַר די העכער דריי מיליאָן פּוילישע ייִדן.

אַ הונדערט משפחות האָט מען אָוועקגעפירט אין אַ געוועזענעם פאַר־שיקונג־לאַגער, „מזאַס״, וואָס איז געלעגן האַרט ביים נישט זייער גרויסן טייך מיטן זעלבן נאָמען — מזאַס. איך זאָג, „געוועזענער פאַרשיקונג־לאַגער״ דערפאַר, ווייל בעת מיר זענען אָנגעקומען, זענען דאָרטן געשטאַנען אַ פּאָר ליידיקע הילצערנע באַראַקן פון קיילעכדיקע קלעצער, אַזוי ווי מען בויט אין סיביר און אין קאַלטן טייל פון רוסלאַנד. אין זיי איז געשטאַנען אַ הילצערנע נאַרע צונויפגעהאַקט פון ברעטער. אין אַנדערע באַראַקן — עטלעכע אַזעלכע נאַרעס. אין באַראַק, זייער אַ גרויסער — פאַר גיט קיין חתונה געהאַטע.

אין איין זייט פון דעם באַראַק — אַן אַריינגאַנג פאַר פרויען, אין דער צווייטער זייט — פאַר מענער. אין דעם באַראַק זענען געשטאַנען נאַרעס פאַר איינצלנע פערזאָנען. געווען אַ באַראַק פאַר אַ קיך און אויך אַ בעקעריי צו באַקן ברויט. געווען אַ שטאַל פאַר פערד.

דער לאַגער איז נישט געווען אַרומגעצוימט. די איינציקע „אַרומצוימונג" איז געווען — דער טייך מזאָס פון איין זייט. און פון די אַנדערע זייטן — די ווילדע און שרעקלעכע טייגע. יעדער פרווו צו אַנטלויפן איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות־נפשות. און דאָך איז מען געלאָפן.

מען האָט אונדז געגעבן אַ פּאָר טעג אויף זיך אָפּצורוען פון וועג און איינצוואָרדנען זיך.

מיר האָבן דאָ געטראָפן עטלעכע רוסן, יונגע און עלטערע, וואָס זענען געווען באַשטימט צו פירן די קיך, די בעקעריי, דעם פערדשטאַל און דעם „מאַגאַזין" — אַ געוועלבל ווו מען האָט געקענט קויפן אָדעקאָלאָן, אַ פּראָשעק צום פוצן די ציין... פון צייט צו צייט פלעגט מען ברענגען אַ ביסל טעקסטיל אָדער שיך און קאַלאָשן. די זאַכן זענען געווען באַשטימט פאַר אויסגעצייכנטע אַרבעטער, די אַזוי גערופענע „סטאַכאַנאַוועצעס". צו מאָל פלעגט אויך זיין צו קויפן בראָנפן. דאָס פלעגן צעכאַפּן די רוסן.

די רוסן האָבן בסוד אונדז דערציילט וועגן קאָמענדאַנט פון לאַגער. ער איז דאָ געווען דער פּאַקטישער הערשער, כאָטש מען האָט געשמועסט, אַז ער אַליין איז אַ פאַרשיקטער. אַ באַוויז — ער האָט נישט געטראָגן קיין נ.ק.וו.ד.־מונדיר און נאָר געהאַט ביי דער זייט אַ רעוואָלווער־שיידל. און וועגן דעם האָט מען געזאָגט, אַז ס'איז ליידיק און די שנור וואָס ציט זיך אַרויס, איז נישט צוגעבונדן צו קיין רעוואָלווער... פון דעסטוועגן האָבן אַלע מורא געהאַט פאַר אים. דערציילט האָט מען אויך, אַז אַ יאָר פאַר אונדזער קומען איז אין פרילינג דער מזאָס אַריבער די ברעגן, פאַרגאָסן דעם לאַגער און די מענטשן האָבן זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן אויף די דעכער פון די באַראַקן. די פערד און בהמות, דער גאַנצער אינווענטאַר, ווי אויך דאָס ביסל זאַכן וואָס די מענטשן האָבן געהאַט, זענען אַוועק מיטן וואַסער. מען האָט אַראָפּגעשיקט אַ קאָמיסיע פון „אָבלאַסט", אַרעסטירט די, וועלכע מען האָט געהאַלטן פאַר פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן נישט אָנגעמען קיין געהעריקע מיטלען צו פאַרמיידן דאָס אומגליק. אַלע איינוווינערס פון לאַגער האָט מען צעשיקט

אין אַנדערע מקומות און אַ טייל דערלויבט צו באַזעצן זיך אין דערפער און שטעטלעך, וועלכע זענען אויך געווען פאַרשיקונגס־פּלעצער.

די דאָזיקע געשיכטע האָט שרעקלעך געווירקט אויף אונדז. די רוסן האָט מען אַרויסגעשיקט פון דאַנען, ווייל מען האָט מורא געהאַט פאַר אַ צווייטער פאַרפּלייצונג און אונדז האָט מען געבראַכט אַהער אויף אומקום... עס געפינען זיך שטענדיק מענטשן, וואָס האָבן ליב צו זען אַלץ אין די שוואַרצסטע פאַרבן, דערצו נאָך ווען קיין ראָזע פאַרבן האָבן זיך טאַקע נישט געזען.

נאָך אַ פּאָר טעג „אָפּרו" און „איינאָרדענען זיך" האָט מען אונדז פאַר־זאַמלט. ס'איז געווען אָראָפּגעקומען אַ קאָמיסיע פון „אָבלאַסט", נאָוואָסי־בירסק. אונדזער קאָמענדאַנט האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג און איינער פון די געקומענע האָט גאָרנישט געמאַכט קיין סוד פון דעם, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט. ער האָט אונדז פאַרזיכערט, מיר זאָלן זיך נישט שרעקן, די נאַטשאַלסטווע מיט אונדזער הילף וועט נישט דערלאָזן, עס זאָל זיך איבער־חזרן אַן אומגליק.

דאָס האָט אַלעמען אַ ביסל באַרויִקט. אַ ברירה האָבן מיר געהאַט?

פון אַ דערנעבנדיק שטעטל, מיסקי, איז אַראָפּגעקומען אַ דאָקטערין. צווישן די רוסן וואָס מיר האָבן דאָ געטראָפן, איז געווען אַ יונגער רוס, וועלכן מען האָט פאַר אונדז פאַרגעשטעלט ווי דעם אַרטיקן פעלדשער. ער האָט געדאַרפט אָפּהיטן אונדזער געזונט און דאָס געזונט פון אונדזערע קינדער. ער איז געווען אַ הויכער, אַ שיינער, אָבער מען האָט געזען און געפילט, אַז מיט דאָקטעריי קערט ער זיך זייער ווינציק אָן.

מען האָט אונדז אַלעמען געשטעלט פאַר אַ מעדיצינישער קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון דער געקומענער דאָקטערין, דעם פעלדשער און דעם קאָמענדאַנט פון לאַגער. זיי האָבן באַשטימט, ווער עס וועט גיין אַרבעטן אין וואַלד און ווער עס וועט באַדינען דעם לאַגער: רייניקן, האַקן האָלץ פאַר דער קיך און דער בעקעריי, און ווער עס וועט גיין גראָבן גריבער. די אַלע הילפס־אַרבעטן האָבן זיך גערעכנט פאַר לייכטע. צו זיי האָט מען צוגעטיילט די עלטערע מענטשן, האָבן טאַקע אַנדערע זיך געלאָזט וואַקסן בערד אויף אויסצוזען עלטער. מען האָט זיך אַ ביסל איינגעבויגן און געזאָגט: „יאָ סטאַריק" — איך בין אַן אַלטער מאַן. ווער ס'האָט נאָך דערצו געהאַט אַ ביסל

גרויע האָר אין דער באָרד, איז געווען אַ גליקלעכער — מען האָט אים געשיקט צו „לייכטער אַרבעט": האַקן האָלץ אָדער גראָבן די ערד. ווינטער האָט מען די ערד נישט געקענט גראָבן, ווייל זי איז געווען פאַרשאָטן מיט שניי, מער ווי צווײ מעטער הויך. און אַז מען האָט מיט מי אָוועקגעשאַרט דעם שניי, איז די ערד געווען געפראָרן און האַרט ווי שטיין. יעדערער האָט געמוזט אַרויסגיין צו דער אַרבעט, אַפילו 15–16 יאָריקע יינגלעך און מיידלעך, אויסער מאָמעס פון פיצלעך קינדער. כאָטש איך בין געווען שרעקלעך מאָגער, אָפּגעצערט, האָב איך זיך נישט באַקלאָגט און בין געוואָרן צוגעטיילט צו אַרבעטן אין וואַלד. די נאַטשאַלסטווע האָט זיך נישט געמישט, ווער מיט וועמען זאָל גיין אַרבעטן, און מיר האָבן זיך פאַרטיילט אין בריגאַדעס צו 4–5 מענטשן.

די מעלה פון אַרבעטן אין וואַלד (יאָ, דאָס האָט אויך געהאַט אַ מעלה!) איז געווען, וואָס מען האָט באַקומען אַ גרעסערע פּאָרציע ברויט. געווען אַרבעטן, פאַר וועלכע מען האָט געגעבן 800 גראַם ברויט אַ טאָג, און אויך אַזעלכע, וואָס מען האָט פאַר זיי באַקומען אַ גאַנצן קילאָ ברויט. די וואַלד־אַרבעטער האָט מען געגעבן אַ קילאָ מיט 200 גראַם. (אייגנטלעך, נישט געגעבן, נאָר פאַרקויפט.) ביים מאַגאַזיניער איז געווען אַ רשימה, אונטער־געשריבן פונעם נאַטשאַלניק פון לאַגער און פון קאָמענדאַנט, וויפל יעדער איינער באַקומט ברויט. פאַר די משפחה־מיטגלידער וועלכע האָבן נישט געאַרבעט, ס׳הייסט פרויען, קינדער און אַלטע לייט, האָט מען געקענט קויפן צו 400 גראַם ברויט אַ טאָג און נישט מער. אין דעם געוועלב, אָנגעפירט פון אַ רוס, האָט מען געקענט קויפן טיי, קאַווע, צו מאָל קאַקאַאָ און נאָך זעלטענער — צוקער. אַזעלכע „לוקסוס־אַרטיקלען" האָבן זיך געקענט דערלויבן צו קויפן נאָר די וואָס האָבן געהאַט מיטגעברענגט מיט זיך אַ ביסל געלט — פון דער היים אָדער פאַרדינט ביי די נישט לעגאַלע מסחרים אין מערב־אוקראַינע.

עס זענען געווען באַשטימט נאָרמעס, וויפל ביימער יעדער מענטש מוז אויסהאַקן אין די אַכט אַרבעט־שעהען. די אַרבעט אין וואַלד איז געווען זייער אַ שווערע און פאַרבונדן מיט סכנות. מען האָט געדאַרפט וויסן, ווי אונטער־צוהאַקן דעם בוים, ער זאָל נישט אַרויספאַלן אויף דיר. ס׳האָט נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן מאַכן די פעסטגעשטעלטע נאָרמע, ממילא האָט מען

אויך נישט פאַרדינט אַ לוין, מען זאָל קענען דערפון לעבן. זענען טאַקע געווען אַזעלכע, וואָס האָבן פאַרדינט קוים אויף אויסצוקויפן דאָס צוגעטיילטע ברויט און צו מאָל אויך אַ זופּ פון דער קיך. פליש האָבן זיך דערלויבט זייער ווייניק מענטשן, כאָטש די קיך האָט געקאָכט אויך פליש, אָבער נאָר פערדנפליש.

ביי אונדז פערזענלעך איז עפּעס געשען, וואָס אין נאָרמאַלע באַדינגונגען איז דאָס אַ פרייד. אין יענער צייט איז עס געווען אַ טראַגעדיע: הינדע האָט פאַרשוואַנגערט. אונדזער טעכטערל, פערעלע, איז אַלט געווען דריי יאָר. צו האָבן נאָך אַ קינד איז נאָרמאַל, אָבער מיר זענען געווען אין אַן אָרט וווּ ס׳איז נישט געווען קיין דאָקטער, מיט וועמען זיך מישב צו זיין. דער נאָענטסטער שפּיטאָל איז געווען מער ווי 30 ק״מ פון לאַגער. ביי יענע באַדינגונגען, ביז מען האָט געהאַט מיט וואָס צו פאָרן, האָט עס גענומען אַ פּאָר טעג. זענען מיר טאַקע אַרומגעגאַנגען פאַרצווייפלט. דערצו האָבן מיר נישט געהאַט צו געבן אונדזער אָפּגעצערט טעכטערל דעם מינימום וואָס אַ קינד דאַרף האָבן. אַפילו אַ גלאָז מילך איז אונדז אָנגעקומען נישט לייכט צו קויפן, און איצט האָט אויך די מאַמע געדאַרפט מער, ווי זי האָט געקענט באַקומען. די לאַגע איז געווען טרויעריק. איך האָב מיך דורך בריוו פאַרבונדן מיט הינדעס שוועסטער, וואָס איז געבליבן אין לודמיר. צו איר האָט אויך געשריבן מיין ברודער, וואָס האָט זיך באַזעצט צוזאַמען מיטן קוזין, שלמה פּודים, אין ביאַלע־צערקאָוו. דערוויסנדיק זיך, אַז אין די מערב־אוקראַיִנישע שטעט און דערפער כאַפּט מען אויס די „ביעזשענצעס״ און מען פירט זיי קיין סיביר, האָבן זיי באַשלאָסן, נישט אַריינצופאָרן אין די ערטער, וווּ מען כאַפּט, און האָבן זיך באַזעצט „אויף סטאַביל ביז איבערן קריג״ אין ביאַלע־צערקאָוו. דעם ברודער האָב איך אויסגעמאָלט אונדזער ביטערע לאַגע. מיר האָבן באַקומען אַ פּעקל מיט עסן פון דער שוועגערין און אויך פון ברודער מיטן קוזין. ער וואָלט מיר באַשטימט געווען געהאָלפן מער, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער געשיקט פּעקלעך צו זיין פרוי און קינד, וואָס זענען געבליבן אונטער היטלערס הערשאַפט צוזאַמען מיט אונדזערע עלטערן און שוועסטער.

מיר האָבן צונויפגענומען הינדעס אַ קאָסטיום, מיינס אַ נייעם פּאַלטן, די פאַרהאַנגען פון אונדזער וווינונג אין קראַסניסטאַוו און נאָך פאַרשידענע בעסערע זאַכן, מיטגענומענע מיט זיך, און אַוועקגעשיקט צום ברודער אין

ביאַלע־צערקאָוו כ׳האָב אים געבעטן פאַרקויפן די זאַכן און מיר פון צייַט צו צייַט אַרויסשיקן אַ פּאַקעט מיט פּראָדוקטן. ביי אונדז איז נישט געווען, ווער עס זאָל קויפן אַזעלכע גוטע זאַכן. די רוסן האָבן העכסטנס געקויפט אַ קישן, אַן איבערבעט און ענלעכע „בוצלעכע זאַכן״. אַזעלכס האָבן מיר פאַרקויפט פאַר אַן עמער קאַרטאָפל אָדער פאַר מילך פאַרן קינד. מיר האָבן פאַר זיך איבערגעלאָזט בלויז דאָס נייטיקסטע אויף צו פאַרדעקן דעם גוף און אוועקלייגן דעם קאָפּ.

געשלאָפן זענען מיר אויף איין נאַרע — איך, מיין פרוי און קינד. אין זעלבן באַראַק האָבן געוווינט און געשלאָפן רחל פרידמאַן־שוכהענדלער מיט איר מאַן לייזער, און זייער מיידעלע פון אַ יאָר פיר־פינף. מיט אונדז זענען אויך געווען צוויי בחורים, וועלכע האָבן נישט געוואָלט וווינען אין אַלגע־מיינעם באַראַק, אַהרון לערנער, וועלכן איך האָב שוין דערמאָנט, און יאָסל פרידמאַן, אַ ברודער פון רחל פרידמאַן. די צוויי האָבן פריִער זיך כמעט ווי נישט געקענט און דאַך זיך באַפרייַנדט און געשלאָפן אויף איין נאַרע. אַהרון האָט געוואָלט וווינען נאָר מיט אונדז און יאָסל האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט זיין שוועסטער, כאָטש מיט אונדז אין לאַגער, אין זעלבן באַראַק, האָט געוווינט זיינע אַן עלטערע שוועסטער, שיינדל, מיט איר מאַן לוזער שפינדעל, און זייערע צוויי קינדער: שאָשעלע און מאָטעלע. מיט זיי האָט געוווינט אַ קראַסניסטאַווער לערער, רייכענשטיין, מיט זיין פרוי, רעגינע הערטמאַן און זייערס אַ ייִנגעלע. אין זעלבן באַראַק האָט געוווינט נאָך אַ קראַסניסטאַווער משפחה: משה שפינדעל (אַ ברודערס אַ זון פון דערמאָנטן לוזער שפינדעל) מיט זיין פרוי, מירל, און צוויי קינדער, אַ ייִנגעלע מנשה און אַ מיידעלע ריקל. מיט זיי צוזאַמען האָבן געוווינט די קראַסניסטאַווער לייזער קאָרנפעלד מיט זיינעם אַ זון פון אַ יאָר 16, און אויך מאיר דרעשער און בנימין שטונ־צייגער.

אין אַ געוויסן טאָג איז אַריין צו מיר מיט אַ געשריי און געוויין איינער פון די בחורים און דערציילט, אַז מען האָט אים אויפגעריסן דעם פוטערנעם קראַגן פון מאַנטל און אַרויסגענומען גאָר זיין געלט. ער האָט מיר אויך פאַרטרויט וויפל געלט ער האָט געהאַט, און געהאַלטן אין איין וויינען און שרייען, אַז ער האָט נישט קיין ברירה, מוז באַגיין זעלבסטמאָרד, ווייל אָן געלט וויל ער נישט לעבן. האָב איך אים דערקלערט, אַז דער רוב פון אונדז

האָט אויך נישט קיין געלט און אַ סך זענען נאָך מיט פּיצלעך קינדער, פון דעסטוועגן ווילן אַלע לעבן. כ׳האָב אים באַרויִקט, צוזאָגנדיק עפּעס צו אונ־טערנעמען לטובת אים. כ׳האָב זיך געווענדט צו אַלעמען, וואָס האָבן געוווינט אין דער זעלבער שטוב, און באַטאָנט, אַז מסתמא האָט דער וואָס האָט דאָס געטאָן, פאַלש געטראַכט, אַז אָן געלט האָט נישט קיין זין צו לעבן און מען מעג עס באַקומען אַפילו אויף אַ נישט קיין גלייכן אופן, וואָס קען אומברענגען אַן אייגענעם מענטש. היות מיר זענען פון איין שטאָט און פילן זיך ווי איין משפחה, זאָל דער וואָס האָט גענומען דאָס געלט, עס אונטערוואַרפן אויף אַ פּלאַץ, מען זאָל עס קענען געפינען. טאָמער מיינט ער, אַז אָן געלט וועט ער נישט איבערלעבן די שווערע צייט, זאָל ער זיך אַראָפּנעמען אַ קליינע סומע. מיר וועלן מער נישט רעדן דערפון און זיך באַמיִען צו פאַרגעסן דעם גאַנצן ענין. כ׳האָב געוואָרנט, אַז קיינער טאָר נישט נעמען אויף זיין געוויסן דאָס לעבן פון אַ צווייטן.

דאָס האָט געווירקט גיכער ווי מיר האָבן גערעכנט: אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען דעם גרעסטן טייל פונעם געלט געפונען אונטער אַ נאַרע.

דער אַלטאָג אין לאַגער

לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער טעמע, צו אונדזער „מזאָס״. מיר זענען אָנגעקומען אַהער אין אויגוסט 1940, און אין סעפּטעמבער הייבט זיך דאָ אָן דער ווינטער. ער קומט אָן פּלוצעם און שווער. עס פאַלט אַרויס דער ערשטער שניי און ס׳הערט נישט אויף צו שנייען, ביז אַלץ ווערט ווייס. עס הייבן זיך אָן די פרעסט, און ס׳שטעלט זיך אַוועק דער שווערער סיביריער ווינטער, מיט די קורצע טעג און לאַנגע נעכט. די זומערנעכט זענען דאָ קורץ, ס׳איז כמעט אַ גאַנצן מעת־לעת ליכטיק. ווינטער איז פּונקט פאַרקערט: בלויז אַ פּאָר שעה אין טאָג שיינט די זון, און שוין אַרום 3 ביי טאָג ווערט פינצטער. מיר פלעגן אַרויסגיין צו דער אַרבעט, ווען ס׳איז נאָך געווען שטאָק פינצטער און די שטערן האָבן געפינקלט אַזוי, ווי מען זעט זיי נאָר אין סיביר.

פון די באַראַקן ביז אויפן פּלאַץ, ווו מיר האָבן געהאַקט דיביימער, איז געווען צו גיין אַ פּאָר קילאָמעטער. דאָס האָט גענומען אַ שעה און אַלץ באַרג־אַרויף. אַהרון לערנער, אַן עלטערער פון מיר מיט אַ יאָר זעקס־זיבן,

און אויך העכער און ברייטער פון מיר, פיזיש גוט געבויט, פלעגט פרעגן: „ווי נעמט דער דאַרער און קליינער מרדכי אַזוי פיל כּוח, שטענדיק צו גיין דער ערשטער פאַר אַלעמען?" אפשר האָט מיר געהאָלפן דאָס, וואָס איך האָב געאַרבעט פון מיין פריסטער יוגנט אָן און אויך מיין בכבודיקע באַציִונג צו אַרבעט האָט מיר מסתּמא לייכטער געמאַכט דאָס געמיט און ממילא אויך די שווערע האַרעוואַניע.

ווען מיר פלעגן אָנקומען צום אַרבעטסאָרט, האָבן מיר גערדאַרפט אָנצינדן אַ פייער אויף אַ ליידיקן, פון פריִער אויסגעהאַקטן פלאַץ, אָפּגערוקט פוןביימער, וואָס האָבן זיך געקענט אָנצינדן. דערפאַר האָט מען געקענט אַרייג־פאַלן אין טורמע, ווי פאַר סאַבאָטאַזש, און מער שוין נישט אָנזען די ליכטיקע שיין. מען האָט אויך געמוזט אויסזוכן אָן אויסגעטריקנטן בוים. די ביימער וואָס מיר האָבן געהאַקט, זענען זומער געווען נאַס און ווינטער געפרוירן און וואָלטן זיך נישט באַלד אָנגעצונדן. דערקעגן דער טרוקענער בוים, אַז מען האָט אים צעהאַקט, האָט זיך אָנגעצונדן ווי גוטער ברענשטאָף. ווען דאָס פייער האָט שוין געברענט, האָט מען געקענט וואַרפן אין אים די אָפּגעהאַקטע צווייגן פון די איינגעפאַלענע ביימער. דער שייטער האָט געברענט ביז מיר זענען געגאַנגען אַהיים. ביים פייער האָט מען געקענט אָנוואַרעמען פאַרפרוי־רענע גלידער, דער עיקר די הענט. און וואָס נאָך וויכטיקער, ווער ס'האָט מיטגענומען אַ שטיקל ברויט, איז עס געוואָרן פאַרפרוירן ווי אַ שטיין, און נאָר מיט אַ האַק האָט מען געקענט אָפּהאַקן אַ שטיקל. אַז מען האָט עס געהאַלטן אַ צען מינוט ביים פייער, האָט עס אָפּגעטייעט און מען האָט דאָס ברויט געקענט עסן.

איך שרייב: „ווער ס'האָט מיטגענומען אַ שטיקל ברויט". יאָ, נישט יעדערער האָט מיטגענומען. ס'איז געווען איינגעפירט, אַז דאָס ברויט האָט מען געטיילט נאָך דער אַרבעט. די וואָס האָבן נישט געהאַט קיין משפחות, האָבן באַקומענדיק דאָס ברויט, זיך אָוועקגעזעצט און אויף איין מאָל אויפ־געגעסן דעם גאַנצן קילאָ מיט צוויי הונדערט גראַם.

איך בין געווען אַן עדות פון אַ פאַל, וואָס האָט אַלעמען פאַרוווּנדערט. געווען ביי אונדז אַ לובלינער בחור מיטן נאָמען מאָטל, — אַ הויכער און געזונטער יונג. ער האָט געאַרבעט מיט אונדז אין וואַלד און באַקומענדיק דאָס ברויט נאָך דער אַרבעט, עס גלייך אויפגעגעסן. איין מאָל ווען ער האָט

געענדיקט עסן, איז אַריינגעקומען דער נאַטשאַלניק פון לאַגער און אים געפרעגט: „האַסט שוין אויפגעגעסן דעם גאַנצן קילאָ מיט די צוויי הונדערט גראַם?" האָט מאַטל געענטפערט: „ווען איך האָב נאָך אַזוי פיל, וואָלט איך אויך גלייך אויפגעגעסן". דער נאַטשאַלניק האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ שטיקל פאַפּיר און אָנגעשריבן צום טיילער פונעם ברויט, ער זאָל מאַטלען געבן נאָך אַ פּאָרציע און אָנגעזאָגט האָט ער מאַטלען קומען אַהער מיטן ברויט, ווייל ער וויל זען, צי ער וועט טאַקע זיין בכּוח אויפצועסן נאָך אַ קילאָ מיט צוויי הונדערט גראַם.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט מאַטל געבראַכט דאָס ברויט, זיך אַוועקגעזעצט און געמיטלעך עס אויפגעגעסן, דערנאָך זיך געווענדט צום נאַטשאַלניק: „גיב מיר נאָך אַזאַ צעטל און איך וועל אין דיין בייזיין אויך דאָס אויפעסן". דער נאַטשאַלניק האָט אים געענטפערט: „באַלשע ניעט!" — מער איז נישטאָ. ס'זעט אויס, אַז פאַר אים איז געווען גענוג איינע אַזאַ „פאַרשטעלונג".

די, וואָס האָבן געענדיקט זייער פּאָרציע ברויט 5 אָדער 6 פאַר נאַכט, האָבן געוואַרט ביז אויף מאָרגן אין דער זעלבער צייט, אויסגעהונגערטע ווי די וועלף. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן די פּאָרציע ברויט צעטיילט און געגעסן פאַר נאַכט אַ שטיקל, צו מאָרגנס אַ שטיקל, און אויך אַרום 12 ביי טאָג ביי דער אַרבעט, אַ שטיקל. די, וואָס האָבן געקענט עפּעס זיך קויפן אין קיך אָדער אין געוועלבל, האָבן נישט געהונגערט. זומער האָט מען אין וואַלד געפונען אַזעלכע דיקע בלעטלעך וואָס האָבן געהאַט דעם טעם פון קנאָבל, און געגעסן. ווינטער האָט מען געפונען רויטע קאַלינעס, וואָס מען האָט אויך געגעסן, און ס'האָט איצט געהאַט דעם טעם ווי די בעסטע פרוכט. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זייער פּאָרציע ברויט געמוזט טיילן מיט דער משפּחהלע, ווייל די משפּחה־מיטגלידער האָבן באַקומען נאָר צו פיר הונדערט גראַם אַ טאָג.

איך האָב געהערט צו די, וואָס האָבן געדאַרפט זאָרגן אויך פאַר אַ פרוי און טעכטערל. דאָס מיידעלע פלעגט זיך וועקן ביי נאַכט מיט אַ געוויין, אַז זי איז הונגעריק. מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ פלעג איך זי מיט כּוח צווינגען שווייגן, מורא האָבנדיק, אַז זי וועט אויפוועקן אין באַראַק די מענטשן, וואָס דאַרפן באַלד אויפשטיין צו דער שווערער אַרבעט. ווען איך דערמאָן זיך

אין יענער צייט, גייט מיר אַדורך אַ שוידער איבערן לייב. היינט ווייס איך אָבער, אַז אונדז איז געווען אומפאַרגלייכלעך בעסער, ווי אונדזערע טייערסטע, וועלכע מיר האָבן געלאָזן אין דער „היים״.

די וואַלד־אַרבעטער האָבן שטענדיק באַקומען אויפן ווינטער אַ וואַטאָווע היטל מיט אַראָפּגעלאָזטע קלאַפּעס אויף צו פאַרדעקן די אויערן און דעם שטערן, אַ פופייקע (אַזאַ אויסגעשטעפּטע וואַטאָווע קורטקע) און אַ פּאָר וואַטאָווע הויזן. דער קערפּער איז געווען פאַרהיט פון קעלט. מען האָט באַקו־מען שטיוול־וואַליקעס, וואָס אַז מען האָט זיי געהאַלטן טרוקן, האָט מען נישט געפילט קיין קעלט אין די פיס. מען האָט געהאַט לייוונטענע הענטשקעס, נישט קיין דיקע, אַניט וואָלט מען נישט געקענט האַלטן די האַק אָדער די זעג. אָבער צו דעם אַלעם האָט מען געמוזט זיין אין כּסדרדיקער באַוועגונג. טאָמער איז מען געבליבן שטיין לענגער ווי אַ פּאָר מינוט, אַפילו ביים פייער, האָט מען געקענט פאַרפרוירן ווערן. האָט טאַקע פּאַסירט, אַז מיר האָבן איינער אויפן צווייטן געשריִען, מען זאָל אַרבעטן בכדי צו קענען קעגנווירקן דעם שרעקלעכן פראָסט. פון דעסטוועגן האָט מען נישט איין מאָל באַמערקט ביי עמעצן, אַז די נאָז אָדער די אויערן זענען געוואָרן ווייס ווי מילך. האָט מען האַסטיק געכאַפּט שניי און אָנגעהויבן רייבן די ווייס געוואָרענע טיילן פון פּנים און אַזוי זיי אָפּגעראַטעוועט פון ווערן אָפּגעפרוירן. דאָך בין איך געווען אַן עדות פון פאַלן מיט אָפּגעפרוירענע פיס, פון וועלכע מען האָט געמוזט אַמפּוטירן פינגער. בחורים וואָס זענען געווען באַשעפטיקט ביי „לייכטער אַרבעט״ און נישט אין וואַלד, האָבן בדרך כּלל נישט באַקומען קיין וואַליקעס, בלויז אַז ס׳איז איבערגעבליבן פון די וואַלד־אַרבעטער, ס׳האָט געהייסן, אַז די וואָס אַרבעטן נאָענט פון די הייזער, קענען אַריין אין שטוב זיך אָנוואַ־רעמען, ווען זיי פילן אַז ס׳הייבט אָן צו פרירן אַן אבר. טעאָרעטיש איז עס געווען ריכטיק, אָבער פּראַקטיש האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן פאַר אַן אַבסורד שוין צוליב דעם, וואָס ווען מען האָט געפילט, אַז עס ווערט עפּעס אָפּגעפרוירן, איז שוין געווען שפּעט צו לויפן אין אַ שטוב זיך ראַטעווען.

נישט געקוקט אויף די שווערע לעבנס־באַדינגונגען, איז ביי אונדז אין לאַגער בלויז איין מענטש געשטאָרבן. לויט זיינע קינדער איז ער געווען אַלט אַ יאָר זעכציק. זיין נאָמען איז געווען לענטשנער. מען האָט אים קובר געווען אויף דער צווייטער זייט פון טייך מזאַס, און פון אונדזערע באַראַקן

האָט זיך געזעגנט דער קבר. זיין זון האָט געזאָגט קדיש. אַ רוסישער בית־הקברות פון פריִער איז געווען ניט ווייט פון די באַראַקן, אָבער די נאָך־טשאַלסטווע האָט זיך נישט קעגנגעשטעלט, מיר זאָלן אונדזער געשטאָרבענעם קובר זיין אָפּגעזונדערט פון קריסטן. מיר האָבן דערעפנט אַ נייעם ייִדישן בית־הקברות אין סיבירער וויטעניש.

מיט וואָס צו פאַרטרייבן דאָס ביסל איבערגעבליבענע פרייע צייט האָבן מיר נישט געהאַט. פלעגן מיר זיך צונויפקומען, דאָס רוב ביי אונדז אין באַראַק, און שמועסן, חלילה, נישט פון פּאָליטיק. דאָס איז אונדז אין דעם מאָמענט נישט אָנגעגאַנגען. מיר זענען געווען אָפּגעריסן פון דער וועלט. קיין ראַדיאָ איז נישט געווען, אַפילו נישט ביי דער נאַטשאַלסטווע. קיין צייטונגען האָבן מיר נישט באַקומען און אַז מען האָט אונדז שוין יאָ געגעבן צו לייענען אַ צייטונג, וואָס איז געווען אויסשליסלעך פּראָפּאַגאַנדע, האָט קיינער פון אונדז נאָך נישט געקענט אויף אַזוי פיל לייענען רוסיש. מיר האָבן אויך נישט געהאַט קיין אינטערעס פאַר דער סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע. ווען נאַטשאַלסטווע האָט געוואָלט פאַרשפּרייטן אַ ידיעה אין אירע אינטערעסן, האָט זי געפונען געגנוג וועגן עס צו טאָן. בעיקר האָט זי זיך געסטאַרעט אונדז צו איבערצייגן, אַז מען האָט אונדז אַהער פאַרשיקט אויף שטענדיק און אַז מיר זענען דאָ נישט קיין צייטווייליקע איינוווינערס און דאַרפן זיך צוגעוווינען צו אַלץ. אַז מיר האָבן געפרעגט, פאַר וואָס הייסן מיר „ספּעצ.־פּערעסעלענצעס", האָבן זיי געענטפערט, אַז דאָס האָט נישט קיין באַטייט.

מיט אונדז איז געווען אַ קראָסניסטאָווער יונגער־מאַן, יאָסעלע פּערל־מוטער, אַ קלוגער מענטש, מיט אַ סך הומאָר. ניט געקוקט, וואָס ער איז געווען דער גרעסטער פּעסימיסט צווישן אונדז און געזאָגט נביאות, אַז דאָ איז אונדזער סוף. ווען ער האָט געהאַט אַ גוטן טאָג און געגאָסן פון אַ ביסל אָפּטימיזם, פלעגט ער זאָגן, אַז דאָס וואָס מען האָט אונדז צוגעטשעפּעט דעם „ספּעצ." צום וואָרט „פּערעסעלענצעס", איז ווי „צוגעטשעפּעט אַ לונג און לעבער", און דאָס וועט אונדז אין דער צוקונפט ראַטעווען. די רוסן וואַרפן נישט אַרויס סתם ווערטער. יעדע זאַך האָט ביי זיי אַ ווערט. אַזוי האָט ער זיך אויך געוויצלט וועגן אַ קינד פון אַ קראָסניסטאָווער משפּחה, וואָס איז שוין אַלט געווען דריי יאָר און האָט נישט גערעדט. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס קינד ווייסט, אַז אין רוסלאַנד טאָר מען נישט רעדן, שווייגט עס. ווי נאָר מען

וועט אַרויס פון דאַנען, וועט דאָס קינד רעדן גלייך מיט אַלע אַנדערע...
דאָס קינד האָט אָבער אָנגעהויבן רעדן דאָרטן...

אירע ידיעות האָט נאַטשאַלסטווע פאַרשפּרייט אַזוי: זי פלעגט אַרויס־רופן מענטשן וואָס האָבן, לויט איר מיינונג, נישט גענוג פלייסיק געאַרבעט און דרך־אגב אַ זאָג טאָן, מען זאָל זיך נישט איינרעדן, אַז מיר וועלן אַ מאָל אַרויס פון דאַנען דאָס זעלבע האָט אויך געטאָן דער פעלדשער וואָס האָט געמוזט מיטאַרבעטן מיט נאַטשאַלסטווע, כאָטש ער האָט גוט געלעבט מיט אונדז. אויך זיין מאַמע, אַ שיינע רוסישע פרוי מיט אַ ברייט רוסיש האַרץ, פלעגט אונדז אָפט טרייסטן און אויך אָפּקויפן ביי אונדז גוטע זאַכן פאַר אַן עמער קאַרטאָפל אָדער אַ שטיקל ברויט. היות די אַרטיקע רוסן האָבן געהאַט געהילף־ווירטשאַפטן („פּאָדסאָבנאַיע כאָזייסטוואָ”), האָבן זיי זיך גע־קענט דערלויבן צו פאַרקויפן אַן איבעריק שטיקל ברויט. צום פעלדשער פלעגט יעדערער מוזן אָנקומען. מען האָט זיך צוגעקילט, האָט ער געגעבן אַ טאַבלעט. צו יעדער קרענק — די זעלבע רפואה. אַז מען האָט געוואָלט אַ טאָג בלייבן אין דער היים, האָט מען צו אים געמוזט אָנקומען. ער האָט געמעגט באַפרייען נאָר ווען מען האָט געהאַט היץ. פלעגט ער צו מאָל פאַר־שרייבן היץ, כאָטש מען האָט עס נישט געהאַט. אמת, דערמיט איז ער געווען זייער אָפּגעהיט.

צו איר דינסט האָט נאַטשאַלסטווע געוואָלט אויסנוצן אַן עלטערן פיינעם ייִד, בעריש קרעמפעל, וואָס האָט געקענט אַ ביסל רוסיש און געאַרבעט אין דער קאַנטאָר. בעריש האָט געשטאַמט פון לובלין און איז געווען איינער פון די אָנגעזעענע פירערס פון „בונד” אין זיין היימשטאָט. ער האָט מורא געהאַט, מען זאָל זיך נישט דערוויסן פון זיין אַמאָליקער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. ער האָט געוווּסט, מיט וואָס פאַראַ מעטאָדן די רוסן זענען פעיִק זיך צו באַנוצן. ווען זיי האָבן געזען, אַז מיט אים גייט עס נישט אַזוי לייכט, האָבן זיי אָנגעהויבן צו דריקן אויף אים, ער זאָל זיי זאָגן ווער עס שטערט די וואַלד־אַרבעטער צו מאַכן די נאָרמע. ער האָט זיי אויפגעקלערט, אַז קיינער שטערט נישט. די באַדינגונגען זענען שולדיק. אַלע זענען טאַקע אַרבעט־מענטשן פון פריִער אָבער האָבן קיין מאָל זיך נישט פאַרנומען מיט האַקן ביימער. זיין אויפקלערונג האָט זיי נישט איבערצייגט און אַז מען האָט ווידער אויף אים געדריקט, האָט ער געבעטן, מען זאָל אים שיקן אַרבעטן אין וואַלד,

וועט ער זיך קענען איבערצייגן, צי די מענטשן ווילן נישט אָדער קענען נישט אויפטאָן מער. זיין איינגעשפּאַרטקייט האָט אים געהאָלפן. מען האָט אים געשיקט אין וואַלד און ער איז געווען דערפרייט, וואָס ער איז אַרויס פון קאָנטאַקט גלייך ווי ער וואָלט אַרויס פון אַ געפענגעניש. ער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט זיינעם אַ זון, אַ גימנאַזיסט פון פאַרן קריג, און מיט זיינעם אַ שוואָגער, אייזיק. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיטן גאַנצן ברען און גיך באַהערשט דעם „פאַך”. געווען איז ער אַ ייִד אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ קאָפּ גרויע האָר, און מאַכן די נאַרמע האָט ער, פּונקט ווי אַלע, נישט געקענט בשום אופן. מיר האָבן אָבער צוגעקראָגן אַ טייערן חבר, אַ מוטיקן און אָפּטימיסטישן מענטש, וואָס האָט געהויבן אַלעמענס מוט.

מיר וועלן זיך אומקערן צו דעם, ווי אַזוי מיר האָבן פאַרבראַכט די געבליבענע פרייע צייט. מען איז געזעסן אויף די נאַרעס, טייל — אויף צוגעשניטענע קלעצלעך און אויך אויפן דיל. די שמועסן האָבן זיך אַלץ געדרייט אַרום דער היים און וועגן עסן, פּונקט ווי שיכּורים, אַז זיי האָבן נישט קיין בראָנפן, נעמען זיי כאַטש רעדן וועגן דעם ביטערן טראָפּן. מען האָט דערציילט, וואָסערע גוטע חלות און קיכלעך און פלאָדנס די מאַמעס האָבן געבאַקן אויף שבתים און יום־טובים, וואָסערע גוטע מאכלים מען האָט געגעסן. מען האָט דערציילט און געשלונגען דאָס שפּייעכץ. אַלץ האָט אויסגעזען ווי אַ ווייט־פאַרגאַנגענער חלום. קיינער האָט נישט דערציילט, אַז ער האָט אויך אַ מאָל געהונגערט און אַז אין דער היים איז נישט שטענדיק געווען וואָס צו עסן. די מיטשמועסערס זענען געווען באַקאַנטע פון דער אייגענער שטאָט, מיט אַ טייל האָט מען זיך געהאָדעוועט, געגאַנגען אין חדר, זיך געשפּילט, צוזאַמען געשפּאַצירט מיט מיידלעך און אויך געווען טעטיק אין אַן אָרגאַניזאַציע. מען האָט אָבער וועגן דעם אַלעם נישט גערעדט. מען האָט אויך נישט גערעדט וועגן קיין ביכער, וואָס מען האָט אַ מאָל געלייענט. דאָס אַלץ איז געווען אַזוי ווייט. איצט האָט אַלץ זיך געדרייט אַרום עסן.

מיר ווינטערן אין סיביר

ס׳האָבן זיך געענדיקט די עטלעכע זומער־וואָכן וואָס מיר האָבן פאַר־כאַפּט אין מזאָס. ס׳האָט אָנגעהויבן פאַלן אַ שניי און אָנגעזאָגט דעם לאַנגן,

שווערן סיבירער ווינטער. נאָך טרויעריקער איז געוואָרן אויפן הארצן. אין באַראַק איז געווען ווארעם, ווייל קיין האָלץ האָט נישט געפעלט. אין מיטן באַראַק איז געשטאַנען אַן אייזערן אייוועלע, וועלכן מען האָט געהייצט פון גאַנץ פרי, ווי נאָר מען איז אַרויס פון בעט, ביז מען האָט זיך געלייגט שלאָפן. האָלץ האָט מען געדאַרפט זיך אַליין אָנגרייטן. דאָס האָט מען געטאָן זונטיק, אין אונדזער רוטאָג. מיר האָבן געהאַט רעכט צו נעמען אַ פערד מיט אַ שליטן און פאָרן אין וואַלד, אויפזוכן טרוקענעביימער, אויסהאַקן זיי און ברענגען די קלעצער צו זיך. ביים באַראַק האָט מען דאָס האָלץ צעזעגט און צעהאַקט אויף שטיקלעך, די שייטלעך זאָלן אַריין אין אייוועלע. דאָס האָט אַוועקגענומען ניט ווייניק צייט פונעם רוטאָג.

אין צווישן איז עפּעס געשען, וואָס האָט אונדזער פעלדשער און אויך דעם קאָמענדאַנט אַ ביסל איבערגעשראָקן די פרוי פון רוס, דעם מאַגאַזין־פאַרוואַלטער, איז געגאַנגען צו קינד, און דער פעלדשער האָט זי געצוווּנגען וואַרטן ביז דער לעצטער מינוט מיטן אָפּפירן אין שפּיטאָל אין מיסקי, אַ 30 ק״מ פון אונדז. אָנגעקומען איז זי אַהין צו שפּעט און געבוירן אַ טויט קינד. אַראָפּגעקומען איז אַ קאָמיסיע פאַרשן דעם ענין. קיינעם איז קיין זאַך ניט געשען, אָבער אָנגעזאָגט האָט מען אונדזער נאַטשאַלסטווע צו זיין אויף להבא מער אָפּגעהיט.

ווען הינדע האָט געזאָגט דעם פעלדשער, אַז זי איז אין ניינטן חודש, האָט מען זי תּיכּף אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל מיטן תּנאַי, אַז טאָמער וועט מען דאָרטן פעסטשטעלן, אַז ס׳איז צו פרי, וועט מען זי שיקן צוריק. מיטנעמען מיט זיך האָט מען איר כּמעט קיין זאַך ניט דערלויבט אויס מורא, זי זאָל פון מיסקי נישט אַנטלויפן, ווייל פון דאָרטן איז שוין געווען אַ פאַרבינדונג מיט דער גרעסערער שטאָט, סטאַלינסק, פון וואַנען מען האָט געקענט אָפּפאָרן אין צענטראַל־רוסלאַנד און אַפילו אָנקומען אין די געביטן פון מערב־אוקראַינע, ווו עס זענען געווען פליטים פון די געוועזענע פוילישע שטעט און שטעטלעך, פאַרנומענע דורך די דייטשן, פליטים, וואָס האָבן זיך אויסבאַ־באַהאַלטן פון די נ.ק.וו.ד.־דעפּאָרטאַציעס. פון אָט די פליטים פלעגן אָנקומען בריוו אַזש אין סיביר, אין וועלכע זיי האָבן געשריבן, אַז איצט האָט זיך די לאַגע סטאַביליזירט, מען וואַלגערט זיך נישט, ווי פריִער. האָבן טאַקע עטלעכע פון די פאַרוואָגלטע מיט אונדז אין מזאָס און אַנדערע פאַרשיקונג־

ערטער ריזיקירט, אַוועק ביי נאַכט צו פוס דורך דיווילדע וועלדער און אין ביטערן פראָסט, און האָבן זיך אַרויסגעריסן פון סיביר. איך וועל דאָ אויס־רעכענען די דאָזיקע דרייסטע מענטשן: חנן לערנער, דער יינגסטער ברודער פון אַהרן און יונה לערנער, וואָס האָט דעמאָלט געוווינט אין מאַניעוויטש מיט הינדעס שוועסטער און זייער קינד. אויך האָט דאָרטן שוין געוווינט הינדעס ברודער ישׂראל מיט זיין פרוי רבקה און זייערע דריי קינדער. חנן לערנער האָט געוואָלט אָנקומען צו זיי און איז אונטערוועגנס, ערגעץ אין רוסלאַנד, אַריינגעפאַלן אין טורמע (מיר וועט נאָך אויסקומען וועגן אים צו שרייבן.) מיט חנען איז אַוועק אַ שטילער בחור, בערל פיגלער, אַ שניידער. זיינער אַ ברודער, דוד, און זיין פרוי ברכה, מיינע אַ קוזינע, זענען געוועזן געבליבן אין מערב־אוקראַינע, בערלען איז טאַקע געלונגען אָנצוקומען צו זיי. מיט די אַנטלויפערס איז אויך אַוועק אַ זון פון לייזער קאַרנפעלד, וואָס לעבט איצט אין כפר־סבא. ער וויסט אָבער ניט ביז היינט, ווו זיין זון איז אַהינגעקומען. אַ שוואַנגערע איז געוועזן געלאָפן די פרוי פון יוסף פערלמוטער און ווי אין וואַסער אַריין. פון אונדזער קרייז מענטשן זענען נאָך עטלעכע געוועזן אַוועק. ווען מען זאָל זיי פאַר דעם אַלעם האָבן געזאָגט, אַז מען וועט זיי פאַרשלעפן קיין סיביר, און זיי וועלן פון דאָרטן אַנטלויפן, וואָלט עס פאַר די מענטשן געקלונגען ווי אַ וויץ. און ליידער איז דער רוב פון די וואָס האָבן, דורכמאַכנדיק די גרעסטע שוועריקייטן דערגרייכט זייער ציל, שפּעטער אַריינגעפאַלן אין נאַצישן קלעם און טראַגיש אומגעקומען.

צווישן די געלאָפענע איז אויך געוועזן אַ פרוי, גאָלדע לופּט, וואָס איז געוועזן אין אומשטענדן. און דאָס איז געוועזן די סיבה, וואָס מען האָט הינדען ניט געלאָזט קיין איבעריקע זאַך מיטנעמען ביים פירן זי אין שפּיטאָל. זי האָט פון דעסטוועגן אָנגעטאָן אויף זיך וואָס מער מלבושים און נאַכטהעמדער, בכדי צו האָבן וואָס צו פאַרקויפן אויף עסן פאַר זיך און אונדזער טעכטערל, וועלכע מען האָט איר דערלויבט מיטצונעמען. זי זאָל מיר ניט שטערן גיין צו דער אַרבעט.

פון אונדזער לאַגער איז געוועזן אַריבערגעהויבן אין מיסקי איינער אַ ייד, אַ זייגער־מאַכער. הינדע מיטן קינד איז פאַרפאַרן צו אים, אָבער ער האָט נישט געפונען קיין פלאַץ פאַר זיי. אַזוי איז שוין מיט מענטשן: ווען ס׳איז זיי שלעכט, זענען זיי גרייט צו ליגן מיט צען מענטשן אויף איין נאַרע.

ווען ס׳איז זיי גוט, איז אַ ברייט בעט צו שמאָל פאַר נאָך אַ מענטש. דער זייגער־מאַכער האָט אָנגעוויזן הינדען אַ רוסישן שכן, אפשר וועט זי ביי אים קענען וווינען. אויסהערנדיק הינדעס דערציילונג, האָבן די רוסן רחמנות געהאַט אויף איר און געמאַכט פּלאַץ פאַר איר מיטן קינד. זיי אַליין זענען געווען פאַרשיקטע און זענען געווען עדות פון מוראדיקן חורבן, וואָס די פאַרפּלייצונג האָט אָנגעמאַכט. דאָרטן האָבן זיי געהאַט באַגראָבן זייערס אַ קינד. אין דער זעלבער שטוב האָבן מיט זיי איצט געוווינט אַן עלטערער רוס און זיין פרוי, און אויך זייערע אַ טאָכטער, אַ לערערין, מיט אַ קינד און נאָך אַ פריילין. אַלע האָבן געאַרבעט: די מענער — אין די וועלדער, די פרויען — אין דער ווירטשאַפט, אין אַנשטאַלטן. הינדע האָט זיי אָוועקגעגעבן אַ פּאָר נאַכטהעמדער און נאָך עפּעס, און זיי האָבן זי און אונדזער קינד שיין אויפגענומען. ווען דער באַלעבאָס פּלעגט זיך אָנשיכּורן און פּאַלן שלאָגן די שטוביקע, האָט ער באַרויִקט הינדען און אונדזער טעכטערל, זיי זאָלן ניט מורא האָבן, ער וועט זיי ניט טשעפּען.

ביזן געבורט האָט הינדע געלעבט ביי אָט די רוסן איבער אַ חודש, און זיי האָבן זיך צו איר און אונדזער טעכטערל באַצויגן ווי צו אייגענע. פון דעמאָלט זענען שוין פאַרביי איבער פערציק יאָר און איך קען אַלץ ניט פאַרגעסן די דאָזיקע גרויסע טובה, וואָס ווילד פרעמדע מענטשן האָבן אונדז געטאָן, מענטשן וועלכע איך וועל, ליידער, ניט קענען אָפּדינען מיט עפּעס.

מיט הינדען בין איך געשטאַנען אין פאַרבינדונג דורכן קאָמענדאַנט פון אונדזער לאַגער אָדער דורכן רוס, וואָס פּלעגט פירן די פּאָסט. איין מאָל, ווען איך בין געקומען פון דער אַרבעט, האָט מיך אַריינגערופן דער קאָמענדאַנט און מודיע געווען, אַז הינדע האָט געבוירן אַ מיידעלע. איך האָב מיך צעוויינט פאַר פרייד. דער קאָמענדאַנט פּלעגט די גאַנצע צייט באַזוכן הינדען, ווען ער פּלעגט נאָר זיין אין מיסקי. געטאָן האָט ער עס גיכער צו וויסן, צי זי איז נאָך נישט אַנטלאָפן... מעגלעך, אַז ער האָט עס אויך געטאָן צוליב דעם, וואָס איך האָב זיך גערעכנט פאַר אַ גוטן אַרבעטער, כאָטש איך בין געווען ווייט פון מאַכן די נאָרמע.

דאָס וואָס אונדז איז געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע, בין איך געווען צופרידן. ס׳איז אַראָפּ דאָס פּראָבלעם מיטן ברית, וועלכן ס׳וואָלט דאָ אוממעגלעך געווען דורכצופירן. אונדזער צווייט מיידעלע איז געבוירן געוואָרן דעם

26סטן פעברואַר 1941, און איך האָב געקענט זיין אַ גליקלעכער טאַטע. כ׳בין אָבער נישט געווען גליקלעך און שווער איז געווען אויפן האַרצן. צו מאָרגנס בין איך, ווי יעדן אינדערפרי, אַרויס צו דער אַרבעט אין וואַלד. אַלע האָבן מיך באַגריסט, נאָר מיין שלעכטע שטימונג האָט זיך נישט געענדערט. וואָס טוט זיך דאָ? מיין הינדע האָט אונדז געבוירן דאָס צווייטע קינד, טאַקע נישט אין קיין פּאַסיקער צייט, אָבער מיר האָבן נאָך אַ טעכטערל. הינדע ליגט אין שפּיטאָל ווייט פון מיר. אונדזער ערשט קינד געפינט זיך אויפן באַראַט פון פרעמדע מענטשן, רוסן, און איך גיי צו דער אַרבעט אין טייגע... סך־הכל בין איך דרייסיק יאָר אַלט, בין נישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן. פאַר וואָס קומט מיר, איך זאָל נישט קענען צוגיין צו מיין טייערער פרוי, וועלכע איך האָב ליב נישט ווייניקער ווי מיין אייגן לעבן, און אַ קוש טאָן איר האַנט, איר שטערן און זאָגן איר — „מזל־טוב”? זי האָט דאָך נישט קיין איינעם פון די אייגענע לעבן זיך, ווי ס׳איז געווען בעתן געבורט פון אונדזער ערשט קינד. אמת, איך בין דעמאָלט געזעסן אין דער קראַסניסטאַווער תּפיסה, אָבער לעבן איר זענען געווען אַ מאַמע, שוועסטער, ברידער, קרובים... האָב איך איצט באַשלאָסן, אַז ווי נאָר איך קער זיך אום פון דער אַרבעט, גיי איך צום קאָמענדאַנט און זאָג, אַז איך מוז פאָרן צו מיין פרוי און קינדער זען, וואָס זיי מאַכן. דעם זעלבן אָוונט, אַ פרייטיק איז עס געווען, האָט געזאָלט פאָרן די פּאָסט קיין מיסקי, האָב איך געטראַכט אויס־צוניצן די דאָזיקע געלעגנהייט.

נאָך דער אַרבעט, איידער איך האָב עפּעס געגעסן, בין איך אַוועק צום קאָמענדאַנט און אָן הקדמות אים דערקלערט, אַז נאָך היינט וויל איך, דער פּאָסטשליטן זאָל מיך מיטנעמען קיין מיסקי, צו מיין פרוי און קינדער. דער קאָמענדאַנט האָט, קענטיק, געפילט מיין אַנטשלאָסנקייט און נישט געפּרוּווט מיך אָפּרעדן. ער האָט נאָר געפרעגט, ווי טראַכט איך זיך אומצוקערן מאָנטיק אין דער פרי צו דער אַרבעט. כ׳האָב באַשלאָסן צו זיין אָפנהאַרציק און געזאָגט, אַז גלייך אין דער פרי וועל איך מסתּמא ניט באַוויזן צו קומען, אָבער קומען וועל איך באַשטימט, און בלויז מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון עטלעכע שעה. האָט ער מיר געזאָגט, אַז אין אַזאַ פאַל, וועט ער מיר מוזן פאַרשרייבן אַ „פּראָגול”, פאַר וואָס מען קריגט נישט קיין גלעט איבערן קאָפּ. כ׳האָב זיך אויפגערעגט און געמאָלדן, אַז ס׳וועט זיין בעסער פאַר אונדזביידן צו

געפינען אַ מענטשלעכן אויסוועג, אויב נישט, וועל איך ביי נאַכט צו פוס אַוועקגיין קיין מיסקי. און מעג ער מיך היטן, איך וועל שוין וויסן ווי אַלעמען איבערצושפּיצן.

כ׳ווייס ניט פון וואַנען ס׳האָבן זיך איינגעפונען ביי מיר מוט און כּוח אַזוי צו רעדן מיטן שׂררה. כ׳האָב אויך באַטאָנט, אַז מיך שרעקן ניט קיין שטראָף און תּפיסה, כאָטש איך האָב קיינעם נישט געהרגעט און נישט געטאָן קיין שלעכטס, פאַרקערט, איך אַרבעט ערלעך און פיר זיך אויף אַנשטענדיק.

דער קאָמענדאַנט האָט מיך גענומען איינרעדן, אַז ער וועט מיך מיט־נעמען קיין מיסקי, ווי נאָר ער וועט אַהין פאָרן. כ׳האָב אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן און אויך אַנדערע זיינע פאָרשלאָגן. געזען אַז ער וועט מיך ניט איינ־ברעכן, האָט ער צוגעשטימט איך זאָל דעם זעלבן אָוונט טאַקע אויסניצן דעם פּאָסטשליטן, אָבער מאָנטיק זיין צוריק אויף דער אַרבעט, און פאָרן זאָל איך ווי איך שטיי און גיי, אין די אַרבעט־קליידער.

ס׳איז כּדאַי אַ ביסל צו שילדערן, ווי ס׳האָבן אויסגעזען די דאָזיקע אַרבעט־קליידער נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיי באַנוצט אַ פּאָר חדשים: בלאָטיק און אויסגעשמירט אין פאַרשידענעם שמוץ פון צוזעצן זיך אָפּרוען ווו נאָר מעגלעך — אויף דער ערד, אויפן שניי. פון די פונקען־שפּריצן פון שייטער אין וואַלד זענען געווען אויסגעברענט אין די בגדים לעכער, פון וועלכע עס זענען אַרויסגעקראָכן שטיקער פאַרשמוציקטע וואַטע. אויך דאָס היטל איז געווען אָפּגעטראָגן און צעריסן. אין אַזאַ הילוך איז געווען אַ בושה זיך צו ווייזן פאַר מענטשן. דער נאַטשאַלניק האָט פאַרלאַנגט, איך זאָל פאָרן אין אָט דעם אָנטאָן און נישט מיטנעמען קיין שום פּאַקעטן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זענען געווען זיינע פאַרזיכט־מיטלען, איך זאָל נישט אַנטלויפן פון מיסקי מיט פרוי אוןביידע קינדער. כ׳האָב די דאָזיקע באַדינגונגען אָן וואַקלעניש אָנגענומען.

דאָ האָט זיך געשאַפן אַ ניי פאַרדרייעניש. מיינע גוטע חברים און מיט־ווויינערס, לייזער שוכהענדלער, און זיין פרוי רחל, האָבן געבעטן מיטנעמען זייערס אַ פּעקל מיט אַן אָנגעשריבענעם אַדרעס צו אַ ברודער, וואָס האָט געוווינט אין אַ שטאָט, ווו ער האָט געקענט קויפן פּראָדוקטן און זיי צושיקן. דער ברודער האָט אָבער נישט געהאַט קיין געלט. האָבן זיי באַשלאָסן אים שיקן עפּעס צו פאַרקויפן און פאַרן געלט זיי אָפּשיקן פּראָדוקטן. כ׳האָב ליי־

זערן און רחלען דערקלערט די באַדינגונגען וואָס דער קאָמענדאַנט האָט מיר געשטעלט, ווי אַ תנאי צו לאָזן מיך פאָרן. האָט מיר לייזער געזאָגט, אַז ער וועט דאָס פעקעלע אַריינלייגן אין שליטן, אַז דער קאָמענדאַנט זאָל נישט באַמערקן. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ גרויסע ריזיקע, וואָס האָט געקענט צו נישט מאַכן מיין פאָרן. כ'האָב זיי אָבער נישט געקענט אָפּזאָגן, מיטפילנדיק זייער שווערע מאַטעריעלע לאַגע. פאַר זיך האָב איך מיטגענומען בלויז אַ וואָלן טיכל אויף אַרומצוּוויקלען דעם קאָפּ.

דער קאָמענדאַנט איז שוין געווען אויפן אָרט. לייזער מיט רחלען זענען צוגעקומען. אונטער אַ גרויסער שאַל האָט זי געהאַלטן דאָס פעקל. געקומען זענען זיי מכלומרשט זיך צו געזעגענען מיט מיר. מיר האָבן פאַררעדט דעם קאָמענדאַנט, און רחל האָט אַריינגעלייגט דאָס פעקל אין שליטן. דער קאָמענ־דאַנט האָט עס באַמערקט און געפרעגט, וואָס דאָס באַטייט. לייזער האָט אים אויפגעקלערט דעם פולן אמת. דער קאָמענדאַנט האָט קאַטעגאָריש פאַרלאַנגט, זיי זאָלן דאָס פעקל צונעמען, באַגלייטנדיק זיינע ווערטער מיטן פּאָפּולערן רוסישן „אין דער מאַמען אַריין". צווישן לייזערן און דעם קאָמענדאַנט איז געקומען אַזש צו אַ געשלעג. איך מיטן רוס וואָס האָט געפירט די פּאָסט, און אויך רחל האָבן קוים צעשיידט די צדדים. וועגן מיטנעמען דאָס פּעקל האָט שוין נישט געקענט זיין קיין רייד. אין יענעם מאָמענט האָט אונדז דער דאָזיקער אינצידענט אויסגעזען ווי אַ שרעקלעכע רישעות. פאַרגלייכנדיק אָבער מיט דעם וואָס אונדזערע אייגענע האָבן אין דער זעלבער צייט איבער־געלעבט אונטערן נאַצישן יאָך, איז עס געווען אַ נישטיקייט.

מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. ס'איז געווען אַ גוטער שליטן און נישט קיין שלעכט פערדל. דער פּאָסט־באַאַמטער האָט געהאַט מיט וואָס מיר זאָלן זיך פאַרדעקן די פיס. אַלץ אַרום איז געווען ווייס, און ס'האָט געפרישעט אַ לייכט שנייעלע. דאָס פערד איז געלאָפן און לייכט געפירט דעם שליטן. געדאַרפט האָבן מיר דורכמאַכן אַ דרייסיק קילאָמעטערס. גאַר גיך איז צוגעפאַלן די פינצטערניש, און בלויז די ווייסקייט האָט אַ ביסל באַלויכטן דעם וועג. ס'האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צו שנייען, און דאָס פערד האָט גענומען גיין פּאַמעלעכער. נאָכן אָפּפאָרן אַ פּאָר שעה איז דער שניי געדיכטער געוואָרן און אַ שטאַרקער ווינט האָט גענומען בלאָזן. דער רוס איז אַראָפּ פון שליטן און געגאַנגען לעבן פערד. איך האָב אים נאָכגעטאָן.

דעם פערד איז געוואָרן לײַכטער צו שלעפּן דעם שליטן, און מיר האָבן זיך דערוואָרעמט פון גיין צו פוס. צוליב דעם געדיכטן שניי האָט דאָס פערד פאַרלאָרן דעם וועג. אויך דער רוס האָט מער נישט געזען די סליאַדן פון וועג און מיר האָבן געטומעט בלאָנדזשען.

ענדלעך האָט געטומען טאָגן. דער רוס האָט צוריקגעפונען דעם וועג, און מיט דער ערשטער ליכטיקייט זענען מיר אַרײַנגעפאָרן אין מיסקי. דער רוס איז פאַרפאָרן, ווי שטענדיק, אין זײַן באַשטימטן אָרט, און איך האָב גענומען זוכן מײַנע אייגענע. כ׳האָב געטראָפן מענטשן גיין צו דער אַרבעט און זיך נאָכגעפרעגט אויף דער גאַס, וווּ עס וווינט דער זייגער־מאַכער. היות ער איז געווען אַן איין און איינציקער אין שטעטל, איז נישט געווען שווער אים צו געפינען. איך האָב געטראָפן דאָס הויז, אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר, מען האָט מיר געזאָגט, אַז דער זייגער־מאַכער וווינט בשכנות, אין דער צווייטער טיר. ווען איך האָב מיך באַדאַנקט, האָב איך באַמערקט ווי אַ קינד האָט זיך אויפגעשטעלט אויפן בעטל.

כ׳בין אַרײַן צום זייגער־מאַכער, זיך פאָרגעשטעלט. געזאָגט האָט ער, אַז מײַנע אייגענע געפינען זיך אין דער אַנטקעגנדיקער דירה, ס׳הייסט, פון וואַנען איך בין אָקערשט אַרויס. ווען כ׳בין דאָס צווייטע מאָל אַהין אַרײַן, האָט דאָס קינד, וואָס פריִער האָט עס זיך אויפגעשטעלט אין בעטל, געגעבן אַ געשריי „טאַטעשי״! קענטיק, אַז מײַן מיידעלע האָט מיך דערקענט לויטן קול. זי איז איצט אַרויפגעפאַלן אויף מיר און בײַדע האָבן מיר זיך צעוויינט.

אַלע אין שטוב האָבן זיך אויפגעכאַפּט, אָנגעצונדן ליכט. מען האָט מיר געמאַכט טיי און צוזאַמען האָבן מיר געגעסן פרישטיק, וואָס אַזאַ האָב איך שוין לאַנג נישט געהאַט טועם געווען. דערנאָך איז אײנע פון די טעכטער פון בעל־הבית אַוועק מיט מיר און מיט אונדזער טעכטערל אין שפּיטאָל.

ס׳איז געווען פיר טעג נאָכן געבורט און מען האָט הינדען נאָך נישט געלאָזט אַראָפּגיין פון בעט. מען האָט אַ ביסל געעפנט די טיר און מיר געלאָזט זי אָנקוקן. דאָס ניי־געבאָרענע האָט די קראַנקן־שוועסטער אַרויס־געבראַכט צו מיר אין קאָרידאָר. ס׳איז געווען אַ קינד מיט אַ העל פּנימל און שוואַרצע, גאַנץ לאַנגע האָר. מיר זענען געווען גליקלעכע עלטערן פון צוויי טעכטערלעך, נישט וויסנדיק, וואָס פאַר אַ צוקונפט עס דערוואַרט אונדז אַלעמען.

דעם זעלבן טאָג האָט מיר עמעצער אַריינגעזאָגט אין אויער, אַז דער אָרטיקער אַרטעל זוכט שניידערס, און מען וואָלט מיך צוגענומען אַהין מיט ביידע הענט, כ׳מוז אָבער קריגן אַ דערלויבעניש פון דער נ.ק.וו.ד., וואָס האָט די דעה איבער די פאַרשיקטע. כ׳בין אַוועק אין דער אָרטיקער נ.ק.וו.ד. מיך האָט אויפגענומען דער נאַטשאַלניק, איינער אַ באַלדאַראַוו, קענטיק אַ ייִד. ער האָט מיך אויסגעהערט, ווי איך קום אַהער און וואָס פאַר אַ בקשה איך האָב צו אים. ער האָט געעפנט אַ שופלאָד פון זיין טיש, אַרויסגענומען אַ פּאָר תּפילין און געפרעגט, צי איך ווייס וואָס דאָס איז. אין אָנהייב בין איך אַ ביסל צעטומלט געוואָרן, אָבער באַלד געענטפערט, אַז ייִדן טוען דאָס אָן אויף דער לינקער האַנט און אויפן קאָפּ ביים דאַווענען. האָט ער מיך געפרעגט, צי איך דאַוון. כ׳האָב געענטפערט, אַז קליינערהייט האָב איך יאָ געדאַוונט און איצט נישט. פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב אים נישט געזאָגט, אַז אין האַרצן בין איך איצט פרימער ווי אַ מאָל. מיר דאַכט, אַז אַ גרויסער רוסישער שרייבער האָט ערגעץ זיך אויסגעדריקט, אַז וואָס פינצטערער די נאַכט, אַלץ ליכטיקער די שטערן; וואָס שווערער דער טאָג, אַלץ נענטער צו גאָט...

נאָך דעם ווי דער נאַטשאַלניק האָט געהערט מיין ענטפער וועגן די תּפילין, האָט ער אַרויסגענומען אַ מעסערל און מיך געפרעגט, צי איך ווייס וואָס אין זיי געפינט זיך. אין מיין געבראָכן רוסיש האָב איך אים געפּרוווט דערקלערן. האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער ווייסט, און מיטן מעסערל איבער־געשניטן די פּעדעם און אַרויסגענומען פון של־ראש און של־יד די פּרשות און זיי צעשניטן. מיך האָט עס שטאַרק וויי געטאָן, כ׳האָב אָבער נישט געקענט רעאַגירן. פּלוצעם האָט ער אַלץ צוריק אַריינגעלייגט אין שופלאָד, מיך געפרעגט נאָך עטלעכע שאלות וועגן מיין אַרבעט אין וואַלד און אָנגעשריבן אַ בריוול צום פאָרזיצער פון אַרטעל, אַז ער דערלויבט אים מיך צוצונעמען צו דער אַרבעט. מען דאַרף אים נאָר ראַפּאָרטירן, צי איך בין טאַקע אַ גוטער שניידער, ווי כ׳האָב זיך פאַררעקאָמענדירט.

אָנשטאָט זיך צוריקצוקערן אין לאַגער צו דער וואַלד־אַרבעט, בין איך מאָנטיק אין דער פרי געווען אין מיסקער אַרטעל און אָנגעהויבן אַרבעטן ווי אַ שניידער.

ווען עס ווערט ביי אונדז ייִדן געבוירן אַ קינד, ווינטשט מען זיך עס

זאָל ברענגען גליק. אונדזער ניי־געבוירן טעכטערל האָט מיר באמת געבראַכט דאָס גרעסטע גליק, וואָס מען קען זיך ווינטשן אין יענע באַדינגונגען. כ׳האָב מיך געפילט מער ווי גליקלעך, אַז איך דאַרף נישט אויפשטיין אין מיטן דער נאַכט און ביי אַ פראָסט פון פערציק גראַד גיין אין וואַלד האַקן ביימער אַכט שעה אין טאָג. כ׳בין איינגעשטאַנען אין דער שטוב ווו אונדזער טעכטערל, געגעסן פרישטיק מיט דער רוסישער פאַמיליע און געגאַנגען אין אַרטעל. די שטוב איז געווען ליכטיק און באַהייצט. קיין בעסערן גן־עדן האָב איך מיר דעמאָלט נישט געקענט ווינטשן.

ווען דער קאָמענדאַנט האָט געזען, אַז איך בין מאַנטיק נישט צוריקגעקומען אין לאַגער, איז ער געווען זיכער, אַז מיט מיר איז עפּעס געשען. דינסטיק איז ער געקומען צו רייטן אויף אַ פערד, אַוועק צום נאַטשאַלניק פון נ.ק.וו.ד. און געמאָלדן וועגן מיר. מען האָט אים געזאָגט, אַז איך האָב די דערלויבעניש צו אַרבעטן אין אַרטיקן אַרטעל ביי שניידעריי. ווען דער קאָמענדאַנט האָט זיך אומגעקערט אין לאַגער און דערציילט וועגן מיין בלייבן אין מיסקי, האָט זיך דאָרטן גענומען קאָכן. אַלע האָבן געוואָלט פאָרן אַרבעטן ביי זייערע פאַכן. מען האָט פּראָטעסטירט, הלמאַי ער לאָזט נישט פאָרן די פאַכלייט קיין מיסקי. אויך אַזעלכע וואָס האָבן קיין פאַך נישט געהאַט, האָבן געטומלט, אַז זיי וועלן נישט אַרבעטן אין וואַלד און וועלן דאָ סיי ווי נישט ברענגען קיין שום נוצן.

נאָכן אָפּאַרבעטן ביז סוף וואָך האָט מיך דער נאַטשאַלניק פון אַרטעל אַריינגערופן אין ביוראָ און געזאָגט, אַז ער איז זייער צופרידן וואָס מען האָט מיר דערלויבט ביי אים צו אַרבעטן, אָבער איך קען נישט בלייבן אין די מלבושים וואָס איך טראָג. דאָ איז נישט קיין וואַלד, ס׳קומען אַריין פאַרשידענע מענטשן, אויך די העכערע נאַטשאַלסטווע. האָב איך געענטפערט, אַז אין לאַגער מזאָס זענען געבליבן אַלע מיינע זאַכן, אין דעם אַ פּאָר גאַרניטערס. ווי נאָר ער וועט זיך אויססטאַרען פון דער נ.ק.וו.ד. אַ דערלויבעניש, וועל איך דינגען אַ דירה און אַריבערברענגען אַלץ אַהער. דעמאָלט וועל איך קומען אין אַרטעל פיין אָנגעטאָן. ער האָט מיר צוגעזאָגט דעם ענין צו דערליידיקן.

דער קאָמענדאַנט פון לאַגער האָט אָבער נישט גערוט. אַוועק צו דער נ.ק.וו.ד. און צו דער פּאַרטיי־אָנפירונג פון ראַיאָן און פאַרגעשטעלט, וואָס

עס טוט זיך ביי אים אין לאַגער. עס האַלט ממש פּאַר אַ בונט. דאָס גאַנצע געשעפט האָט זיך זיי נישט געלוינט. מען האָט מיר געמאָלדן, איך זאָל וואָס גיכער זיך אומקערן אין מזאָס.

מיין „גליק״ האָט געדויערט בסך־הכּל אַרום צען טעג. הינדען מיטן קינד האָט מען שוין אויסגעשריבן פון שפּיטאָל, און מיר האָבן געמוזט זיך אומ־קערן אין לאַגער. דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג פון מאַרץ 1941, אָבער דער ווינטער איז נאָך געווען אין פולן ברען, כאָטש די זון איז שוין געשטאַנען אַ ביסל העכער אויפן הימל. מען האָט אונדז אַריינגעזעצט אין אַ שליטן, אויסגעבעט מיט שטרוי. דאָס פּיצעלע האָט מען איינגעוויקלט און איינגעדעקט מיט אַן איבערבעט, וואָס די רוסישע בעל־הביתטע האָט אונדז אויסגעליִען. זי מיט אירע טעכטער האָבן געזאָרגט, אַז ביידע קינדער און אויך די קימ־פּעטאָרין זאָלן זיין באַוואָרנט פון דער סיבירער קעלט. דער קאָמענדאַנט פון מזאָס איז געווען דערביי, און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. נאָכן אָפּפאָרן עטלעכע קילאָמעטערס פלעגט דער קאָמענדאַנט אַראָפּשפּרינ־גען פון שליטן און האָט קאָנטראָלירט, צי דאָס פּיצעלע אָטעמט. נאָך אַ פּאָר שעה פאָרן זענען מיר געווען צוריק אין לאַגער. מען האָט זיך מיט אונדז געפרייט און געקושט. כאָטש איך האָב געוווסט, אַז די אַלע מענטשן זענען שולדיק וואָס מען האָט אונדז צוריקגעבראַכט אַהער, האָב איך אויף זיי קיין כּעס נישט געהאַט. יעדערער האָט זיך געוואָלט ראַטעווען און נישט געהאַט דעם מיין אונדז צו טאָן שלעכטס.

איצט איז געשטאַנען די פראַגע, ווו וועט מען לייגן דאָס ניי־געבוירענע. צווישן אונדזער נאַרע און דער נאַרע פון לייזער שוכהענדלער מיט זיין פרוי און טעכטערל איז געשטאַנען אַ טישל. האָט מען באַשלאָסן אַז דאָס קינד, וואָס קען זיך דערווייַלע נישט רירן פון אָרט, וועט מען לייגן אויפן טישל. אַ גוטע יידישע מאַמע זאָרגט דאָך, אַז איר קינד זאָל נישט זיין האַרט דאָס ליגן, האָט הינדע אונטערגעלייגט וואָס נאָר זי האָט געקענט. אין איינער אַ נאַכט ווען מיר זענען אַלע האַרט געשלאָפן, האָט דאָס קינד זיך געגעבן אַ גליטש אַראָפּ פון צו הויכן אונטערבעט. נאָך גוט וואָס אין שטוב איז געווען אַזוי ענג, אַז אויף יעדן ליידיקן פלאַץ איז עפּעס געלעגן. איז דאָס קינד געפאַלן אויף עפּעס ווייכס און אָנגעהויבן וויינען. לייזער האָט דער ערשטער דערהערט דאָס געוויין און אויפגעהויבן דאָס ברעקל. מיר האָבן זיך אַלע

אויפגעכאַפּט און געדאַנקט גאָט פאַרן נס, וואָס „מלאכים האָבן אונטערגע־שטעלט זייערע הענט"...

מיר האָבן באַשלאָסן אויפצוקלאַפּן אַ בעטל פאַרן קינד. געבראַכט ביים־לעך פון וואַלד, כאָטש דאָס איז געווען פאַרווערט און ס'האָט געדראָט מיט טורמע. מיר האָבן אויסגעזוכט טשוועקעס און צונויפגעהאַקט אַ בעטל. דאָס איז געווען צו גליַיך אַ וויגל, ווייל ס'האָט זיך שטאַרק געשאָקלט.

איין מאָל איז אַריינגעקומען צו אונדז אין באַראַק דער קאָמענדאַנט, בכדי צו געבן אַ קוק, וואָס עס מאַכט זיין „פּאַסאַזשירין", וועלכע ער האָט אין אַ שרעקלעכן פראָסט געפירט אין לאַגער ער האָט מיך אַזש פאַרשעמט, וואָס דאָס בעטל פאַר אַזאַ שיין מיידעלע איז געמאַכט נישט עסטעטיש, נישט אָפּגעהובלט די דרענגלעך און ברעטלעך. ער האָט פאַרלאַנגט, מיר זאָלן ביי אים נעמען אַ הובל און פאַרשענערן דאָס אויסזען פון בעטל. מיר האָבן דאָס נישט געטאָן. ווי מיר דאַכט, צוליב אַ פּסיכאָלאָגישן מאָמענט. דער קאָמענ־דאַנט האָט געוואָלט זען אין אַלץ סטאַבילקייט, און מיר האָבן געגלייבט, אַז ס'איז צייטווייליק, וועט פאַרבייגיין און מיר'ן ווידער לעבן ווי מענטשן.

מיר זענען געשטאַנען פאַר דער פראַגע פון געבן אַ נאָמען אונדזער מיידעלע. מען האָט אויך געדאַרפט מיט עפּעס אָפּמערקן דעם דאָזיקן מאָמענט, ווי מיר זענען עס געווען צוגעוווינט פון דער היים. דאָ איז געקומען צו הילף אונדזער לאַנדסמאַן און פריינד, יאָסעלע פערלמוטער. ער האָט געהאַט געקויפט ביי פאַרבייפאָרערס אַ פלעשל בראָנפן און עס געהאַלטן אין זיין וואַליזקע. איצט האָט ער עס אַרויסגענומען, אויסגעוויקלט פון פאַפּיר און דערזען, אַז דער בראָנפן איז בלוי ווי טינט, וואָס איז געשען? ער האָט דאָך געקויפט וויסן, גערייניקטן בראָנפן... אַרויסגעוויזן האָט זיך אָט וואָס. די פאַרקויפערס האָבן נישט געהאַט קיין קאָריק, און געווען איז עס פאַרמאַכט מיט אַ שטיקל פאַפּיר. ווען יאָסעלע איז געגאַנגען אַריינלייגן דאָס פלעשל אין וואַליזקע, האָט ער געזאָרגט, אַז דער בראָנפן זאָל זיך נישט אויסגיסן און אויסוועפּן. האָט ער ערגעץ געפונען אַ קאָריק פון אַ פלאַש מיט בלויען טינט, און דאָס שטאַרקע בראָנפן האָט אַרויסגעצויגן דעם טינט פון קאָריק. דאָס האָט אונדז אָבער נישט געשטערט אויסצושרייען „מזל־טוב" ביים אויסטרינקען דאָס ביסל בלויע בראָנפן און פאַרבייסן מיט אַ שטיקל ברויט, וואָס יעדערער האָט מיטגעבראַכט פון זיין פּאַרציע...

אונדזער צווייט טעכטערל האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן טויבע־יאַכעט. טויבע — נאָך מיין מאַמעס אַן אַלטיטשקער מומע, יאַכעט — נאָך הינדעס ברודער יענקל, וואָס איז יונגערהייט געשטאָרבן, דריי יאָר פאַרן קריג.

איבערגעלעבט אויך אַ פאַרפלייצונג

גרוי און מאָנאָטאָן איז געווען אונדזער לעבן. פאַר טאָג — צו דער אַרבעט. פאַר נאַכט — פון דער אַרבעט. ביי אַ פראָסט, שטאַרקער פון 40 גראַד, האָט מען לויטן געזעץ נישט געטאָרט אַרויסגיין נישט אין וואַלד און נישט צו אַנדערע אַרבעטן אונטערן פרייען הימל. מען האָט געדאַרפט וואַרטן, ביז ס׳איז געוואָרן גוט ליכטיק און דער פראָסט איז אַ ביסל געפאַלן, ערשט דעמאָלט האָט מען געמעגט גיין צו דער אַרבעט. פאַר טאָג האָט מען זיך פאַרזאַמלט אויף אַ פּלאַץ, וווּ ס׳איז געהאַנגען אַ טערמאָמעטער. און אַז ער האָט געוויזן אַ פראָסט אונטער 40 גראַד, איז מען צוריק אַריין אין די באַראַקן. דער נאַטשאַלניק פון לאַגער פלעגט אונדז איבערקליגלען. זעענדיק אַז מיר זענען אַריין צוריק אין די באַראַקטן, פלעגט ער אַראָפּנעמען דעם טערמאָמעטער און אין זיין וואַרעמער האַנט האָט ער שוין געוויזן ווייניקער ווי 40 גראַד, און אונדז צווינגען אַרויסגיין צו דער אַרבעט.

איין מאָל נאָכן אומקערן זיך פון דער אַרבעט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ס׳זענען געקומען אין לאַגער עטלעכע נ.ק.וו.ד.־אָפיצירן און ציווילע לייט. מען האָט אונדז געלאָזט נעמען דאָס ברויט, און ווער ס׳האָט געהאַט געלט, האָט אויך באַוויזן צו קויפן און אָפּעסן דעם מיטאָג. אין אַ שעה אַרום האָט מען אונדז אַלעמען צונויפגערופן אין אַ ליידיקן גרויסן באַראַק. איינער פון די געקומענע האָט זיך אויפגעשטעלט און געמאָלדן, אַז זיי זענען געקומען אַרעסטירן אַהרון לערנער און יוסף פערלמוטער, און זיי מישפּטן פאַר נישט וועלן אַליין אַרבעטן און פאַרן פירן פראָפּאַגאַנדע, אַז אויך אַנדערע זאָלן נישט אַרבעטן. די ערשטע באַשולדיקונג איז נישט געווען קיין זייער שווערע, אָבער די צווייטע האָט געדראָט מיט לאַנגע יאָרן טורמע. אויפן אָרט האָט מען ביידן אַרעסטירט און זיי אַוועקגעזעצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק. אַ טיש האָט מען באַדעקט מיט אַ רויטן טוך, און דריי ציווילע לייט האָבן זיך געזעצט אויבן אָן. ביי די זייטן פון טיש האָבן זיך געפונען דער

באַשולדיקטער און דער פאַרטיידיקער. מען האָט דורכגעלייענט דעם באַ־שולדיקונג־אַקט און געפרעגט, צי לערנער און פערלמוטער זענען זיך מודה. מיט טרערן אין די אויגן און מיט ציטעריקע שטימעס האָבן ביידע, אַ ביסל אויף רוסיש און אַ ביסל אויף פויליש געענטפערט, אַז זיי זענען זיך נישט מודה און אויפגעקלערט, אַז כאָטש זיי זענען פון דער היים אַרבעטער, זענען זיי אָבער קיין מאָל נישט געווען באַשעפטיקט ביי אַזאַ שווערער אַרבעט. פון דעסטוועגן טוען זיי אַלץ, כדי אויסצופילן די נאָרמע. וואָס שייך דער שרעקלעכער באַשולדיקונג, אַז זיי העצן אַנדערע, האָבן זיי פאַרלאַנגט, מען זאָל זיי ווייזן ווען האָבן זיי אָפּגערעדט פון צו אַרבעטן.

ס'האָט גערעדט דער פּראָקוראָר און געשאָטן פעך און שוועבל אויף די צוויי אומשולדיקע ייִדן. דער פאַרטיידיקער האָט אין זיין וואָרט אויפגעקלערט, אַז די באַשולדיקטע קומען פון אַ קאַפּיטאַליסטישן און פאַשיסטישן סיסטעם און האָבן ביז היינט נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָ זענען זיי אין אַ לאַנד, ווו אַרבעט איז אַ גרויסער כבוד, און אַנשטאָט צו באַשטראָפן דאַרף מען זיי איבערדערציִען, ביז זיי וועלן אַליין פאַרשטיין זייערע פליכטן. וואָס שייך דער טענה, אַז זיי שטערן די אַנדערע צו אַרבעטן, האָט דאָס געריכט נישט קיין קלאָרע באַווייזן און ער, דער פאַרטיידיקער, בעט זיי באַפרייען, אָדער געבן אַ לייכטע שטראָף.

דאָס געריכט האָט זיך באַראָטן אויפן אָרט און אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל: דריי חדשים אַרבעט־ און דערציִונגס־לאַגער. מען האָט זיי פאַר־מישפּט נאָר פאַרן פעלן אַ טאָג ביי דער אַרבעט און פאַר נישט פלייסיק אַרבעטן. די באַשולדיקונג וועגן העצן אַנדערע איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. פאַר דער נאַטשאַלסטווע איז געווען וויכטיק עמעצן צו באַשטראָפן, שולדיק צי נישט שולדיק, דער עיקר — למען ישמעו ויראו.

די צוויי נ.ק.וו.ר.־יסטן אין מונדירן האָבן אויף אַ דראַמאַטישן אופן געגעבן אַ צי אַרויס זייערע שווערדן פון די שיידן. דאָס געריכט איז אַוועק און מען האָט גלייך אַרויסגעפירט די צוויי פאַרמישפטע. מען האָט זיי דער־לויבט צו זאָגן עמעצן אויף רוסיש, וואָס מען זאָל טאָן מיט זייערע זאַכן, וואָס געפינען זיך אין לאַגער. די דאָזיקע טראַגי־קאָמעדיע האָט אין סאָוועטישן סיסטעם געהייסן „פּאָקאַזאַטעלני סוד" — אַ „שוי־פּראָצעס". די פאַרמישפּטע האָבן שפּעטער געשריבן בריוו פון אַן אַרבעט־לאַגער, אַז עס גייט זיי נישט

שלעכט, אַ סך לייכטער ווי אין מזאָס. צוריקגעקומען זענען זיי צו אונדז נאָכן אויסבראָך פון דער דייטשיש־סאָוועטישער מלחמה און מיט אונדז צוזאַמען אַרויסגעפאָרן קיין פּוילן נאָכן קריג.

דער לאַנגער סיבירער ווינטער איז געגאַנגען צום סוף. אין מיי האָט מען זיך גענומען גרייטן צום פרילינג און צום זומער. אין די שעהען, ווען די זון איז געשטאַנען הויך, האָט מען צו ביסלעך געפילט, אַז עס ווערט וואַרעמער, און ביי דער אַרבעט אין וואַלד האָט מען געקענט אַ ווײַלע שטיין און געניסן פון אַ זונענשטראַל. דער שניי האָט גענומען צעגיין און דאָ און דאָרטן איז גערונען אַ ריטשקע וואַסער.

די נאַטשאַלסטווע פון לאַגער האָט צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג און מודיע געווען, אַז מען מוז זאָרגן דערפאַר, עס זאָל זיך נישט איבערחזרן די טראַגעדיע פון דער פאַרפלייצונג, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען מיט אַ יאָר פריער. צו דעם צוועק האָט מען צונויפגעשטעלט אַ בריגאַדע מיט אַ גוטן סטאַליער בראָש, וואָס זאָל אין וואַלד, אויף אַ העכערן פלאַץ אויסהאַקן ביימער און פון זיי אויפשטעלן אַ גרויסן צייטווייליקן באַראַק, פאַרדעקן אים מיט די אָפּגעהאַקטע צווייגן, און דאָרטן וועט מען קענען איבערוואַרטן די עטלעכע טעג און נעכט, ווען דאָס וואַסער אין טייך וועט זיך הייבן און פאַרגיסן די ברעגן. דאָס אָרט פאַרן נייעם באַראַק האָט מען געדאַרפט אָפּרייניקן פון שניי, וואָס איז געווען מער ווי צוויי מעטער די הייך. ביים פאַרענדיקן בויען דעם באַראַק האָט מען באַמערקט, אַז ער שטייט נישט גלייך, בייגט זיך אין אַ זייט, קען איינפאַלן און ברענגען נאָך אַ גרעסער אומגליק, ווי די פאַרפלייצונג. מען האָט אַנגעבונדן אין דער הייך אַ גראָבן שטריק און גענומען ציִען, בכדי אויסצוגלייכן דאָס געביי. פּלוצעם איז אַלץ איינגעפאַלן מיט אַ טראַסק. אַ גליק, אַז די בויערס זענען געשטאַנען אין אַ זייט, ווו ס׳איז נאָך געלעגן אַ הויכער שניי, אַזוי אַז די קלעצער האָבן לייכט פאַרוווּנדעט בלויז צוויי מענטשן, איינעם, פוקס, פון לובלין און לוזער שפינדעל פון קראַסניסטאַוו (ביידע זענען נפטר געוואָרן אין ישראל אין אַ טיפן עלטער). מיר אַלע זענען געווען שטאַרק איבערגעשראָקן פון דעם פאַל. די נאַטשאַלסטווע איז געווען צעקאָכט און מער נישט אָפּגעטראָטן פון די בויערס ביזן פאַרענדיקן דעם באַראַק פון דאָס ניי.

ס׳איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, מען זאָל אַלע זאַכן אָן וועלכע

מען קען זיך באַגיין עטלעכע וואָכן, פאַרפּאַקן און אַרויפטראָגן אויפן בוידעם פון שטאַרקסטן באַראַק אין לאַגער. דער רוב מענטשן האָט נישט געהאַט וואָס צו פאַרפּאַקן. די וואָס האָבן יאָ געהאַט, האָבן טאַקע אַזוי געטאָן. ווען דאָס אייז אויפן טייך האָט אָנגעהויבן שווימען, און דאָס וואַסער האָט זיך גענומען הייבן, האָט מען די מענטשן וואָס האָבן געהאַט קליינע קינדער, נישט געלאָזט גיין צו דער אַרבעט, בכדי זיי זאָלן אין פאַל פון אַ פאַרפלייצונג כאַפּן זייער קליינוואַרג און לויפן באַרג־אַרויף אין אויפגעשטעלטן באַראַק. אַוועק זענען עטלעכע טעג און דאָס וואַסער איז נישט אַרויס פון די ברעגן. די נאַטשאַלסטווע האָט פאַרלאַנגט, אַז אַלע, אָן אויסנעם, זאָלן גיין צו דער אַרבעט, אָבער, על כל־צרה שלא תּבוא, זיך נישט שטאַרק דערווייטערן פון די באַראַקן (אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז נישט דערלויבט מענטשן זאָלן אַרומגיין ליידיק). מען האָט געוואָרנט, אַז אויב ס'וועט דראָען אַ פאַרפלייצונג, וועט מען אַלאַרמירן מיטן קלאַפּן אין אָן אויפגעהאַנגענעם מעטאַלענעם רעלס.

אין עטלעכע שעה אַרום, ווי מיר זענען אַרויס צו דער אַרבעט, האָבן מיר געהערט קלינגען און קוים באַוויזן צוצוקומען צו אונדזערע באַראַקן, און מיט די פרויען און קינדער לויפן צום באַרג. דאָס אויפגעהויבענע וואַסער האָט אונדז נאָכגעיאָגט. מיר האָבן קוים באַוויזן פון אים צו אַנטלויפן און דערגרייכן דעם זיכערן פּלאַץ אין נייעם באַראַק. דאָ זענען מיר געבליבן עטלעכע מעת־לעת. דער באַראַק איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט אין אים געקענט אָנצינדן עטלעכע פייערן אויף צו דערוואַרעמען די פאַרפרוירענע גלידער.

אין עטלעכע טעג אַרום זענען די רוסן געגאַנגען אַ קוק טאָן, וואָס עס הערט זיך אין לאַגער. אומקערנדיק זיך, האָבן זיי געמאָלדן, אַז יעדערער קען גיין צוריק אין זיין באַראַק, און וואָס די פאַרפלייצונג האָט צעשטערט, וועט מען פאַרריכטן. אין אונדזער באַראַק איז קיין זאַך פון דעם „מעבל", אויסער דעם אייזערנעם אויוון, נישט געשטאַנען אויפן אָרט. די נאַרעס — אין מיטן שטוב, דאָס בעטלע פון אונדזער קליין טעכטערל — נאָענט צו דער טיר, גלייך ווי עס וואָלט געגאַנגען אונדז אַנטקעגן און געוואָרט אויף איר שלעפערין. די פּאָדלאָגעס זענען געווען אויפגעהויבן. מיר, קראַסניסטאַ־ווער, זענען געווען געוווינט צו די וואַסער־אויסגאָסן פון אונדזער וויעפּש, אָבער די קריעס אויפן וויעפּש זענען געווען ברעקלעך אין פאַרגלייך מיט

די אייזשטיקער, וועלכע מיר האָבן געזען שווימען אויפֿן מזאָס אין דער גרייס פֿון אַ שטוב.

ביז דאָס וואַסער איז נישט געזונקען האָבן מיר נישט געקענט צוקומען צו די ערטער, ווו מיר האָבן געאַרבעט אין די ווינטער־חדשים. האָט מען אונדז דערוויילע באַשעפֿטיקט אין לאַגער. דערנאָך, אַז מיר האָבן שוין געקענט גיין אין וואַלד, האָבן מיר געדאַרפֿט די אַלע דורך אונדז אויסגעהאַקטע ביימער, צעשניידן לויט באַשטימטע מאָסן אויף צו פֿאַרפֿעסטיקן קוילן־שאַכטעס, אויף שפּאַלעס פֿאַר אייזנבאַן־ליניעס און אַנדערע צוועקן. די צעזעגטע קלעצער האָט מען געדאַרפֿט אַרויספֿירן פֿון וואַלד ביז צום ברעג פֿון טייך און מיטן שטראָם אַוועקלאָזן זיי צום אַ באַשטימטן פּונקט. די אַרבעט פֿון אַרויספֿירן די קלעצער פֿון וואַלד איז נישט געווען לייכטער ווי דאָס האַקן די ביימער. צו דעם איז צוגעקומען, וואָס יעדערן פֿון אונדז האָט מען צוגעטיילט אַ פֿערד, וועלכן מען האָט געדאַרפֿט איינשפּאַנען אין ספּעציעלע שליטלעך אויף צו פֿירן די קלעצער איבער באַרג און טאָל.

אויסער דעם פֿריִער דערמאָנטן משה שפּינדעל האָט קיינער פֿון אונדז נישט געהאַט צו טאָן מיט קיין פֿערד און געשפּאַן. איז דאָס טאַקע געקומען ווי אַ פֿרישע צרה אויף אונדזערע קעפּ. די רוסן האָבן געלאַכט און געהאַלטן, אַז מיר זענען פּרימיטיווע מענטשן, וואָס זענען נישט פֿעיִק איינצושפּאַנען און עסקן זיך מיט פֿערד. איך האָב געהאַט דאָס גליק צו באַקומען אַ רויִק פֿערד. רערקעגן מאיר דרעשער האָט באַקומען אַ ווילד פֿערד, וואָס האָט אים שיִער נישט דורס געווען.

קיין ברירה איז נישט געווען. מען האָט זיך צו אַלץ געמוזט צוגעוווינען. די צייט איז געפֿלאָסן, אַלע זענען געוואָרן אויסגעמאַטערט און זיך קוים געהאַלטן אויף די פֿיס. יעדע פֿאַר וואָכן פֿלעגן קומען פֿון צענטער אין נאָוואָסיבירסק פֿאַרשטייערס פֿון „לעספּראָמכאָז", די הויפּט־פֿאַרוואַלטונג, וואָס האָט אָנגעפֿירט מיט דער אַרבעט אין אַרומיקע טייגעס. מען האָט אונדז געזאָגט מוסר, הלמאַי מיר אַרבעטן נישט אויס די נאָרמע, און געוואָלט איבערצייגן, ווי גוט מיר וואָלטן געלעבט, ווען מיר גיבן זיך מערער אָפּ מיט דער אַרבעט. מיר וואָלטן געקענט זיך דערלויבן קויפֿן עסן אין קיך און אויך זאַכן אין מאַגאַזין. מיר האָבן אַרויסגעהויבן אונדזערע טענות. זיי האָבן אַלץ פֿאַרשריבן, זענען אַוועקגעפֿאָרן, און קיין זאַך האָט זיך נישט געענדערט.

אין דער תּקופה פון דייטש־סאָוועטישן קריג

סוף יוני 1941 איז צו אונדז דערגאַנגען די ידיעה וועגן היטלערס אָנפאַל אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד. יעדן טאָג האָט מען אונדז אינפאָרמירט ווי עס האַלט מיט דער מלחמה, ווי „מיר גייען פאָרויס", און ווי דאָס פאַשיסטישע און פאַרברעכערישע דייטשלאַנד פאַרשפּילט אויף אַלע פראָנטן... מען האָט מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט, אַז אין משך פון קנאַפּע צוויי יאָר, זינט די דייטשן זענען באַפאַלן פּוילן און אָנגעהויבן דעם צווייטן וועלטקריג, זענען דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און דאָס פאַשיסטישע דייטשלאַנד געווען די בעסטע ידידים. די רוסן האָבן זיי מאַטעריעל געהאָלפן פירן מלחמה קעגן פּוילן, ענגלאַנד, פראַנקרייך און די אַנדערע מדינות. געווען רוסן וואָס האָבן אין דער שטיל זיך איצט געפרייט, האָפנדיק אַז די מלחמה וועט ברענגען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער אָרדענונג פון זייער לאַנד. מיר, פּוילישע ייִדן, האָבן נישט געוווּסט, צי מיר דאַרפן זיך מצער זיין אָדער זיך פרייען מיטן אויס־געבראָכענעם קריג. פאַרשפּאַרטע מענטשן וואָס האָבן נישט וואָס אָנצווערן, פרייען זיך מיט יעדער גרעסערער געשעעניש, וואָס קען אפשר ענדערן צום גוטן זייער מצב. פון דער צווייטער זייט האָבן מיר געוווּסט, וואָס די היטלע־ריסטישע חיה שטעלט מיט זיך פאָר לויט דעם, וואָס די דייטשן האָבן אָפּ־געטאָן אין קראַסניסטאַוו מיט זייער אַריינשטעלן דעם ערשטן טראָט.

מיר האָבן זיך דערוווּסט פון דער צייטונג, אַז די סאָוועטן האָבן אָפּגעשלאָסן מיט דער עמיגראַנטישער פּוילישער סיקאָרסקי־רעגירונג אין לאָנדאָן אַן אָפּמאַך און אַז פּראַפּ. קאָט איז באַשטימט געוואָרן פאַרן פּוילישן אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די זון האָט פאַר אונדז געגעבן אַ שיין. די לאַגער־נאַטשאַלסטווע האָט אויסגענוצט די סיטואַציע, און גענומען דריקן, מיר זאָלן אינטענסיווער אַרבעטן, ווייל דאָס וועט העלפן צו באַזיגן דעם בשותּפותדיקן שונא. און מיר, געוועזענע פּוילישע בירגער, איצט לאַגער־אַסירים, און זיי, די סאָוועטן, זענען דאָך עפּעס איצט „פאַר־בינדעטע" — „סאָיוזניקי". ביים בעסטן ווילן זענען מיר נישט געווען ביכולת בעסער צו אַרבעטן. פּשוט, מיר האָבן קוים געשלעפּט די פיס פון נישט־דערעסן פון שווערער אַרבעט און פון דעם נאַר וואָס פאַרגאַנגענעם שווערן ווינטער, וואָס האָט אויסגעשעפּט אונדזערע כּוחות.

אַ טייל פון אונדזערע רוסן האָט מען מאָביליזירט און געשיקט אויפן פראָנט. אין איינעם אַ פאַרנאַכט נאָך דער אַרבעט האָט מען מיך גערופן אין קאָנטאָר. געווען זענען דאָרטן דער לאַגער־קאָמענדאַנט, דער נאַטשאַלניק איבער דער אַרבעט און נאָך צוויי אויפזעערס — רוסן. אין אַ פריינדלעכן טאָן האָט דער קאָמענדאַנט דערקלערט, אַז מסתמא וועט מען מאָביליזירן אויך די איבעריקע רוסישע אויפזעערס, דעריבער האָט מען פון העכער אָנגעוויזן איבערצוגעבן די אָנפירונג מיט דער אַרבעט מענטשן פון לאַגער. אַזוי ווי מען ווייסט, אַז איך בין אַ גוטער אַרבעטער, ווילן זיי אָנהייבן מיט מיר און מאַכן מיך פאַר אַ מייסטער ביי דער וואַלד־אַרבעט. זיי פאַרלאַנגען אָבער, איך זאָל צוזאָגן, אַז די מענטשן, כאָטש זייער רוב, זאָל נעמען אויס־פילן די נאָרמע, און אַזוי ווי איך בין מיט אַלעמען נאָענט, וועל איך קענען זיי באַווירקן. דאָס איז געווען אַ מאַניענדיקער פאַרשלאָג: כ׳וועל באַקומען אַ חודשלעכן געהאַלט, אומאָפּהענגיק פון אויספילן נאָרמעס, כ׳וועל קענען זיך דערלויבן צו קויפן פראָדוקטן פאַר מיין משפחה וואָס הונגערט, געבן אַ ביסל מילך מיינע קינדער. פון דעסטוועגן האָב איך געענטפערט, אַז אויב מיין נאָמינירונג איז פאַרבונדן מיטן צווינגען אַנדערע אויסצופילן נאָרמעס, קען איך די אַרבעט נישט אָננעמען, מחמת ווי קען איך פאַרלאַנגען פון מיינע חברים אַזוינס, וואָס איך אַליין בין נישט בכוח צו מאַכן. כ׳האָב זיך אויפ־געהויבן און געוואָלט אַוועקגיין.

פאַרהאַלטן זיי מיך און זאָגן, איך זאָל זיך נישט איילן. זיי ווייסן טאַקע, אַז אויך איך מאַך נישט די נאָרמע, אָבער זיי זענען איבערצייגט, אַז איך האָב אַ גוטן ווילן. האָב איך זיי געזאָגט, אַז דאָס זעלבע גילט אויך אויף אַלע אַנדערע. זעט אויס, אַז זיי האָבן נישט געוואָלט מאַכן מיט מיר קיין לאַנגע מחזקות, און מער נישט געשטעלט דעם באַדינג פון אויספילן נאָרמעס. מען האָט מיר געהייסן שוין אויף צו מאָרגנס אַרויסגיין מיט אַלעמען אין וואַלד אָבער שוין ווי אַ מייסטער. כ׳האָב נישט געדאַרפט טראָגן מיט זיך נישט קיין האַק און נישט קיין זעג. מיין אויפגאַבע איז געווען אויפצופאַסן אויף דער אַרבעט און אויך זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, אַז די מענטשן זאָלן גאָרנישט נישט געשען בעת דער אַרבעט. כ׳מוז פאַרצייכענען אַז אַלע האָבן מיין באַשטימונג אויפגענומען מיט צופרידנקייט און נישט אַרויסגעוויזן קיין קינאה.

פאַר נאַכט, ווען מיר זענען צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, האָט דער קאָמענדאַנט מיך אַרויסגערופן און געזאָגט, אַז איך מוז בייטן מיין הלבשה, ווייל געטראָגן האָב איך די פריִערדיקע צעריסענע און שמוציקע אַרבעט־בגדים. זיין טענה איז געווען, אַז אויב איך וועל זיין בעסער אָנגעטאָן, וועט מען האָבן פאַר מיר מער דרך־ארץ.

צו מאָרגנס האָב איך אַרויסגענומען דעם ערגסטן מיטגעבראַכטן אָנצוג און זיך אויסגעפּוצט ווי צו אַ באַל. כ'האָב מיך אַ ביסל געשעמט פאַר מיינע חברים.

נאָכן אָפּאַרבעטן אַ וואָך ווי אַן אויפזעער, האָט מיר דער קאָמענדאַנט געהייסן קומען אין דער פרי צו דער קאַנטאָר. דאָ האָבן שוין געוואַרט צוויי אָנגעזאָטלטע פערד. איך מיטן קאָמענדאַנט האָבן געזאָלט אַוועקרייטן קיין מיסקי, אין ראַיאָן־צענטער, אויף דורכצופירן די פאָרמאַליטעטן פון מיין נייער באַשטימונג. אויף אַן אָנגעזאָטלטן פערד בין איך קיין מאָל נישט געריטן. ביים קאָמענדאַנט איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז איך קען רייטן. ער האָט מיר געהאָלפן אַרויפזעצן זיך אויפן פערד, אַליין איז ער פלינק אַרויף, און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

כּל־זמן די פערד זענען געגאַנגען געלאַסן, איז דאָס רייטן געווען אַ פאַרגעניגן. באַלד האָט דער קאָמענדאַנט געזאָגט, אַז מיר מוזן זיך אונטער־איילן, און געגעבן אַ צי דאָס ציימל. זיין פערד האָט גענומען לויפן און מיינס נאָך אים. דער קאָמענדאַנט האָט אָבער באַמערקט, אַז מיט מיין רייטן פאַר־שווער איך דעם פערד דאָס לויפן. ער איז אויף זיין פערד געזעסן מאַיעס־טעטיש און זיך געוויגט מיט די פּוסטריט פון פערד. איך, דערקעגן, בין געזעסן אומגעלומפּערט און נישט געוווסט, ווי זיך צו האַלטן. דער קאָ־מענדאַנט האָט געלאַכט: „אַ מענטש אין סיביר זאָל נישט קענען רייטן!״ איין זאַך האָט ער פאַרגעסן, אַז איך בין נישט קיין סיביריאַק און בין אַהער פאַרשלעפּט געוואָרן. אונטערוועגנס זענען מיר אַריינגעריטן אין אַ קאָלכאָז. דאָ האָט ער זיין פערד איבערגעלאָזן, און דעם ווייטערדיקן וועג ביז מיסקי, האָבן מיר ביידע דורכגעמאַכט אויף מיין פערד. איך בין געזעסן און אויס־געהערט דעם קאָמענדאַנטס לעקציעס וועגן רייטן.

ביים דורכמאַכן די נייטיקע פאָרמאַליטעטן האָט מען מיר ווידער דער־מאָנט וועגן אויספילן נאָרמעס, וועגן דיסציפלין און אַנדערע דינים פון דער

אַרבעט. נעכטיקן האָבן מיר געמוזט אין מיסקי. איך בין אַוועק צו די רוסן, ווו הינדע איז איינגעשטאַנען. צו מאָרגנס האָט מיך דער קאָמענדאַנט אַרויפֿ־געזעצט אויף אַ וואָגן און אַליין געבליבן דערליידיקן ענינים.

מיטן וואָגן בין איך דערפֿאָרן ביז אַ קאָלכאָז און פֿון דאָרטן געדאַרפֿט גיין צו פֿוס ביז מזאָס, מער ווי צען קילאָמעטער. מען האָט מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל זיך האַלטן מיטן ברעג פֿון טייך, וואָס איז דאָרטן פֿאַרבייגעפֿלאָסן. איך בין צוגעקומען צו אַן אָרט, ווו מען האָט געמוזט אַפּגיין אין אַ זייט פֿונעם ברעג און דורכגיין אַ מוראדיק געדיכטן וואַלד. פֿון זייט פֿון טייך האָבן זיך געהערט קולות פֿון מענטשן, וואָס האָבן געכאַפּט פֿיש און זיך איבערגעשריִען. וועגן דעם אַז כ׳וועל מוזן דורכגיין אַ געדיכטן וואַלד, האָט מיך געוואָרנט דער רוס, וואָס האָט מיך געבראַכט אין קאָלכאָז. פֿון ערגעץ האָבן זיך דער־טראָגן קלעפּ פֿון העק, וואָס האָבן איינגעלייגט ביימער. וואָס טיפֿער אין וואַלד, האָבן זיך אַלע קלאַנגען איינגעשטילט. די שטילקייט האָט געשראָקן. כ׳האָב גענומען צווייפֿלען, צי איך גיי ריכטיק. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עס פֿאַלט שוין צו דער אָוונט, ווייל אין דער וואַלד־געדיכטעניש איז געוואָרן טונקל.

קיין זייגערל האָב איך נישט געהאַט. מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ געפֿיל, אַז עס ענדיקט זיך די וועלט. דער וועג אויף וועלכן איך בין געגאַנגען, איז געווען אויסגעפֿלאַסטערט מיט קלעצלעך, באַדעקטע מיט מאָך. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז לאַנג האָט שוין דאָ נישט געטראָטן קיין מענטשנס פֿוס. האָב איך באַשלאָסן וואָס גיכער זיך אומקערן צום אָרט, פֿון וועלכן איך בין אַריין אין וואַלד. דערנענטערנדיק זיך אַהין, האָב איך ווידער דערהערט קולות פֿון מענטשן. ס׳האָט אָנגעהויבן צו ווערן ליכטיקער און איך האָב מיך דער־פֿילט ווי אַ געראַטעוועטער. שוין שטייענדיק ביים ברעג פֿון טייך, האָב איך גענומען שרייען און ווינקען צו די מענטשן אין אַ שיפֿל, זיי זאָלן צושווימען צו מיר. ווען דאָס שיפֿל איז צוגעשוווּמען, האָב איך דערציילט די מענטשן, פֿון וואַנען און וווהין איך גיי, און געבעטן מיר צו דערקלערן, ווי איך קום אַהין. אַ רוס האָט אַ קוק געטאָן אויף דער זון און געזאָגט, אַז איך האָב גענוג צייט צו קומען קיין מזאָס, נאָך איידער דער אָוונט וועט צופֿאַלן, און מיר אָפּגעמאָלט, ווי איך דאַרף גיין.

אויפֿן וועג האָב איך באַגעגנט אַן עלטערן רוס. מיר האָבן זיך האַרציק

באַגריסט. ער האָט געפרעגט, ווער איך בין און באַלד אַרויס מיט דער פראַגע, צי „מיר, די רוסן", האָבן שאַנסן צו געווינען די מלחמה מיט די דייטשן. אָן וואַקלעניש האָב איך געענטפערט, אַז מיר וועלן באַשטימט געווינען. דער רוס האָט מיר אָבער געענטפערט: „ניין, ברודערל, אונדזער פאָלק האָט צו פיל געליטן און ליידט אויך איצט, אַזוי, אַז מען וועט נישט קעמפן ווי ס׳באַדאַרף צו זיין". ער האָט געגעבן אַ שווערן קרעכץ, זיך אָפּגעזעגנט און אַוועק זיין וועג. מיר איז געוואָרן שווער אויף דער נשמה. ערשטנס, האָב איך פון גאַנצן האַרצן געוואָלט דערלעבן היטלערס מפּלה. צווייטנס, האָט מיך געדריקט די פראַגע, מיט וועמען האָב איך גערעדט. אַזאַ באַגעגעניש אין סאָוועט־רוסלאַנד קען צו מאָל האָבן שווערע פאָלגן.

בכדי אָנצוקומען אין אונדזער לאַגער האָב איך געדאַרפט דורכבראָדזשען אין די זאַכן אַ טיפן וואַסער. די רוסן טוען דאָס גאַנץ גערן און אָן וואַקלעניש. פאַר מיר איז עס געווען אַ שווערער נסיון. דאָס קאַלטע וואַסער האָט ווי מיט צוואַנגען פאַרקלעמט דאָס האַרץ. אין אַ האַלבער שעה אַרום בין איך אָבער געווען מיט מיין פרוי און קינדערלעך...

איך בין איצט געווען אַן אַנערקענטער אויפזעער אויף דער אַרבעט. כ׳האָב באַקומען אַ חודשלעכן געהאַלט. מיר האָבן זיך געקענט דערלויבן קויפן אַ מיטאָג פון דער קיך. הינדע האָט דאָס עסן נישט פאַרזוכט, ווייל ס׳איז געווען געקאָכט אויף פערדנפלייש, וואָס איז נישט אַלע מאָל געווען פריש. דער עיקר אָבער, מיר האָבן געקענט צוקויפן מילך פאַר די קינדער.

אין לאַגער האָבן געגומען קורסירן קלאַנגען, אַז מען וועט אַלע געוועזענע פוילישע בירגער באַפרייען. אין גיכן האָבן זיך אַ סך פון די קלאַנגען באַשטעטיקט. ס׳האָבן זיך אָפּטער באַוויזן קאָמיסיעס וואָס האָבן גערעדט צו אונדז, מיר זאָלן פלייסיק אַרבעטן, ווייל מיר מוזן קעמפן קעגן בשותּפות־דיקן שׂונא. אָבער די מענטשן זענען געווען שרעקלעך אויסגעמאַטערט און ביים בעסטן ווילן נישט געקענט אַרויסגעבן אַ גרעסערע פּראָדוקציע. דערצו האָט מען געזען, אַז אַ קענטיקער טייל פון די אויסגעהאַקטעביימער, גוט באַאַרבעט און אויסגעסאָרטירט, ליגט און פוילט. די רוסן האָבן זיך איצט צו אונדז באַצויגן מענטשלעכער, און אויך מיר האָבן דערפילט צו זיי אַ געוויסע סימפּאַטיע. פון זיי איז דאָך געווען אָפּהענגיק דער נצחון איבער היטלערן.

אין איינעם אַ טאָג פון אויגוסט 1941, בעת מיר זענען געווען אויף דער אַרבעט, איז אַראָפּגעקומען אין וואַלד אַריין דער קאָמענדאַנט בכבודו־ובעצמו און באַפוילן אַלעמען גיין צו זיך אין די באַראַקן. אונדזער פאַנטאַזיע האָט שטענדיק געאַרבעט אין דער ריכטונג פון שווערע גזירות. אַפילו די גע־שווירענע אָפּטימיסטן זענען דאָס מאָל געווען פּעסימיסטיש געשטימט. פּלו־צעם האָט מען מודיע געווען, אַז אַלע דאַרפן זיך צושטעלן לעבן דער קאַנ־צעלאַריע פון קאָמענדאַנטור. דאָרטן זענען געשטאַנען עטלעכע טישן מיט בענקלעך פאַר נאַטשאַלסטווע און אויך פאַר אונדז זענען געווען אויסגע־שטעלט לאַנגע בענק. דער קאָמענדאַנט האָט שוין געוואַרט און אין אַ פריינד־לעכן טאָן אַלעמען געבעטן זיך זעצן. באַלד זענען אַרויסגעקומען עטלעכע נ.ק.וו.ד.־אָפיצירן, און איינער פון זיי האָט געהאַלטן אַ פּאַטריאָטישע רעדע, געבנדיק צו פאַרשטיין דעם באַטייט פון דער מלחמה מיטן פאַשיסטישן דייטשלאַנד, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און פוילן פירן. די דערפרייענדיקע בשורה איז געווען, אַז מיר זענען איצט פרייע מענטשן און לויט אַ ספּעציעלן געזעץ ווערט אַנערקענט אונדזער פריערדיקע פוילישע בירגערשאַפט. מיר קענען זיך באַזעצן ווו מיר ווילן, חוץ אין די גרעסערע שטעט פון לאַנד. צו גלייך האָט מען געראַדט צו אונדזער „פּאַטריאָטישן געוויסן", מיר זאָלן פאַרשטיין אַז די באַנען זענען נייטיק פאַרן מיליטער. דעריבער זאָלן מיר בלייבן אויף די ערטער און פאַרזעצן די אַרבעט. מיר וועלן באַקומען בעסער באַצאָלט און לעבן ווי פרייע בירגער.

קיינער פון אונדז האָט נישט געטראַכט אָנצונעמען דעם דאָזיקן פאָר־שלאָג. קענטיק, אַז די לייט האָבן זיך גערעכנט אויף דעם, און דערקלערט, אַז אויב מיר פאַרלאַנגען דורכויס צו פאַרלאָזן דאָס אָרט, וועלן זיי געבן די געהעריקע מעגלעכקייטן. דערהערנדיק עס, זענען מענטשן אויסגעבראָכן אין אַ געוויין פון פרייד, מען האָט זיך אַרומגעכאַפּט, זיך געקושט. די פרייד ביי די פּעסימיסטן איז געווען באַזונדערש גרויס, ווי זיי וואָלטן געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט. זיי האָבן דאָך שוין געהאַט אויסגערעכנט וויפל טעג מיר וועלן נאָך אויסהאַלטן אין די שווערע סיבירער באַדינגונגען... און פּלוצעם — פרייע מענטשן! מען קען פאָרן, ווו מען וויל!

די נאַטשאַלסטווע האָט אונדז געבעטן, אַז ווי לאַנג מיר וועלן בלייבן אין מזאָס, זאָלן מיר ווי געוויינטלעך אַרויסגיין צו דער אַרבעט.

יעדער איינער האָט אויפגעשטעלט פּלענער. מען האָט געשטרעבט זיך צו פֿאַראייניקן מיט משפּחה־מיטגלידער און צוזאַמען דורכהאַלטן די מלחמה־צייט. וועגן דער לאַגע אין דער אַלטער היים און דעם גורל פון אונדזערע נאָענטסטע האָבן מיר קיין אַנונג נישט געהאַט. אין שוואַרצסטן חלום האָט קיינער זיך נישט געקענט פאַרשטעלן, וואָס מיט זיי איז געשען.

מיר האָבן זיך פאַרשריבן צו פאָרן אין אַ לאַגער פון סווערדלאָווסקער געגנט, ווו ס׳האָבן זיך געפונען הינדעס ברודער חיים, זיין פרוי רבקה און זייערע פיר קינדער. דער דאָזיקער לאַגער איז געווען פון זעלבן סאָרט, ווו מיר זענען געווען, אָבער דאָרטן האָבן געהערשט בעסערע באַדינגונגען. זיי האָבן לייכטער געאַרבעט, באַקומען אַ בעסערן לוין, געקענט קויפן פּראָדוקטן. בעיקר האָבן מיר געוואָלט זיין צוזאַמען מיט אייגענע.

ס׳האָט גענומען אַ פּאָר וואָכן, ביז יעדער איינער האָט אַרויסבאַקומען דעם דאָקומענט, אַז אויפן יסוד פון אַן אָפּמאַך צווישן דער סאָוועטישער און דער צייטווייליקער פּוילישער רעגירונג, ווערן מיר באַפרייט פון די לאַגערן. דער דאָקומענט האָט אויך באַשטעטיקט אונדזער פּוילישע בירגער־שאַפט. מען האָט יעדן איינעם אויסגעצאָלט, וואָס אים האָט געקומט פאַר דער אַרבעט. מיט נאַטשאַלסטווע האָט מען אָפּגעשטימט אַ דאַטע פון אונדזער אָפּפאָר און זי האָט צוגעשטעלט דעם טראַנספּאָרט. דאָס זענען געווען גרויסע שׂימחות, און מיר האָבן זיך אין זיי אַריינגעקליבן. פאַרן אָפּפאָר האָט יעדער איינער געוואָרפן אַ בליק אויפן קבר פון דעם ייִד לענטשנער, אויף יענער זייט טייך און זיך געזעגנט מיט אים. מיר האָבן שטאַרק באַדויערט דעם ייִד און צו גלייך זיך געפרייט, וואָס מיר זענען נישט געוואָרן זיינע שכנים. מיר זענען טאַקע ניצול געוואָרן פון גיהנום, וואָס הייסט מזאַס, די צוקונפט איז אָבער געווען פאַרנעפּלט.

די שׂימחות האָבן אונדז געבראַכט קיין מיסקי. מיר האָבן געגעכטיקט ביי דער רוסישער משפּחה, וואָס האָט צוגעטוליעט הינדען. דאָ האָט מען ביי אונדז אָפּגעקויפט געוויסע זאַכן, און מיר האָבן געהאַט אַ ביסל געלט אויף דער ווייטערדיקער נסיעה. מיר האָבן די רוסן אויך איבערגעלאָזט מתּנות. מיט טרערן האָבן מיר זיך געזעגנט און געטראַכט, אַז מיר זענען גליקלעכער פון זיי. זיי האָבן אַפילו נישט די האָפענונג זיך ווען עס איז צו באַפרייען. דער אַכזריותדיקער רעזשים האָט זיי אַהער פאַרשיקט אויף שטענדיק.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען אונדז פון מיסקי אָפּגעפירט צו דער באַן־סטאַנציע אין סטאַלינסק. דאָ האָבן מיר געקויפט באַנבילעטן ביז סווערד־לאָווסק. אויפן וועג האָבן מיר געמוזט זיך אָפּשטעלן אין נאָוואָסיבירסק צו קאָמפּאָסטירן די בילעטן, און ווידער וואַרטן, שטיין אין דער ריי און גוט זיך אָנמאַטערן. אויפן וואָקזאַל איז געווען אַ באַזונדער צימער פאַר מוטערס מיט קליינע קינדער. דאָ האָבן זיי געקענט איבערנעכטיקן און באַקומען טיי. ס'איז געווען זייער ווייט פון לוקסוס, אָבער זויבער און וואַרעם. דערקעגן איך בין געשלאָפן אויפן דיל, ווי אַלע אַנדערע טויזנטער סאָוועטישע בירגער, וועלכע ס'איז אויסגעקומען אין יענער צייט צו וואַנדערן פון אָרט צו אָרט. מוטערס מיט קליינע קינדער האָבן געהאַט פּריווילעגיעס. מען האָט קאָמ־פּאָסטירט אונדזערע באַנבילעטן און אויך אַ מענטשלעכן אופן אונדז אַרײַנ־געזעצט אין וואַגאָן, ווייל דער געדראַנג איז געווען איין־לשער. מען האָט געדאַרפט אָפּזאָגן אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים, מען זאָל נישט צעקוועטשט ווערן.

גלאַט איז אונדזער נסיעה נישט אָפּגעגאַנגען. ביידע אונדזערע קינדער האָבן אין וועג באַקומען אַ שטאַרקן קאָקליוש. מאַמעס וואָס זענען געפאָרן מיט אונדז און געהאַט מורא, אַז זייערע קינדער זאָלן זיך נישט אָנשטעקן, האָבן דאָס, קענטיק, צוגעטראָגן צו דער אָנפירונג פון צוג. ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ גרעסערער סטאַנציע, איז אין וואַגאָן אַרײַן אַ סאַני־טאַר און אויך אַ באַן־באַאַמטער און פאַרלאַנגט מיר זאָלן אַראָפּגיין פון צוג און מיטגיין מיט זיי. מיר האָבן זיך געגומען בעטן, מען זאָל אונדז לאָזן פאָרן. זיי זענען אָבער באַשטאַנען אויף דאָס זייעריקע. דאָ האָט אַ רוסישע פרוי וואָס איז געפאָרן מיט אונדז, זיך אויפגעשטעלט, אַרויסגענומען אַ דאָקומענט, אַז זי איז אַ דאָקטערין, און דערקלערט, אַז זי וועט נישט דערלאָזן, מען זאָל אונדז אַראָפּנעמען פון צוג. אמת, ס'איז אַן אָנשטעקנדיקע קרענק, אָבער אַז מ'וועט פאַרהענגען דעם פלאַץ ווו מיר געפינען זיך, וועט די אַנדערע קינדער גאָרנישט נישט געשען. זי נעמט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. נישט לייכט איז איר אָנגעקומען צו איבערצייגן דעם סאַניטאַר. ס'איז אָבער געשען דאָס אומגלייבלעכע: מען האָט געבראַכט אַ דעקע, פאַרהאַנגען אונדזער ווינקל און מיר זענען בשלום דערפאָרן צו אונדזער ציל, אין אַ יישוב מיטן נאָמען דאָק.

אויף ווייטערדיקן וואָגלעניש

ס'האָט זיך פאַר אונדז אויפגעשטעלט אַ האַרבע פראַגע. צי האָבן מיר דאָס רעכט מיט אונדזערע קראַנקע קינדער אַריינקומען אין אַ שטוב, ווו עס זענען פאַראַן פיר קליינע קינדער. אָן דער צושטימונג פון שוואָגער, הינדעס ברודער חיים, און זיין פרוי, רבקה, האָבן מיר עס נישט געוואָלט טאָן. האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט נישט ווייט פון זייער שטוב און זיי געלאָזט וויסן וועגן אונדזער אָנקומען. חיים און רבקה זענען באַלד געקומען צו לויפן מיט אַ טענה, פאַר וואָס מיר זענען גלייך נישט אַריינגעפאָרן צו זיי. רבקה איז געווען אַ פרומע פרוי און געהאַלטן, אַז גאָט וואָס היט אַלעמען, וועט געזונט מאַכן אונדזערע קינדער און אויך אָפּהיטן אירע פון קראַנק ווערן. טשיקאַווע, אונדזערע זענען געזונט געוואָרן און זייערע קינדער — נישט געשאַט.

אָנגעקומען זענען מיר אַהער האַרט פאַר די ימים־נוראים. צופעליק איז דאָ געווען אונדזער קראַסניסטאַווער חזן, ברוך פרעכטער, וועלכן אַלע, און איך בתוכם, האָב ליב געהאַט הערן דאַווענען. האָב איך זיך זייער געפרייט צו קענען אים ווידער הערן. כ'האָב באַדויערט, וואָס מיינע עלטערן האָבן מיך נישט געזען דעם יום־כּיפּור ביי די תּפילות. פאַר זיי וואָלט עס געווען די גרעסטע קאָמפּענסאַציע פאַר די צרות, וואָס זיי האָבן געהאַט פון זייערע צוויי זין.

קיין מאַטעריעלע מיטלען צום לעבן האָבן מיר נישט געהאַט. האָב איך געמוזט וואָס גיכער נעמען אַרבעטן. אין אַ דערנעבנדיק שטעטל, רעוודע, אַ פיר קילאָמעטער פון דאָך, האָב איך אויפגעזוכט אַ שניידער־אַרטעל, ווו מען האָט מיך באַלד אָנגענומען.

דער אוראַלער האַרבסט, מיט זיינע רעגנס און קעלטן, האָט זיך שוין שטאַרק געפילט. העל פלעגט ווערן ערשט אַרום 8 אַ זייגער אין דער פרי. אַרויסגיין פון שטוב פלעג איך, ווען ס'איז נאָך געווען פינצטער, בכדי אָנצו־קומען אויף דער אַרבעט צו דער צייט. לאַנג אַרבעטן איז מיר דאַרטן נישט באַשערט געווען צוליב אַ ראַדיקאַלער ענדערונג אין אונדזער לאַגע.

צו אונדז זענען דערגאַנגען ידיעות, אַז די ייִדן, וועלכע מען האָט באַ־פרייט פון די לאַגערן און פאַרשיקונג־ערטער, פאַרן קיין טאַשקענט, ווו ס'איז וואַרעם, ווייל אויפן אוראַל און אין סיביר האָט זיך איינגעשטעלט אַ האַרבער

ווינטער, וואָס געדויערט גאַנצע ניין חדשים, און מיר זענען דערצו נישט געוווינט און האָבן נישט קיין וואַרעמע זאַכן. איצט, אַז מען מעג אַרומפאָרן, האָט מען זיך דערלאַנגט אַ הייב פון די ערטער.

קענטיק, אַז די סאָוועטן־מאַכט איז געווען פאַראינטערעסירט, אַז די פרעמדע עלעמענטן זאָלן זיין קאָנצענטרירט אין עטלעכע באַשטימטע ערטער און נישט צעוואָרפן איבער די סיבירער רחבותן. ווייל ווי אַנדערש קען מען דערקלערן דאָס, וואָס זי האָט דערמעגלעכט הונדערטער טויזנטער מענטשן זיך באַנוצן מיט דער אייזנבאַן אין צייט פון אַ שרעקלעכער מלחמה, ווען דער טראַנספּאָרט איז געווען אַזוי וויכטיק פאַרן מיליטער. די באַן־באַאַמטע האָבן אויסגענוצט די קאָניונקטור און זיך געהייסן פיין באַצאָלן פאַר דער מעגלעכקייט צו דינגען אַ וואַגאָן פאַר עטלעכע משפחות. מען פלעגט שיקן אַ דעלעגאַציע קיין סווערדלאָווסק און דאָרטן באַשטעלן די דאָזיקע פראַכט־וואַגאָנען מיט די באַרימטע הילצערנע נאַרעס און דעם אייזערנעם אייוועלע אין דער מיט. אויסער דעם אָפיציעלן טאַריף האָט מען געדאַרפט אַריינ־שטופּן דעם נאַטשאַלניק אַ זייגערל, אַן אָנצוג, אַ פּרויען־קלייד, בכדי צו קענען פריִער אָפּפאָרן. אויך מיר האָבן אַזוי געטאָן. אין וואַגאָן האָבן מיר אַרויפגעהויבן אונדזער געפּעק און די פּראָדוקטן וואָס מיר האָבן זיך געקענט איינשאַפן: עטלעכע זעק מיט סוכאַרעס, אַ ביסל פעטס. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז מיר זענען געפאָרן מיט צוויי קליינע קינדער. דער שוואָגער — מיט פיר. אין דרויסן האָט געשאָטן אַ געדיכטער שניי און ס'האָט געבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט. מיר האָבן זיך אָנגעגרייט האָלץ און קוילן אויף צו הייצן דעם אייוועלע. אין געציילטע שעהען האָט מען אונדזער וואַגאָן צוגעטשעפּעט צו אַ פּאַסאַזשיר־צוג און מיר זענען אָפּגעפאָרן אויף דרום.

אויפן סווערדלאָווסקער וואָקזאַל האָבן מיר געזען פּליטים נישט נאָר פון פּוילן, נאָר אויך פון פאַרשידענע רוסישע שטעט. מיט זייער איוואַקויִשן אויסזען האָבן זיך אויסגעטיילט די מענטשן פון מאָסקווע און לענינגראַד. צום גרעסטן טייל זענען עס געווען ייִדן און אַ סך פון זיי האָבן גערעדט אַ גוטן ייִדיש און אויך שטאַרק געקרעכצט אויף ייִדיש. זיי האָבן אַרויסגעוויזן ספקות, צי די סאָוועטן וועלן אָפּהאַלטן די אָנגרייפנדיקע דייטשן. מיט אַ שרעקלעכער מורא האָבן זיי גערעדט וועגן היטלעריסטישן מאַרש אויף מאָסקווע. דער סווערדלאָווסקער וואָקזאַל האָט אונדז אויך נישט צוגעגעבן

קיין מוט און האָפענונג. מיר זענען געווען טויזנטער קילאָמעטערס פון פראָנט און דאָך איז אַלץ געווען פאַרטונקלט, גלייך מען וואָלט געגלייבט, אַז די דייטשישע עראָפּלאַנען קענען דערגרייכן אַזש אַהער. אונדזער שטימונג איז געווען ווייט נישט קיין געהויבענע. מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס עס דער־וואַרט אונדז אין דעם נייעם אָרט, וווּהין מיר שלעפּן אונדזערע קינדערלעך. איין טרייסט איז געווען: מיר אַנטלויפן פון די קעלטן און פאָרן ווו ס'איז וואַרעמער.

מיט יעדן טאָג פאָרן האָט זיך פאַרמינערט אונדזער פּראָוויאַנט. אויף די סטאַציעס איז אַלץ שווערער געוואָרן עפּעס צו קויפן, און אַז מען האָט שוין יאָ עפּעס באַקומען, איז עס געווען אויף די הויכע פרייזן פון שוואַרצן מאַרק. די מלוכישע געשעפטן זענען געווען כמעט ווי ליידיק. ס'איז געווען שווער צו גלייבן, ווי שנעל אַלץ איז נעלם געוואָרן. ס'האָבן זיך געענדיקט אונדזערע סוכאַרעס און אויך די קינדער האָבן גענומען פילן דעם מאַנגל אין אַ שטיקל ברויט.

ווען מיר זענען אַריינגעפאָרן אין מיטל־אַזיע, אין קאַזאַכסטאַן, האָבן מיר גלייך דערפילט, אַז עס ווערט וואַרעמער. די זון האָט געלויכטן אויפן בלויען הימל, און מיר האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט. בעת דער צוג פלעגט בלייבן שטיין, פלעגן מיר לויפן זוכן עפּעס צו קויפן. איך בין געווען אַן אמתער שלים־מזל, כ'פלעג שטענדיק קומען צו שפּעט און זיך אומקערן אַפילו אָן אַ שטיקל ברויט. מיין שוואָגער און זיינע גרעסערע ייִנגלעך פלעגן יאָ עפּעס איינהאַנדלען. און אַז זיי האָבן געהאַט, האָבן מיר שוין נישט געהונגערט. די קאָנדוקטאָרן פון עשעלאָן האָבן אונדז געטרייסט, אַז וואָס טיפער מיר וועלן אַריינקומען אין די וואַרעמערע געביטן, וועט לייכטער ווערן מיט פּראָדוקטן. ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער גרעסערער שטאָט קאָקאַנד, האָבן זיי אונדז געזאָגט, אַז דאָרטן פעלט נישט קיין ברויט, מיר זאָלן נאָר צוגרייטן געלט. אַזוי איז טאַקע געווען. אויף דער סטאַציע האָט מען אָן באַגרענעצונג באַקומען ברויט אויף מלוכישע פרייזן. אמת, דאָס ברויט איז געווען נישט וואַזשנע, אָבער מורא האָבנדיק פאַר הונגער, האָבן מיר איינגעקויפט עטלעכע זעק. אַז ס'איז דאָ גענוג ברויט, ווערט לייכטער אויפן האַרצן.

נאָך אַ פּאָר טעג פאָרן פון קאָקאַנד איז דער צוג געבליבן שטיין, און מען האָט אַלעמען באַפוילן צו פאַרלאָזן די וואַגאָנען. מען האָט אונדז צעפירט

אין קאַלכאַזן פון דער געגנט. צוגעטיילט האָט מען אונדז זייער שלעכטע וווינונגען. די פענצטער — אָן שויבן, בלויז פאַרקלעפּט מיט פּאַפּירן, באַשמירטע מיט פעטס, ס׳זאָל דורכגיין אַ שיין. צוויי טעג האָט מען אונדז געלאָזט זיך איינאָרדענען און אויפן דריטן טאָג געטריבן צו דער אַרבעט אויף די בוימוואָל־פעלדער, אַראָפּצונעמען די וואַטע פון די ביימלעך.

אין די קאַלכאַזן זענען אַרומגעגאַנגען פּראָפּאַגאַנדיסטן און אויפגעקלערט ווי וויכטיק עס איז פאַרן נצחון איבער די דייטשן וואָס גיכער אַראָפּצונעמען די וואַטע, נישט איבערלאָזנדיק קיין פּיצל אויף די פעלדער. דאָס האָט מיר דערמאָנט די פּראָפּאַגאַנדע ביים האַקן ביימער אין סיביר. אָבער פּונקט ווי אַ טייל פון די אויסגעהאַקטע ביימער איז געבליבן פוילן אין וואַלד, אַזוי איז אויך אַ טייל פון דער וויכטיקער וואַטע געבליבן אויף די פעלדער אונטער די שטאַרקע רעגנס, וואָס זענען אונטערגעקומען.

באַלד אין די ערשטע טעג פון אונדזער אַרבעט האָט מען אונדז פון אָוונט צונויפגענומען אין קולטור־הויז פון קאַלכאָז און אויפגעקלערט, אַז יעדער אַרבעטער וועט קריגן פאַר זיך און פאַר יעדן משפחה־מיטגליד 400 גראַם ברויט אַ טאָג, אַ געוויסן קוואַנטום רייז, פעטס, פלייש און אַנדערע זאַכן. ס׳האָט זיך אונדז אויסגעמאָלט אַ גן־עדן. ביי די מיזרח־עדות באַטייט ברויט — אַזאַ געבאַקן פּלעצל, וואָס האָט טאַקע געוויגן 400 גראַם און געווען גאַנץ געשמאַק. איך האָב באַקומען יעדן טאָג פיר אַזעלכע פּלעצלעך, איינס פאַר יעדן משפּחה־מיטגליד. צו דער זעלבער צייט זענען נאָך ביי אונדז געווען זעק מיט ברויט, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן שימלען און אַ טייל האָבן מיר געמוזט אַרויסוואַרפן. צו וואָס אַ קריג דערפירט: טעג פון שרעקלעכן הונגער, און טעג ווען ס׳קומט אויס צו וואַרפן ברויט אויפן מיסט. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געוווּסט, אַז אין דער נאָענטסטער צוקונפט דערוואַרטן אונדז הונגעריקע טעג, וואָכן און חדשים.

מיט דער צייט איז די גרייס פון די ברויט־פּלעצלעך געוואָרן אַלץ קלענער. זיך באַקלאָגן אויף דעם איז געווען אַ סכנה. און דאָ, אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, האָט מען, נישט אָנגעבנדיק קיין סיבה, געמאָלדן, אַז מען שיקט אונדז אַריבער אין אַנדערע ערטער. אַרומגעגאַנגען זענען ווידער די קלאַנגען, אַז מען וויל האָבן די פּוילישע פּליטים אויף איין אָרט, בכדי די מאַכט־אָרגאַנען זאָלן קענען לייכטער האַלטן אַן אויג אויף די מענטשן. מען האָט

אַפילו געשמועסט, אַז דאָס איז דער פאַרלאַנג פון דער פּוילישער סיקאָרסקי־רעגירונג, ווייל זי באַמיט זיך אונדז אַרויסצופירן פון רוסלאַנד...

פאַראַן מענטשן, וואָס זיי דאַכט זיך, אַז זיי ווייסן מער און פריִער פון די אַנדערע, זיי רעדן נישט קלאָר, מיט רמזים און אַ שאָקל־צו מיטן קאָפּ. זיי צעמישן דיך און דו ווייסט נישט אויף וועלכער וועלט דו ביסט. די דאָזיקע מענטשן זענען עס געווען דער מקור פון אַלע קלאַנגען. און מיר זענען דער־ווילע ווידער געזעסן אין וואַגאָנען. ווידער האָט מען אונדז געשלעפּט. איצט — קיין קירגיזיע און אוזבעקיסטאַן. קיינער איז נאָך נישט געווען הונגעריק, מען האָט נאָך געהאַט אַ ביסל פּראָדוקטן פון קאָלכאָז. אויף די סטאַציעס פלעגט מען אַרויסגיין פון די וואַגאָנען. ס׳האָבן זיך געשאפן רעדלעך און ס׳האָבן זיך ווידער געהערט פאַרשידענע קלאַנגען. געווען רעדלעך פון בלויז ייִדן, וואָס האָבן גערעדט אַ ריינעם ייִדיש, ווי אין דער אַלטער היים. געווען געמישטע גרופּקעס פון ייִדן, פּאָליאַקן און אוקראַיִנער. דאָ איז די שפּראַך געווען פּויליש, אָבער די „נייעס" זענען געווען די זעלבע. ס׳האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ הויכער יונגער־מאַן, וואָס איז אַרומגעלאָפן פון איין גרופּע צו דער צווייטער, כּדי חלילה נישט דורכצולאָזן קיין ידיעה. געהאַט האָט ער לאַנגע פיס, די הויזן אַריינגעלאָזט אין די סקאַרפּעטן און פאַרפעסטיקט מיט צוויי גומקעס. מיט אונדז האָט ער זיך באַזונדערש באַפריינדט, כאָטש מיר זענען געווען פון אַנדערע וואַגאָנען, געהייסן האָט ער אליעזר (לוזער) עלענבויגען.

אין קירגיזיע

מען האָט אונדז דערפירט מיטן עשעלאָן ביז אַ שטעטל נאָוקאַט, אין דער קירגיזער רעפּובליק. געוואָלט האָבן מיר פאָרן קיין בוכאַראַ, הערנדיק אין וועג, אַז דאָרטן האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ סך פּליטים פון פּוילן. מען האָט אונדז אָבער נישט געלאָזט אַהין פאָרן מיטן תירוץ, אַז די שטאָט איז איבער־פולט, און מענטשן וואַלגערן זיך אויף דער גאַס. מיר האָבן אין דעם נישט שטאַרק געגלייבט. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די לאַגע איז דאָרטן געווען נאָך ערגער. ס׳האָבן זיך פאַרשפּרייט קלעפּיקע קראַנקייטן. די מגיפה האָט אָבער נישט אויסגעמיטן דאָס שטעטל, וווּ מען האָט אונדז באַזעצט, פּונקט

ווי ס׳האָט נישט אויסגעמיטן אַ סך שטעט און שטעטלעך פון מיטל־אַזיע, וואָס האָבן אויפגענומען דעם פליטים־שטראָם.

אין נאָוקאַט האָט מען אונדז איינגעקוואַרטירט אין ליימענע שטיבלעך „קיביטקעס". זיי זענען געווען אָן פענצטער, מיט אַ לאָך אין וואַנט, עס זאָל אַריינקומען אַ ביסל ליכט. אַ לאָך — אין אַן אַנדערער וואַנט, ווו מען האָט געמאַכט פייער אויף צו קאָכן אָדער זיך אָנצוּוואַרעמען. געהייצט האָט מען מיט אויסגעטריקנטע קוקורוזע־שטענגלעך. צוצגעטיילט האָט מען אונדז צו אַ קאָלכאָז. די באַשפּייזונג אין די קאָלכאָזן איז דאָ געווען זייער אָרעם. אויף דעם באַזאַר, ווו מ׳האָט אין די ערשטע טעג פון אונדזער אָנקום נאָך געקענט עפּעס קויפן, איז שפּעטער אַלץ נעלם געוואָרן. שווער געווען צו באַקומען אַ ביסל מילך פאַר די קינדער. ווער שמועסט נאָך — אַ שטיקל פּוטער.

אויך דאָ איז אָנגעקומען דער ווינטער מיט שניי און פרעסט. אמת, דער שניי איז נישט לאַנג געבליבן ליגן, און די פרעסט זענען נישט געווען קיין שטאַרקע, אָבער די שטיבער זענען נישט געווען צוגעפּאַסט אַפילו פאַר דעם לייכטן ווינטער. די אָרטיקע באַפעלקערונג טראָגט סיי זומער סיי ווינטער לאַנגע כאַלאַטן, אויסגעשטעפּטע מיט וואַטע, זומער זאָל די היץ נישט צוקומען צום לייב און ווינטער — די קעלט. „טשאַפּאַן" הייסט אַזאַ כאַלאַט. מיר האָבן שוין געהאַט אויסגעפאַרקויפט כּמעט אַלע זאַכן, מיטגענומענע פון דער היים, און נישט געהאַט וואָס אָנצוטאָן און וואָס צו פאַרקויפן. ס׳האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן בויך־טיפוס, פלעק־טיפוס. קיין רפואות זענען נישט געווען, און די אָרטיקע מאַכט איז געווען הילפלאָז אין קאַמף מיט די עפּידעמיעס. זענען טאַקע מענטשן געפאַלן ווי די פליגן.

פרילינג 1942 האָט זיך באַוויזן אַ „גואל" אין געשטאַלט פון צוויי פּוילישע מיליטער־לייט, אַ קאַפּיטאַן און אַ פּאַרוטשניק אין אָרטיקן „וואָיענקאָמאַט". זיי האָבן ווערבירט מענטשן פאַרן פּוילישן מיליטער, וואָס האָט זיך פאַרמירט אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע. שפּעטער האָט מען געזאָלט די אַרמיי אַרויספירן קיין אויסלאַנד. כּמעט יעדער איינער פון אונדז האָט אין דעם געזען אַ רעטונג. די שליחים האָבן אָבער נישט פאַרשריבן קיין ייִדן, דער־קלערנדיק אַז די סאָוועטן־מאַכט האָט זיי געגעבן אַזאַ אָנווייזונג. דאָס איז געווען אַ האַלבער אמת, ווייל אין אַנדערע ערטער האָט מען יאָ פאַרשריבן

ייִדן. די צוויי שליחים זענען נישט געווען קיין גרויסע ייִדנפריינד.

אַ גרויסן טייל פון די פּליטים האָט באַהערשט אַ שרעקלעכע אַפּאַטיע. הונגעריקע, שמוציקע, פאַרלייזיקטע, האָט זיי אַפילו די פרילינג־זון נישט אויפגעוועקט צום לעבן. איך האָב צוגעזען, ווי צוויי יונגע ייִדן זענען ממש געלעגן אויף דער ערד לעבן אַ וואַנט פון אַ „טשייכאַנאַ" (טיי־הויז) און די פּוילישע מיליטער־לייט זענען געזעסן אַנטקעגן אויף אַ ווערענדע פון „וואַיעָנ־קאָמאַט" און צוגעזען, ווי די יונגע מענטשן ראַנגלען זיך מיטן טויט. האָבן זיי זיך געווענדט צום עולם וואָס איז געשטאַנען אַרום, מען זאָל העלפן די אויסגייענדיקע. אפשר קען מען זיי נאָך ראַטעווען. אויב ניט, איז כאָטשבי פאַרשרייבן זייערע נעמען. מען האָט זיי נישט געהאָלפן און די צוויי יונגע ייִדן זענען אַוועק פון דער וועלט.

איך געדענק אַן אַנדער טרויעריקן פאַל. יונגע טאַטע־מאַמע זענען גע־שטאָרבן פון הונגער און איבערגעלאָזט אַ צוועלפיאָריק מיידעלע, פייגעלע ברענער, און צוויי קלענערע ברידערלעך. דאָס מיידעלע איז איצט געוואָרן זייער מאַמע. און דאָס איז נישט געווען קיין איינצלפאַל.

די פּוילישע מיליטער־לייט זענען אַוועקגעפאָרן, נישט מעלדנדיק אונדז קיין זאַך. די פּליטים־פּאַליאַקן האָבן יאָ באַקומען אַ געוויסן צוזאָג. איינער פון זיי, ניעמענטאָווסקי, אַ לערער פון קאָוועל, האָט באַקומען געוויסע פול־מאַכטן. אין איינעם אַ טאָג האָט ער צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג און געמאָלדן, אַז מיר וועלן אין גיכן באַקומען הילף פון אַמעריקע דורך דער פּוילישער אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע. מען האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט מיט ניעמענ־טאָווסקין בראָש, וואָס זאָל טיילן די באַקומענע הילף. די מערהייט אין קאָמי־טעט איז באַשטאַנען פון פּאַליאַקן און אוקראַיִנער. פון די ייִדן האָט מען אויסגעקליבן מיך און אַ ייִדישע פרוי, שׂרה שערער.

לויזער עלענבויגן, וועגן וועלכן איך האָב פריִער דערציילט, איז געווען אין אַ קאָלכאָז נישט ווייט פון אונדזער שטעטל. געוויר ווערנדיק, אַז עפּעס גרייט זיך, איז ער אַראָפּגעקומען צו אונדז. היות מיר האָבן זיך באַקאַנט אין וועג, איז ער שוין געבליבן ביי אונדז שלאָפן און געגעסן מיט אונדז ביי איין טיש. דאָס עסן איז באַשטאַנען פון געקאָכטע גראָזן, פאַרמישט מיט אַ ביסל מעל און אַ מאָל מיט עפּעס באַשמאַלצן. צו איינער אַזאַ סעודה האָבן מיר פאַרבעטן ניעמענטאָווסקין. וועלנדיק זיך באַווייזן פאַר אַ ייִדן־פריינד,

האָט ער מיט אַ שיין קול אויסגעזונגען דאָס פּאָפּולערע יידישע ליד „רויטע קערשעלעך רייסט מען”... ער איז געווען אַ הויכער, רעפּרעזענטאַטיווער מאַן און אַפילו די אָפּגעריסענע בגדים האָבן נישט אַוועקגענומען זיין חן. פון דעמאָלט אָן זענען מיר געוואָרן מיט אים באַפריינדט. און אַז ס'איז אָנגעקומען די הילף, האָבן מיר באַקומען אַ הילצערנעם בנין אין מיטן שטאָט. ניעמענטאָווסקין, מיך און נאָך צוויי פוילישע פרויען האָט מען באַשטימט פאַר מאַגאַזינער. ווי פרויען פון פוילישע אָפיצירן זענען זיי אַרעסטירט געוואָרן דורך דער נ.ק.וו.ד., און מען האָט זיי אַהער פאַרשיקט. געווען זענען זיי אויף גרויסע צרות. ערשט איצט, ווען ס'איז אָנגעקומען די הילף, האָט זיך זייערע און אונדזער לאַגע אַ ביסל פאַרבעסערט. מיר האָבן באַקומען אַ ביסל שפּייז־פּראָדוקטן און בגדים. אָבער מענטשן זענען נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען אויסגעהונגערטע, אויסגעמאַטערטע, געקליבן אויפן באַזאַר אָפּפאַל און געלייגט אין מויל. אַ בחור וואָס זיינע צוויי ברידער זענען געשטאָרבן פון הונגער, איז דערגאַנגען צו אומנאַרמאַלקייט. ווען ער פלעגט דערזען אויפן באַזאַר פלעצלעך צו פאַרקויפן, פלעגט ער באַפאַלן, אַרויסכאַפּן אַ פלעצל און אַנטלויפן. די אוזבעקן פלעגן אים נאָכיאָגן און דערלאַנגען שרעקלעכע קלעפּ. דאָס האָט אים באַרויקט בלויז אויף עטלעכע טעג. און ווידער פלעגט ער באַפאַלן פלעצלעך־פאַרקויפערס.

מען האָט באַשלאָסן אַז פאַר די נישט קיין חתונה־געהאַטע, אָדער אַלטע לייט, וואָס קענען זיך אַליין נישט קאָכן, זאָל מען שאַפן אַ קיך און אַרויסגעבן דריי מאָל אין טאָג עסן. די אַרטיקע מאַכט האָט פאַרן דאַזיקן צוועק צוגעטיילט צוויי גרעסערע שטובן. אין איינער האָט מען געקאָכט און אין דער צווייטער געגעסן. דער רוב האָט דאָס אָפּגעקאָכטע עסן גענומען צו זיך אַהיים. געווען צוויי עלטערע פּאָר־פּעלקער, וואָס זענען געשלאָפן אין דער שטוב ווו מען האָט ביי טאָג געגעסן. זיי האָבן געהאַלטן ריין די שטוב און אויך געהיט, מען זאָל ביי נאַכט נישט אַרויסשלעפּן די כלים.

דעם מאַגאַזין מט די פּראָדוקטן און מלבושים האָבן געהיט די מאַגאַזין־אָנגעשטעלטע און איך בתוכם. ס'איז נישט געווען קיין קליינע סכנה צו היטן, ווייל עס פלעגן פאָרקומען נישט ווייניק רויב־איבערפאַלן. היות דער מאַגאַזין איז געווען אין מיטן שטעטל און מיר האָבן אונטערגעשמירט די מיליץ, האָבן מיר אויסגעמיטן גניבות און איבערפאַלן.

דאָ האָט זיך ביי אונדז באַוויזן אַ פרוי, טאַשע שטיין, וואָס האָט געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אין אונדזער ווייטערדיקן לעבן. זי איז געקומען פון אַ „סאָווכאָז" (אַ מלוכישע ווירטשאַפט) אין דער געגנט. מיר האָבן געזוכט אַ קעכין פאַר דער אויפגעשטעלטער געזעלשאַפטלעכער קיך. טאַשע, אַן עלנטע פרוי, האָט זיך צוגעבונדן צו מיין משפחה און געוואָרן אַ טייל פון איר. זי האָט ליב באַקומען און זיך אָפּגעגעבן מיט אונדזערע צוויי טעכטערלעך. אויך לוזער עלענבויגען איז געווען עלנט. אמת, אין דער אַלטער היים האָט ער איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט פיר ייִנגעלעך, וועמענס בילדער ער האָט געטראָגן מיט זיך און ביי יעדער געלעגנהייט מיט טרערן געקוקט אויף זיי. דעמאָלט האָט מען נאָך נישט געוווּסט דעם גורל פון די פּוילישע ייִדן. די סאָוועטישע פּרעסע האָט פּובליקירט „אומגלייבלעכע" זאַכן. דער עולם האָט אָבער געטראַכט, אַז דאָס איז „פּראָפּאַגאַנדע". דער אמת איז געווען טויזנטער מאָל גרויליקער.

אין דער זעלבער צייט האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַ יונגן, הויכן, שיינעם בחור, בן־ציון בערגמאַן. ער איז געווען מיט אַ מאַמען, און זי האָט אים גערופן סעניאַ, אַזוי האָבן אים אויך גערופן אַלע אַנדערע. דערציילט האָט ער, אַז ער שטאַמט פון גרעסטן דאָרף פון פאַרמלחמהדיקן פּוילן, זשאַביע, לעבן קאָלאָמיי. מיר האָבן זיך דערנענטערט, און דער אונטערשיד אין עלטער האָט אונדז נישט געשטערט צו ווערן זייער נאָענטע חברים. ער איז אויך געוואָרן אַ פריינד פון אונדזער משפחה. און אויך מיט זיין מוטער האָבן מיר זיך באַפריינדט. זיי האָבן בשעתו געהאַט אַ מלוכהשע קאָנצעסיע פון דער פּויליִ־שער רעגירונג אויף אַרויסצובאַקומען זאַלץ. דאָס אַלץ איז געווען גענוג, אַז די נ.ק.וו.ד. זאָל זיי דערקלערן פאַר שונאים פון די סאָוועטן, און באַלד נאָכן פאַרנעמען מיזרח־פּוילן, אַרעסטירט דעם פאָטער און אַ ביסל שפּעטער — די פרוי מיטן זון. דער פאָטער איז געשטאָרבן אין טורמע; די מוטער מיט איר צוואַנציקיאָריקן זון פאַרשיקט קיין סיביר. אַזוי אַרום האָבן מיר זיך געטראָפן אין קירגיזישן שטעטל. ביי אַ האַלב יאָר האָט אונדזער משפחה ממש געהונגערט. אַז איך פלעג ביי עמעצן זען אַ קאַרטאָפל אָדער אַ שטיקל ברויט, פלעגן זיך מיינע אויגן צעפּענען מיט קינאה. פונעם ביסל מעל, וואָס מיר האָבן זיך מיט גרויסע שוועריקייטן איינגעשאַפט, פלעגט הינדע אָפּבאַקן אויפן אָנגעגליטן בלעך פון דער פּליטע קליינע פּלעצעלעך. יעדערער פון

אונדז האָט באַקומען צוויי אַזעלכע פלעצעלעך אויף אַ טאָג. באַלד ווי איך האָב אויפגעגעסן מיין פּאָרציע, פלעג איך אַוועקגיין פון שטוב, בכדי נישט צו שטיין פאַרן נסיון אויפצועסן נאָך אַ פלעצל. אין יענער צייט פלעגן מענטשן שטאַרבן ביי אונדז פון הונגער.

דאָ האָט מיר אַ ביסל אָפּגעגליקט. אַ רוסישע פרוי האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין אַ שניידער און מיך מיטגענומען צו זיך אַהיים, געוויזן פאַרשידענע ביליקע שטאָפן און געפרעגט, צי איך וועל פון דעם עפּעס קענען אויפנייען. כאָטש איך האָב קיין מאָל קיין פרויען־זאַכן נישט גענייט, האָב איך זיך אָן קוּוענקלעניש גענומען צום נייען. ווי נאָר איך בין אַריינגעקומען צו דער פרוי אין שטוב, האָב איך געפילט, אַז מען באַקט עפּעס אין קיך. אויפן טיש האָבן זיך באַלד באַוויזן פלעצלעך. מען האָט געדעקט דעם טיש און מיט רוסישער ברייטהאַרציקייט מיך פאַרבעטן עסן. כאָטש איך האָב דאָ נאָך גאָרנישט געמאַכט, האָב איך זיך נישט געקענט איינהאַלטן און גענומען שלינגען די פלעצלעך און פאַרטרונקען מיט נישט קיין געצוקערטע טיי מיט מילך. איצט האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבעט. פאַרן גיין אַהיים, האָב איך אָן בושה געבעטן אַ פּאָר פלעצלעך פאַר דער משפּחה. אויף מיין שלעכטן רוסיש, האָב איך דערציילט, אַז מיר הונגערן ממש. די רוסן זענען אויך געווען אָרעם, מיר מיטגעגעבן די עטלעכע געבליבענע פלעצלעך. די פּאָר טעג וואָס איך האָב דאָ געאַרבעט, בין איך נישט געווען הונגעריק און דערצו יעדן טאָג מיטגעבראַכט עפּעס אַהיים.

פלוצעם האָט מיך געטראָפן אַ נײַ אומגליק. איך בין קראַנק געוואָרן אויף מאַלאַריע. מיט וואָס צו היילן איז נישט געווען, און די היימישע מיטלען האָבן נישט געהאָלפן. מען האָט מיר צוגעשריבן אַ רעצעפּט וואָס איז געווען אפשר ביטערער ווי כינין, געהייסן אויסטרינקען יעדן צווייטן טאָג אַ גלעזל ריינעם ספּירט מיט פעפער. געהאָלפן האָט עס ניט און אַז איך בין פון דער דאָזיקער „רפואה" נישט אַוועק פון דער וועלט, איז אַ נס. יעדן צווייטן טאָג, אין דער זעלבער שעה, פלעג איך באַקומען זייער הויכע היץ. ס'האָט מיך שרעקלעך געשווידערט, און וויפל צודעקן עס זענען געווען אין שטוב, האָט מען אויף מיר אַרויפגעלייגט און ס'האָט נישט געהאָלפן.

צווישן דער הילף, וואָס מיר האָבן באַקומען פון דער פּוילישער אַמבאַ־סאַדע זענען געווען רפואות, און אין דער ערשטער ריי — כינין, ווייל ס'איז

געוועזן באַוווסט, אַז מיר געפינען זיך אין אַ מאַלאַריע־געגנט. דער כינין האָט מיר טאַקע געהאָלפן אָבער נישט אין גאַנצן אויסגעהיילט. פון צייט צו צייט פלעג איך האָבן מאַלאַריע־אָנפאַלן און אַפילו נאָך דער מלחמה מיטגעבראַכט די קרענק קיין פּוילן. ס׳האָבן געליטן פון מאַלאַריע אויך מיין פרוי אוןביידע טעכטערלעך.

מען האָט אָנגעהויבן שמועסן, אַז אַלע פּאָליאַקן־קריסטן וועלן אין גיכן פאַרלאָזן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. צו מיר האָט זיך געווענדט איינע אַ פּאָלקע, אַ לערערין, מיטן פאָרשלאָג מיטצונעמען מיט זיך אונדזער פינפיאָריק טעכטערל.

די מלחמה איז געווען אין פולן ברען. די היטלעריסטישע חיילות זענען אַריינגעדרינגען טיף אין רוסלאַנד. די מוסלמענישע באַפעלקערונג אַרום אונדז איז געווען פיינדלעך געשטימט צום רעזשים און צו די רוסן. די מאַכט־אָרגאַנען האָבן דורכגעפירט מאַסן־אַרעסטן. דער מענטש זאָל אַרעסטירט ווערן, איז געווען גענוג, אַז עמעצער זאָל אויף אים זאָגן אַ וואָרט. איך האָב שטאַרק געוואָלט אויסנוצן דעם פאָרשלאָג פון דער פּוילישער פרוי און, דורכפירנדיק די געהעריקע פאָרמאַליטעטן, מיטגעבן איר אונדזער עלטער טעכטערל זאָל כאָטש איינער פון אונדזער משפחה זיין אויף דער פריי. הינדע האָט אָבער קאַטעגאָריש געזאָגט ניין, און איך האָב נאָכגעגעבן.

סוף זומער 1942 זענען די פּאָליאַקן און אוקראַינער אָפּגעפאָרן פון נאָוקאָט. מיר האָבן זיך פריינדלעך געזעגנט מיט זיי, באַזונדערש מיט די, מיט וועלכע מיר האָבן זיך דערנענטערט. דער פאַן ניעמענטאָווסקי האָט זיין פּאָסטן פון פאַרשטייער פון די פּוילישע בירגער איבערגעגעבן אונדזער נייעם גוטן פריינד לוזער עלענבויגן, באַקומענדיק דערויף אַ שריפטלעכע באַשטע־טיקונג פון פּוילישן אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע.

די מאַטעריעלע הילף, וואָס מיר האָבן באַקומען פון אויסלאַנד דורך דער פּוילישער אַמבאַסאַדע, האָט ממש אָפּגעראַטעוועט פון הונגער אַ סך פּליטים. מען האָט געגומען אויסזען בעסער און מען איז געווען אויך בעסער אָנגעטאָן, כאָטש די באַקומענע בגדים זענען געווען אָפּגעניצטע. אַז יידן זענען נישט מער געווען הונגעריק, האָבן זיי זיך גענומען רייסן איבער די בגדים, טענהנדיק, אַז ניט אַלע האָבן באַקומען גלייך. מען האָט געשריִען, אַז מען גנבעט, אַז זייער מומע און זייער פעטער שיקן פאַר זיי מער, ווי זיי באַקומען.

האָט מען באַשלאָסן אויסצוקלייבן אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל אויפפּאַסן אויף דער יושרדיקער פאַרטיילונג פון די מלבושים, פון די שפּייז־פּראָדוקטן און פון די אַכילות אין קיך. און אַז מען האָט זי אויסגעקליבן, האָט מען גענומען טומלען, אַז אויך די קאָמיסיע גנבעט. עס זענען אַוועק מסירות. מען איז פון העכער געקומען קאָנטראָלירן. אויך די אָרטיקע סאָוועטישע מאַכט האָט זיך פאַראינטערעסירט מיטן ענין. מען האָט נישט אַנטדעקט קיין גנבות און קיין פעלשונגען, אָבער די חשדים האָבן נישט אויפגעהערט.

לוזער עלענבויגן האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ טעטיקן מענטש. ער פלעגט פאָרן אין דער קרייזשטאָט אַש, ווו ס'איז געווען די באַזע פון די אַמעריקאַנער פּראָדוקטן און קליידער, און האָט דאָרטן איינגעלייגט ווערטן צו באַקומען וואָס מער. ער פלעגט ברענגען אַ סך נייע דעקעס. און אַז דער עולם האָט שוין געהאַט גענוג אויף צודעקן זיך, האָט מען פון די דעקעס גענייט הויזן, אַ בלוזע, אַ רעקל. אַנדערע פלעגן די דעקעס פאַרקויפן אויפן באַזאַר, און געהאַט געלט צו קויפן זיך וואָס נייטיק.

אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען ביז פרילינג 1943. די רוסישע צייטונגען האָבן גענומען שרייבן וועגן מיינונגס־פאַרשידנקייטן מיט דער פּוילישער, עמיגראַנטישער רעגירונג אין לאָנדאָן, און אין איינעם אַ טאָג געמאָלדן, אַז די באַציִונגען זענען איבערגעריסן געוואָרן. פאַר אונדז, פּוילישע ייִדן, איז דאָס געווען אַ שווערער קלאַפּ. מיר זענען געבליבן אָן אַ טאַטן. די סאָוועטישע מאַכט האָט באַשטימט זייערע אויפזעערס איבער די געבליבענע זאַכן. אונדזער קאָמיטעט מיט לוזער עלענבויגן בראָש האָט מען גערופן אין נ.ק.וו.ד. און געמאָלדן, אַז היות עס זענען איבערגעריסן די באַציִונגען מיט דער פּוילישער רעגירונג, ווערן מיר נישט באַטראַכט פאַר קיין פּוילישע בירגער און מוזן אַרויסנעמען סאָוועטישע פּאַספּאָרטן. בלויז די וואָס קענען באַווייזן, אַז זיי זענען פאַרן קריג געווען פּוילישע בירגער, וועט מען נישט אויפצווינגען צו נעמען אַ סאָוועטישן פּאַספּאָרט. לוזער האָט געהאַט זיין פּוילישן „דאָוואָד אָסאָביסטי", האָט מען אים דערווײַלע אָפּגעלאָזט. מיך און נאָך אַ פּאָר מיטגלידער פון קאָמיטעט האָט מען פאַרהאַלטן און גענומען רעדן צו אונדז מיט אַ האַרב לשון, אַז אויב מיר וועלן נישט „פּריוויליק" איינשטימען, וועט מען אונדז אַרייננזעצן און ס'דראָט אונדז אַ שטראָף ווי פאַר פּיינדלעכע עלעמענטן. די נ.ק.וו.ד.־יסטן זענען געווען גרייט אונדז אָפּצולאָזן אויף צוויי

טעג און דאָן זאָלן מיר קומען אַרויסנעמען די פּאַספּאָרטן. אַז מיר האָט מען אַרויסגעגנבעט מײַנע דאָקומענטן אין ראַוונע, האָב איך שוין דערציילט. אויך די אַנדערע וואָס זענען געווען מיט מיר, האָבן נישט געהאַט זייערע פּוילישע פּאַפּירן. מיר האָבן צוגעזאָגט זיך צו באַקלערן און קומען אין צוויי טעג אַרום מיט אַן ענטפער.

דאָס איז געווען איינע פון די שווערסטע טעג אין אונדזער לעבן. די נ.ק.וו.ד. האָט געהאַט פאַר אַ ציל צו ערשט איינצוברעכן אונדז, די פאַר־שטייערס. מיט די איבעריקע, האָט זי געטראַכט, וועט דעמאָלט גיין לײַכטער. באַלד ווי מען האָט אונדז אָפּגעלאָזט, האָט די נ.ק.וו.ד. גענומען רופן די אַנדע־רע, זאָגנדיק, אַז מיר האָבן שוין מסכּים געווען. ס'האָט נישט געהאָלפן דאָס אָפּנאַרן זיי. קיינער פון די גערופענע האָט נישט מסכּים געווען צו ווערן אַ סאָוועטישער בירגער. אַלע האָבן זיך אָפּגעבעטן אויף אַ פּאָר טעג.

ווען מיר, די פאַרשטייערס, זענען אין צוויי טעג אַרום געקומען מיט דער תּשובֿה, אַז מיר נעמען נישט די סאָוועטישע פּאַספּאָרטן און ס'איז נישט געזעצלעך אונדז דערצו צו צווינגען, ווײַל נאָך דער מלחמה ווילן מיר זיך אומקערן קיין פּוילן צו אונדזערע אייגענע, האָבן די נ.ק.וו.ד.־לייט אונדז פאַרגעלייענט פון די צוגעגרייטע צייטונגען, וואָס די דײַטשן טוען אָפּ מיט די ייִדן אין פּוילן, און אַז מיר האָבן סיי ווי נישט צו וועמען צו פאָרן... מיט מיר פּערזענלעך האָט גערעדט דער נאַטשאַלניק פון נ.ק.וו.ד., וואָס האָט מיך געקענט. זעענדיק, אַז איך בין דעצידירט נישט נאָכצוגעבן, האָט ער מיך מיט גוטן געפּרוווט איבערצײַגן. „פּוטערמאַן, האָט ער געזאָגט, ס'וועט אײַך אַלעמען גאָרנישט נישט העלפן. ביז איצט האָבן מיר אײַך נישט גע־טשעפּעט, איצט, אַז מיר האָבן פון העכער די אָנווייזונג אײַך אַרויסצוגעבן די סאָוועטישע פּאַספּאָרטן, וועל איך מוזן אָננעמען דערצו אַלע מיטלען. צו ערשט וועל איך דיך אַרײַנזעצן אויף 48 שעה צווישן די ערגסטע פאַר־ברעכערס. זיי וועלן דיך נישט לאָזן רוען קיין מינוט. וועסט דערפילן אַ שרעקלעכן שמוץ און געשטאַנק. ס'וועלן דיך באַפאַלן לייז און וועסט זיך קומען בעטן, מען זאָל דיר געבן דעם פּאַספּאָרט, אַבי אַרויס פון דאָרטן. דאָס אַלץ קענסטו אײַנשפּאָרן. אויב ס'וועט נאָכן קריג אָנגענומען ווערן אַ באַשלוס צו לאָזן אײַך אַלעמען פאָרן אַהיים, וועט איר אַלע אַרויספאָרן".

דאַכט זיך, לאָגישע ווערטער, אָבער נישט ביי די סאָוועטן. זיי האָבן אַלץ

געקענט איבערדרייען מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פּיס אַרויף. זיי האָבן געקענט זאָגן, אַז מיר האָבן פּריוויליק, ממש זיך איינגעבעטן צו קריגן די סאָוועטישע בירגערשאַפט. קיין אויסוועג האָבן מיר אָבער נישט געהאַט און נאָך אַ באַראַטונג באַשלאָסן צו נעמען די פּאַספּאָרטן. ווען די איבעריקע פּוילישע ייִדן האָבן דאָס געהערט, האָבן זיי אויך בלית־ברירה אונדז נאָכגעטאָן. קיינער האָט נישט ריזיקירט מיטן נעמען אויף זיך יאָרן געפענקעניש. די נ.ק.וו.ד. האָט אָפּגעהאַלטן אַ ניצחון.

אַ פּאָר וואָכן זענען מיר אַרומגעגאַנגען מיט פאַרכמורעטע פּנימער און פאַרקלעמטע הערצער. נאָר אַז מיר האָבן געהערט, וואָס עס טוט זיך אַנדערשוווּ, באַזונדערס אין דער קרייז־שטאָט אַש, האָבן מיר זיך באַרויִקט. אומעטום האָט זיך אָפּגעשפּילט די זעלבע טראַגעדיע.

די עלטערע לייט וואָס האָבן נישט געקענט אַרבעטן, און אַזעלכע וואָס די אַרטיקע מאַכט האָט אַנערקענט פאַר אינוואַלידן, האָבן ווידער באַקומען אין דער קיך עסן אָדער טרוקענע פּראָדוקטן, אָבער אַ סך ווייניקער ווי פריִער. ייִדן האָבן זיך אויפגעהערט צו קריגן און באַוויינט די עטלעכע גוטע חדשים... מיר אַלע וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר אַנגעשטעלטע ביי דער פּוילישער אַמבאַסאַדע, זענען געבליבן אָן אַרבעט. איך האָב זיך אַ ביסל פאַרנומען מיט שניידעריי. כ׳האָב אַפילו געניייט פרויען־זאַכן און אויך מיליטערישע קליידער פאַרן מיליטערישן קאָמיסאַר, פאַרן נאַטשאַלניק פון נ.ק.וו.ד., אַלץ ביי זיי אין די שטיבער. דאָרטן האָב איך געגעסן, באַקומען אַ ביסל פּראָדוקטן און אַ קליינעם געצאָלט. די דאָזיקע נאַטשאַלסטווע האָט נישט געליטן קיין הונגער. די קאָלכאָזן און סאָווכאָזן האָבן זיי אַריינגעבראַכט אין שטוב אַריין פּראָדוקטן. שפּעטער אַ ביסל האָט מען אַ טייל פון זיי, מיטן פּאַרטיי־סעקרעטאַר בראָש, אַרעסטירט און געגעבן האַרבע שטראָפן.

מיר ווערן מאָביליזירט

זומער 1943 האָט מען מאָביליזירט צום „טרוד־פראָנט", ס׳הייסט, אין אַרבעט־באַטאַליאָנען, אַלע געוועזענע פּוילישע בירגער, צווישן זיי אויך מיך. דאָס איז ווידער געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַר מיין משפּחה. די אַלע וואָס האָבן געקענט באַווייזן, אַז זיי זענען געוועזענע פּוילישע בירגער, האָבן

באַקומען פּאַספּאָרטן אָן מדינה־צוגעהעריקייט („בעזגראַזשדאַנסקי פּאַס־פּאָרט"). די האָט מען נישט מאָביליזירט. געווען זענען זיי עטלעכע מענטשן, בתוכם לוזער עלענבויגען.

היות איך בין געווען באַקאַנט מיטן „וואָיענקאָם" פון נייען פּאָר אים און זיין ווייב, האָב איך אים געבעטן מיך נישט צו מאָביליזירן. מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט האָט ער געזאָגט, אַז ער קען מיין אָוועקגיין אָפּלייגן בלויז אויף אַ פּאָר חדשים. אָבער ער האָט מיר געעצהט, נישט אָפּצולייגן. איצט וועל איך גיין מיט אַלע באַקאַנטע, און שפּעטער — נאָר מיט פרעמדע, ווייל גיין וועל איך מוזן סיי ווי סיי. האָב איך אים געבעטן מיך צו מאָביליזירן אין דער פּוילישער אַרמיי, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן. האָט ער דער־קלערט, אַז ער האָט אַן אָנווייזונג נישט צו מאָביליזירן קיינעם פון זיין ראַיאָן אין דער פּוילישער אַרמיי־איינהייט, אָנגעפירט פון וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ. פון דעסטוועגן איז ער גרייט מיין ביטע נאָכצוקומען, צוגעבנדיק: „פּוטערמאַן, דאָרט שיסט מען, און דאָ ווו כ׳וועל דיך שיקן, דאַרף מען בלויז אַרבעטן". קענטיק, אַז איך האָב געוואָלט אָפּשטופּן דאָס שיידן זיך פון מיין משפּחה, דעריבער געווען גרייט צו גיין אין פייער אַריין. דער אוקראַיִנישער גוי, דער „וואָיענקאָם", האָט מיך אָפּגעהאַלטן דערפון און אפשר געראַטעוועט פון טויט. מען האָט מיך פאַרשריבן אין אַרבעט־באַטאַליאָן.

אין אַ באַשטימטן טאָג האָבן מיר זיך צוגעשטעלט אין הויף פון „וואָיענ־קאָמאַט". מען האָט פאַר אונדז געהאַלטן אַ רעדע וועגן דער וויכטיקייט פון אַרבעט־באַטאַליאָן אין מלחמה־צייט און אין וועגענער, געשפּאַנטע אין פערד פון די קאָלכאָזן, געהייסן צונויפלייגן די פּעקלעך וואָס יעדער איינער האָט געהאַט מיט זיך. איינער אָדער צוויי פון אונדז זאָלן זיך אַרויפזעצן מיטן פורמאַן, בכדי צו היטן די זאַכן. די איבעריקע וועלן גיין צו פוס. מיר האָבן געדאַרפט אָנקומען קיין קיזיל־קיִאַ, אַ 50 ק"מ פון נאַוקאַט.

אין צוויי טעג אַרום זענען מיר אַהין דערגאַנגען. דאָ זענען געווען גרויסע קוילן־שאַכטעס, אַ גרעסערע באַן־סטאַציע. מען האָט געוואַרט אויף אַן אָנווייזונג וואָס מיט אונדז צו טאָן. בכדי מיר זאָלן נישט אַרומגיין פּוסט־און־פּאַס, האָט מען אונדז געלאָזט גראָבן פאַרשידענע גריבער, קאַנאַלן. אין גרויסע תבואה־מאַגאַזינען האָבן מיר געדאַרפט אַריבערוואַרפן די תבואה פון איין אָרט אין צווייטן, בכדי זי זאָל זיך נישט אָנהיצן. באַלד איז אונטערגעקומען

אַ צרה. כמאַרעס הײשעריקן האָבן ממש באַדעקט דעם הימל. מען האָט אונדז אויפגעקלערט, אַז אויב דער הײשעריק וועט זיך אַראָפּלאָזן אויף די קערנער, וועט אין אַ פּאָר טעג נישט בלייבן פון זיי קיין זכר. מען האָט אונדז געגעבן זעק, אויף צו פּאַכען מיט זיי און אָפּיאָגן דעם הײשעריק. קיין הײשעריק האָב איך קיין מאָל אין לעבן נישט געזען און געוווּסט וועגן אים בלויז פון דער הגדה של פּסח — די זיבעטע מכה, ארבה. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דאָס אָנשיקעניש פאַרשוווּנדן, און אונדז האָט מען אַוועקגעפירט אין לאַסט־וואַגאָנען ביז צו דער באַן־סטאַציע גאָרטשאַקאָווא, וואָס לעבן דער אוזבע־קישער גרויסער שטאָט פערגאַנאַ. דאָ האָט מען זיך ווידער אָפּגעשטעלט און געוואַרט אויף ווייטערדיקע אינסטרוקציעס. און ווידער האָט מען אונדז באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע אַרבעטן.

ס'איז געווען אין מיטן זומער. די טעג זענען געווען זייער הייסע. אין די אָוונטן פלעגט ווערן אַ ביסל קילער. מיר זענען געזעסן אין די ברייט צעעפנטע טירן פון די לאַסט־וואַגאָנען און זיך דערציילט געשיכטעס פון דער אַמאָליקער היים. געווען איז מיט אונדז משה פרעכטער, דער זון פון אונדזער שטאָטישן חזן, וואָס האָט אויך געקענט שיין זינגען. מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ בענק־שאַפט צו דעם, וואָס איז געווען און נישטאָ מער. האָב איך געבעטן משהן, ער זאָל עפּעס זינגען פון זיין טאַטנס ימים־נוראים־תפילות. האָט ער זיך צעזונגען „ומפני חטאינו גלינו מארצנו", „ונתנה תוקף"... און אַנדערע האַר־ציקע תפילות, וואָס האָבן זיך זיס צעגאָסן אין אַלע אברים. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז יעדן איינעם איז אַ ביסל לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן, אַלנפאַלס צו מיר, צו מיינע געפילן האָבן זיי קיין מאָל אַזוי נישט גערעדט, ווי אין יענע אָוונטן לעבן דער אוזבעקישער שטאָט פערגאַנאַ. אַגב, וויל איך באַצייכענען, אַז דער זעלבער משה פרעכטער האָט מיך נאָך אין נאָוקאָט געפרעגט, פאַר וואָס איך שרייב נישט קיין ארץ־ישראל. ער האָט דאָרט געהאַט אַ שוועסטער און אַ ברודער. מיר האָט עס אויסגעזען לאָגיש. האָב איך טאַקע אָנגעשריבן, און ס'איז מיר אָנגעקומען פון „דזשאָינט" אַ פּעקל מיט שפּייז און שיך. אָבער די הויפּטזאַך — מען איז געוויר געוואָרן, אַז איך לעב און אויך ווו איך געפין זיך.

לעבן דער סטאַציע איז געווען אַ באַזאַר. נישט האָבנדיק וואָס צו טאָן, זענען עטלעכע יידן אַוועק אַהין. דאָרטן האָבן זיך אַרומגעדרייט מלחמה־

אינוואַלידן, רוסן. דערזעענדיק די ייִדן, האָבן זיי אָנגעהויבן צו שפּעטן פון זיי און צו שרייען: „סדיעלאַיעם מאַלענקי פּאָגראָמטשיק נאַ יעוורייעוו!" (לאָמיר מאַכן אַ קליינטשינקן פּאָגראָם אויף ייִדן). מיט געשרייען האָבן זיי זיך געלאָזט אויף די ייִדן, געהויבן די קוליעס. די ייִדן זענען געלאָפן מעלדן דער אָרטיקער מיליץ. דער קאָמענדאַנט האָט דערקלערט, אַז ער ווייסט אַז די מלחמה־אינוואַלידן פירן זיך אויף ווילד, אָבער ער קען גאָרנישט נישט מאַכן. אויב זיי וועלן באמת עמעצן צעשלאָגן, וועט ער פאַרלאַנגען פאַר־שטאַרקונג און זען עפּעס צו טאָן. די ייִדן האָט ער געעצהט גיין צו זיך אין די וואַגאָנען און נישט אַריינלאָזן זיך אין קיין אַוואַנטורע.

מיט אונדז איז געווען איינער אַ בעסאַראַבער ייִד, קאַגאַן, אַ הויכער, שטאַרקער מאַן אין די פערציקער יאָרן. דערהערנדיק וואָס אויפן באַזאַר האָט פּאַסירט, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: „ווער עס וויל, זאָל מיט־גיין מיט מיר. איך וועל זיי אָנלערנען!" איך בין ווייט געווען פון צו זיין אַ העלד און שטענדיק אויסגעמיטן געשלעגן. די זיכערקייט פון דעם בעסאַ־ראַבער ייִד האָט מיך מיטגעריסן און כ׳בין געווען צווישן זיינע מיטגייערס. ווי נאָר די אינוואַלידן האָבן אונדז דערזען, זענען זיי ווידער אַרויס מיט זייערע באַרימטע געשרייען, און ווען איינער פון זיי האָט אויפגעהויבן די קוליע, האָט אים קאַגאַן אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט און שטרענג געפרעגט, וואָס ער וויל. דער רוס האָט זיך דערשראָקן, אַראָפּגעלאָזט די קוליע און געזאָגט צו קאַגאַנען: „איך טשעפּע דאָך נישט דיך, וואָס ווילסטו?" און קאַגאַן צו אים: „און דו וואָס ווילסטו פון די מענטשן? אויב דו טראָגסט זיך נישט אָפּ, וועסטו אָנווערן דיין אַנדערן פוס!" די אינוואַלידן האָבן אַראָפּ־געלאָזט די נעזער און אַוועק.

ענדלעך האָט מען אונדז געפירט ווייטער און געבראַכט קיין ניזשני־טאַגיל. דעם עשעלאָן האָט מען אָפּגעשטעלט אויף אַ זייטיקער באַן־ליניע, און ס׳האָבן אָנגעהויבן קומען פאַרשטייערס פון פאַבריקן און אונטערנעמונגען, פאַר אינטערעסירטע אין אַרבעטס־קראַפט. מען האָט געמאַכט אַ רשימה מיט די נעמען און פּראָפעסיעס פון אונדז אַלעמען. איך האָב זיך אָנגעגעבן פאַר אַ שניידער, נישט גלייבנדיק, אַז מען וועט מיך נעמען צו דער אַרבעט ביי מיין פאַך, בעת עס גייט אַ בלוטיקער קריג. די צייטונגען שרייבן, אויף די פאַרזאַמלונגען רעדט מען, אַז אַלע דאַרפן צולייגן אַ האַנט צום צעשלאָגן

דעם שרעקלעכן שונא. ס׳איז מיר נישט איינגעפאַלן, אַז אויך הויזן קענען דינען דעם דאָזיקן ציל, ווייל אין משך פון דער גאַנצער צייט פון מיין זיין אין רוסלאַנד, האָט מען מיך נישט באַשעפטיקט ביי שניידעריי. מיין חבר סעניע בערגמאַן האָט זיך פאַרשריבן פאַר אַ בוכהאַלטער, אויך ער האָט נישט געגלייבט, אַז מען וועט אים ביי דעם באַשעפטיקן. מיר האָבן זיך ביידע געהאַלטן צוזאַמען. ווי גרויס איז געווען אונדזער איבערראַשונג, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען אויף דער סטאַציע אַראָפּגעקומען ציווילע און מיליטער־רישע לייט און פאַרגעלייענט לויט דער רשימה, ווו יעדער איינער איז באַשטימט געוואָרן. מיך האָט צוגענומען אַ שניידעריי אין ניזשני־טאַגיל, און סעניען האָט מען געשיקט פאַר אַ בוכהאַלטער אין אַ לאַגער עטלעכע צענדליק קילאָמעטער פון דער שטאָט. ביידע זענען מיר אַזש צעמישט געוואָרן פון דער באַשטימונג. ס׳האָט אונדז בלויז פאַרדראָסן, וואָס מיר ווערן צעשיידט. האָב איך געפּרוווט בעטן דעם מענטש, וואָס איז געקומען מיך נעמען, ער זאָל אויך באַשעפטיקן סעניען. ער האָט מיך געפרעגט וועגן זיין פּראָפעסיע. כ׳האָב געזאָגט, אַז פאַרשריבן איז ער ווי אַ בוכהאַלטער, אָבער קען אויך זיין אַ שניידער־געהילף. דער ענטפער איז געווען, אַז ער דאַרף נאָר קוואַליפיצירטע שניידערס. האָב איך דערקלערט, אַז אָן בערגמאַנען גיי איך נישט. דער רוס, אַ מלחמה־אינוואַליד, האָט מיך אָנגעקוקט, ווי אַ משוגענעם און שטרענג געפרעגט, צי איך ווייס, אַז מיר זענען מאָביליזירטע און ווו מיר ווערן באַשטימט, אַהין מוזן מיר גיין.

דאָ האָב איך דערזען אַ הויכן מיליטער־מאַן, הויך אין וווקס און אין ראַנג. מיר, איך און סעניע, זענען צו אים צוגעגאַנגען, און סעניע האָט אין אַ פיינעם רוסיש מיט טרערן אין די אויגן דערציילט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, אַז איך בין פאַר אים ווי אַן עלטערער ברודער און אָן מיר קען ער נישט לעבן. סעניע איז דעמאָלט אַלט געווען 22 יאָר און אויסגעזען נאָך יינגער, ממש ווי אַ יינגל. דער מיליטער־מאַן האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף סעניעס אַקסל, אים באַרויִקט און געזאָגט, אַז ס׳וועט זיין אין אָרדענונג. אַ סאָלדאַט האָט ער געשיקט רופן דעם רוס, צו וועלכן איך בין געווען באַשטימט, און אים באַפוילן מיטצונעמען אויך סעניען צו דער אַרבעט.

ס׳האָט זיך געשטעלט די פראַגע, ווי וועט סעניע דערווייזן, אַז ער איז אַ שניידער־געהילף. אין וואַגאָן האָב איך אים געוויזן, ווי אַזוי מען האַלט

אַ נאָדל מיט אַ פֿינגערהוט, ווייל אין לעבן האָט ער עס נישט געטאָן, זייענדיק אַ פֿאַרצויגן, רייך זונדל. ער האָט גיך געכאַפּט די „תּורה", איינגענייט אַ פּאָר קנעפּלעך און אויסגעגנייט לעכלעך. פּאַר אַ שניידער־געהילף איז עס געווען גענוג. דער נאַטשאַלניק פֿון דער שניידעריי, כירוויימאַוו, האָט נישט געהאַט קיין ברירה און געמוזט באַשעפֿטיקן סעניען. די אָנווייזונג איז געקומען פֿון הויך. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אונדזער ווילטוער איז אַ פּאָל־קאָווניק פֿון נ.ק.וו.ד., ביכאָווסקי, די צווייטע האַנט פֿון אַ גענעראַל, וואָס האָט אָנגעפֿירט מיט אַ גרויסער קריגס־אונטערנעמונג „טאַגיל־סטראָי, נ.ק.וו.ד.". כ'בין חושד, אַז ביכאָווסקי איז געווען אַ ייִד.

מיר זענען געווען גליקלעך צו בלייבן און אַרבעטן צוזאַמען. די גאַנצע גרופּע פֿון נאַוקאַט, וואָס איז געבליבן אין ניזשני־טאַגיל, איז איינגעקוואַר־טירט געוואָרן אין אַן אַרבעט־לאַגער, ווו פֿריִער האָבן זיך געפֿונען אַרעס־טאַנטן. קענטיק, אַז דאָס איז געווען אַ „מוסטער־לאַגער" — גאַנץ פֿיין איינ־געאָרדנט, מיט אַ סך גרינס און אַפֿילו בלומען לעבן די באַראַקעס. די נאַרעס זענען געווען פֿון געהובלטע ברעטער און באַמאָלט מיט פֿאַרשידענע פֿאַרבן. דאָס האָט צוגעגעבן דעם באַראַק אַ יום־טובדיקן אויסזען. אויף די נאַרעס זענען געלעגן מאַטראַצן. ס'זעט אויס, אַז אַהער פֿלעגט מען ברענגען פֿאַר־שידענע קאָמיסיעס פֿון אינ־ און אויסלאַנד, זיי זאָלן זיך איבערצייגן, ווי גוט עס האָבן ביים סאָוועטישן רעזשים אַפֿילו מענטשן, וואָס זענען באַגאַנגען פֿאַרברעכנס... אויף די ווענט זענען געהאַנגען לאָזונגען. באַזונדערש האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן די שיין אויסגעצאַצקעטע אויפֿשריפֿט: „אַ דאַנק דיר, גרויסער סטאַלין, פֿאַר דעם גליקלעכן לעבן!" אין פֿאַרגלייך מיט אַנדערע לאַגערן ווו ס'האָבן געהערשט שוידערלעכע באַדינגונגען, האָט מען געקענט זאָגן, אַז די איינגעקוואַרטירטע מענטשן דאָ זענען גליקלעך. אָבער אויך אין יענע לאַגערן זענען געהאַנגען די זעלבע לאָזונגען — אַן אָפּשפּעטונג פֿון דעם מענטשנס געפֿיל און שׂכל.

אין דער פֿרי — צו דער אַרבעט — האָבן זיך געשלעפּט איבער גע־פֿלאַסטערטע און נישט קיין געפֿלאַסטערטע וועגן טויזנטער און אפשר צענ־דליקער טויזנטער אַרעסטירטע, פֿונאַנדערגעשטעלט אין רייען און באַגלייט פֿון אַ סך נ.ק.וו.ד.־סאָלדאַטן מיט ביקסן און שטילעטן און הינט. אַ טייל פֿון די אַרעסטאַנטן האָט קוים געשלעפּט די פֿיס. ניט געקוקט אויף דעם,

האָט מען זיי געטריבן צו דער אַרבעט אין פאַבריקן און אויף רושטעוואַניעס. אַז מען שמועסט, גליקלעכע מענטשן...

אַ טייל אַרעסטאַנטן איז געווען פּריווילעגירט צו גיין אָדער פאָרן צו דער אַרבעט אָן באַגלייטונג. אויף זייערע היטלען, וועלכע זיי האָבן נישט געטאָרט אַראָפּנעמען סיי זומער, סיי ווינטער, זענען געווען ספּעציעלע סימנים. אַז מען האָט עמעצן פון זיי געטראָפן אָן אַ היטל, איז ער שוין צו מאָרגנס געגאַנגען צו דער אַרבעט אונטער דעם קאָנוואָי, פּונקט ווי אַלע אַנדערע.

פון מיין אַרבעט אין דער שניידעריי איז די נאַטשאַלסטווע געווען זייער צופרידן. איך האָב געקענט די מלאכה און זיך דערוואָרבן אויטאָריטעט אויף אַזוי ווייט, אַז ביים אַרויסגיין האָט מען נישט קאָנטראָלירט מיין טאָרבע, ווי ביי אַלע אַנדערע.

אין איינעם אַן אָוונט, נאָכן אָונט־עסן, ווען מיר זענען שוין געלעגן אויף די נאַרעס, האָט זיך געעפנט די טיר פון אונדזער באַראַק און מען האָט אויפן קול געפרעגט, צי דאָ איז פאַראַן איינער מיטן נאָמען פּוטערמאַן. איך האָב עס געוויס געהערט און אויך סעניע בערגמאַן, וואָס איז געלעגן לעבן מיר. ער האָט מיר געגעבן אַ שטאָרך. מיר איז אָפּגעשטאָרבן יעדער אָבר. עפּעס אַ קלייניקייט, מען רופט דיך ביי נאַכט ביי די סאָוועטן... מיר איז געווען קלאָר, אַז איך האָב דאָ צו טאָן מיט דער נ.ק.וו.ד. כ׳בין אַראָפּגעקראָכן פון דער נאַרע און זיך אָפּגערופן. דער מענטש וואָס איז געשטאַנען אין טיר, האָט מיר באַפוילן זיך אָנצוטאָן און גיין מיט אים. ביי מיר אין קאָפּ זענען דורכגעלאָפן די שרעקלעכסטע געדאַנקען. מיר זענען אָנגעקומען צו דער קאָנטאָר, מיין באַגלייטער האָט געעפנט פאַר מיר די טיר און פאַרשוווּנדן.

אין קאָנטאָר איז ביי אַ טיש געזעסן אַ מאַן, וועלכן איך האָב שוין געהאַט געזען. דאָס איז געווען דער הויפּט־נאַטשאַלניק פון אונדזער לאַגער. אָנגעטאָן איז ער געווען ציוויל. ער האָט מיך געפרעגט, צי איך בין פּוטערמאַן מאָרדקאָ (אַזוי האָב איך מיך געשריבן אין רוסלאַנד). ער האָט מיך העפלעך געבעטן זיך זעצן. פון אונדזער פּראַקטיק האָבן מיר געוווּסט, אַז דאָס איז נישט קיין סימן אויף גוטס. די טבע פון דער נ.ק.וו.ד., די „פיר אותיות“, אין פאָלק־לשון, איז געווען, אַז אָנהייבן הייבן זיי אָן מיט גוטן און ווערן אַלץ בייזער און בייזער. ס׳איז געקומען די פראַגע, צי איך אַרבעט טאַקע ביי כירוווימאָוון, ווי אַ שניידער. איך האָב באַשטעטיקט. האָט ער מיר געזאָגט, אַז מאָרגן זאָל

איך נישט גיין צו אים אַרבעטן. האָב איך דערקלערט, אַז מען וועט מיר פאַרשרייבן אַ „פּראָגול״ און איך וועל שטרענג באַשטראָפט ווערן. האָט זיך דער נאַטשאַלניק צעכאַכאַטשעט און געזאָגט, אַז ער איז דאָ דער בעל־הבית, און ווו ער באַשטימט, דאָרטן וועל איך אַרבעטן. אויף מיין פראַגע, וואָס דאַרף איך מאַרגן אין דער פרי טאָן, איז געווען דער ענטפער, איך זאָל בלייבן אין באַראַק און טאָן וואָס מיין האַרץ גלוסט. ווען מען וועט מיך דאַרפן, וועט מען מיך רופן. דערנאָך האָט ער אויפגעדעקט זיינע קאָרטן: זיי פּלאַנירן צו עפענען דאָ אין לאַגער אַ שניידער־ און שוסטער־וואַרשטאַט פאַר די מאָבילייזירטע, און איך זאָל דערמיט אָנפירן. טאַקע פון כירוווימאָוון האָט ער געהערט וועגן מיר נאָר גוטס און דערפאַר טוט ער אים די „טובה״ און נעמט מיך אַוועק פון אים. פאַרשטענדלעך, אַז די אַ רייד האָבן אַוועקגענומען די שרעק פון מיר, נאָר פריילעך אויפן האַרצן איז מיר נישט געוואָרן. כ׳בין צוריק אַוועק אין באַראַק. מיין חבר, סעניע, האָט זיך מיט מיר דערפרייט, ווי מיט איינעם, וואָס קומט צוריק פון יענער־וועלט. די נאַכט בין איך נישט געשלאָפן. מיין צוקונפט איז נישט געווען קלאָר.

ווען כ׳בין נישט דערשינען צו מאַרגנס אויף דער אַרבעט, האָט מען געפרעגט ביי מיין חבר, וואָס איז געשען. ער האָט זיי דערציילט דעם גאַנצן אמת, ווי כ׳האָב אים געבעטן טאָן. כ׳האָב נישט געוואָלט, מען זאָל וועגן מיר שלעכט טראַכטן, ווייל באַצויגן האָט מען זיך צו מיר אויף דער אַרבעט מיט רעספּעקט.

כירוווימאָוו האָט אינטערווענירט ביי דער העכערער מאַכט, מען זאָל מיך צוריקשיקן צו אים אין וואַרשטאַט. דאָס איז אויך געווען אין די אינטע־רעסן פון דער העכערער נאַטשאַלסטווע, ווייל כירוווימאָוו האָט זיי דירעקט באַדינט. אין צוויי טעג אַרום האָט מיין חבר געבראַכט מיר אַ שריפטלעכן באַפעל צו קומען צוריק אויף דער פריִערדיקער אַרבעט. דער באַפעל איז געווען אַדרעסירט צו מיר און צום נאַטשאַלניק פון לאַגער. איך בין צו אים אַוועק און געוויזן דאָס פּאַפּירל. האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ רוסיש ווערטל: „זיי מעגן באַפעלן און מיר מעגן נישט פאָלגן״. און גלייך צו מאַרגנס האָב איך באַקומען אַ פּלאַץ פאַרן שניידעריי־ און שוסטעריי־וואַרשטאַט, אַ פּאָר ניימאַשינען און אַנדערע נייטיקע מכשירים, אמת, זייער פּרימיטיווע. אַפילו פינגערהוטן זענען געווען אַליין געמאַכטע פון שטיקלעך בלעך. מען

האָט מיר געהייסן אויפזוכן אַ פּאָר שניידערס און שוסטערס פון די מאָבילי־זירטע און אָנהייבן אַרבעטן.

ווען אונדזער וואַרשטאַט האָט שוין געאַרבעט, האָט מיך אַרייַנגערופן דער נאַטשאַלניק פון לאַגער אין זיין קאַנטאָר און געפרעגט, צי כ׳קען עמעצן, וואָס וואָלט אויסגעמאָלן די קאַנצעלאַריע. כ׳האָב צוגעזאָגט צו געבן אַן ענטפער. דאָס האָב איך דערציילט מיין חבר בערגמאַן, און ער האָט זיך באַלד אָנגעכאַפּט אין דעם. צו מאָרגנס האָב איך געמאָלדן דעם נאַטשאַלניק אַז ס׳איז פאַראַן אַ מאָלער. ווידער איז געקומען זיין אָנווייזונג, דער מאָלער זאָל נישט גיין צו כירוווימאָוון און אָנגעבן אַ צעטל פון די נייטיקע מאָלער־אינסטרומענטן און מאַטעריאַלן. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען דאָס אַלץ צוגעשטעלט. בערגמאַן האָט אויסגעמאָלט די קאַנצעלאַריע און מיט אַ שמאַטע געמאַכט פאַרשידענע מוסטערן אויף די ווענט. אַלע האָבן באַוואונדערט זיין „קונסט", און ער איז געוואָרן דער מאָלער פון גאַנצן לאַגער.

צו יענער צייט זענען אָנגעקומען מונדירן, מאַנטלען און הויזן פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, וועלכע מען האָט געדאַרפט איבערנייען פאַר די נאַ־טשאַלניקעס פון לאַגער. כ׳האָב גענומען פאַר זיי נייען גאַליפע־הויזן פון ענגלישן שניט, און זיי האָבן נישט געוווּסט, ווי מיר אָפּצודאַנקען. דער קוכער האָט באַקומען אַן אָנווייזונג צו געבן מיר און די אַנדערע שניידערס און שוסטערס די בעסטע פּאַרציעס. פאַרשטייט זיך, אַז אויך דעם קוכער און זיינע לייט האָבן מיר געמוזט באַקליידן.

כ׳בין געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן מיין פרוי מיט די צוויי פּיצלעך קינדער, וואָס זענען געבליבן אין נאָוקאַט אָן מיטלען צום לעבן. וועגן דעם האָב איך דערציילט דער נאַטשאַלסטווע און געבעטן מיר העלפן אַראָפּצו־ברענגען מיין משפּחה. מען האָט מיר צוגעזאָגט דעם ענין צו באַטראַכטן. דער ענטפער איז געווען אַ נעגאַטיווער אָבער אַ לאָגישער: אַזוי ווי מיר אַלע זענען מאָביליזירטע, קענען מיר זיין היינט דאָ און מאָרגן אַנדערשוווּ, וועט מיין משפּחה ווידער בלייבן אַליין אויפן קאַלטן אוראַל, בעת איצט געפינט זי זיך אין דער וואַרעמער מיטל־אַזיע, וואָס פאַרמאָגט פרוכט און גרינס. דאָס איינציקע וואָס זיי קענען טאָן, איז העלפן אַריבערשיקן אַ ביסל געלט מיין משפּחה. מען פלעגט מיר יעדע פאַר וואָכן אויסשרייבן אַ 10 פּעקלעך מאַכאָרקע, וואָס האָט געהאַט די ווערט פון גאָלד. אַ טייל האָב איך צעטיילט

צווישן מיינע מיטאַרבעטער און די איבעריקע פּאַרקויפט און דאָס געלט איבערגעשיקט הינדען.

לויט די באַדינגונגען פון יענער צייט, איז אונדז אין דעם לאַגער געווען נישט שלעכט. מיך האָט אָבער די בענקשאַפט געגעסן. כ׳האָב נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן הינדען און אונדזערע צוויי טעכטערלעך. ווי קומען זיי אויס? צי הונגערן זיי נישט, חלילה? אונדז האָט דאָך צעשיידט אַזאַ מוראדיקע ווייטעניש.

אַ נייע אַוואַנטורע

מיט אונדז צוזאַמען איז אין נאַוקאַט מאָביליזירט געוואָרן אַ פּריזירער, אַרטשע, וואָס האָט געשטאַמט פון בעסאַראַביע. ער איז נישט געווען קיין ייִד, אָבער גוט גערעדט ייִדיש און געוווּסט אַלע ייִדישע מנהגים. אין דער בעסאַראַבער שטאָט בעלץ האָט ער געאַרבעט ביי אַ ייִדישן פּריזירער, שוואַרץ, וואָס זיין פרוי און אַ טאָכטער זענען געווען אין נאַוקאַט. אין ניזשני־טאַגיל איז ער געוואָרן דער פּריזירער פון גענעראַל, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן „טאַגיל־סטראָי, נ.ק.וו.ד.״. האָט אַרטשע אים געבעטן, מען זאָל אים און נאָך צוויי מאָביליזירטע פון נאַוקאַט לאָזן פאָרן אַהין ברענגען פאַר די מאָביליזירטע פון דאָרטן זייערע וואַרעמע זאַכן, ווייל בעת מען האָט אונדז גענומען איז געווען זומער און מען האָט אונדז נישט געוואָרנט, אַז מען פירט אונדז אין אַ קאַלטער געגנט. דאָס איז געווען זיין טענה. פאַקטיש האָט ער געוואָלט זיך דורכפאָרן און אַ ביסל האַנדלען אויפן וועג. ס׳האָט זיך אים איינגעגעבן צו פאַרקויפן דעם גענעראַל די „סחורה״, און ער האָט באַקומען אַ „קאָמאַנדיראָווקע״ פאַר דריי פערזאָן — פאַר זיך, פאַר מיר, און פאַרן שוסטער משה אַדלער, וואָס האָט געשטאַמט פון דער פּוילישער שטאָט בילגאָריי.

אין ניזשני־טאַגיל איז שוין געשטאַנען אַ שטאַרקער ווינטער. דער מאַגאַזין פון לאַגער האָט לויט אַן אָנווייזונג פון העכער אונדז אַרויסגעגעבן פּראָדוקטן אויף אַ גאַנצן חודש און אויך נייע ווינטערדיקע מלבושים — פופייקעס, וואַטענע הויזן, וואַליקעס, היטלען מיט פוטערנע אויערלעך אויף אַראָפּצולאָזן. אויך סקאַרפּעטן און הענטשקעס האָבן מיר באַקומען. ווען איך בין אַריין צום נאַטשאַלניק פון לאַגער זיך געזעגענען, האָט ער געגעבן אַ

פרעג: „פוטערמאַן, וועסט נאָך אַ מאָל צוריקקומען אַהער? איך גלייב נישט אין דעם". מיין ענטפער איז געווען, אַז איך וועל אומבאַדינגט קומען, ווייל אַזוי גוט ווי מיר איז דאָ, וועט מיר אין ערגעץ נישט זיין. ס׳ווייזט זיך אָבער אַרויס אַז די דערפאַרונג מיט מאָביליזירטע האָט אים געלערנט דאָס פּאַר־קערטע — איך בין טאַקע נישט צוריקגעקומען.

אָנקומענדיק אין סווערדלאָווסק האָבן מיר געדאַרפט קאָמפּאָסטירן די בילעטן אויף צו קענען פאָרן ווייטער. דאָס איז אָבער געווען אוממעגלעך, ווייל די קאַסע־פענצטערלעך זענען געווען באַלאַגערט פון טויזנטער מענטשן. מען האָט זיך געדאַרפט אויסצײַען אויפן זיל און וואַרטן אין „אָטשערעד" טעג און נעכט, ביז ס׳וועט דערגיין די ריי. צו דעם האָבן מיר נישט געהאַט קיין חשק און אויך דאָס נישט געקענט טאָן, ווײַל לויטן דאָקומענט האָבן מיר געמוזט זיך צוריקקערן צום באַשטימטן טערמין. דאָ האָט זיך באַוויזן אַ גואל אין געשטאַלט פון אַ באַן־אַרבעטערין און געמאָלדן, אַז ווער ס׳וועט אָפּאַר־בעטן אַכט שעה, דעם וועט מען קאָמפּאָסטירן די בילעטן אָן אַ ריי. מיר דריי האָבן זיך אין דעם אָנגעכאַפּט. זי האָט אונדז אַוועקגעפירט צו אַ חברה טרעגערס, וואָס האָבן אָנגעלאָדן וואַגאָנען. זיי האָבן זיך מיט אונדז דערפרייט ווי מיט אייגענע ברידער און געוויזן, ווי אַזוי מיט שווערע קאַסטנס אַרויפגיין אין וואַגאָן און דאָרטן זיי מיט אַן אָרדענונג אַוועקשטעלן. מען האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט אַ קעסטל מיט 70 קילאָ טשוועקעס. איך האָב זיך געבראָכן אונטער דער לאַסט, און זיי האָבן געלאַכט פון מיר און פון די אַנדערע צוויי. אַרטשע און משה אַדלער זענען געווען העכער און פיזיש שטאַרקער פון מיר און אויך זיי האָבן געקרעכצט אונטער דער משׂא. עד־היום קען איך נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי איך האָב אָפּגעאַרבעט אַכט שעה ביים אָנלאָדן אַזעלכע קעסטלעך אין וואַגאָן.

די בריגאַדע וואָס האָט אונדז מהנה געווען מיט דער שיינער אַרבעט, איז באַשטאַנען בעיקר פון בעסאַראַבער ייִדן.

נאָכן אָפּאַרבעטן אַכט שעה האָבן מיר עפּעס איבערגעכאַפּט און אַוועק צום פענצטערל קאָמפּאָסטירן די בילעטן. און דאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט אַן אמתער ספּעקטאַקל. מען האָט אונדז צום פענצטערל נישט צוגעלאָזט. ווען מיר האָבן גענומען טענהן, אַז עס קומט אונדז צוצוגיין צום פענצטערל אָן אַ ריי, ווייל מיר האָבן אָפּגעאַרבעט גאַנצע אַכט שעה, איז אויסגעבראָכן אַ

געלעכטער און ס׳האָבן זיך דערהערט געשרייען: „מיר אַרבעטן דאָס גאַנצע לעבן און מוזן דאָ ליגן טעג און נעכט, וואַרטנדיק אויף אונדזער ריי, און איר, וואָס האָט געאַרבעט אַכט שעה, ווילט צוקומען אָן אַן אָטשערעד, דאָס וועט אייך נישט געראָטן, ברידערלעך!״.

די באַן־אַרבעטערין וואָס האָט מיט אונדז געמאַכט דעם אָפּמאַך, האָט געהאַלטן וואָרט. זי האָט אונדז אַריינגענומען צו דער קאַסע דורך אַ הינטער־טיר און אין געציילטע מינוטן זענען אונדזערע בילעטן געוואָרן אָפּגע־שטעמפּלט, און מיר האָבן געקענט פאָרן ווייטער.

ס׳רעדט זיך אַזוי — „פאָרן ווייטער״. בכדי צוצוקומען צו די וואַגאָנען האָט מען געדאַרפט דורכגיין דורך אַ שמאָל טירל אין אַן אָפּצוים, וואָס האָט אָפּגעטיילט די מענטשן פון דער באַן. אַרטשע — דער ערשטער, איך — נאָך אים און אַדלער הינטער מיר, האָבן מיר פּרובירט זיך דורכצושטופּן דורכן טירל, טראָגנדיק אין דער האַנט אַ הילצערן קעסטל און אַ רוקזאַק אויף דער פּלייצע. אַ גרויסער עולם האָט אונדז געהאַט איינגעקלעמט, און איין גרויסע מאַסע האָט זיך געשטופּט צום טירל. ענדלעך זענען מיר דורכ־געגאַנגען.

ס׳איז געווען די נאַכט פון גרויסן סאָוועטישן יום־טוב פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. ראַדיאָ־הילכערס האָבן געמאָלדן, אַז די זיגרייכע רויטע אַרמיי, האָט אָפּגענומען פון די דייטשן די הויפּטשטאָט פון אוקראַינע, קיִעוו. די שטים פונעם ראַדיאָ־דיקטאָר, דעם ייִד, יורי לעוויטאַן, האָט געקלונגען באַזונדערש פייערלעך.

אונדז איז נאָך אויסגעקומען צו קאָמפּאָסטירן די בילעטן אין טאַשקענט. אין אַ גאָרטן לעבן דער באַן־סטאַציע, זענען געלעגן טויזנטער פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן געוואַרט אויף צו קענען פאָרן ווייטער. יעדע ווײַלע פלעגט מען הערן עמעצן אויסרופן, אַז מען האָט אים באַגנבעט. דערביי האָבן זיך אָפּגע־שפּילט מיט די געליטענע שרעקלעכע סצענעס. כ׳געדענק שוין נישט גענוי, דורך וואָס פאַר אַ צופאַל איז אונדז געלונגען אָפּצושטעמפּלען די בילעטן. כ׳געדענק אויך נישט, צי מיר זענען געפאָרן דריי וואָכן אָדער אַ גאַנצן חודש, ביז איך האָב אין איינעם אַן אָוונט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון מײַנע אייגענע.

ס׳איז שוין געווען שפּעט און אַלע זענען געשלאָפן. אויף דער צעשראָ־

קענער פראַגע, ווער דאָ איז, האָב איך מיט שטאַרקן האַרץ־קלאַפּעניש געענטפערט: „דער טאַטע!" הינדע און פערעלע זענען אויפגעשפרונגען פון די געלעגערס. מיר האָבן זיך געהאַלדזט, געקושט, זיך געפרייט, גלייך איך וואָלט באמת צוריקגעקומען פון קריג.

לוזער עלענבויגן און טאַשע, וועלכע איך האָב שוין פריִער געהאַט דערמאָנט, האָבן איצט געוווינט מיט מיינע אייגענע און האָבן ליב באַקומען אונדזערע קינדער. טאַשע האָט געגעבן אַ שטעל אַוועק אויפן טיש אונדזערעביידע מיידעלעך. פערעלע האָט פאַר מיר דעקלאַמירט און טייבעלע, וועלכע איז שוין אַלט געווען ביי דריי יאָר, האָט געזונגען. אין דער „קיביטקע", וואָס איז באַשטאַנען פון איין צימער, איז געווען אַן אמתער יום־טוב.

צו מאָרגנס האָב איך, ווי דאָס געזעץ האָט פאַרלאַנגט, זיך געמאָלדן ביים „וואָיענקאָם", ביי מיין אַלטן באַקאַנטן. ער האָט באַטראַכט מיין דערלויבעניש צו קומען אַהיים און איינגעפונען, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. וועלנדיק אויסנוצן מיין זיין אין נאָוקאַט, האָט ער מיך געבעטן עפּעס אויפנייען פאַר אים. איך האָב דערצו נישט געהאַט קיין גרויסן חשק. האָב איך אים געפרעגט, צי ער קען מאַכן, איך זאָל נישט דאַרפן פאָרן צוריק, און מאָטיווירט, אַז אויך אין ניזשני־טאַגיל פיל איך נישט אויס קיין מיליטערישע אַרבעטן, נאָר ניי פאַר דער נאַטשאַלסטווע. מיט וואָס, אויב אַזוי, איז יענע נאַטשאַלסטווע בילכער, ווי די נאַטשאַלסטווע פון דעם אָרט, וווּ איך וווין און האָב מיין פרוי און קינדער? מיין פראַגע איז אים אויסגעקומען לאָגיש, אָבער ער קען מיר נישט העלפן. צוגעגעבן האָט ער, אַז אויב איך זאָל ווערן קראַנק און אַ דאָקטער וועט באַשטעטיקן, אַז איך קען צוליב דעם נישט פאָרן צוריק, וועט ער מיר קענען העלפן.

דאָ בין איך טאַקע קראַנק געוואָרן, און מען האָט אין מיטן דער נאַכט אַרויסגערופן צו מיר אַ דאָקטער. געקומען איז אַ דאָקטערין, מיך אויסגעהערט און דערקלערט, אַז מיין האַרץ איז עפּעס נישט אין אָרדענונג. זי האָט געהייסן אַרויסרופן אַ קראַנקן־שוועסטער (זעט אויס, אויף צו האָבן אַן עדות) און אין איר בייזיין מיר געמאַכט אַן איינשפּריצונג. זי האָט מיר געהייסן בלייבן אין בעט עטלעכע טעג און זיי ביידע וועלן מיך באַזוכן און געבן די נייטיקע רפואות. אין שטעטל האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז איך בין קראַנק. מיינע צוויי מיטפאַרערס פון ניזשני־טאַגיל זענען געקומען

מיך באַזוכן. דער איבערגעשפּיצטער אַרטשע האָט צו מיר אונטערגעוווּנקען, ווי איינער זאָגט, כ׳פאַרשטיי דיך... זיי האָבן צונויפגענומען ביי די קרובים פון די מאָביליזירטע וואַרעמע זאַכן אויף אַוועקצופירן פאַר זייערע אייגענע און זענען אָפּגעפאָרן. אַרטשען האָט נישט אויסגעמאַכט ווו ער געפינט זיך, אָבער אַדלער האָט דאָ געהאַט אַ פרוי און האָט שווער איבערגעלעבט די צעשיידונג.

דעם וואָיעוואָקאַם האָב איך איבערגעגעבן אַ דאָקומענט פון דער דאָק־טערין, באַשטעטיקט פון דער אָרטיקער אָפּטיילונג פון געזונטהייט־קאָמי־סאַריאַט, און אַלץ איז געווען כשר וישר. איך בין ביסלעכווייז געקומען צו זיך און מיך גענומען צו דער נאָדל. צו ערשט גענייט פאַרן וואָיעוואָקאַם און זיין ווייב; דערנאָך — פאַרן נאַטשאַלניק פון נ.ק.וו.ד. און אַנדערע שׂררות. פּאַקטיש האָב איך געטאָן די זעלבע אַרבעט וואָס אין ניזשני־טאַגיל, נאָר אַנשטאָט פאַר „פרעמדע" האָב איך דאָ געאַרבעט פאַר „אייגענע" נאַטשאַל־ניקעס, מיטן גוואַלדיקן אונטערשיד, וואָס איצט בין איך געווען מיט מיינע טייערע פרוי און קינדער.

זומער 1944, ווען כ׳האָב שוין געהאַט באַקליידט די גאַנצע נאַטשאַלסטווע, האָב איך באַקומען אַ ידיעה אַז אין קזיל־קיאַ, אַ צענטער פון קוילן־שאַכטעס, אַ 50 ק"מ פון נאַקאַוט, זוכט מען אַ צושניידער אין אַ דאָרטיקן מלוכישן וואַרשטאַט. כ׳בין אַהין אַוועקגעפאָרן. ס׳האָט מיך אויפגענומען אַן אָדעסער ייִד, דער דירעקטאָר פון וואַרשטאַט, אַ האַרציקער, גוטער מענטש, נתן לוואָ־וויטש קוטשוק. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו באַזאָרגן אַ וווינונג מיטן סאַמע נייטיקן — אַ פּאָר בעטן, אַ טיש מיט בענקלעך, אַ ביסל האָלץ צום הייצן. ער האָט מיר געגעבן אַ לאַסט־אויטאָ אויף צו ברענגען מיין משפחה מיט אונדזער ביסל בעבעכעס.

קזיל־קיאַ איז געווען אַ סך גרעסער ווי נאָקאַט. אין די שטיבער איז געווען עלעקטרישע באַלייכטונג, פון וואָס מיר זענען שוין געווען אָפּגעוווינט. מיר האָבן באַקומען אַ גאַנץ גרויסן צימער מיט אַ הילצערנעם דיל, וואָס אויך דאָס האָבן מיר שוין יאָרן נישט געהאַט. די מלחמה מיט היטלער־דייטשלאַנד איז אָנגעגאַנגען אין פּוילן ברעג. די סאָוועטן זענען אַוועק אין אָנגריף און די דייטשן האָבן אָפּגעטראָטן מיט גרויסע פאַרלוסטן. דער מצב־רוח פון דער סאָוועטישער באַפעלקערונג האָט זיך פאַרבעסערט. מען האָט

שוין געפּילט היטלערס מפּלה און דעם סוף פון זיין „טויזנט־יאָריקן רייך" און די הערשאַפט איבער דער וועלט.

כ׳האָב אָנגעהויבן אַרבעטן, ווי אַ צושניידער אויפן אָרט פון דעם מאָסקווער ייִד גרינבוים, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט קיין מאָסקווע, פון וואַנען ער איז געלאָפן, ווען די היטלער־חיילות האָבן אָנגעגריפן די שטאָט. אין קזיל־קיאָ האָבן מיר באַקומען נייע באַקאַנטע, מיט וועלכע מיר האַלטן אויף אַ פריינדשאַפט ביז היינט צו טאָג.

אויף דער אַרבעט האָב איך געטראָפן אַ לאָדזשער יונגן־מאַן, מאַקס ראָזענבלאַט, אַ זייער גוטן שניידער. זיין פרוי רוזשקע, פון דער היים שיינ־פאַרבער, איז געווען אַ שיינע, שטאַלטנע פרוי. ביידע — פריילעכע, צוגע־לאָזטע. (אין ישׂראל האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט. זיי האָבן דאָ אָנגענומען דעם פאַמיליע־נאָמען שיינפאַרבער. געקומען זענען זיי מיט זייער ייִנגעלע ראובן און ס׳איז זיי אויך געבוירן געוואָרן דאָס טעכטערל ציפּי — צפּורה. מאַקס און רוזשקע זענען געשטאָרבן נישט דערגרייכנדיק קיין טיפערן עלטער, און מיר האָבן אָנגעוווירן צוויי טייערע און נאָענטע פריינד. זייער זון, ראובן, האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַמעריקאַנער מיידל און וווינט אין ניו־יאָרק. די שטאַרקע פריינדשאַפט וואָס מיר האָבן געהאַט מיט די עלטערן, זענען ממשיך זייערע און אונדזערע קינדער. מיט ציפּי—צפּורה וואָס וווינט אין ישׂראל, שטייען מיר אין קאָנטאַקט.)

אין קזיל־קיאָ האָבן מיר זיך באַפריינדט מיט נאָך צוויי ליבע, קולטורעלע מענטשן — מענדל און איטקע צימערמאַן. ער שטאַמט פון כעלעם און זי — פון וואַרשע. צוזאַמען מיט זיי זענען מיר נאָך דער מלחמה געפאָרן קיין פּוילן, דערנאָך זיך געטראָפן אין בערלין, וווּ איטקע איז געווען באַשעפטיקט אינעם פּליטים־לאַגער שלאַכטענזעע ווי אַ ראַדיאָ־ספּיקערין. זיי געפינען זיך אין ישׂראל און אונדזער פריינדשאַפט איז נישט איבערגעריסן געוואָרן.

אַ וויכטיקע ראָלע אין אונדזער לעבן און אין לעבן פון אונדזערע קינדער, באַזונדערש פון אונדזער עלטערער טאָכטער — פאַליאַ, היינט — פנינה, האָט געשפּילט זאָשע (שאָשקע) וויינבערג, היינט, נאָך איר חתונה — קאָרענבליט. זי האָבן מיר צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין קזיל־קיאָ אויף אַ קאָנצערט, וווּ זי איז אויפגעטראָטן ווי אַ טענצערין. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז זי שטאַמט פון וואַרשע; איר מאַן, מאיר — מיעטעק, איז געווען מאָביליזירט

און האָט געקעמפט אין די רייען פון דער פּוילישער אַרמיי, וואָס האָט זיך געשאַפן אין 1943, און זי איז דאָ אַליין, געהערט צום קאָלעקטיוו פון וואָ־קו:רטן כערסאָנער מלוכה־טעאַטער און טרעט אויף יעדע וואָך. די מענטשן, וואָס האָבן מיר וועגן איר דערציילט, האָבן צוגעגעבן, אַז זי הונגערט צען מאָל אַ טאָג, כאָטש זי איז געווען איינע פון די פּאָפּולערסטע פּערזאָנען אין קזיל־קיאַ, און אירע אויפטריטן אין קולטור־הויז האָבן געצויגן עולם. מען האָט אומעטום געהערט די פראַגע: „גייסט זען זאָיע וויינבערג?" איך, ווי אַלע אַנדערע, בין געווען ממש פאַרכישופט פון אירע אויפטריטן. די חברים, וואָס האָבן זי געקענט, האָבן מיר געבעטן אונדז צו באַקענען מיט איר. מיר האָבן געוואָלט זי זאָל לערנען מיט אונדזער פּערעלען, וואָס איז שוין אַלט געווען זעקס יאָר, לייענען און שרייבן. מיר זענען אויסן געווען די טענצעריןזאָל נישט ליידן קיין הונגער.

אין אָפּגערעדטן אָוונט איז זי נישט געקומען. אונדזערע חברים האָט זי דערקלערט, אַז זי שעמט זיך אַריינצוגיין צו פרעמדע מענטשן, וואָס וויסן אַז זי איז הונגעריק. הונגער ברעכט אָבער אײַזן. אין איינעם אַן אָוונט האָט זי אָנגעקלאַפּט אין אונדזער טיר. מיר האָבן געשלאָסן קאָנטשאַפט. פּערעלען האָט זי אַוועקגעשטעלט אויף אַ בענקל און גענומען לערנען אַ פּויליש לידל. הינדע האָט געגרייט דעם טיש און מיר האָבן זיך געזעצט עסן מיטאָג, ווי געוויינטלעך נאָך מײַן קומען פון דער אַרבעט.

בקיצור, זאָשע איז געוואָרן ביי אונדז אַ פאַמיליע־מיטגליד. זי האָט אונדז באַטראַכט פאַר אירע עלטערן, כאָטש מיר זענען געווען צו יונג אויף צו האָבן אַזאַ טאָכטער. אונדזער היים איז געוואָרן איר היים, און איר גאַנצע פרייע צײַט האָט זי פאַרבראַכט מיט אונדזערע קינדער. זי האָט זיך אַזוי צוגעבונדן צו „פּאַליען" (אַזוי רופט זי פּערעלען ביז היינט צו־טאָג), אַז זי איז געוואָרן איר צווייטע מאַמע. זי האָט אַריינגענומען פּערעלען אין אַ קרייז פון קינדער, וואָס האָבן אין שול אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צום טאַנצן, און אויפגעפירט מיט זיי טענץ אויף אירע קאָנצערטן. דאָס האָט געהאַט אַ גאַר גרויסן דערפאָלג ביים עולם. פאַרשטענדלעך, אַז פּערעלע איז געווען פון די פּראָטעזשירטע קינדער אַנטייל צו נעמען אין די דאָזיקע אויפטריטן.

איצט געפינט זיך זאָשע מיט איר מאַן, מאיר קאָרנבליט, אין לאָס־אַנזשעלעס, זי איז אָנגעשטעלט ביים שטאָטישן מוניציפּאַליטעט און פירט אַן

ביז היינט צו טאָג מיט אַ קינדערשול פאַר טענץ. איר קינסטלער־נאָמען איז סוזאַן ווערנער. ביז מיט אַ צייט צוריק פלעגט זי מיט דערפאָלג נאָך אַליין אויפטרעטן. זאָשעס מאַן האָבן מיר באַקענט אין דייטשלאַנד פאַר זייער אָפּפאָר קיין אַמעריקע. קיין פוילן זענען מיר מיט איר צוזאַמען אַרויסגעפאָרן אין 1946. אין לאָדזש האָט זי זיך געטראָפן מיטן מאַן, אַ נאַר וואָס באַפרייטן פון פוילישן מיליטער. פאַרן קריג זענען זאָשע און איר מאַן געווען „יונגע בונדיסטן״, און איצט געהאַט אַ סך פריינד אין אַמעריקע. האָט מען זיי גלייך אַהין אַרויסגעפאָדערט. דורך די זעלבע בונדישע פירערס האָבן זיי זיך באַמיט אויך אונדז אַראָפּצוברענגען קיין אַמעריקע, פאָרגעשלאָגן מיר זאָלן פאָרן קיין קאַנאַדע, און זיי וועלן שוין מאַכן די נייטיקע באַמיִונגען אונדז צו נעמען צו זיך. מען דאַרף צוגעבן, אַז זיי אַליין זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען איינגעאָרדנט — געוווינט אין אַ שלעכטער דירה, נישט געהאַט קיין סטאַבילע אַרבעט. ביי זיי איז אויך געבאָרן געוואָרן דאָס ערשטע קינד.

ווי אַ רעזולטאַט פון זייערע באַמיִונגען האָט מען מיך (אין 1947 אָדער 1948) אַרויסגערופן אין אַ פּליטים־לאַגער לעבן פראַנקפורט, ווו איך האָב געדאַרפט האַלטן עקזאַמען פון אַ שניידער, ווייל קאַנאַדע האָט דעמאָלט אַריינ־געלאָזט שניידערס. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דעם עקזאַמען גוט אויסגעע־האַלטן, און מען האָט מיר געזאָגט, אַז מען וועט מיך שוין אַרויסרופן. מען האָט מיך קיין מאָל נישט גערופן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איינער פון די אָנפירערס האָט גענומען שוחד און געשיקט די, וואָס האָבן אים אַריינגעשטופּט אין האַנט אַ געוויסע סומע. ווען מען האָט עס אויפגעדעקט, איז ער אַרעסטירט געוואָרן.

איך האָב מער נישט געמאַכט קיין באַמיִונגען צו פאָרן קיין אַמעריקע, ווייל כ׳האָב זיך אַלץ שטאַרקער איבערצייגט, אַז יידן דאַרפן פאָרן קיין ישראל, וואָס איז שוין געווען פּראָקלאַמירט ווי אַ זעלבשטענדיקע ייִדישע מדינה.

מיין גלויבן אין ציוניסטישן אויסוועג פון דער ייִדן־פראַגע, האָט זיך אָנגעהויבן אין קזיל־קיאַ. נאָך דעם, ווי דער דירעקטאָר פון אונדזער וואָר־שטאַט, קוטשוק, האָט זיך צוריקגעקערט קיין אָדעס, האָט מען באַשטימט אויף זיין אָרט אונדזער בוכהאַלטער, אַ בחור פון זשיטאָמיר, מיכאל האַלפערן. זיין פאָטער האָט די ג.פ.או. געהאַט דערמאָרדעט בעת דער גאָלד־אַקציע אין

רוסלאַנד, און ער, מיכאל, איז געווען אין קזיל־קיִאַ מיט זיין מוטער, אַ שטאַרק פרומע פרוי. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט נישט שטאַרק ליב געהאַט די, וואָס האָבן אומגעבראַכט זיין טאַטן. ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט ער צו אונדז זאָגן: „נאָכן קריג וועט איר פון דאַנען אַרויס און זען די וועלט. פאַר אונדז, רוסישע ייִדן, איז די וועלט פאַרלוירן!" קנאַפּע דרייסיק יאָר שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז נישט געווען אין גאַנצן גערעכט. עס קומען דאָך ייִדן פון רוסלאַנד זיך צו פאַראייניקן מיט זייער פאָלק. וואָס איז דער גורל פון מיכאל האַלפערן ווייס איך נישט. אַ קורצע צייט איז ער געווען אונדזער דירעקטאָר און צוריקגעפאָרן אין זיין היימשטאָט. פאַר דעם האָט מען מיך אַרויסגערופן אין „רייַזספּאָלקאָם" און הויכע נאַטשאַלניקעס האָבן מיר פאָרגעשלאָגן צו ווערן דירעקטאָר פון וואַרשטאַט. איך האָב זיי אָנטזאָגט מיטן אויסרייד, אַז אין קורצן פאָרן מיר צוריק קיין פוילן. וועגן דעם האָט מען שוין עפנטלעך גערעדט. האָבן זיי מיר געענטפערט, אַז דאָס אָננעמען דעם פּאָסטן וועט מיר נישט שטערן צו פאָרן אַהיים. פאַרשטייענדיק אַז ס'וועט מיר קיין זאַך נישט העלפן, האָב איך אָנגענומען דעם פאָרשלאָג, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט גוטע מאַטעריעלע באַדינגונגען און אויך מיט סכנות, ווי יעדער אָנפירנדיקער פּאָסטן אין סאָוועט־רוסלאַנד.

אָנהייב 1945, ס'האָט זיך שוין געזען דער סוף פון דער מלחמה. איך בין געזעסן אין מיין „דירעקטאָרן־קאַבינעט", וואָס איז געווען אַ געוויינטלעכער צימער מיט אַ טיש, איבערגעדעקט מיט אַ רויטן טוך, און עטלעכע בענקלעך. עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. ס'איז אַריין אַ מיליטער־מאַן אין ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן. אונטערן אָרעם האָט ער געהאַלטן אַ פּעקעלע. נאָכן פאַר־שטעלן זיך האָט ער געפרעגט, צי מען וועט אים דאָ אויפנייען אַ פּאָר הויזן. אויף זיין שינעל זענען געווען עפּאָלעטן, וועלכע איך האָב אָנגענומען פאַר עפּאָלעטן פון דער נ.ק.וו.ד. פאַרשטענדלעך, אַז איך האָב גלייך אַריינגערופן דעם צושניידער, מאַקס ראָזנבלאַט, וואָס איז איצט געווען אָנשטאָט מיר, צו נעמען די מאָס. מיט די לייט פון די „פיר אותיות" איז געווען גוט וואָס גיכער פון זיי פּטור צו ווערן. האָב איך אים געהייסן קומען נאָך די פאַרטיקע הויזן אין דריי טעג אַרום. ער האָט נישט געטראַכט באַלד אַוועקצוגיין, נאָר זיך אַנידערגעזעצט און פאַרפירט אַ לאַנגן שמועס. צו ערשט האָט ער געזאָגט, אַז ער איז אַ ייִד און דער פּאָליטישער לייטער פון אַ פליִער־אָפּטיילונג. כ'האָב

אים געזאָגט, אַז איך האָב אים אָנגענומען פאַר אַן נ.ק.וו.ד.־מאַן. ער האָט געשמייכלט און דערקלערט מיין טעות. אַריבער איז ער צו שמועסן וועגן דער מלחמה און איר אויסגאַנג. דערביי אַ פרעג געטאָן וואָס איך טראַכט, צי ס׳וועט אויפגעשטעלט ווערן נאָכן קריג אַ יידישע מדינה אין פּאַלעסטינע.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע בלוט איז מיר אַנטלאָפן פון פּנים. כ׳בין געבליבן, ווי פאַרשטיינערט. נאָך געווען גוט, וואָס ער האָט פריער געזאָגט, אַז ער איז אַ ייד. אין געדאַנק איז מיר אויפגעקומען דאָס בילד, ווי אַ יידישער נ.ק.וו.ד.־יסט האָט אויפגעשניטן תפילין... איך האָב מיך באַהערשט און רויק געפרעגט, צי זיי, די גלייכבאַרעכטיקטע סאָוועטישע יידן, דאַרפן האָבן אַ יידישע מדינה? אַט, ער איז אַ קאַפּיטאַן, פאַראַן אויך יידישע גענעראַלן... ער האָט געגעבן אַ טיפן קרעכץ און געזאָגט, אַז איך שטעל זיך גאַרנישט פאָר, ווי דווקא זיי דאַרפן די יידישע מדינה...

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך געווען אויף אַ פאַרלעזונג אין אַרטיקן קולטור־הויז. אויף דער בינע איז אַרויף דער זעלבער קאַפּיטאַן און געהאַלטן אַ וואונדערלעכן רעפעראַט וועגן דעם סוף פון דער מלחמה מיט דייטשלאַנד און דערמאָנט, אַז אויך מיט יאַפּאַן וועט מען צונויפפירן די חשבונות. פאַרשטייט זיך, אַז פון דער בינע האָט ער נישט גערעדט וועגן דער יידישער מדינה, וואָס דאַרף אויפקומען נאָכן קריג... אויף מיר האָט זיין שמועס אין מיין „קאַבינעט” איבערגעלאָזן דעם טיפסטן איינדרוק, ווייל איך בין שוין דעמאָלט געווען אַן איבערצייגטער ציוניסט.

די מלחמה איז געענדיקט

צו יענער צייט זענען מיר, איך, הינדע און די קינדער, אין איינעם אַן אָוונט צוריקגעקומען פון אַ קאָנצערט, אין וועלכן ס׳האָבן אָנטייל גענומען שאָשקע און אויך אונדזער טעכטערל, פּאָליע. ס׳האָט געמוזט זיין אַרום צוועלף ביי נאַכט. אויף מיר האָט געוואַרט אַ שכן און אין דער שטיל געזאָגט, אַז ביי אים געפינט זיך אַ יונגער־מאַן, וואָס דערציילט אויסטערלישע זאַכן, און פרעגט זיך נאָך אויף מיר, דערקלערנדיק זיך פאַר מיינעם אַ קרוב. דער שכן וואָרנט מיך, איך זאָל זיין מיט אים פאָרזיכטיק...

מיר באַוויזן נאָך נישט אַריינגיין אין שטוב, ווי דער שכן ברענגט צו

אונדז אַריין מיין לאַנדסמאַן חנן לערנער. ער כאַפּט מיך און הינדען אַרום מיט אַן אויסגעשריי: „טייערער מרדכי, טייערע הינדעלע, מיר האָבן שוין מער נישט קיינעם אין פּוילן, קיינעם נישט! אַלץ איז פאַרברענט און אָפּגע־מעקט! כ׳קום איצט פון גיהנום וואָס האָט פאַרן קריג געהייסן פּוילן. דאָרטן האָב איך געטראָפן בלויז געציילטע ייִדן. צווישן זיי שייע דישעס (שטעמער), שיינדעלע גרינשטיין"...

זיינע ווערטער מאַכן אויף אונדז דעם שרעקלעכסטן איינדרוק. איך פרעג אים, ווי אַזוי ער קומט קיין פּוילן. דערציילט ער פּרטים. גלייב איך יאָ און גלייב נישט. באַלד כאַפּ איך זיך, אַז מיר געפינען זיך טיף אין סאָוועט־רוסלאַנד, טאָ ווי אַזוי גייט מען קיין פּוילן און מען קומט צוריק?

עסן, עסט מען שוין נישט. מען לייגט זיך שלאָפן. אָבער ווער קען עס איינשלאָפן נאָך אַלעם דעם, וואָס מיר האָבן געהערט? איך קען גוט חננען, בעט איך אים, ער זאָל מער פאַר קיינעם נישט איבערחזרן זיין דערציילונג, ווייל ס׳קען אים און אונדז דראָען אַ גרויסע סכנה. מיר טאָרן נישט פאַרגעסן ווו מיר געפינען זיך. ער זאָגט מיר צו צו שווייגן, אָבער דער שכן וואָס האָט אים צו אונדז אַריינגעבראַכט, האָט אויסגעדערציילט פאַר די ייִדישע שכנים, וואָס ער האָט געהערט, און די זאַך צעטראָגט זיך... מענטשן הייבן מיך אָן צו פרעגן וועגן דעם. ענטפער איך, אַז פון די דייטשישע רציחות ווייסט מען דאָך פון ראַדיאָ, פון די צייטונגען, און אַז מיין גאַסט קומט פון פּוילן, איז אַן אויסגעטראַכטע מעשׂה.

ס׳קומען אָן צו מיר ידיעות, אַז חנן גייט אַרום און דערציילט מענטשן „בסוד" די שרעקלעכע געשיכטע, און דאָס דערגייט, פאַרשטייט זיך, צו דער נ.ק.וו.ד. אין איינעם אַ טאָג קומט אַריין צו מיר אין קאַנטאָר אַ מיידל, וואָס איך האָב געוווּסט אַז זי איז אַ סעקרעטאַרין פון דער שטאָטישער מיליץ. אונטערן אָרעם האַלט זי אַ פּעקל. זי באַגריסט זיך פריינדלעך און פרעגט, צי מ׳וועט איר אויפנייען אַ מאַנטל. איך זאָג איר נישט אָפּ, אָבער באַמערק, אַז ס׳וועט נעמען אַ ביסל צייט, ווייל מיר זענען שטאַרק פאַרנומען מיטן נייען וועש פאַרן מיליטער. זי איז מסכים צו וואַרטן. דערווײַלע זאָגט זי, אַז זיי האָבן באַקומען אַ סיגנאַל, אַז ביי מיר שטייט איין אַ מאַנצביל, וואָס דערציילט אויסטערלישע מעשׂות וועגן פּוילן: פון וואַנען ער קומט, און בעיקר וועגן דעם וואָס מען האָט דאָרטן געטאָן מיט די ייִדן. און זי פרעגט מיך: „ווי

שטעלסטו זיך פֿאָר, ביי אונדז קען מען אַזוי לייכט גיין קיין פּוילן און קומען צוריק, דערצו נאָך מלחמה־צייט ?״.

הייב איך אָן זאָגן, אַז דאָס אַלץ איז נישט אמת, אַ סימן אַז מיר דערציילט ער נישט די אַלע געשיכטעס. ווענדט זי זיך צו מיר: „טאָוואַרישטש פּוטערמאַן, די בעסטע זאַך, שיק אים אוועק. אויב דו ווילסט נישט נעמען אויף זיך קיין צרות, טאָר ער מער ביי דיר נישט בלייבן. ווען ער געפינט זיך נישט ביי דיר, וואָלטן מיר אים גלייך אַרעסטירט און געפּאָרשט. ביי אונדז וואָלט ער שוין אויסגעדערציילט דעם גאַנצן אמת״...

אויפֿן צווייטן טאָג האָב איך אָפּגעשיקט חנען קיין נאַוקאַט, צו אונדזערן אַ לאַנדסמאַן, יאָסעלע פּערלמוטער, זיינעם אַ גוטן חבר. יאָסעלע האָט געהאַט אַ גוטע באַקאַנטע אין דער פּאַספּאָרטן־אָפּטיילונג פֿון דער מיליץ און ביי איר געפּועלט זי זאָל פֿאַרשרייבן, אַז חנן איז געקומען פֿון אַ צווייטער שטאָט, ווו מען האָט אים אַרויסגעגנבעט די דאָקומענטן. זי האָט אים אַרויסגעגעבן אַ צייטווייליקן דאָקומענט און צוגעשריבן אין נאַוקאַט. דאָ איז חנן געבליבן ביזן יאָר 1946, ווען ער איז צוזאַמען מיט יאָסעלען אַרויסגעפֿאָרן קיין פּוילן. אין זעלבן יאָר האָבן מיר זיך אַלע געטראָפֿן אין דייטשלאַנד. חנן לערנער לעבט איצט אין ישראל און יאָסעלע פּערלמוטער — אין מינכען, דייטשלאַנד.

דעם 9טן מיי 1945, גאָר פֿרי, האָט אין ראַדיאָ אויפֿגעקלונגען די שטים פֿון יורי לעוויטאַן, וואָס האָט מיט אַ טראַגישן ציטער און צו גלייך מיט התרוממות אָנגעזאָגט, אַז די מלחמה האָט זיך פֿאַרענדיקט, היטלער־דייטשלאַנד איז צעשמעטערט און אָן שום באַדינגונגען קאַפּיטולירט. דעריבער ווענדט זיך די סאָוועטן־מאַכט צו אַלע סאָוועטישע בירגער, זיי זאָלן זיך פֿאַרזאַמלען אויף זייערע אַרבעט־פּלעצער, ווו מען וועט זיי דערקלערן דעם באַטייט פֿון נצחון, וואָס וועט געפֿייערט ווערן צוויי טעג נאָך אַ נאַנד.

דאָס האַרץ איז געווען אָנגעפֿילט מיט פֿרייד, אָבער פֿון די אויגן זענען געראָנען טרערן. מען האָט זיך באַגריסט און אַרומגענומען, זיך געקושט, מיט וועמען מען האָט זיך נאָר געטראָפֿן. איך בין אַוועק צו מיין אַרבעט־פּלאַץ. ווי דער דירעקטאָר, האָב איך געהאַלטן אַ פֿלאַם־פֿייערדיקע רעדע וועגן זיג פֿון דער רויטער אַרמיי, וועגן אַלעמענס אָנטייל אין קאַמף דורך אונדזער געטרייער אַרבעט און פֿאַרענדיקט, ווי מ׳האָט געמוזט, מיט די אויסגעדראָשענע לאָזונגען וועגן „פֿאָטער פֿון די פֿעלקער״, דעם חבר סטאַלין...

צו אונדזער אמתער היים

מיר פאַרלאָזן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד

מיר האָבן זיך גענומען גרייטן צו פאַרלאָזן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און פאָרן „אַהיים״. צו ערשט האָט מען געדאַרפט אויספּילן ביי דער אָרטיקער מיליץ פּלעריליי אַנקעטעס. דערנאָך האָט מען מיך אַרויסגערופן אין שטאָטישן סאָוועט. איך בין געשטאַנען פאַר די העכסטע אָנפירערס פון דער שטאָט און געדאַרפט ענטפערן אויף זייערע קשיות: פאַר וואָס איך וויל פאַרלאָזן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד? צי איז מיר דען אַזוי שלעכט דאָ?

כ׳האָב דערקלערט, אַז כ׳מוז פאָרן זען, צי ס׳איז ווער געבליבן פון מיינע אייגענע. האָבן זיי געזאָגט, אַז אין פּוילן זענען כמעט נישט געבליבן קיין ייִדן. זיי האָבן זיך געסודעט מיט איינעם, וועלכן איך האָב נישט געקענט, און יענער האָט זיך צו מיר געווענדט ממש פּאַטערלעך: „זיי וויסן, אַז איך קום פון פּוילן, דער אַנטיסעמיטיזם איז דאָרטן אַזוי גרויס, אַז די פּאָר ייִדן וואָס ס׳איז זיי געלונגען צו בלייבן לעבן, דראָט אַ טויט־געפאַר פון היטלערס נאָכפאָלגערס, די פּוילישע אַנטיסעמיטן״.

דעמאָלט האָב איך געמיינט, אַז דער וואָס רעדט, איז אונטערגעשטעלט פון דער מאַכט, בכדי מיך צו באַווירקן. עטלעכע חדשים שפּעטער, אָנקומענדיק אין פּוילן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אמת איז אַ סך טרויעריקער. אָבער אויף יענעם פאַרהער האָב איך קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז נישט געקוקט אויף אַלץ, וויל איך פאָרן אַהיים. מען האָט מיר צוגעזאָגט מיין ענין צו באַטראַכטן מיט איינזעעניש.

ביים איבערנעמען פון מיר די אָנפירונג פון וואַרשטאַט האָט מען דורכגעפירט אַ שטרענגע רעוויזיע פון די פינאַנסן און די מאַטעריאַלן, פאַר וועלכע איך בין געווען פאַראַנטוואָרטלעך. אַלץ האָט זיך אַרויסגעוויזן אין בעסטער אָרדענונג.

אין אַפּריל 1946 האָט מען אויף דער באַן־סטאַציע פון קזיל־קיאַ אָוועקגעשטעלט וואַגאָנען פאַר די אָפּפאָרנדיקע פּוילישע פּליטים, און די העכסטע

אַנפירערס פון דער שטאָט, מיטן ערשטן סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, מיכאיל יאַקאָוולעוויטש כוטאַריאַנסקי בראָש, זענען געקומען אונדז אַרויסבאַגלייטן. כוטאַריאַנסקי איז געווען אַ ייִד און דאָס אויסגעבאַהאַלטן. זיין רוסישע פרוי, מאַריאַ טראָפימאָווגאַ, האָט זיך אינטערעסירט מער מיט ייִדן, ווי איר ייִדישער מאַן. ביים אַרויסבאַגלייטן זענען געווען די נאַטשאַלניקעס פון נ.ק.וו.ד. און דער מיליץ, די אַנפירערס פון שטאַטישן סאָוועט, אַלע גוט געשטימט אונטער דער ווירקונג פון ביטערן טראָפּן. איך האָב געדאַנקט גאָט, אַז מיר זענען אַרויס פון זיי מיט גאַנצע ביינער.

מיר האָבן אינעם סאָוועטן־פּאַרבאַנד ניט געלעקט קיין האָניק. אָבער פאַרלאָזן דאָס לאַנד האָב איך מיט אַ טיפער דאַנקבאַרקייט צום פיל־געפּרוווטן רוסישן פאָלק, וואָס האָט אויסגעטראָגן אַ מוראדיק שווערע און בלוטיקע לאַסט אין דער מלחמה מיט היטלער־דייטשלאַנד און צו דער זעלבער צייט געגעבן אַ מקום־מיקלט פאַר הונדערטער טויזנטער ייִדישע־פּליטים, צווישן זיי אויך מיין משפחהלע, ראַטעווענדיק אונדז אַלעמען פון טויט אינעם נאַצי־קלעם.

שאָשקע איז געפאָרן צוזאַמען מיט אונדז, ווי אַ מיטגליד פון אונדזער משפחה. מיר זענען דורכגעפאָרן פּוילשטענדיק חרובע שטעט און נישט פאַרשטאַנען, ווי לעבן די מענטשן; ווו נעכטיקן זיי? אין אַ חודש אַרום זענען מיר אָנגעקומען קיין שטשעטשין, אַ געוועזענע דייטשישע פּאָרטשטאָט, וואָס איז איצט געווען האַלב צעשטערט. מען האָט אונדז באַזעצט אין אַ האַלב־חרובן הויז. שאָשקע איז אָפּגעפאָרן קיין לאָדזש צו איר מאַן, וואָס האָט זיך באַפרייט פון מיליטער.

אין דרויסן איז געשטאַנען אַ שיינער פרילינג. אָבער ביי יעדן ייִד איז געווען אָנגעזאָליעט אויפן האַרץ. אונדזער אַמאָליקע היים איז חרוב ומוחרב און די פּוילישע ייִדן — אומגעבראַכט. ס'האָט זיך געשאַפן אַ ייִדישער קאָמיטעט. דאָרטן האָט מען געזוכט אייגענע צי באַקאַנטע, און אַז מען האָט עמעצן געטראָפן, האָבן זיך אָפּגעשפּילט האַרצרייסנדיקע סצענעס. מען האָט געוויינט פון פרייד. אַלע האָבן אויסגעזען נעבעכדיק, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. דער טרויער האָט אַרויסגעקוקט פון אַלעמענס אויגן.

די פּוילישע באַפעלקערונג איז געווען אויפגעהעצט קעגן ייִדן. נישט איין מאָל האָט מען אין דער פרי געפונען אַ געהרגעטן ייִד אָדער סאָוועטישן

סאָלדאַט. די סכּנה איז געהאַנגען איבער אונדז אַלעמען. אַ שבת ביי טאָג, האָב איך געשפּאַצירט מיט הינדען. איז אויף מיר געוואָרפן געוואָרן אַ שטיין פון אַ באַלקאָן. כ'האָב זיך געווענדט צו אַ מיליציאָנער און אָנגעוויזן דעם באַלקאָן, פון וועלכן ס'איז געפלויגן דער שטיין. דער מיליציאָנער האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ האַנט און פריינדלעך געזאָגט: „אַבי מען האָט דיך נישט דערהרגעט. גיי אַהיים". איך בין איבערצייגט, אַז די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען פון נאָך דער מלחמה האָבן ניט באַגיטיקט די אַנטיסעמיטישע עקסצעסן, אָבער ניט לייכט איז געווען צו באַקעמפן דעם איינגעוואָרצלטן ייִדנהאַס.

אין דער זעלבער צייט בערך איז אויסגעבראָכן דער פּאָגראָם אין קעלץ, וואָס האָט געקאָסט אַ סך ייִדישע קרבנות. די שרעק פון דעם ביסל ייִדן אין פּוילן איז געוואַקסן, און דאָך האָבן אַ סך פון זיי באַשלאָסן צו בלייבן אין דער „אַלטער היים", האָפנדיק, אַז די לאַגע וועט זיך נאָרמאַליזירן.

איך האָב קיין רגע נישט געטראַכט צו בינדן מיין גורל און דעם גורל פון מיין משפּחה מיט פּוילן. איך האָב ווידער פאַרקויפט אַלץ, וואָס האָט נאָך געהאַט אַ שטיקל ווערט, און אין איינער אַ נאַכט פון 1946 אומלעגאַל אַריבער מיט מיין משפּחה די גרענעץ צווישן פּוילן און דייטשלאַנד. אין דער פרי האָבן מיר זיך געפונען אין דער פראַנצייזישער אָקופּאַציע־זאָנע פון בערלין. אין אַ די.־פּי.־לאַגער האָבן מיר באַקומען דעם ערשטן פרישטיק אויף אונדזער וואַנדערונג — עטלעכע אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפל און אַ שטיקל ברויט. אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט מען אונדז אַריבערגעהויבן אין דעם די.־פּי.־לאַגער שלאַכטענזעע, אין דער אַמעריקאַנער זאָנע. דאָ האָט שוין קיין עסן נישט געפעלט. פון דאַנען האָט מען אונדז אַריבערגעפירט אין דעם לאַגער טעמפּעלהאָף. מיר האָבן דאָ באַקומען אַ צימער, בעטלעך, מאַטראַצן און אַנדערע נייטיקע זאַכן. ווו מיר וועלן קענען אָוועקלייגן דעם וואַנדער־שטעקן, האָבן מיר נישט געוווּסט.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פון אַלע שאַטירונגען האָבן אַנטוויקלט אין לאַגער אַן אַקטיוו געזעלשאַפטלעך לעבן. מיין סימפּאַטיע האָט זיך אַלץ מער און מער געניגט צום ציוניזם, באַזונדערש צום אַרבעטנדיקן ארץ־ישׂראל. צו די „לינקע", וואָס זענען אויך געווען אַקטיוו אין לאַגער, האָב איך געהאַט אַ טיפע אַנטיפּאַטיע מיט זיי האָב איך שוין לאַנג די חשבונות פאַרענדיקט.

אין לאַגער האָט מען אויפגעשטעלט אַ קיך וואָס האָט אַרויסגעגעבן עסן דריי מאָל אין טאָג. מען האָט געטיילט טרוקענע פּראָדוקטן, סיגאַרעטן, שאָקאָ־לאַד און אויך זאַכן, געניצטע און נייע. מיט איין וואָרט, ס׳איז אויפגעקומען אַ קליינטשינקע מדינה. און, אַז יידן זענען זאַט געוואָרן, האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען, אַז די קאָמיטעטשיקעס גנבענען, אַז אין דער קיך גנבעט מען, אַז אין די מאַגאַזינען גנבעט מען. ס׳איז דערגאַנגען ביז צו געשלעגן. די אַמע־ריקאַנער, צווישן וועלכע ס׳זענען געווען גוטע יידן און אויך זייער אָנשטענ־דיקע קריסטן, האָבן געטאָן אַלץ צו באַרויקן די געמיטער.

מיר איז נימאס געוואָרן אַרומצוגיין פּוסט־און־פּאַס, און כ׳האָב גענומען זוכן אַ שטיקל באַשעפטיקונג. מען האָט מיך אַריינגענומען אין דער רעוויז־יאָנס־קאָמיסיע, וואָס האָט געדאַרפט זאָרגן, אַז אַלץ זאָל זיין כשורה, אַז די פּראָדוקטן וואָס דאַרפן אַריינקומען אין קעסל פון קיך, זאָלן נישט אַרויסגיין דורך דער הינטערטיר.

הינדע האָט שטאַרק געוואָלט זיין נאָענט צו אירער אַ מומע, גראַבשטאַק, און אירע קינדער וואָס האָבן זיך איצט געפונען אין פּליטים־לאַגער „ראַשעל״, אין דער אַמעריקאַנער זאָנע פון דייטשלאַנד, לעבן דער שטאָט קאַסעל. אָנהייב 1947 איז עס אונדז געלונגען. אין גיכן איז צו אונדז אין לאַגער געקומען הינדעס ברודער, חיים. מיט זיין פרוי רבקה און זייערע קינדער — פיר יינגלעך און אַ מיידעלע, וואָס איז זיי געבוירן געוואָרן אויף זייער וואַנדער־וועג. הינדע האָט געוואַרט אויף אַ קינד. דעם 28סטן יולי 1947 איז אונדז געבוירן געוואָרן אַ זון. אונדזער פרייד איז געווען גרויס. מיר האָבן אים אַ נאָמען געגעבן נאָך מיין טאַטן, משה, און אויך דערגעבן דעם נאָמען פון הינדעס פאָטער אַברהם. אין לאַגער האָבן מיר געפּראַוועט אַ פיינעם ברית מיט אַ סך געסט.

איך בין אויסגעקליבן געוואָרן אין לאַגער־קאָמיטעט, ווי אַ פאָרשטייער פון די אומפּאַרטיייִשע און רעכטע פּועלי־ציון. טעטיק זענען דאָ געווען פאַר־שידענע פּאַרטייען, און ס׳האָבן נישט געפעלט קיין רייסערייען. אַ קולטור־אַמט האָט דורכגעפירט פאַרשידענע אונטערנעמונגען. מען האָט אַפילו גע־שפּילט יידיש טעאַטער. צווישן די אַקטיאָרן האָבן זיך אויסגעטיילט בערטאַ קאַפּלאַן און סאַווינטש גאָלדרייך.

די ידיעה וועגן דער אַנטשטייונג פון מדינת־ישראל איז ביי אונדז אויפ־

געגומען געוואָרן מיט אַן אומבאַשרייבלעכער פרייד. אין דער מאַניפעסטאַציע מיט בלוי־ווייסע פאָנען האָבן זיך באַטייליקט אַלע לאַגער־איינוווינערס, ס'איז ביי אונדז דערקלערט געוואָרן אַ מאָביליזאַציע פון געלט־מיטלען פאַר דער יונגער ייִדישער מדינה, וואָס די אַראַבישע שכנים זענען זי באַפאַלן. אין אַט דער אַרבעט האָב איך זיך אַריינגעוואָרפן מיט ענטוזיאַזם. נישט איין מאָל זענען טרערן מיר געשטאַנען אין די אויגן, ווען פּשוטע מענטשן האָבן אַראָפּ־גענומען גאָלדענע פינגערלעך, בראַסלעטן און זיי אַריינגעוואָרפן אין די צוגעגרייטע פּושקעס.

מיט אונדז צוזאַמען אין לאַגער זענען געווען אַבֿרהם און רעגינע לעפּ־קאָוויטש, ביידע פון סאָכאַטשאָוו, פּוילן, קרובים פון די גראַבשטאָקס אַן איידעם, וויטנבערג. זיי האָבן זיך מיט אונדז באַפריינדט. זיי האָבן געהאַט דורכגעמאַכט היטלערס גיהנום־לאַגערן. ביים שפּרינגען פון אַ לויפנדיקן צוג וואָס האָט געפירט ייִדן צום טויט, איז אַבֿרהם פאַרוווּנדעט געוואָרן. זיי האָבן באַשטימט צו פאָרן קיין אַמעריקע, ווו ס'האָבן געלעבט זייערע קרובים. נישט באַקומענדיק קיין דערלויבעניש אַהין, האָבן זיי גענומען אַ טערמינירטע וויזע קיין קאַנאַדע. אויף צו פליִען האָט זיי געפעלט געלט און פאָרן מיט אַ שיף וואָלטן זיי פאַרשפּעטיקט אָנצוקומען קיין קאַנאַדע צום טערמין. די מענטשן זענען געווען ממש פאַרצווייפלט. צו יענער צייט האָב איך געהאַט אָפּגע־שפּאָרטע הונדערט דאָלאַר. דאָס איז געווען מיין גאַנצער פאַרמעגן. כ'האָב אַרויסגענומען די דאָלאַרן און דערלאַנגט די לעפּקאָוויטשעס. לכתחילה האָבן זיי זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו נעמען. נאָך דעם ווי איך האָב זיי פאַר־זיכערט, אַז כ'וועל זיך אַן עצה געבן, האָבן זיי דאָס געלט גענומען און מיר עס צוריקגעקערט נאָך פריִער, ווי איך און זיי האָבן גערעכנט. ביז היינט ריידן זיי איבעראַבער, אַז אַ דאַנק מיר האָבן זיי געפונען זייער נייע היים אין קאַנאַדע.

אין דער זעלבער צייט בין איך געפאָרן קיין שטוטגאַרט זיך געזעגענען מיט שאָשקען און איר מאַן, וואָס זענען אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע. פאַר איינס האָב איך זיך געזעגנט פון מיין חבר סעניע בערגמאַן און זיין מוטער, וואָס האָבן זיך געקליבן אָפּצופאָרן צו זייערע קרובים אין פּערו.

פאַר אונדזער אַרויספאָרן פון דייטשלאַנד האָב איך באַקומען אַ בריוו פון גאָלדע ראָזענקראַנץ (פון דער היים לופּט), וועלכע שטאַמט פון קראַסני־

סטאַוו. זי האָט געשריבן, אַז זי האָט באַקומען אַ בריוו פון מאָסקווע פון איר אַ חברטע, דבורה צעדערבוים, אויך אַ קראַסניסטאַוווער. אין בריוו האָט איר דבורה געשריבן, אַז זי האָט באַזוכט מיין ברודער אַברהמ׳טשע. היות גאָלדע האָט געוווּסט, אַז איך זוך אים, האָט זי מיר גלייך געשיקט דבורהס אַדרעס. די ידיעה האָט מיך שטאַרק דערפרייט, ווייל איך האָב נישט געקענט ביז איצט פעסטשטעלן, צי דער ברודער לעבט. אין אַ פאַרגרייזטן רוסיש האָב איך דבורהן געשריבן, האָפנדיק אַז אין רוסיש וועט דאָס קאַרטל זיכערער אָנקומען צו איר. געווען איז עס נאָך אין סטאַלינס צייטן, און כ׳האָב געספקט, צי זי וועט ריזיקירן און מיר ענטפערן. האַרט פאַר מיין אָפּפאָרן קיין ישׂראל האָט מען מיך אַרויסגערופן אין דער לאַגער־פּאָסט און דערלאַנגט אַ בריוו פון מאָסקווע. מיינע הענט האָבן געציטערט ביים עפענען דעם קאָנווערט. דער בריוו איז געווען געשריבן אין רוסיש מיט אַ שיינער האַנטשריפט, און דאָס האָט מיך נאָך מער צעמישט. נישט לייכט איז מיר אָנגעקומען דאָס לייענען. אין מאָמענט ווען איך האָב זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ בריוו פון ברודער, בין איך געפאַלן אין חלשות. מען האָט מיך אָפּגעמינטערט, און כ׳בין אַרויס אין אַ געוויין פאַר פרייד. אין דער זעלבער צייט איז מיין האַרץ צעריסן געוואָרן, וויסנדיק אַז אויסער אים האָב איך נישט קיינעם אויף דער וועלט פון אונדזער משפּחה.

מיר פאָרן קיין ישׂראל

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידישע פּליטים אין דייטשלאַנד האָט אַרויסגעשיקט שליחים צו פאַרשרייבן די אַלע, וואָס ווילן פאָרן קיין ישׂראל. איך בין געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך פאַרשריבן. מיט מיר אין לאַגער־קאָמיטעט האָבן געאַרבעט צוויי ברידער, ציוניסטן פון פאַר דער מלחמה. זיי האָבן מיך געפרעגט, וואָס איך איַיל זיך אַזוי. צי ווייס איך, אַז איך פאָר אין אַ לאַנד פון אייביק מלחמות; צי דאַרף איך אַוועקפירן אַהין מיינע דריי קינדער. במשך פון די העכער דרייסיק יאָר, וואָס מיר לעבן אין ישׂראל, איז מיר נישט איין מאָל אויסגעקומען נאָכצוטראַכטן איבער די פראַגעס פון די צוויי ברידער, וואָס זענען אָפּגעפאָרן קיין ניו־יאָרק. באַזונדערש האָב איך וועגן דעם געטראַכט, ווען ס׳פלעגט דאָ אויסברעכן אַ מלחמה מיט



דער מחבר מיט זיין משפּחה אין די־פּי־לאַגער ראַשעל
פאַרן עולה זיין קיין ישׂראל, 1948

די אַראַבער. און גאַר באַזונדערש, ווען אונדזער זון איז פאַרווונדעט געוואָרן אין דער אויסמאַטערונג־מלחמה (מלחמת ההתשה), אין יאָר 1970. וועגן דעם וועל איך נאָך דערציילן, אָבער איינס קען איך מיט זיכערקייט זאָגן, אַז קיין חרטה אויף מיין קומען אין ישׂראל האָב איך קיין מאָל נישט געהאַט.

אין נאָוועמבער 1948 האָבן מיר פאַרלאָזט דייטשלאַנד. איך בין געווען גליקלעך נישט צו דאַרפן מער אָנקוקן די פּנימער פון די דייטשן, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט געקענט זיין דער מערדער פון מיינע טאַטע־מאַמע... איך בין אויך געווען צופרידן וואָס איך פאַרלאָז דאָס לייכטע און לייכטזיניקע לעבן פון אַ פּליט אין די לאַגערן.

מיר זענען אָנגעקומען קיין מאַרסעל. אין צוויי וואָכן אַרום האָט אונדז אַרויפגענומען די שיינע שיף „נגבה" און אין דעצעמבער 1948 געבראַכט אין חיפהער פּאָרט. דער טאָג איז געווען אַ שיינער, די זון האָט געשיינט און געוואַרעמט. אויפן ברעג האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ סך מענטשן, וואָס זענען געקומען באַגעגענען אייגענע. פון ברעג האָט מען געשריִען צו די

שיף־פּאַסאַזשירן, געפּאַקעט מיט די הענט, מען האָט אויסגערופן נעמען. איך האָב נישט געהאַט קיינעם, וואָס זאָל מיך אָפּוואַרטן. קיין אידעישן ציוניסטישן באַגאַזש האָב איך מיט זיך נישט געפירט, פּונקט ווי איך האָב נישט געפירט מיט זיך קיין שום מאַטעריעלן באַגאַזש. אָבער די מלחמה־יאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און די צוויי יאָר פּליטים־לאַגער אין דייטשלאַנד, האָבן מיך איבערצייגט, אַז דער גורל פון ייִדן מוז זיין געבונדן מיט דער אייגענער ייִדישער מדינה.

מיין צוקונפט אין לאַנד איז געווען דערווייל פאַרנעפּלט. מען האָט אונדז געבראַכט אין „בית־עולים" אין רעננה. מיר האָבן באַקומען אַ פּאָר אייזערנע בעטלעך, אַ פּאָר קאָלדרעס, און מען האָט אונדז מיט די קינדער געהאָלפן זיך איינאָרדענען אין אַ געצעלט (אוהל). נאָך איידער מיר האָבן פונאַנדערגעשטעלט די בעטלעך, איז צוגעפאַלן די נאַכט. מיר האָבן נאָך באַוויזן צו ברענגען עסן פון דער קיך. די גרויסע און שיינע מאַראַנצן וואָס מיר האָבן באַקומען, האָבן אונדז באַגייסטערט.

ווי נאָר מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן, האָט אָנגעהויבן רעגענען. אין מיטן דער נאַכט האָט זיך דער רעגן פאַרשטאַרקט און געוואָרן באַגלייט פון דונערן און בליצן. ס'האָט גענומען אַריינרעגענען אין געצעלט, און מיר האָבן איינגעדעקט די קינדער מיט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. די קינדער האָבן אָנגעהויבן וויינען, און הינדע מיט זיי. מיר איז געוואָרן סמוטנע אויפן האַרצן. ווי איך האָב זיך דאָן געפילט זאָל בלייבן אַ סוד...

אין דער פרי זענען מיר באַלד געלאָפן אין ביוראָ פון דער סוכנות און דערציילט, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט ביי נאַכט. מען האָט אונדז צוגעזאָגט, אַז דערווייל וועט מען פאַרריכטן דעם אוהל, און ווי נאָר עס וועט זיין אַן אָרט, וועט מען אונדז אַריינזעצן אין אַ באַראַק (צריף). הינדען האָבן זיך געגאָסן טרערן פון די אויגן. אויך מיין פאַרצווייפלונג איז געווען גרויס.

דאָ האָב איך באַגעגנט אַ באַקאַנטן, משה צוקער. ער האָט מיך אויסגעהערט און בסוד פאַרטרויט, אַז ער פאָרט אַרויס אין רמלה, און איך זאָל גיין אין ביוראָ זאָגן, אַז כ'האָב געפונען אַן אָרט אין אַ צריף, וואָס ווערט איצט באַפרייט. די מענטשן וואָס האָבן געוווינט אין דעם צריף, האָבן אונדז נישט געוואָלט אַריינלאָזן, טענהנדיק, אַז ס'איז נישטאָ קיין פּלאַץ. ווען מיר האָבן דערקלערט, אַז מיר זענען געקומען אויפן אָרט פון משה צוקער, האָט זיך

אַנגעהויבן אַ שרעקלעך געשריי און געפּילדער. אונדזערע קינדער זענען אַרויס מיט אַ ביטער געוויין, און דער ווידערשטאַנד פון די איינוווינערס איז געוואָרן קלענער. זיי האָבן בלויז דערקלערט, אַז איצט האָבן זיי געמיינט וועלן זיי קענען לעבן אַ ביסל פרייער. דער סוף איז געווען, אַז מיר זענען געקראָכן איבער בעטלעך און פּעקלעך פון די מענטשן און צוגעקומען צום אָרט, ווו עס זענען געשטאַנען צוויי פרייע בעטלעך און אויף זיי אַרויפגעלייגט אונ־דזערע פּעקלעך, און ביי נאַכט, מידע און אויסגעשעפּטע, זיך געלייגט שלאָפן אויף זיי.

מיט די מענטשן וואָס האָבן נישט געוואָלט אונדז אַריינלאָזן אין „זייער" דירה, האָבן מיר זיך באַלד באַפריינדעט. די קינדער האָבן זיך געשפּילט צוזאַמען, און מיר, די דערוואַקסענע, האָבן געלעבט בשלום.

געווען קוריאָז, ביז מיר האָבן זיך צוגעוווינט צו די אָרטיקע מאכלים. איין מאָל האָט מען צום עסן, וואָס מיר פלעגן נעמען אין דער אַלגעמיינער קיך, געגעבן פאַר אונדזער משפחה אַ היפּש ביסל אַזעלכע „שוואַרצע פליי־מעלעך". מיט זיי האָבן מיר פאַרביסן דאָס עסן טועם זייענדיק צום ערשטן מאָל „געזאַלצענע" פלוימען. מיר האָבן זיך גענומען קרימען, שפּייען... די רומענישע משפּחות פון אונדזער צימער האָבן זיך גוט אָנגעלאַכט פון אונדזער נישט־באַהאַוונטקייט אין די היגע אַכילות. מיט גרויס חשק האָבן זיי צוגע־נומען די שוואַרצע אַליוון, וואָס מיר האָבן געזען צום ערשטן מאָל און נישט געוווּסט מיט וואָס מען עסט זיי...

אין איינעם אַ טאָג האָב איך דערזען אָנפאָרן צום „בית־עולים" אַ טאַקסי, און אין אים — אַ באַקאַנט פּנים. כ'האָב געוואַרט ביז דער טאַקסי וועט פאָרן צוריק. דער שאָפער האָט אָפּגעהאַלטן די מאַשין און פון איר איז אַרויס אַ הויכער, שטאַלטנער מאַן. ס'איז געווען מיין אַלטער גוטער פריינד לוזער (אליעזר) עלענבויגען, מיט וועמען מיר האָבן זיך געהאַט צעשיידט אין שטשעטשין פאַר אונדזער אָפּפאָרן קיין בערלין. כ'האָב מיך דערפרייט מיט לוזערן ווי מיט אַן אייגענעם ברודער. לוזער איז געבליבן אין פּוילן אַזוי לאַנג ווי ער האָט געקענט זיין ציוניסטיש טעטיק. ווען די ייִדישע קאָמוניסטן האָבן אַלץ באַהערשט, איז ער מיט טאַשען, איבער עסטרייך, אָנגעקומען קיין ישׂראל. איך האָב אים אַוועקגעפירט צו הינדען, און אויך ער זאָל זען אונדזערע קינדער. אונדזער אַלטע פריינדשאַפט איז באַנייט געוואָרן און געבליבן ביז

היינט צו טאָג. ליידער איז טאָשע גאַנץ יונג אַוועק פון דער וועלט.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָבן מיר זיך געטראָפן מיט מאַקס ראָזנבלאַט און זיין פרוי רוזשקע. אויך מיט זיי און זייער זון ראובן האָבן מיר זיך דערפרייט, ווי מיט אייגענע שוועסטער און ברידער. אין ישׂראל איז זיי, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער, צפּורה. מיט זיי זענען מיר פאַרבונדן עד־היום.

כ'האָב אָנגעהויבן זוכן אַרבעט אין מיין פּראָפעסיע, שניידעריי, און דערווייל אַוועק אַרבעטן ביים קטיף — רייסן מאַראַנצן אין אַ פּרדס. מיר איז איין מאָל אויסגעקומען אַריינצוגיין אין שטוב פון פּרדסן, דעם בעל־הבית פון פּרדס. פון דרויסן איז עס געווען אַ הייזקע, אָבער אינעווייניק — זייער שיין מעבלירט, זויבער. כ'האָב אַ טראַכט געטאָן וועגן אונדזער מצב און מיר געזאָגט, אַז אויב אין ישׂראל לעבן אַזוי שיין מענטשן, איז פאַראַן אַ האָפע־נונג, אַז אויך מיר וועלן קומען צו אַ שטאַנד. קיין גרויסע פאָדערונגען האָב איך נישט געהאַט. דער איינציקער באַגער איז געווען צו האָבן אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ. און אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך אונדז באַלד געמאַכט אין לוד, וואָס איז געווען כמעט ווי ליידיק פון אַראַבער. דאָ האָט מען באַזעצט עטלעכע פאַמיליעס, נייע עולים, רעגיסטרירטע ווי אינוואַלידן. מיר האָבן דאָ געטראָפן אַ משפּחה, מיט וועלכער מיר זענען צוזאַמען געפאָרן אויף דער שיף קיין ישׂראל. די מענטשן האָבן געפונען פאַר זיך אַ שיינע דירה פון אַנטלאָפענע אַראַבער און אונדז געוויזן אַ וווינונג פון צוויי צימערן אין זעלבן הויז און צוגערעדט, מיר זאָלן זי נעמען. אויסער דער פאַמיליע וואָס מיר האָבן באַקאַנט אויף דער שיף און זיך באַזעצט בשכנות מיט איר, האָבן מיר קיינעם אין לוד נישט געקענט. מיטן גרעסטן טייל פון דער באַפעלקערונג, יידן פון צפון־אַפריקע אָדער טערקיי, האָבן מיר אַפילו זיך נישט געקענט צונויפרעדן.

אין לוד

איין מאָל, אויף דער גאַס, באַמערק איך צוויי באַקאַנטע, אַ מאַן מיט אַ פרוי. מיט איר, חנה שוואַרץ (פון דער היים פויגלפוס), אַ פרוי אין מיינע יאָרן, האָבן מיר זיך געהאַדעוועט אויף דער זעלבער גאַס אין קראַסניסטאַוו.

צוזאַמען זיך געשפּילט און שפּעטער געווען חברים. חנה האָט חתונה געהאַט אין קאַמאַראָוו, אַ שטעטל לעבן זאַמאָשץ, מיט אַבוש שוואַרץ. אין בערלין, אין יאָר 1946, האָבן מיר זיך געטראָפן צופעליק, און זינט דעמאָלט זיך נישט געזען. אונדזער פרייד זיך צו באַגעגענען איצט איז געווען גרויס. אויך זיי זענען געקומען פון „בית־עולים" זוכן אַ דירה, און טאַקע זיך באַזעצט לעבן אונדז.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען זיי געקומען קיין לוד מיט זייערע קינדער, אַ ייִנגל דודי (דוד) און אַ מיידעלע רחלע. מיר האָבן זיך באַגעגנט ווי אַלטע גוטע פריינד און זיך געפרייט פון גאַנצן האַרצן.

אַז עס פלעגט אין לוד צופאַלן די נאַכט, האָט מען מורא געהאַט אַרויס־צוגיין אין גאַס. ס'איז געווען פינצטער, קיין עלעקטרישע באַלייכטונג איז נישט געווען — נישט אין די גאַסן און נישט אין די שטיבער. כ'ווייס ניט, צי ס'איז טאַקע געווען אַזוי, נאָר מען האָט דערציילט, אַז די היגע אַראַבער האָבן אַזוי פיינט געהאַט ייִדן, אַז זיי האָבן זיך נישט געוואָלט באַנוצן מיט דער עלקטריע פון דער רוטענבערג־סטאַציע, און בעסער געזעסן אין דער פינצטער...

איז טאַקע אין די אָוונטן געווען קאַלמוטנע אויפן האַרצן און מען האָט זיך געצייטיקט אין פריינד צו פאַרטרייבן דעם אומעט. חנה'ס מאַן, אַבוש, האָט געקענט שיין זינגען, און זי, חנה, שטאַמענדיק פון אַ משפּחה פון גרויסע וויצלערס, האָט אַריינגעבראַכט פריילעכקייט מיט אירע וויצן און חכמות. האָבן מיר די אָוונטן פאַרבראַכט צוזאַמען און זיך פאַרלייכטערט די ערשטע צייט אויפן נייעם אָרט.

נאָך זיי האָט זיך ביי אונדז באַוויזן אַ יונגער בחור, שמשון גוט, אויך פון אונדזער שטאָט און פון דער זעלבער גאַס. ער איז געווען אַ שטאַרקער יאַט און גערופן האָט מען אים „שמשון הגיבור". איז געוואָרן נאָך היימישער. שפּעטער האָט אונדז די אַרבעט אין אל־על צונויפגעפירט אויף גאַנצע 25 יאָר.

אויף אַלע בעסערע דירות אין לוד זענען געווען אויסגעהאַנגען טאָוולען מיט גרויסע אותיות: „שמור לשלטונות" (רעזערווירט פאַר דער מאַכט). זיי האָט מען נישט געטאָרט פאַרנעמען אָן אַ באַזונדערער דערלויבעניש. אָבער די וואָס זענען געגאַנגען מיט כּוח, האָבן יאָ באַזעצט די דירות. דערנאָך

זענען געקומען מענטשן, וואָס האָבן געזאָגט, אַז זיי זענען דאָס די „שלטונות" און האָבן פּרובירט באַזייטיקן די מענטשן. אַפּשט האָט דער כּוח גובר געווען. פרעגט זיך, צי האָט אַזוינס געדאַרפט געשען אין אונדזער נייער ייִדישער מדינה? איך האָב נישט געקענט שלום מאַכן מיט די נישט גלייכע גענג. מיר איז אויך נישט געווען פאַרשטענדלעך, פאַר וואָס די סוכנות האָט נישט קאָנטראָלירט די אָפּגעטאָנענע אַרבעט פון די פאַרשידענע בעלי־מלאָכות, וואָס האָבן רעמאָנטירט די דירות פאַר נייע עולים. שפּעטער, אַז איך בין געוואָרן געזעלשאַפטלעך אַקטיוו אין מזכּירות פון מפּא"י, אין מועצת־פּועלי לוד און אין קאָמיסיעס פון לודער שטאָט־פאַרוואַלטונג, פלעג איך פרעגן די אַלע קשיות. אָבער דאָ זענען כּמעט אַלע געווען נייע עולים און מען האָט זיך באַנוגנט מיטן אויסרייד, אַז די אומנאָרמאַלע צייט האָט דערצו געבראַכט. אין ישׂראל איז פאָרגעקומען אַן אמתע רעוואָלוציע אין לעבן פון אונדזער פאָלק, און אין יעדער רעוואָלוציע קומען אויף פאַרקריפּלטע דער־שיינונגען. איך האָב זיך נישט אָפּגעהאַלטן צו קריטיקירן נעגאַטיווע דער־שיינונגען, אָבער געטאָן עס מיט ליבשאַפט. דאָס האַרץ האָט זיך געפרייט, ווי דאָס לאַנד הייבט זיך אָן צו אַנטוויקלען. ס'ווערן געבויט הייזער, וויסטע־נישן ווערן פאַרזייט. ס'קומען אָן צענדליקער טויזנטער ייִדן פון אַלע עקן וועלט, ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן. כ'בין געוואָרן אַן אַקטיווער חבר פון דער פּאַרטיי, וואָס בראָש פון איר איז געשטאַנען בן־גוריון.

און וואָס איז מיט פּרנסה? אין לוד איז געווען שווער מיט אַרבעט. איך און נאָך עטלעכע שניידערס פון פּוילן, רומעניע, טוניס, האָבן דורך דעם קאָאָפּעראַציע־צענטער אויפגעשטעלט אַ שניידער־קאָאָפּעראַטיוו. מיר האָבן זייער וויניק פאַרדינט און באַשלאָסן, אַז ווער פון די חברים פון קאָאָפּעראַטיוו עס קען געפינען אַ צייטווייליקע אַרבעט, זאָל עס טאָן.

איך בין אַוועק אין „לשכּת העבודה" זוכן אַרבעט. דער פאַרוואַלטער, משה רייכמאַן, איז געווען אונדזערער אַ קראַסניסטאַווער. אַהער איז ער געקומען ווי אַ חלוץ פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער האָט מיך פאַר־שריבן און געזאָגט, אַז איך וועל באַקומען אַרבעט, ווי עס וועט דערגיין מיין ריי, און מיך געוואָרנט, אַז כ'וועל נישט באַקומען קיין אַרבעט פאַר איינעם, וואָס האָט פיר קינדער... מיר איז דאָס שטאַרק געפעלן געוואָרן, אָבער פון דער אַנדערער זייט האָבן מיינע דריי קינדער געוואָלט עסן פונקט ווי יענעמס

פיר... כ׳האָב געבעטן משה רייכמאַן די ערגסטע אַרבעט, אָבער נישט ווייט פון שטוב. זיין פרוי, יוכבד (יאַכטשע), פלעגט אָפט צו אונדז אַריינגיין און געזען, אַז מיר האָבן נישט קיין פּרנסה. איין טאָג איז רייכמאַן אַליין געקומען צו אונדז מיט אַ צעטל פון „לשכּת העבודה״, איך זאָל אַרויספאָרן אויפן לופט־פלאַץ און וויזן דעם צעטל אַ באַשטימטער פּערזאָן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ס׳ווערט אויפגעשטעלט אַ ישׂראלדיקע פלי־געזעלשאַפט מיטן נאָמען אל־על. עטלעכע מענטשן גרייטן דאָרטן דעם שטח און דאַרפן אַן אַרבעטער אויף צוויי וואָכן אויף ריין צו מאַכן דעם פּלאַץ, אויף מאַכן אַ גלאָז טיי פאַר די מענטשן וואָס אַרבעטן און אַזוי ווייטער. אַן וואַקלעניש האָב איך דעם אָנבאָט אָנגענומען. מיט אַ לאַסט־אויטאָ וואָס האָט געפירט אַהין אַרבעטער, בין איך אַרויסגעפאָרן. פון די צוויי וואָכן איז געוואָרן אַ חודש. כ׳האָב באַקומען, אויף וויפל איך קען זיך דערמאָנען, צוויי אַ האַלב פונט אַ טאָג. דאָס איז געווען דריי מאָל אַזוי פיל, ווי מיר האָבן פאַרדינט אין שניידער־קאָאָפּעראַטיוו, ווען ס׳איז יאָ געווען אַרבעט.

מיט דער אַרבעט האָבן אָנגעפירט צוויי האַרציקע ייִדן, דוד יעקב און דב ראַפּאַלאָוויטש, ותיקים אין לאַנד, וואָס האָבן גערעדט עברית. מיט מיר האָבן זיי זיך געקענט פאַרשטענדיקן נאָר אויף ייִדיש, וואָס זיי האָבן גערן געטאָן. ס׳האָט זיך געמאַכט אַ ביסל אַרבעט אין שניידער־קאָאָפּעראַטיוו און די חברים האָבן פאַרלאַנגט, איך זאָל זיך אומקערן צו דער אַרבעט. איך האָב דאָס דערציילט מיינע צוויי נייע פריינד פון אל־על. האָבן זיי מיר פאַרזיכערט, אַז איך וועל דאָ קענען בלייבן אַרבעטן, ווי לאַנג איך וועל נאָר וועלן. האָב איך באַשלאָסן צו בלייבן און געבעטן ביים קאָאָפּעראַטיוו מיר אומצוקערן די עטלעכע פונט, וואָס איך האָב געהאָט אַריינגעטראָגן בעת ער איז געשאַפן געוואָרן, און וועלכע איך האָב ממש אָפּגעריסן פון מיינע קינדער. מען האָט עס מיר אָנטזאָגט. מיר איז אָבער קיין מאָל נישט אויסגעקומען צו באַדויערן, וואָס איך האָב נישט פאַרלאָזט אל־על. פאַרקערט, דאָס איז געווען איינער פון די ריכטיקסטע שריט אין מיין לעבן. אמת, אין אָנהייב האָב איך דאָרטן געהאָט נישט לייכט. נאָך יעדן צוריקקער פון אַן עראָפּלאַן האָב איך אים געדאַרפט אויסקערן, אויסרייניקן אַלץ, עס זאָל אויסזען ווי ניי. קיין עלעקטרישע רייניקונג־מאַשינען זענען דעמאָלט נאָך נישט געווען. אַלץ האָט מען געמוזט טאָן מיט די הענט. אויפצורוימען די טואַלעטן איז מיר געווען באַ־

זונדערש שווער. כ׳האָב דאָך שוין געהאַט פאַרנומען גאַנץ וויכטיקע פּאָזיציעס אין עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, און דאָ — אַזאַ אַרבעט. קיין טענות האָב איך צו קיינעם נישט געהאַט, קיינער האָט מיר צו דער דאָזיקער אַרבעט נישט געצוווּנגען. איך אַליין בלויז האָב געהאַט אַ שלעכט געפיל פון אַ דערנידעריקטן, אָבער זיך נישט געווענדט צו קיינעם מיט דער בקשה צו בייטן מיר די אַרבעט, ווייל אין יענע יאָרן, בעת דאָס פּראָבלעם פון געפינען אַ באַשעפטיקונג איז געווען זייער האַרב, וואָלטן מיך די ישׂראל־דיקע תּושבים וואָס האָבן מיט קיין שום אַרבעט ניט בראָקירט, פּשוט ניט פאַרשטאַנען און פאַראורטיילט.

ביי אַ געלעגנהייט האָב איך זיך געווענדט צו איינעם פון די אַמעריקאַנער ספּעציאַליסטן, וואָס האָבן דעמאָלט פאַרנומען די שליסל־פּאָזיציעס אין אל־על. קיין ענגליש האָב איך נישט געקענט און דער, מיט וועמען איך האָב גערעדט, האָט קוים פאַרשטאַנען אַ פּאָר ווערטער יידיש. פון דעסטוועגן האָט ער זיך געכאַפּט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, און מיר געזאָגט, אַז יעדע אַרבעט איז וויכטיק און אַרבעטן איז בכבודיק. צו גלייך האָט ער דערגעבן, אַז אין די נאָענטסטע טעג נעמט ער אָן נאָך מענטשן, וועט ער אָננעמען עמעצן אויף מיין אָרט און מיך אַריבערפירן צו אַן אַנדערער אַרבעט, אָדער אויב איך וויל, קען איך ווערן דער אָנפירער פון די פּשוטע אַרבעטער, נאָר איך זאָל נישט אַוועקגיין. דער אַמעריקאַנער האָט געהאַט צו מיר אַ געוויסע סימפּאַטיע. כ׳פלעג אים לייענען די בריוו פון זיין אַלטן טאַטן, געשריבענע אין אַ צעקאַליעטשעטן יידיש, און ס׳פלעגט מיר אָנקומען גענוג שווער סיי דורכצוקריכן די האַנטשריפט פון אַלטן, סיי צו דערקלערן דעם אַמעריקאַנער, וואָס אין בריוו ווערט געזאָגט.

אל־על האָט זיך איינגעשאַפט נאָך אַן עראָפּלאַן, און מען האָט אָנגענומען נייע אַרבעטער, צווישן זיי אויך רייניקערס. איך בין געוואָרן זייער אָנפירער, אָבער אויך נישט געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט, מעשׂה בעל־הבית. מען האָט מיר באַשטימט אַ מאַנאַטלעכן געהאַלט, און איך בין געוואָרן אַ „פּקיד״, אַ באַאַמטער.

כ׳וועל נישט אויסרעכענען אַלע אַרבעטער, וואָס מען האָט צוגעטיילט צו דער גרופּע, מיט וועלכער איך האָב אָנגעפירט. מיט אַ טייל האָב איך זיך באַפריינדט און איינעם פון זיי מוז איך ווידמען עטלעכע שורות.

נאָכן שמועס מיטן בעל־הבית איז צו מיר אין אַ געוויסן טאָג פון זומער 1950 צוגעקומען אויפן פּלי־פּלאַץ אַ יונגער בחור און געוויזן אַ צעטל פון „לשכּת־העבֿודה״ און געפּרעגט, צו וועמען ער דאַרף זיך ווענדן. ער איז מיר געווען עפּעס קענטלעך פון לודז. כ׳האָב אים געשיקט אין דער אָפּטיילונג, וואָס נעמט אויף אַרבעטער. אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט דער דאָזיקער בחור, יעקבֿ קאָרנגאָלד, זיך באַוויזן אין מיין ביוראָ: מען האָט אים געשיקט אַרבעטן צוזאַמען מיט מיר. כ׳האָב אים פֿאַרגעשטעלט, אין וואָס עס וועט באַשטיין זיין אַרבעט, און באַמערקט, אַז ער איז דערפֿון נישט באַגייסטערט. ער האָט אָבער צוגעשטימט אָנצונעמען די אַרבעט.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יעקבֿ שטאַמט פון פּוילן, פון אַ קליין שטעטל. זיין פֿרוי, אײדל, קומט פון אַ שכנותדיק שטעטל מיט איר מאַן. אין גיכן האָבן מיר זיך דערנענטערט. זייער טעכטערל, אסתּרל, האָט זיך צוגע־בונדן צו אונדז און נאָך מער — צו אונדזערע קינדער. אין אַ יאָר אַרום איז ביי די קאָרנגאָלדס געבוירן געוואָרן נאָך אַ מיידעלע, ציפּי.

יעקבֿ איז געווען ייִנגער פון מיר מיט 10 יאָר, דאָס האָט אָבער נישט געשטערט אונדזער פֿריינדשאַפֿט. מיר האָבן געוווינט אין צענטער פון לוד. די קאָרנגאָלדס — אין אַ זייטיקער גאַס. זייערע קינדער פֿלעגן נישט דערלאָזן די עלטערע פֿאַרבייגיין אונדזער הויז, ווען זיי פֿלעגן קומען אין שטאָט, און צווינגען זיי אַריינצוגיין צו אונדז.

אין יאָר 1956 האָבן מיר, ביידע משפּחות, זיך באַזעצט אין חולון, אין זעלבן הויז, און ס׳איז כּמעט נישט געווען קיין טאָג, מיר זאָלן נישט באַזוכן איינער דעם צווייטן.

די צוויי טעכטער זייערע האָבן שוין חתונה געהאַט און האָבן שוין איי־גענע קינדער. ס׳פֿאַרבינדט אונדז אַ פֿריינדשאַפֿט און חבֿרשאַפֿט, וואָס האַלט אָן מער ווי דרייסיק יאָר.

אויף דער אַרבעט האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף שפּראַך־שוועריקייטן. ס׳פֿלעגן אָנגענומען ווערן מענטשן פון פֿאַרשידענע עדות, און איינער דעם צווייטן האָט נישט געקענט פֿאַרשטיין. אין „אולפּן״ (אַ קורס צו דערלערנען עבֿרית) האָב איך נישט געהאַט ווען צו גיין, ווייל איך פֿלעג אַרבעטן „משמרות״ (טאָג־ און נאַכט־שיכט). און אויך איבער־שעהען. דעם בלויז האָבן מיר פֿאַר־פֿולט מיינע קינדער, וואָס האָבן שוין גערעדט עבֿרית און אין שטוב נישט

אָנערקענט קיין אַנדער שפּראַך. אויך ביי דער אַרבעט זענען געווען אַלטע תּושבים פון ישׂראל (ותיקים), מיט וועלכע ס'פלעגט אויסקומען צו רעדן עברית, און צו ביסלעך האָט מען באַהערשט די שפּראַך.

אונדזערע קינדער האָבן זיך שיין אַנטוויקלט. ביידע מיידלעך זענען געגאַנגען אין דער פאָלקשול, און דעם ייִנגעלע האָט הינדע געפירט אין קינדער־גאָרטן. ער פלעגט יעדן טאָג וויינען ווען ער האָט דאָרטן געמוזט בלייבן. דערפאַר אָבער, אַז ער האָט אָנגעהויבן גיין אין שול, איז ער געלאָפן מיטן גרעסטן חשק. אַלע דריי האָבן זיך גוט געלערנט און די לערערס האָבן נישט געהאַט גענוג לויב־ווערטער פאַר זיי.

נאָך דריי יאָר וווינען אין לוד, איז אונדזער עלטערע טאָכטער, פּנינה, אָנגעקומען לערנען אין אַן אָרטיקער גימנאַזיע.ליידער איז די גימנאַזיע נישט געווען אָנערקענט דורכן בילדונג־מיניסטעריום. איר אָנפירונג, מיט הער זאב ביסטריצקי בראָש, די עלטערן, און איך בתוכם, האָבן געמאַכט אינטענסיווע באַמיִונגען, מען זאָל אָנערקענען דעם אַנשטאַלט. דאָס איז אונדז געלונגען, און די גימנאַזיע האָט באַקומען רעכט אַרויסצוגעבן רייפקייט־צייגענישן (תּעודות בגרות), וואָס האָבן דערמעגלעכט אַנצוקומען אין די הויכשולן. פּנינה האָט אויסגעצייכנט געענדיקט דעם צווייטן אַרויסלאָז פון דער גימנאַזיע.

אויף אַ נייעם וווינאָרט

מיך האָט די גאַנצע צייט געעקבערט דער געדאַנק, אַז מיר וווינען אין אַ דירה פון אַן אַראַבישער משפּחה, און ווער ווייסט ווו זי וואָלגערט זיך איצט, כאָטש די אַראַבער, אויפגעהעצט פון זייערע מנהיגים, זענען געלאָפן מיט דער האָפענונג: אין גיכן זיך אומצוקערן און אָפּירשענען דאָס גאַנצע ייִדישע פאַרמעגן, וואָס זיי וועלן געפינען אין זייערע דירות. אין 1956 האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט אַריבערצוגיין אין אַן אייגענער שיינער דירה אין חולון, וואָס ייִזן האָבן מיט זייערע מיטלען און מיט די אייגענע הענט געבויט, און דאָ לעבן מיר עד־היום.

נאָך וווינענדיק אין לוד, האָב איך באַקומען אַן „עפידייוויד" (אַן אַריינ־פאַר־דערלויבעניש) קיין ניו־יאָרק צו באַזוכן מיינע קרובים, גראָבשטאָק און

וויטנבערג. ווי אַן אַרבעטער פון אל־על האָב איך געהאַט דאָס רעכט צו באַ־קומען אַן אומזיסטן פלי־בילעט פאַר מיר און דער פרוי. הינדע איז נישט געפאָרן צוליב די קינדער. אין דער נאַכט פון מוצאי־יום־כּיפּור, פון 1955, נאָכן אָפּפאַסטן, בין איך אַרויסגעפלויגן פון לוד מיט אַ פּיר־מאָטאָריקן „קאָנסטילײשן", וואָס האָט אין יענע יאָרן זיך גערעכנט פאַר אַ זייער גוטן עראָפּלאַן. צווישן רוים און פּאַריז איז אים קאַליע געוואָרן איין מאָטאָר, און מיר זענען אָנגעקומען קיין פּאַריז מיט אַ געוויסער שרעק. קיין לאָנדאָן זענען מיר געפלויגן מיט אַ פראַנצייזישן עראָפּלאַן און דערנאָך, נאָך צוויי טעג וואַרטן — ווידער מיט אַ „קאָנסטילײשן" קיין ניו־יאָרק.

צו די קרובים בין איך אָנגעקומען ערב סוכּות און האָב געמיינט, אַז מיר וועלן צוזאַמען פאַרברענגען יום־טוב. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז די אַמעריִ־קאַנער ייִדן זענען פרײַ פון דער אַרבעט בלויז ראָש־השנה און יום־כּיפּור, און זייער אַ קליינער טייל פון די ייִדן היט אָפּ שבת און יום־טוב. שוין דאָס אַליין האָט מיך געפּרייט, וואָס איך האָב אויסגעקליבן ישׂראל. מיר איז געווען אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכן אונדזער לאַגע מיט דער לאַגע פון יענע ייִדן, וואָס זענען נאָכן חורבן אַוועק קיין אַמעריקע. דאָ האָבן זיי אין אָנהייב נישט געהאַט לייכט אָבער אין קיין געצעלטן און „צריפים" האָבן זיי נישט געדאַרפט וווינען. געוויס, אין אַמעריקע איז געווען אַ סך לייכטער זיך אײַנצואָרדענען. ס'איז פאָרט דאָס רײַכסטע לאַנד אין דער וועלט. אַלץ איז געווען ביליק, און די ייִדן האָבן געהאַט מכּל־טוב. זיי האָבן אָבער געליטן פון דיסקרימי־נאַציע און אויך פון אַ חוזק־באַציִונג מצד די אײַנגעזעסענע אַמעריקאַנער ייִדן, וואָס האָבן אָפּגעשפּעט פון די „גרינע".

מײַנע קרובים האָבן מיר פאָרגעשלאָגן צו בלײַבן אין אַמעריקע און זיי וועלן שוין אַראָפּברענגען הינדען מיט די קינדער. איך האָב דעם אָנבאָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן. נאָכפרעגנדיק זיך בײַ מײַנע קרובים, ווער פון די בשותּפותדיקע באַקאַנטע לעבן דאָ, האָב איך דערהערט שאַשקעס נאָמען. פון איר האָב איך עטלעכע יאָר גאָרנישט נישט געוווּסט. באַלד האָט מײַן קוזינע זיך פאַרבונדן מיט איר טעלעפאָניש. זאָגנדיק אין טרייבל „שאַשקע", האָב איך דערהערט אַן אויסרוף פון פרייד און געוויין, און די פראַגע, ווו איך געפין זיך. זי האָט געלעבט אין בראָנקס, און איך האָב זיך געפונען אין ברוקלין, אַנדערטהאַלבן שעה פאָרן מיט דער אונטערגרונט־באַן, און פּונקט

אין אַנדערטהאַלבן שעה אַרום האָט זי זיך באַוויזן אויף דער שוועל און אַרויפגעפאַלן אויף מיר מיט קושן און טרערן. פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט זיך זייער אינטערעסירט מיט אונדז אַלעמען, און דערהערנדיק, אַז אונדזער פאַליע–פנינה ענדיקט גימנאַזיע, האָט זי גלייך פאַרגעשלאָגן, זי זאָל קומען צו זיי פאַרזעצן דאָס לערנען. כ׳האָב איר דערקלערט, אַז אין ישׂראל מוז אויך אַ מיידל גיין אין מיליטער איידער זי טרעט אַריין אין אוניווערסיטעט, אַזוי אַז די פראַגע איז דערווײַלע נישט אַקטועל.

שאַשקע האָט באַשטאַנען, איך זאָל בײַ זיי ווײַלן כאָטש עטלעכע טעג. כ׳האָב עס גערן געטאָן. זיך באַקאַנט מיט איר משפּחה־לעבן און זייערע קינדער, מוישל און כאַני. אויך שאַשקעס מאַן, מיעטעק, האָט דורכויס פאַר־לאַנגט, פאַליע זאָל קומען צו זיי לערנען אין אַ הויכשול. איך האָב ווידער באַטאָנט, אַז אונדזער טאָכטער מוז צו ערשט צוויי יאָר דינען אין מיליטער, וועגן דעם קען נישט זײַן קיין וויכּוח.

כ׳מוז באַמערקן, אַז די קאַרנבליטס זענען נאָך געווען ווייט פון זײַן גוט סיטויִרט. שאַשקע האָט געהאַדעוועט צוויי קליינע קינדער און נישט געקענט אַרבעטן. פון צײַט צו צײַט פלעגט זי בלויז אויפטרעטן מיט טענץ אין אַ ייִדישן קלוב. איר מאַן, מיעטעק, האָט נישט געהאַט קיין סטאַבילע אַרבעט. געוווינט האָבן זיי אין אַ ביליקער וווינונג פון די „אַמאַלגעמייטעד"־הייזער פון „אַרבעטער־רינג". כ׳האָב זיך נישט געקענט פאַרשטעלן, אַז זיי קענען אויסהאַלטן מײַן טאָכטער, אָבער זייער גרייטקייט אונדז אָפּצודינען פאַר דער בשעתו אַרויסגעוויזענע פרײַנדשאַפט צו איר האָט מיך ממש גערירט. פּאַק־טיש האָט שאַשקע זיך מיט אונדז אָפּגעקוויטירט, אָפּגעבנדיק זיך מיט דער דערציִונג פון אונדזערע קינדער אין דער סאָוועטישער וויטעניש.

אונדזערע קינדער שטעלן זיך אויף די פיס

כ׳האָב זיך צוריקגעקערט אַהיים. דער פּלאַן, פנינה זאָל פאָרן לערנען אין אַמעריקע, האָט הינדען נישט באַגייסטערט. זי האָט פּשוט נישט געוואָלט זיך שיידן פון דער טאָכטער, אַפילו נישט אויף עטלעכע יאָר. פנינה האָט אים אָבער אויפגענומען מיט התלהבות, ווי אַ יונג מיידל וואָס וויל אַרויס אין דער ברייטער וועלט אַריין. גאַנצע צוויי יאָר האָט מען זיך וועגן דעם



אויפן קענעדי־עראָדראָם, ניו־יאָרק, 1959.
פון רעכטס: הינדע פוטערמאַן, די טאָכטער פנינה, שאָשקע קאָרנבליט און דער מחבר

איבערגעשריבן. פנינה האָט אַוועקגעשיקט אַן ענגלישע איבערזעצונג פון איר רייפקייט־צייגעניש (תעודת בגרות), און די קאָרנבליטס האָבן זי פאַר־שריבן אין ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט און זיך מתחייב געווען צו צאָלן דעם שׂכר־לימוד, נישט וויסנדיק פון וואַנען זיי וועלן נעמען דאָס געלט.

סוף 1955 איז פנינה אַריין אין צה״ל. מיר זענען געווען שטאָלץ צו זען זי אין דער מיליטערישער אוניפאָרם, כאָטש קיין מיליטאַריסטן־ענטוזיאַסטן זענען מיר קיין מאָל נישט געווען. מיר האָבן גוט פאַרשטאַנען די ישׂראלדיקע באַדינגונגען און געווען איבערצייגט, אַז אויך אונדזערע קינדער, אַפילו טעכטער, מוזן דורכמאַכן דעם מיליטער־דינסט ווינטשנדיק זיך, ווי ייִדן, „מען זאָל עס נישט באַדאַרפן״. פנינה האָט מיטגעמאַכט די שווערסטע מילי־טערישע איבונגען, און זיך קיין מאָל נישט באַקלאָגט, זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר קיין שוועריקייטן. און דאָס טאָקע האָט איר געהאָלפן לייכטער אויפצו־נעמען דאָס אַוועקפאָרן פון דער היים קיין אַמעריקע אין יאָר 1957. כאָטש די בענקשאַפט אַהיים האָט זי נישט אָפּגעלאָזט און, ווי זי האָט שפּעטער

דערציילט, האָט זי נישט איין מאָל צוליב דעם נאָס געמאַכט די קישנס מיט אירע טרערן.

פאַר דעם ערשטן סעמעסטער אין אוניווערסיטעט האָט זי געמוזט אַליין צאָלן, ווייל די קאַרנבליטס האָבן עס בשום אופן נישט געקענט טאָן. פנינה איז דעריבער אַוועק אַרבעטן אויף צו פאַרדינען דעם שׂכר־לימוד. די קאַרנ־בליטס האָבן זי אויסגעהאַלטן מיטן עסן און צו מאָל אויך געקויפט אַ קליידל. דאָס צווייטע יאָר איז זי אָנגעקומען אין ישיבה־אוניווערסיטעט — „סטערן־קאָלעדזש", ווו זי האָט באַקומען אַ סטיפּענדיע, מיטן באַדינג, אַז זי מוז האָבן די העכסטע ציונים. דאָס פלעגט זי קריגן אין אוניווערסיטעט פונקט ווי אין שול און אין גימנאַזיע, אַזוי אַז דעם דאַזיקן באַדינג האָט זי פול־שטענדיק אויסגעפילט.

אין יאָר 1960 זענען די קאַרנבליטס אַריבערגעפאָרן קיין קאַליפאָרניע. לעבן לאָס־אַנזשעלעס, אין שטעטל מאָאָר־פאַרק, האָט זייערער אַ קוזין פאַר־לייגט איינע פון די גרעסטע אין דער וועלט פאַרמס צו האָדעווען עופות. מיעטעק האָט געזאָלט אָנפירן מיט דער פאַרם, און דער קוזין האָט אויפגע־בויט פאַר די קאַרנבליטס אַ שיינע ווילע. כאָטש מיעטעק האָט קיין אַנונג נישט געהאַט פון הינערצוכט, האָט ער זיך אָבער אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט און באַהערשט די פּראָפעסיע. די מאַטעריעלע לאַגע פון דער משפחה האָט זיך אָן אַ שיעור פאַרבעסערט.

פנינה איז געבליבן אין ניו־יאָרק. דער „סטערן־קאָלעדזש" האָט איר דערמעגלעכט אין גאַנצן אומזיסט צו שטודירן און אויך געגעבן געלט צו באַצאָלן פאַר איר וווינאָרט. איינע פון די באַדינגונגען צו לערנען אין דער דאָזיקער הויכשול איז צו זיין פרום. פנינה האָט נישט באַקומען קיין שטרענג־רעליגיעזע דערציִונג, זי האָט אָבער געוווּסט, ווי זיך קאָרעקט אויפצופירן, עס זאָל נישט אַרויסרופן קיין אויפרעגונג ביי די פרומע אָנפירערס, ווייל ביי אונדז אין שטוב האָבן מיר געהיטן טראַדיציע. נאָר דאָ האָט זיך איר לאַגע געענדערט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פנינה האָט זייער געבענקט נאָך די קאַרנבליטס, און אויך זיי, באַזונדערש די קינדער, האָבן פשוט נישט געקענט אויסקומען אָן איר. מען האָט זי פאַרשריבן אין אַן אוניווערסיטעט אין לאָס־אַנזשעלעס (U.C.L.A.). היות זיי האָבן געוווינט ווייט פון אוני־ווערסיטעט, האָט מען פנינהן פאַרזאָרגט מיט אַן אַפּוטרופּוס. דאָס איז געווען

אַ רייכע, אַסימילירטע יידישע משפּחה, פֿאַרבסטיין, וואָס האָט געהאַט אַ זון און אַ טאָכטער געהאַדעוועטע אויפֿן אַמעריקאַנער זאַרגלאָזן שטייגער. פּנינה האָט געזאָלט אַ ביסל העלפֿן אין שטוב און זיך פֿאַרנעמען מיט דער טאָכטער. פֿאַר דעם האָט זי באַקומען אַ פּרעכטיקע דירה מיט אַלץ וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן. פּנינה האָט ביי די פֿאַרבסטיינס אין שטוב אַריינגעבראַכט אַ ביסל יידישקייט און אַ ביסל ציוניזם, אַזוי, אַז נאָך פּנינהס אַהיימקומען, אין 1962, האָבן זיי אָנגעהויבן באַזוכן ישׂראל און אויך געגעבן געלט פֿאַרן לאַנד. פּנינה איז אין דער משפּחה געוואָרן ווי אַן אייגענע, און די פֿריינדשאַפֿט גייט אָן ביז היינט צו טאָג.

פּנינה האָט פֿאַרענדיקט שטודירן און באַקומען דעם B.A. אויף געשיכטע און מדינה־וויסנשאַפֿט. די גאַנצע צייט פֿון איר זיין אין דער פֿרעמד האָט זי אויפֿגעהאַלטן אַ רעגולערן שריפֿטלעכן קאָנטאַקט מיט אונדז, אַרויסוויזנ־דיק גרויס אויפֿמערקזאַמקייט און ליבע, און געשיקט אָפֿט מתּנות פֿון אָפּגע־שפּאָרטן געלט וואָס זי האָט פֿאַרדינט.

אונדזער צווייטע טאָכטער, טובֿה, האָט אויך זייער גוט געענדיקט די פֿאָלקשול אין לוד און אַריין אין גימנאַזיע. אויך אירע לערערס האָבן נישט געשפּאָרט קיין שבֿחים פֿאַר איר. דער דירעקטאָר פֿון דער שול אין חולון, רפֿאלי, האָט זיך אויסגעדריקט, אַז טובֿה איז נישט נאָר אַ גוטע שילערין, נאָר אויך אַן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך בין געווען זייער גליקלעך אַזוינס צו הערן. נאָכן ענדיקן די מיטלשול איז זי אַוועק דינען אין צה״ל. דאָ האָט זי געהאַט אַ שווער פּראָבלעם: זי האָט נישט פֿאַרטראָגן דאָס עסן פֿון קעסל, און איר מיליטערישער אָנפֿירער האָט מיר געשריבן, אַז זי עסט כּמעט גאָרנישט. די דאָזיקע פֿאַראינטערעסירונג פֿון אַ מיליטערישן אָנפֿירער איז אַ באַווייז, אַז אַזאַ זאָרג פֿאַרן פּרט קען נאָר זיין אין אַן אמתער פֿאָלקס־אַרמיי, וואָס צה״ל (צבא הגנה לישׂראל) איז. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי האָט געגעסן דעם מינימום אויף אויפֿצו־האַלטן די נשמה, האָט זי מיטגעמאַכט אַלע מיליטערישע פֿאַרגעבונגען און מאַרשן.

נאָכן פֿאַרענדיקן דעם מיליטער־דינסט איז טובֿה אָנגעקומען אין תּל־אָבֿיבֿער אוניווערסיטעט. אָפּגעלערנט צוויי יאָר און געמוזט אים פֿאַרלאָזן, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו באַצאָלן דעם שׂכר־לימוד.

זי האָט אָנגעהויבן אַרבעטן און פאַרדינען, פאַרבײַטנדיק לערערס אין אַ פאָלקשול, און מצליח געווען. גלײַכצײַטיק האָט זי באַזוכט אַ פּעדאַגאָגישן סעמינאַר און איִם זייער גוט פאַרענדיקט. זי איז געוואָרן פאַרטרעטערין פון פאַרוואַלטער פון שול אין בת־ים, און אין עטלעכע יאָר אַרום — פאַרוואַל־טערין פון דער ש״י עגנון־שול אין בת־ים. זי האָט אויך אָנגעפירט מיט פאַרשידענע קורסן. צווישן אַנדערע — קורסן פאַר נייע עולים צו דערלערנען עברית און איבער־קוואַליפיקאַציע. זי לייענט אויך לעקציעס וועגן קאָרעס־פּאָנדענץ אין אַן אינסטיטוט פאַר אַרבעט־פּראָדוקטיוויזאַציע. צו אונדזער באַדויערן האָט זי דערווײַלע נישט געפונען איר זיווג. דערקעגן אונדזער עלטערע טאָכטער, פנינה, האָט שוין חתונה געהאַט. איר מאַן, ד״ר פּסח בן־חורין, איז אַ באַרימטער פּסיכאָלאָג אין ירושלים, פּירט אַן אייגענע קליניק. זיי האָבן דריי קינדערלעך — רביטל, מיכל און גלעד, פון וועלכע מיר אַלע האָבן גרויס נחת.

אונדזער זון, משה, איז געווען פון די בעסטע שילערס אין דער פאָלקשול און שפּעטער — אין גימנאַזיע. מיר האָבן שיין געפּראַוועט זײַן בר־מיצווה, צו וועלכער עס זענען זיך צונויפגעקומען אונדזערע אַלטע און נייע גוטע פרײַנד, צווישן וועלכע איך בין געווען גליקלעך צו זען אליעזר קאַגער (דער געוועזענער לוזער עלעגבויגען) און זײַן פרוי טאַשע, מענדל און איטקע צימערמאַן, מאַקס און רוזשקע שײַנפאַרבער און זייערע קינדער, מײַנע פרײַנד פון אל־על יעקב און אײַדל קאָרנגאָלד מיט זייערע קינדער, מײַנע מנהלים פון דער אַרבעט און נאָך און נאָך טײַערע און האַרציקע מענטשן, מיט וועלכע מיר האָבן דורכגעמאַכט אַ לאַנגן און שווערן לעבנסוועג.

נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע אויפן נאָמען פון חיים קוגעל אין חולון, האָט משה אָנגעשריבן אַ בקשה אין משרד הבטחון, מען זאָל אים אָפּלייגן דעם מיליטער־דינסט ביזן באַקומען דעם ערשטן וויסנשאַפטלעכן גראַד (תואר ראשון). די בקשה איז באַפרידיקט געוואָרן, און ער איז אָנגעקומען אין ירושלימער אוניווערסיטעט צו שטודירן כימיע. מיר האָבן געקענט צאָלן דעם פאַרהעלטנישמעסיק הויכן שכר־לימוד, ווײַל די טעכטער האָבן שוין געאַרבעט און פאַרדינט און אַפילו באַזאָרגט דעם ברודער מיט טאַשנגעלט. סטודענטן דאַרפן אין ישראל בעת זייערע וואַקאַציעס דורכמאַכן אַ געוויסן מיליטעריש־אָפיצירישן קורס. הגם אונדזער משה האָט נישט געטראַכט פון

קיין מיליטערישער קאַריערע, האָט ער די מיליטערישע לימודים דורכגעמאַכט מיט גרויס הצלחה.

אין אוניווערסיטעט האָט משה זיך באַקענט מיט דער פאַרמאַציע־סטודענטין, דורית גינתון, וואָס האָט געלעבט מיט אירע עלטערן, ד״ר שבתי און רבקה גינתון, אין ירושלים. דעם 1טן יולי 1969 האָבן מיר דאָרטן געפּראַוועט זייער חתונה. דעם 15טן יוני 1971 איז געבוירן געוואָרן זייער טעכטערל און אונדזער ערשט אייניקל, כּנֶרת. דעם אמת געזאָגט, האָב איך געוואָלט, מען זאָל עס אַ נאָמען געבן נאָך מיין אומגעקומענער מוטער, רבקה. וואָס זאָל מען אָבער טאָן, אַז ביי דער היינטיקער יוגנט זענען קיין ביבלישע נעמען נישט אין מאָדע. מוזן עלטערן נאָכגעבן בעת מען ווייסט פון פאָרויס, אַז די פאָדערונג איז אומזיסט.

די צייט איז געווען נישט קיין רויקע. רויקע צייטן זענען ביי אונדז אין לאַנד ווינציק. ס'איז פאָרגעקומען די אויסמאַטערונג־מלחמה (מלחמת ההתשה). די מיצרים האָבן אַטאַקירט, און מיר האָבן זיי נישט געשוויגן. אונדזער זון איז געוואָרן מאָביליזירט ווי אַן אַרטילעריע־אָפיציר אויפן נגב.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט, בעת מיר האָבן זיך געזעצט עסן מיטאָג, האָט געקלונגען דער טעלעפאָן. אין טרייבל האָב איך דערהערט משה'ס שטים. אויף מיין פראַגע פון וואַנען ער רעדט, איז געקומען דער ענטפער: „אבא, שרעק זיך נישט, איך בין אַ ביסל פאַרוווּנדעט און קלינג פון תּל־השומר". וועגן עסן האָט שוין קיינער נישט געטראַכט. מיט הינדען זענען מיר געפאָרן אין שפּיטאָל, איבערלאָזנדיק אַ ברייטל טובה'ן וואָס איז נישט געווען אין דער היים. די נסיעה האָט אונדז אויסגעזען ווי אַן אייביקייט.

אין פּאַלאַטע האָבן מיר דערזען אונדזער זון אין אַ בלויער פּיזשאַמע, דאָס פּנים אין בלוט־שפּרענקעלעך, איין האַנט פאַרבאַנדאַזשירט. ער האָט אונדז באַגעגנט מיט זיין האַרציקן שמייכל, וואָס האָט אונדז באַרויִקט. ווען מיר האָבן אים אַרומגענומען און געקושט, האָט זיך זיין פּנים פאַרקרימט אין אַ גרימאַסע. ער האָט געבעטן זיך נישט צורירן צו זיין האַנט און צו אים. אויף אונדזער פראַגע, וואָס מיט אים איז געשען, האָט ער געענטפערט: „אבא ואמא, וואָס איז דאָס וויכטיק? די הויפּטזאַך אַז איר זעט מיך אַ לעבעדיקן". ווידער האָבן מיר זיך באַגאָסן מיט טרערן. אויף אונדזערע ווייטערדיקע פראַגעס האָט ער בלויז מסכּים געווען צו ענטפערן, אַז געשען

איז עס 10 אין דער פרי. אין אַ שעה אַרום איז ער שוין געווען אין תּל־השומר, וווהין מען האָט אים געבראַכט מיט אַ העליקאָפּטער. ער איז באַלד אָפּערירט געוואָרן און נישט געלאָזט מען זאָל אונדז מעלדן, ביז ער איז נישט אַרויס פון נאַרקאָז און געקומען צו זיך. אויף אַ װעגעלע האָט מען אים צוגעפירט צום טעלעפאָן...

ס׳איז אַריינגעקומען אַ מיליטער־מאַן פון הויכן ראַנג און געפרעגט אונדזער זון, וואָס ער מאַכט. משה האָט געענטפערט: „גוט!" דער אָפיציר האָט דערביי גוטמוטיק באַמערקט, אַז משה האָט געהאַט מזל, ווייל אין אַזעלכע פאַלן צעברעכט מען דעם קאָפּ. ער האָט צוגעוווּנטשן משהן אַ גוטע נאַכט און איז צוגעגאַנגען צו אַ בעט פון אַ צווייטן פאַרווונדעטן בחור, וואָס איז געלעגן אין דער זעלבער פּאַלאַטע.

אַהיים זענען מיר געפאָרן אַ ביסל באַרויִקט, נישט ווייסנדיק אַז אונדזער זון דערוואַרטן נאָך אָפּעראַציעס. אונדזער טאָכטער, טובה, איז שוין געווען אין שטוב און געלייענט אונדזער בריוול, אַז מיר זענען אַרויסגעפאָרן צו באַקאַנטע. אָנגעגעבן האָבן מיר בכוונה חברים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין טעלעפאָן... מיר האָבן איר איצט דערציילט דעם גאַנצן אמת. זי האָט געזאָגט, אַז עפּעס נישט גוטס האָט זי חושד געווען. איצט האָט זי זיך אויפגעהויבן און געפאָרן צום ברודער. אים צו באַזוכן זענען אָנגעקומען אויך פון ירושלים פנינה, וואָס האָט דאָרטן געאַרבעט, און משה׳ס פרוי, דורית מיט אירע עלטערן. ס׳האָבן אים באַלד אויך באַזוכט זיינע חברים און דער פעטער חיים מיט דער מומען רבקה. חיים האָט צו אים געזאָגט: „משה׳לע, ווייסט, איך דאַוון יעדן טאָג און האָב דיך שטענדיק אין זינען. כ׳האָב געבעטן גאָט פאַר דיר און ס׳האָט נישט געהאָלפן". אויף דעם האָט משה געענטפערט: „פעטער חיים, אפשר האָט דאָס יאָ געהאָלפן. אַ סימן — איר זעט מיך אַ לעבעדיקן".

וואָס מיט אונדזער זון איז געווען געשען, האָבן מיר זיך ערשט דערוווּסט אַ סך שפּעטער, ווייל ער האָט עס פון אונדז די גאַנצע צייט געהאַלטן בסוד. משה האָט דערציילט, אַז עטלעכע חדשים איז ער געווען אַן אַקטיווער אָנטייל־נעמער אין דער בלוטיקער אויסמאַטערונג־מלחמה מיט די מיצרים. אין זיין רשות איז געשטאַנען אַ קליינער עראָפּלאַן מיט אַ פּילאָט. משה׳ס אויפגאַבע איז געווען צו אָבסערווירן דעם שונאס פּאָזיציעס און געבן פון דער לופט אָנווייזונגען צו אונדזער אַרטילעריע, אין וועלכער ריכטונג צו שיסן. דעם

24סטן מיי 1970, האָבן צוויי ראַקעטעס געטראָפן זיין עראָפּלאַן. משה האָט געמאָלדן דעם פּליִער, אַז ער איז פאַרווּנדעט און שפּרינגט מיטן פּאַראַשוט. דער פּליִער, אויך אַ פאַרווּנדעטער, האָט באַוויזן צו דערפּליִען ביז צו זיין באַזע און מעלדן, אַז משה איז געשפּרונגען פון עראָפּלאַן. מען האָט גלייך אַרויסגעשיקט אַ העליקאָפּטער אים צו זוכן. די מיצרים האָבן באַמערקט משה'ן אין דער לופט, געשאָסן אין אים און, צום גליק, נישט געטראָפן. אַ פאַרבלוטיקטער אין גאַנצן קערפּער, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. געווען איז ער ביים פולן זינען. האָט ער גלייך איבערגעבונדן די האַנט, פון וועלכער ס'האָט געפּליִצט בלוט. געפּרוּווט האָט ער גיין, אָבער נישט געוווּסט אין וועלכער ריכטונג. געווען איז די סכנה אַריינצופאַלן צו די מיצ־רים. פּלוצעם האָט זיך באַוויזן אַ העליקאָפּטער, און משה האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס זוכט מען אים. דער פּליִער האָט אים אָבער נישט באַמערקט. ערשט נאָך אַ לאַנגן אַרומקרייזן האָט דער העליקאָפּטער זיך אַראָפּגעלאָזט. בעתן אַריינטראָגן אים אין העליקאָפּטער, איז משה געווען אָן באַוווּסטזיין. בעת זיין מיליטער־דינסט האָט משה אַנגעגעבן אַ בקשה דורכצוגיין אַ פּאַראַשוטיסטן־קורס. צוליב מאַנגל אין פּלאַץ האָט מען אים אָנטזאָגט, אַזוי אַז געשפּרונגען איז ער מיטן פּאַראַשוט, נישט האָבנדיק קיין פּראַקטישע צוגרייטונג. דאָס טוט אים וויי ביז היינט צו טאָג.

עטלעכע חדשים איז משה געווען אין שפּיטאָל. אויך נאָך דער צווייטער אָפּעראַציע איז ער דאָרטן געלעגן אַ לענגערע צייט. צוויי יאָר האָט ער געגאָלטן ווי אַ מלחמה־אינוואַליד.

נאָך דינענדיק אין מיליטער, האָט משה זיך געוואָנדן צו עטלעכע אוני־ווערסיטעטן אין אַמעריקע וועגן פאַרזעצן זיין שטודיום און באַקומען פון עטלעכע אַ פּאָזיטיוון ענטפער. נאָך דריי יאָר דינסט איז ער אָפּגעפאָרן שטו־דירן אין אוניווערסיטעט פון קליוולענד, אָהייאָ. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער אָפּגענומען צו זיך דורית'ן מיט זייער טעכטערל.

משה האָט אויסגעצייכנט זיך געלערנט און באַלד באַקומען אַ סטיפּענדיע. דורית איז אַוועק אַרבעטן, אַזוי אַז זיי האָבן געהאַט אויף אויסקומעניש. אין אַ יאָר אַרום האָבן מיר זיי באַזוכט. זיי זענען געווען מער־ווייניק איינ־געאָרדנט, געהאַט אַ גוטע געזעלשאַפט פון ישׂראל־סטודענטן. אין אַ שמועס מיטן זון האָב איך אים געזאָגט, אַז נאָך דעם וואָס ער האָט דורכגעמאַכט,

ביז איך צופרידן אַז ער קען איצט רויִק לעבן. זיין ענטפער איז געווען: „וואָס קלערסטו, אבא, אויב עס זאָל ווידער אויסברעכן אַ מלחמה מיט די אַראַבער וועל איך בלייבן דאָ זיצן און נישט קומען קיין ישׂראל זיך שטעלן צום מיליטער?" זיין דאָזיקע דערקלערונג האָט ער גאָר אין קורצן מקיים געווען. ס'איז אויסגעבראָכן די יום־כּיפּור־מלחמה. אַרבעטנדיק אויפן פּלי־פּלאַץ האָב איך מיט די אייגענע אויגן געזען די רעזולטאַטן פון שווערע שלאַכטן: עראָפּלאַנען האָבן געבראַכט אַ סך פאַרווונדעטע, און העליקאָפּ־טערס האָבן זיי פונאַנדערגעפירט אין די שפּיטעלער. אויפן פערטן טאָג פון דער מלחמה, דעם 9טן אָקטאָבער 1973, ווען איך בין געקומען צו דער אַרבעט האָט אויף מיר שוין געוואַרט אַ טעלעגראַם, אַז מיין זון געפינט זיך אין עראָפּלאַן וואָס קומט פון ניו־יאָרק. קיינעם איז דעמאָלט נישט געווען לייכט אויפן האַרצן. כ'מוז זיך מודה זיין, אַז מיר איז געוואָרן באַזונדערש שווער. די באַגעגעניש מיט משה'ן איז געווען אַ האַרציקע און צו גלייך אַ טרויעריקע. אויף מיין פראַגע, צי מען האָט אים מאָביליזירט, האָט ער געענטפערט אַז ניין. מען האָט בלויז אויף אַן אַלגעמיינעם אופן געמאָלדן אַז מען דאַרף האָבן אַרטילעריסטן און טאַנקיסטן. די, וואָס האָבן זיך געגרייט צו קומען, האָבן זיך געמאָלדן צו דער יידישער קהילה אין קליוולענד און זי האָט פאַר זיי געקויפט פלי־בילעטן. כ'האָב געפרעגט משה'ן, וואָס טראָגט אים אין פייער אַריין. האָט ער דערקלערט, אַז מיט אים צוזאַמען זענען געקומען נאָך צען יונגע מענטשן, סטודענטן, ווי ער, וואָס האָבן איבערגעלאָזן פרויען און קינדער. אַלע זענען זיי געקומען פאַרטיידיקן די עלטערן, שוועסטער און ברידער, זייער פאָלק און די מדינה.

די אָנגעקומענע פרייוויליקע האָבן זיך רעגיסטרירט אויפן עראָדראָם. אַ טייל האָט מען געשיקט אין זייערע איינהייטן און אַנדערע געשיקט אַהיים. משה איז געווען צווישן די לעצטע און געווען שטאַרק אומצופרידן. באַגינען האָט אַ טעלעפאָן־קלונג אונדז אויפגעוועקט, מען האָט געמאָלדן משה'ן, ער זאָל גלייך קומען אויפן פלי־פּלאַץ. פון דאָרטן האָט ער אונדז באַוויזן צו מעלדן טעלעפאָניש, אַז ער פליט אַרויס אויפן פראָנט צו זיין איינהייט.

ווי באַוווּסט איז די יום־כּיפּור מלחמה געווען פאַר אונדז אַ זייער שווערע, מיט אַ סך קרבנות. ווען די קאַמפן האָבן זיך אָפּגעשטעלט האָט מען משה'ן באַפרייט, און ער איז צוריקגעפלויגן קיין קליוולענד. איינער פון די עלף

סטודענטן, וואָס זענען מיט אים צוזאַמען געקומען, איז צוריק נישט געפלויגן. ער איז געבליבן אויף אַ מיליטערישן בית־עלמין אין ישׂראל.

נאָכן פאַרענדיקן דעם צווייטן אַקאַדעמישן גראַד („תואר שני״), איז משה געבליבן אין קליוולענד מאַכן דעם דאָקטאָראַט, וועלכן ער האָט מיט גרויס הצלחה פאַרטיידיקט דעם 1טן יולי 1976 און באַקומען דעם טיטל „דאָקטאָר פון כימיע״. אין צוויי חדשים אַרום איז ער מיט זיין פרוי און קינד געקומען צוריק אַהיים, קיין ישׂראל. פון די פאָרשלאָגן צו אַרבעטן אין ווייצ־מאַן אינסטיטוט (מכון וויצמאַן), אין אוניווערסיטעט בן־גוריון אין באר־שבע און חיפהער טכניון (טעכנישע היכשול) האָט ער אויסגעקליבן דאָס לעצטע, ווו ער איז באַשעפטיקט ווי אַ פאָרשער די גאַנצע צייט. ביי אים איז אין חיפה געבאָרן געוואָרן אַ ייִנגעלע, אָדר, און ער איז איצט אַ טאַטע פון צוויי קינדער.

אין אל־על האָב איך אָנגעהויבן ווי אַ שוואַרצאַרבעטער און פאַמעלעך געשטיגן. בין געוואָרן אַ „מנהל עבודה״, אַן אָנפירער פון פּשוטע אַרבעטער און דערנאָך אָנגעפירט מיט אַ סקלאַד (מחסן).

פונקט ווי אַלץ אין אל־על, איז אויך דער סקלאַד לכתחילה געווען קליין־מאַשטאַביק: אַ ביסל דעקעס און ווייסע וועש פאַר די זיצפלעצער און קישע־לעך, אַ ביסל לייכטע געטראַנקען, שאָקאָלאַד, צוקערלעך, קייגומי — פאַר די ווינציקע פּאַסאַזשירן, וואָס זענען דעמאָלט געווען. מיטן וווּקס פון דער געזעלשאַפט האָט זיך אַלץ אויסגעברייטערט, און מיין סקלאַד האָט אַרומ־גענומען מערערע הונדערטער קעגנשטאַנדן. פון די פּשוטע כּלים אין אָנהייב, ביז צום בעסטן פאַרצעליי־געשיר און באַזילבערטע לעפל־גאָפל־מעסער. אין מיי 1970 האָט מיך דער דעמאָלטיקער גענעראַל־דירעקטאָר מ. בן־אַרי נאָמי־נירט פאַרן הויפּט־פאַרוואַלטער פון דער אָפּטיילונג פון די מאַגאַזינען, וואָס באַדינען די פּאַסאַזשירן. מיין סקלאַד האָט אויך אַרויסגעגעבן די סטיואַרדן (דיילים) צום פאַרקויפן די פּאַסאַזשירן אַן צאָל די בעסטע אינלענדישע און אויסלענדישע געטראַנקען, פּאַרפומעריע, ציגאַרעטן, שאָקאָלאַדן, אַזוי אַז דער אומזאַץ האָט באַטראָפן מיליאָנען דאָלאַרן אַ יאָר. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב באַקומען צו הילף עטלעכע מענטשן.

מיין אַרבעט איז געווען פאַרבונדן מיט די עראָפּלאַנען און זייערע פּלי־ערס, דעריבער האָבן מיך אַלע געקענט. מיר איז געווען טייער די באַקאַנט־

שאַפט מיט די אל־על אַרבעטער און אַלע אירע אָנפירערס, דעם דעמאָלטיקן גענעראַל־דירעקטאָר מרדכי בן־ארי און דעם איצטיקן גענעראַל־דירעקטאָר, יצחק שאַנדער. כ׳האָב שטענדיק ליב געהאַט מענטשן, געהאַט אויף דער אַרבעט אַ סך גוטע פריינד. דאָס לעבן גייט אָבער קיין מאָל ניט אין גאַנצן גלאַטיק, און ליידער האָב איך איבערגעלעבט אויך געוויסע אַנטוישונגען אין מענטשן, וואָס האָבן, צוליב קאַריערע, מיר אָפּגעדינט מיט שלעכטס פאַר גוטס. נאָך דעם ווי זיי האָבן איינגעזען זייער חטא, האָבן זיי זיך אַנטשולדיקט, און דאָס איז געווען פאַר מיר אַ מאָראַלישע סאַטיספאַקציע. איך האָב פאַר־ענדיקט מיין אַרבעט אין אל־על און אַרויס אויף פענסיע, נישט זייענדיק ברוגז מיט קיינעם.

מיט נאָך אַנדערע פון די ערשטע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין אל־על האָב איך געהאַט דעם גרעסטן כבוד אויפגענומען צו ווערן פון צווייטן פרע־זידענט פון אונדזער מדינה, יצחק בן־צבי, צו צען יאָר אל־על, פון דריטן פרעזידענט, זלמן שז״ר, צו צוואַנציק יאָר אל־על און פון פערטן פרעזידענט, אפרים קציר, צו פינף און צוואַנציק יאָר אל־על.

איך האָב געהאַט אַ גרויסע באַפרידיקונג פון מיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין לוד, וועגן וואָס איך האָב שוין דערציילט, און אויך אין חולון, ווו איך בין געווען אַ חבר אין דעם ראַט פון דער אָפּטיילונג פון דער אַרבעטס־פאַרטיי (מפלגת העבודה). היינט, ווען איך בין עלטער געוואָרן און אויך די אַקטיוויטעט פון די פאַרטייען אויף די ערטער איז שוואַכער, בין איך טעטיק בעיקר אין דער צייט פון וואַלן.

איך בין די גאַנצע צייט געווען דער איינציקער פאַרדינער אין שטוב. מיר האָבן געפירט אַ באַשיידן אָבער בכבודיקן לעבן. קיין מאָל נישט געמאַכט קיין חובות, געגעסן און זיך אָנגעטאָן אין די ראַמען פון אונדזערע מעגלעכ־קייטן. פאַרשטייט זיך, אַז אין דעם אַלעם האָט מיין געטרייע און איבערגע־געבענע פרוי, הינדע, דעם גרעסטן חלק. מיט גרויס חכמה און פלייס האָט זי געפירט אונדזער בעל־הבתישקייט.

כ׳בין געווען גליקלעך צו אַרבעטן אין אל־על און זיך באַנוצט מיטן געהאַלט און די שיינע סאָציאַלע פאַרגינסטיקונגען, וואָס די געזעלשאַפט האָט פאַרזיכערט אירע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. דעריבער האָב איך נישט פאַרשטאַנען די, וואָס האָבן געשטרייקט, פאָדערנדיק הוספות אויף הוספות

און נישט גענומען אין באַטראַכט, אַז די פּליי־געזעלשאַפט פון אונדזער קליי־נער מדינה קען זיי נישט נאָכקומען. אַ גרויסער טייל פון אל־על־פּערסאָנאַל האָט לכתחילה נישט געהאַט די געהעריקע פאַכמענישע צוגרייטונג, האָט די געזעלשאַפט געגרינדעט קורסן און אויסגעבילדעט די מענטשן. די געהעלטער זענען מיט דער צייט געשטיגן און איך, ווי אַן עלטערער אַרבעטער, האָב נישט פאַרשטאַנען די יונגע, וואָס האָבן פאַרלאַנגט נאָך און נאָך און דערפירט צו שטרייקן, וואָס זענען, לויט מיין מיינונג, נישט געווען באַרעכטיקט. די יונגע האָבן פון אונדז, עלטערע, געלאַכט, זאָגנדיק, אַז מיר פאַרשטייען גאָר־נישט מיט נישט. געוויס, אויך מיר, די עלטערע אַרבעטער, האָבן נישט אָפּגעוואָרפן דעם שטרייק, ווי דעם עפעקטיוון כלי־זין פון אַרבעטנדיקע. מען טאָר אָבער נישט איבערטרייבן מיט די פאָדערונגען, היינט ווי נאָך, אַרבעטנדיק אין אַזאַ געזעלשאַפט ווי אל־על, וואָס גיט איר פּערסאָנאַל דעם מאַקסימום וואָס זי קען. איך וויל באַטאָנען, אַז די ווייט־גרעסטע מערהייט פון די אַרבעטער און פון די אַרבעטער־ראַטן (וועדי עובדים) פון אל־על האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן דיסציפּלין, אַחריות און איבערגעגעבנקייט צו דער ישׂראלדיקער נאַציאָנאַלער פּליי־געזעלשאַפט, אָפט אויסגעפירט די אַר־בעט ביי גרויסע שוועריקייטן און סכנות־נפשות, און צו מאָל מוותר געווען אויף אַ טייל פון לוין, בכדי צו פאַרלייכטערן דעם פינאַנציעלן מצב פון דער געזעלשאַפט.

מיין קראַנקייט

דעם 24סטן מאַרץ 1974 האָב איך מיך באַגינען אויפגעכאַפּט מיט שרעק־לעכע ווייטיקן אין דער לינקער זייט ברוסט, ביז צו דער פּלייצע און אין דער לינקער האַנט ביז צו די פינגער. כ׳האָב קוים געקענט אָטעמען. מיר איז געווען קלאָר, אַז ס׳איז אַ האַרץ־אַטאַק.

הינדע און טובה׳לע האָבן געקלונגען אין „מגן דוד אדום״, און די תשובה איז געווען, אַז זיי וועלן קומען ערשט אין פערציק מינוט אַרום. האָבן מיינע אייגענע געקלונגען אַזש צו צוויי דאָקטוירים און ביידע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו קומען. האָט הינדע אויפגעוועקט אונדזער גוטן שכן, אריה קירענבערג, און ער און זיין זון, יעקב, האָבן מיך מיט זייער מאַשין אָפּגע־

פירט אין שפּיטאָל. מיין צושטאַנד, זעט אויס, איז נישט געווען קיין לייכטער. מען האָט דורכגעפירט מיט מיר אַלע געהעריקע פּראָצעדורן און כ׳בין אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל דריי וואָכן. הינדע און באַזונדערש טובה׳לע זענען די גאַנצע צייט כּמעט ווי נישט אָפּגעטראָטן פון מיין בעט, אויסער פאַרשטייט זיך די שעהען, וואָס זי האָט געמוזט זיין אויף דער אַרבעט. פּנינה פון ירושלים האָט מיך באַזוכט און אויך דער זון איז געקומען צו פליען פון קליוולענד. אין אַ בריוו, וואָס טובה האָט אים געשריבן אין ערשטן טאָג פון מיין קראַנק־ווערן, האָב איך צוגעשריבן עטלעכע שורות אים צו באַרויקן. אָבער ווי נאָר משה האָט דערהאַלטן דעם בריוו, האָט ער אָנגעקלונגען און געזאָגט, אַז ער קומט. דער בריוו איז געגאַנגען אַ צען טעג. מיין לאַגע האָט זיך דערווייל געהאָט פאַרבעסערט, און מען האָט אים געקענט באַרויקן און זאָגן, ער זאָל זיך באַזוך אָפּלייגן אויף דער צייט, ווען איך וועל שוין זיין אין דער היים. אַזוי איז עס טאַקע געווען. ער איז געקומען מיט זיין טעכטערל כּנרת, און דאָס איז געווען אַ היילונג פאַר מיין נשמה. אויך מיין אײדעם פּסח האָט אָפּט פאַרמאַכט זיין קליניק און געקומען מיך באַזוכן מיט פּנינה׳ן און זייער טעכ־טערל רביטל. מיינע אַלע אייגענע האָבן אַלץ געטאָן, איך זאָל וואָס גיכער זיך שטעלן אויף די פיס. די גרעסטע לאַסט איז געפאַלן אויף הינדען און טובה׳לען. הינדע — אין דער שטוב־ווירטשאַפט און טובה׳לע, וואָס האָט זיך מטפּל געווען מיט מיר. זי האָט מיר געהאָלפן שטעלן די ערשטע טריט, ווען איך בין אַראָפּ פון בעט. מיין טייערער פרוי און טאָכטער בין איך טאַקע באַזונדערש דאַנקבאַר פאַר מיין געזונט־ווערן און פאָרן ווידער אַריינגיין אין לעבן.

כ׳וויל פאַרצייכענען, אַז מיין דאָקטערין פון קופּת־חולים האָט זיך פאַר מיר פאַרענטפערט, אַז אין דער מינוט ווען מען האָט זי אויפגעוועקט און געבעטן קומען, האָט זי נישט אָפּגעשאַצט מיין לאַגע. נאָך מיין קומען פון שפּיטאָל האָט זי מיך אָפּט באַזוכט פון איר אייגענעם ווילן. צו דער אַרבעט אין אל־על האָט זי מיר געלאָזט גיין ערשט אין דריי חדשים אַרום נאָכן קומען פון שפּיטאָל, און אויך נאָר אויף פיר שעה אין טאָג. נאָכן אָפּאַרבעטן אַ חודש האָט זי מיר דערלויבט צו אַרבעטן זעקס שעה אין טאָג. אין צוויי חדשים אַרום האָב איך שוין געאַרבעט אַ נאָרמאַלן אַרבעטסטאָג. (אין „תל־השומר״־שפּיטאָל גיי איך דורך אַ האַרץ־קאָנטראָל איין מאָל אַ יאָר.)

איך בין איצט באַשטימט געוואָרן פאַרן אינספּעקטאָר פון די באַוועגלעכע קעגנשטאַנדן, וואָס קומען אַריין אין עראָפּלאַן צו באַדינען די פּאַסאַזשירן. די נייע פונקציע האָט מיך ווידער געהאַלטן נאָענט צו אַ גרויסער צאָל העכערע און קלענערע פונקציאָנאַרן פון אל־על. איך מעג זיין שטאָלץ אויך דערמיט, וואָס יאָרן נאָך מיין פאַרלאָזן דעם סקלאַד, האָט מען אים נאָך אַלץ גערופן „מחסן פוטערמאַן".

עטלעכע מאָל, פאַרנדיק צו דער אַרבעט, האָב איך זיך דערפילט שלעכט און אַפילו אויף אַ רגע פאַרלאָרן דעם באַוווּסטזיין. די דאָקטוירים האָבן פעסטגעשטעלט, אַז דאָס זענען דערשיינונגען פון פאַלן פון בלוטדרוק.

מיט מיר איז יאָרן לאַנג געפאָרן צו און פון דער אַרבעט מיינער אַ שכן און גוטער פריינד, בן־ציון גרינבלאַט, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין אל־על כמעט אין דער זעלבער צייט, וואָס איך. געאַרבעט האָט ער אין אַ צווייטער אָפּטיילונג. אין אויטאָבוס זענען מיר געזעסן צוזאַמען און אַ סך גשמועסט. ער האָט, נאַטירלעך, געוווּסט וועגן מיין געזונט־צושטאַנד און אויך, אַז איך אַרבעט נישט לייכט, ווייל מיין אַרבעט איז פאַרבונדן מיט זאָרג און שפּאַנונג און לייגט אויף מיר אַרויף אַ שווערן עול. האָט מיר בן־ציון געעצהט אַרויסגיין אויף פּענסיע, ווען כ'בין אַלט געוואָרן 65 יאָר און געהאַט אָפּגעאַרבעט אין אל־על 28 יאָר.

אין אל־על איז ביז היינט נישט איינגעפירט קיין „קרן פנסיה" (פּענסיע־פאָנד) און ווער עס באַשליסט אויפצוהערן אַרבעטן, באַקומט אַנטשעדיקונג (פּיצויים), לויט די אָנגענומענע אין דער מדינה געזעצן: אַ חודש געהאַלט פאַר יעדן אָפּגעאַרבעטן יאָר. דערצו ווערן אויסגעצאָלט די אָנגעזאַמלטע געלטער פון דעם אַרבעטער און פון דער געזעלשאַפט אין „קופּת תּגמולים" (צוריקצאָל־קאַסע).

נאָך דעם ווי ס'איז אויפגעקומען דער געדאַנק, אַז איך דאַרף אויפהערן אַרבעטן, האָב איך גענומען אונטערהאַנדלען מיט דער פאַרוואַלטונג פון אל־על וועגן דער אַנטשעדיקונג, און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען באַשטימט מיר אויסצוצאָלן פאַר יעדן אָפּגעאַרבעטן יאָר אַן אַנדערטהאַלבן־חדשימדיקן געהאַלט.

דעם 1טן פעברואַר 1977 האָב איך אויפגעהערט אַרבעטן. אַ פּאָר וואָכן פאַר דעם האָבן מיר מיינע מיטאַרבעטער איינגעאָרדנט אַ שיינעם געזעגענונג־

באַנקעט, אין וועלכן ס׳האָבן אָנטיילגענומען דער גענעראַל־דירעקטאָר פון אל־על מרדכי בן־אַרי, זיין פאַרטרעטער יעקב ירון, און אַ סך פאַרבעטענע געסט, מיט וועלכע איך בין געווען באַפריינדט און מיטגעאַרבעט אין משך פון צענדליקער יאָרן.

בן־אַרי און זיין פאַרטרעטער זענען אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס און הויך אָפּגעשאַצט מיין אַרבעט. מיט גערירטקייט האָב איך אין מיין וואָרט באַדאַנקט פאַרן כבוד, וואָס מיר איז דאָ צוגעטיילט געוואָרן און פאַר דער וואַרעמער אָפּשאַצונג פון מיין באַשיידענעם ביישטייער צו דער טעטיקייט פון אל־על. אויפן באַנקעט זענען בייגעווען מיין פרוי און קינדער, וואָס זענען געווען גליקלעך צו הערן אַזוי פיל שבחים וועגן זייער מאַן און פאָטער. יאָ, מען האָט מיך מיט כבוד אַרויסגעבאַגלייט אויף פּענסיע פון אל־על, וועלכער איך האָב אַוועקגעגעבן מיינע בעסטע יאָרן, אָבער באַקומען פון איר אַ געהעריקע מאַטעריעלע און מאָראַלישע פאַרגיטיקונג.

לויט דער אָנווייזונג פון בן־אַרי איז מיין וואָרט געוואָרן אָפּגעדרוקט אין אַ נומער פון דער פּעריאָדישער אויסגאַבע פון אל־על, „אל עלון", וואָס די פאַרוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט, צוזאַמען מיט די אַרבעטער־קאָמיטעטן (ועדי העובדים) גיבן אַרויס.

נאָכן אָפּאַרבעטן 52 יאָר, פון 13 ביז 65, כמעט אָן איבעררייס ביי פאַרשידענע אַרבעטן, לייכטערע, שווערערע און זייער שווערע, ווייניקער פאַראַנטוואָרטלעכע און זייער פאַראַנטוואָרטלעכע, אין פּוילן, סאָוועטן־פאַרבאַנד און בעיקר אין ישׂראל, וווּ איך געפין זיך דעם גרעסטן טייל פון מיין לעבן, האָב איך געפילט אַ באַדאַרף זיך אַ ביסל אָפּרוען.

די ערשטע פּאָר חדשים פון זיין פריי פון אַרבעט זענען מיר געווען אינטערעסאַנט. כ׳האָב מער נישט געדאַרפט אויפשטיין אין אַ באַשטימטער שעה, נישט געדאַרפט פּלאַנירן און טראַכטן ביי נאַכט און אין יעדער פרייער מינוט, וואָס איך האָב מאָרגן צו טאָן אויף דער אַרבעט; וואָס מען דאַרף מאַכן פריִער און וואָס מען קען אָפּלייגן אויף שפּעטער; וועלכע ענינים דאַרף איך דערליידיקן מיט מיינע העכער־שטייענדיקע; וואָס קען איך און דאַרף טאָן פאַר די, וואָס איך בין זייער אָנפירער, בכדי צו פאַרלייכטערן און פאַרבעסערן זייערע אַרבעט־באַדינגונגען און מאַטעריעלע לאַגע. ביי דעם גרעסטן טייל פון די אַ מענטשן בין איך געווען פאַררעכנט פאַר אַן אייגענעם און בין געווען

אָפּשייד־באַנקעט פאַרן מחבר אין אל־על צו זיין אַרויסגיין אין פּענסיע (1977). פון רעכטס: יעקב ירון (פאַרטרעטער פון מנכ״ל), הינדע פוטערמאַן, דער מחבר, מרדכי בן־ארי (מנכ״ל פון אל־על), אלי יעקב, יעקב קאַרנגאָלד א״אַ. צווייטער פון לינקס: אריה קירנבערג

אַריינגעצויגן אין זייערע משפּחה־ענינים, אַפילו אויסגעגליכן סכסוכים צווישן מאַן און ווייב. האָט מען מיר טאַקע דערפאַר אָפּגעגעבן דעם אויבן־אָן אויף שׂמחות און ביי אַנדערע געלעגנהייטן. ס׳קען זיין, אַז דערצו האָט אויך ביי־געטראָגן דאָס, וואָס צווישן מיינע אַרבעט־חברים בין איך געווען דער עלטס־טער, און מיין ווייסער קאָפּ האָט זיך שטענדיק אויסגעטיילט.

די ערשטע חדשים נאָך מיין אויפהערן אַרבעטן האָבן מיר אויסגעזען ווי אַ לאַנגער אורלויב. אין דעם קליינעם פּוילישן שטעטל און מסתּמא אויך אין די גרעסערע פּוילישע שטעט האָט אַ בעל־מלאָכה זיך נישט פאַרגונען צו געניסן פון אַזאַ „לוקסוס״, ווי נעמען אורלויב אויף עטלעכע וואָכן. ווען מען איז געבליבן אָרבעטלאָז און נישט געהאַט קיין פּרנסה, איז געווען דער „אורלויב״. אין דעם סאָוועטישן פאַרוואָגלעניש, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, פלעגט דער אורלויב אָפּגעלייגט ווערן אויף נאָך דער מלחמה. אַזוי אַרום האָב איך דעם טעם פון ערשטן אורלויב פאַרזוכט אין ישׂראל, און טאַקע אין אל־על. געוויס, דער יערלעכער אורלויב איז אַ גרויסע סאָציאַלע דער־גרייכונג. עס רעדט זיך וועגן עטלעכע וואָכן, אין וועלכע די אַרבעטנדיקע קענען געניסן פון לופט, ים, פון עקסקורסיעס און אָפּרו, זיי האָבן מער צייט פאַר אַ בוך, פאַר אַ זשורנאַל, פאַר אַ לעקציע און אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, אָבער אַ שטענדיקער אורלויב...

באַלד האָב איך גענומען בענקען נאָך דעם אַלעם, וואָס האָט מיר אין די לעצטע יאָרן פון מיין אַרבעט אויסגעזען שווער און ווי אַן עול. ס׳האָט מיר אויסגעפעלט דאָס פאָרן צו דער אַרבעט און דאָס אומקערן זיך אַהיים, אַפילו דאָס זאָגן „שלום״ און הערן דעם ענטפער ביים קומען אויף דער אַרבעט און ביים אַוועקגיין. כ׳האָב געבענקט נאָך מיינע אַרבעט־חברים. ס׳איז מיט מיר געשען דאָס זעלבע, וואָס מיט אַלע פּענסיאָנערן — כ׳האָב געמוזט עפּעס אָנהייבן טאָן. האָב איך זיך אַ ביסל פאַרנומען מיט מיין געוועזענער פּראָ־פעסיע: שמעלער געמאַכט מיינע בגדים... כ׳האָב זיך אַרומגעזען, אַז מיר לעבן אין דער זייער שיינער אויסגעפּלאַנירטער שטאָט, חולון, מיט אירע סקווערן גאַרטנס, מיט אירע שיינע ביימער און בלומען, מיט אירע שיינע געביידעס. מיינע טעגלעכע שפּאַצירן האָבן מיר געהאָלפן אַן רפואות צו שטאַרקן דאָס געזונט נאָכן האַרץ־אַטאַק, אויף אַזוי ווייט, איך זאָל קענען זיין געזעלשאַפט־לעך אַקטיוו און אויך אָננעמען אַן אַרבעט פון פינף שעה אין טאָג, אין באַנק

לאומי, און דערנאָך אין באַנק דיסקאָנט, ווו איך פּיר אויס באַשטימטע קאָנטאָר־פונקציעס עד־היום.

מיר פאַראייביקן אונדזערע קדושים

אין ישׂראל עקסיסטירט אַ „ועד יוצאי קרסניסטב" (קאָמיטעט פון קראַס־ניסטאַווער לאַנדסלייט), זינט מיר זענען אָנגעקומען אין לאַנד אַריין. איך נעם אָן אַקטיוון אָנטייל אין אָט דעם קאָמיטעט נאָך פון דער צייט, ווען מיר זענען זיך אין יאָר 1947 צונויפגעקומען אין פּליטים־לאַגער, באַד רייכענ־האַל (דייטשלאַנד), געקומענע פון סאָוועט־רוסלאַנד, געראַטעוועטע פון די געטאָס און לאַגערן, קעמפּפערס פון די וועלדער.

דעם ערשטן צוזאַמענקום פון די קראַסניסטאַווער האָט צוזאַמענגערופן מיין חבר שטונצייגער (היינט — שנון). ער איז געווען אַ מיטגליד פון צענ־טראַל־קאָמיטעט פון דער שארית־הפליטה און האָט מיטגעאַרבעט אין דער יידישער צייטונג, וואָס דער קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן. מיר זענען זיך צונויפגעקומען עטלעכע צענדליק מענטשן. נאָך דעם שרעקלעכן חורבן וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק, איז דאָס געווען אַ דראַמאַטישער צוזאַמענ־טרעף. פאַרביי זענען צוויי יאָר נאָכן סוף פון דער מלחמה, און ס'איז כמעט שוין נישט געווען קיין האָפענונג, עס זאָלן זיך אָפּגעפינען נאָך שטעטלשע, אויסער די, וועגן וועלכע מען ווייסט שוין. מענטשן וואָס האָבן פאַרן קריג נישט געהאַט קיין געמיינזאַמס, געלעבט, ווער — אין „שטאָט" און ווער — אויף דער „גראָבליע", זענען זיך איצט אַרויפגעפאַלן איינער אויפן צווייטן מיט געוויין און פרייד. מען איז געוואָרן נאָענט, ווייל מען איז אַזוי ווייניק געבליבן. אויף יעדנס פּנים איז געווען אויסגעגאָסן צער און טרויער.

מיר האָבן איינגעאָרדנט די ערשטע אַזכּרה נאָך די קדושים פון קראַסני־סטאַוו, און ביי די הספד־רעדעס, ביים „אל מלא רחמים" און אַלגעמיינעם „קדיש" האָבן זיך אָפּגעשפּילט האַרצרייסנדיקע סצענעס.

אויף אָט דער ערשטער אַזכּרה האָבן מיר באַשלאָסן, יעדן יאָר, כ"ב אייר, זיך צוזאַמענקומען אויף מזכּיר צו זיין די קדושים פון אונדזער פאַרשניטענער יידישער קהילה.

דער גרעסטער טייל פון קראַסניסטאַווער שארית־הפליטה האָט זיך באַ־

דער קאָמיטעט פון קראָסניסטאַווער לאַנדסלייט אין די־פּי־לאַגער באַד רייכענהאַל, 1947. ערשטע ריי (פון רעכטס): ג. אַבענשטיין ז״ל, י. שאַק ז״ל, ל. בורשטיין ז״ל, א. שטונצייגער. צווייטע ריי: מ. קאַנער, א. וואַרמאַן, מ. פוטערמאַן (דער מחבר)

זעצט אין ישׂראל און היט אָפּ דעם דאָזיקן יאָרצייט, בכדי נישט צו פאַרגעסן אונדזערע קדושים און צו געדענקען וואָס די נאַציס האָבן אָפּגעטאָן אונדזער פאָלק. צו די אַזכּרות פלעגן קומען די קראָסניסטאַווער פון אַלע עקן לאַנד און אויך פון אויסלאַנד.

מיט דער צייט האָט זיך געמינערט דער אָנטייל אין די אַזכּרות. טייל איז אַוועק אויפן עולם־האמת. מענטשן זענען געוואָרן עלטער און מיר, פּונקט ווי אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטן, האָבן זיך געשטעלט די פראַגע, צי מיט דער צייט וועט נישט פאַרגעסן ווערן, דאָס וואָס מיר ווילן, מען זאָל אייביק געדענקען.

אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן גענומען אויפשטעלן דענקמעלער אויף די בית־עלמינס אין ישׂראל צום אָנדענק פון זייערע אומגעבראַכטע קהילות. די פראַגע פון אויפשטעלן אַן ענלעכן דענקמאָל פאַר קראָסניסטאַווער יידן, אומגעבראַכטע דורך די נאַציס, איז אַרויפגעשטעלט געוואָרן אויפן סדר־היום פון ועד יוצאי קראָסניסטאַוו, אין באַשטאַנד פון די חברים: חנה׳לע קעלמאַן, מרדכי וויינריב, צבי (הערשל) זילבערמאַן, מרדכי פוטערמאַן, אַריה שנון שטונצייגער), גרשון און דבורה שטערן און אַהרון שאַק.

אַנטיילנעמער פון דער ערשטער אַזכּרה נאָך די קראַסניסטאַווער קדושים
אין די־פּי־לאַגער באַד רייכענהאַל, 1947

און דאָ וויל איך אָפּמערקן, אַז זינט 1949 איז די איניציאַטיוו פון אָרגאַניזירן אונדזערע יערלעכע אַזכּרות אין ישׂראל און די זיצונגען פון ועד האָט אין גאַנצן גענומען אויף זיך חנה׳לע קעלמאַן, וואָס איז עולה געווען פאַרן צווייטן וועלטקריג צו אירע צוויי ברידער יהושע פייערשטיין ז״ל און אַריה פייערשטיין יבלח״א. אין קראַסניסטאַוו איז זי, נאָך אַ יונג מיידל, שוין געווען ציוניסטיש טעטיק און אַרויסגעוויזן אַ חוש פאַר געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן. זאָרגט זי עד־היום, אַז אונדזערע יערלעכע אַזכּרות זאָלן אָדורכגיין אויף דער געהעריקער הייך און ביי דער מאַקסימאַלער באַטייליקונג פון אונדזערע לאַנדסלייט.

בעת ס׳איז אויפגעשווומען די פראַגע וועגן אויפשטעלן אַ דענקמאָל פאַר די קראַסניסטאַווער קדושים, האָבן מיר זיך קודם־כּל געפרעגט, פון וואַנען וועלן מיר, רעשטן פון אַ קליינער קהילה, וואָס זענען צעשפּרייט איבער דער וועלט, נעמען דערצו די מיטלען. יעדער איינער פון אונדז האָט אַרויסגעבראַכט דעם דאָזיקן ספק, אָבער קיינער פון ועד האָט דעם געדאַנק נישט אויפגעגעבן, פילנדיק אַ הייליקן חוב צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אונדזערע קרבנות. דעם געדאַנק האָבן מיר אַרויסגעהויבן אויף אַן אַזכּרה, בכדי צו הערן וואָס

דער עולם וועט דערצו זאָגן. ווען איך האָב, פֿירנדיק דעם פּאָרזיץ, געמאָלדן וועגן פֿאָרשלאָג פֿון ועד, האָבן זיך ספּאָנטאַן אַ הייב געטאָן פֿון אָרט די פֿאַרזאַמלטע און האָבן מיט ענטוזיאַזם דערקלערט זייער גרייטקייט זיך צו באַשטייערן. דאָס האָט אונדז, די איניציאַטאָרן, שטאַרק דערמוטיקט אָנצוהייבן רעאַליזירן דאָס פֿאַרטראַכטע און נישט אָפּשרעקן זיך פֿאַר שוועריקייטן.

מיר האָבן פֿונאַנדערגעשיקט צו די קראַסניסטאַווער אין ישׂראל און אין גאָר דער וועלט אַ רירנדיקן בריוו וועגן אויפֿשטעלן די מצבֿה. כּמעט אַלע אין ישׂראל האָבן זיך אָפּגערופֿן, אַנדערע נאָך מיט גרעסערע סומעס, ווי מיר האָבן אָנגעגעבן אין בריוו. אָבער ס'איז געווען ווייניק אויפֿצושטעלן אַ געהעריקן דענקמאָל.

אונדזערע לאַנדסלייט אין אויסלאַנד האָבן דעם געדאַנק אויפֿגענומען מיט נישט קיין קלענערער וואַרעמקייט, ווי מיר דאָ אין ישׂראל. זייער בייַשטייער האָט איבער'געשטיגן אַלע אונדזערע דערוואַרטונגען. די זאַמל־אַקציע צווישן די קראַסניסטאַווער אין ניו־יאָרק האָט מיט אַ באַזונדערן ענטוזיאַזם דורכגעפֿירט מאיר דרעשער, אַ ציוניסטישער עסקן נאָך פֿון דער אַלטער היים. זיינע גרויסע באַמיִונגען האָבן אונדז דערמעגלעכט אויפֿצובויען אַ דענקמאָל פֿון אַ גרעסערן פֿאַרנעם, ווי מיר האָבן לכתּחילה געפּלאַנירט.

דאָס זעלבע, וואָס מאיר דרעשער אין ניו־יאָרק, האָבן אונדזערע חבֿרים און לאַנדסלייט אין קאַנאַדע, אַבֿרהם וואַרמאַן, דוד (דופּטשע) בורשטיין און הערש זאַלצמאַן געטאָן אין טאָראָנטאָ, און מעכל קאַנער — אין מאָנטרעאַל. אַ דאַנק זיי איז נישט געבליבן אין די דערמאָנטע שטעט קיין איין לאַנדסמאַן, וואָס זאָל נישט האָבן צוגעטראָגן זיין ביישטייער, און טייל פֿון זיי — גרעסערע סומעס. ס'האָבן זיך אויך באַטייליקט אין דער געלט־זאַמלונג אונדזערע לאַנדסלייט אין האָלאַנד און דייטשלאַנד, בצלאל איינוווינער, פּערל אייזנשטיין, יוסף פּערלמוטער און משה שטיצער.

איצט האָבן מיר געקענט צוטרעטן צו רעאַליזירן אונדזער פּלאַן. צבֿי (הערשל) זילבערמאַן, וואָס האָט נאָך אין דער אַלטער היים זייער שיין געמאָלן, האָט דערקלערט אַז ער איז גרייט צו מאַכן אַ פּראָיעקט, וואָס וועט זיך אויסטיילן פֿון אַלע אַנדערע ענלעכע מצבֿות און וועט קיינע פֿון זיי נישט קאָפּירן. ער האָט בעת דער מלחמה פֿאַרלוירן זיין גאַנצע פֿאַרצווייגטע משפּחה, און שטעלן אַ דענקמאָל פֿאַר די קדושים, האָט ער באַטראַכט ווי אַ הייליקן חובֿ.



דענקמאָל פאַר די קראַסניסטאַווער קדושים אויפן בית־עלמין אין חולון

ס׳איז אויפגעקומען דער געדאַנק אַרויפצושרייבן אויפן דענקמאָל די נעמען פון אַלע אומגעקומענע. ווי אַזוי וועט מען זיך אָבער קענען דערמאָנען אַלע נעמען?

אין די אַרויסגעשיקטע בריוו וועגן דער באַשטייערונג האָבן מיר געבעטן יעדן איינעם אַריינשיקן די נעמען פון אַלע זיינע קרובים, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן. און וואָס איז מיט די, פון וועלכע ס׳איז קיינער נישט געבליבן? האָבן מיר באַשלאָסן, אַז אויב ס׳וועט אונדז נישט געלינגען צונויפצושטעלן אַ פולע רשימה פון אַלע קרבנות, וועט מען בכלל קיין נעמען אויפן דענקמאָל נישט אַרויפשרייבן.

צו יענער צייט בין איך געווען אַרויס אין פענסיע און גענומען אויף זיך די דאָזיקע רשימה אויפצושטעלן פון זכרון. דאָס האָט באַשעפטיקט מיינע מחשבות ביי טאָג, אַפילו ביי נאַכט. נאָך 40 יאָר האָב איך זיך אין דימיון איינגעפונען אין מיין געבוירן־שטאָט, אַריין אין אירע גאַסן און געסלעך און זיך אָנגעהויבן דערמאָנען, ווער דאָ האָט געוווינט. וואָכן און חדשים בין איך אַדורך די שטאָט אין דער לענג און אין דער ברייט, אויפגעשריבן נעמען פון משפחות און אַלע זייערע מיטגלידער, געקאָנטראָלירט, צי איך האָב חלילה קיינעם נישט פאַרגעסן. כ׳האָב אין דעם געזען אַ הייליקע עבודה, אַ הייליקן חוב לגבי די קרבנות. געהאָלפן האָבן מיר די רשימות וואָס אונדזערע לאַנדסלייט האָבן אַריינגעשיקט. איבער אַ יאָר האָט גענומען די דאָזיקע דערמידנדיקע אַרבעט. און ווען מען האָט אָפּגעדעקט דעם דענקמאָל און די לאַנדסלייט זענען מיט אַ ציטעריק האַרץ, בדחילו ורחימו, צוגעפאַלן זען, צי די נעמען פון זייערע נאָענטסטע און טייערסטע, פון זייערע קרובים, שכנים און באַקאַנטע זענען אויסגראַווירט אויפן דענקמאָל, איז נישט געווען קיין פאַל, אַז עמעצער זאָל פעלן. ס׳האָט מיך זייער באַפרידיקט דער רעזולטאַט פון מיינע באַמיִונגען. אין דער זעלבער צייט וואָס איך האָב געאַרבעט אויף דער רשימה, איז אויך דער ועד נישט געזעסן מיט קיין פאַרלייגטע הענט. צבי זילבערמאַן האָט צוגעגרייט עטלעכע פּראָיעקטן פון דענקמאָל, וועלכע מיר האָבן געוויזן אַן אַרכיטעקט. ווען מיר האָבן אים דערקלערט, אַז דאָס האָט געמאַכט נישט קיין פּראָפעסיאָנאַל, האָט ער זיך ממש פאַרוווּנדערט. אים זענען די פּראָיעקטן זייער געפעלן געוואָרן. הערשל האָט פון קאַרטאָן געמאַכט עטלעכע פאַרשלאָגן — מאָדעלן פון דענקמאָל — און מיר

האָבן פון זיי אויסגעקליבן דעם איינעם, וואָס סיי אים, סיי אונדז איז צום מערסטן געפעלן געוואָרן. לויט אַט דעם מאָדעל האָט מען אויפגעשטעלט דעם דענקמאָל אויפן בית־עלמין אין חולון. איך וויל באַטאָנען, אַז הערשל זיל־בערמאַן איז נאָך ניט געווען קיין פּענסיאָנער, בעת ער האָט געגרייט דעם פּראָיעקט. ער האָט אָפּגעריסן אַ סך צייט פון זיין אַרבעט, וואָס האָט אים געגעבן פּרנסה, און האָט געטאָן די הייליקע אַרבעט, וואָס ער האָט אויף זיך פרייוויליק אַרויפגענומען.

אויך די אַנדערע חברים פון ועד, יעדערער לויט זיינע מעגלעכקייטן, האָבן בייגעשטייערט צום אויפשטעלן דעם דענקמאָל. גרשון שטערן האָט געפירט די קאַסע און, פאַרשטייט זיך, אָפּגעגעבן דערצו אַ סך צייט און ענערגיע. אַלץ האָט געזאָלט שטימען. דאָס זענען דאָך געווען געזעלשאַפט־לעכע געלטער, און ס׳האָבן ניט געטאָרט אויפקומען קיין חשדים און אומ־געוווּנטשענע רייד. באַקומען אַ באַשטייערונג, האָט ער באַלד געשיקט אַ קבלה. נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט האָט ער אויפגעשטעלט אַ גענויעם געלט־באַריכט און אים פונאַנדערגעשיקט צו אַלע וואָס האָבן זיך באַשטייערט אין לאַנד און אויסלאַנד.

אריה שנון, אונדזער אינטעלעקטועלער כּוח, אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן חוש פאַר עסטעטיק, האָט זיך פאַרנומען מיט די אויפשריפטן אויף דער מצבה. ער האָט אַ סך צייט אַוועקגעגעבן די זיצונגען און באַראַטונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען יעדע וואָך און צו מאָל אויך עפטער. דאָס זעלבע דאַרף געזאָגט ווערן וועגן דבורה שטערן, אַהרון־איטשע שאַק און מרדכי (מאָטקע) וויינריב.

און אחרון, אחרון, די, אָן וועלכער ס׳וואָלט מסתּמא דער גאַנצער פּלאַן, אַפילו ביים גאַנצן ענטוזיאַזם וואָס אַלע האָבן אַרויסגעוויזן, נישט צו שטאַנד געקומען — אונדזער טייערע חנה׳לע קעלמאַן. בראָש פון יעדער געזעל־שאַפטלעכער אונטערנעמונג מוז שטיין אַ מענטש, וואָס גיט זיך אָפּ דעם ענין מיט לייב און לעבן און מאָביליזירט די איבעריקע אָנטיילנעמערס צו דער גרעסטער אַקטיוויטעט. אַזאַ איז חנה׳לע. דאָס אויפשטעלן דעם דענקמאָל איז געווען פאַרבונדן מיט קלענערע און גרעסערע פּראָבלעמען. ס׳איז נישט געווען קיין פּרט, מיט וועלכן זי זאָל זיך נישט האָבן אינטערעסירט און באַטיי־ליקט אין זיין רעאַליזאַציע — אין דער געלט־זאַמלונג אין ישׂראל און אויס־

לאַנד, ביים אויסקלייבן דעם מאָדעל, ביים אויפשטעלן די רשימה פון אונדזער־רע קדושים, ביים אָרגאַניזירן דאָס פייערלעכע אָפדעקן די מצבה — אין אַלץ האָט זי אַריינגעטאָן איר נשמה און ענערגיע.

מיר ווילן האָפן, אַז אונדזער קומענדיקער דור וועט ביי יעדער געלעגנ־הייט קומען צום דענקמאָל און זיך מתיחד זיין מיטן זכר פון די הייליקע קרבנות פון אונדזער פאַרשניטענער יידישער קהילה אין קראַסניסטאַוו, וואָס זייערע נעמען זענען אַרויפגעבראַכט אויפן קאַלטן שטיין.

*

כ׳האָב פאַרענדיקט מיין „לעבנס־געשיכטע פון אַ פשוטן ייד״. דאָס שרייבן האָט אָנגעפילט מיט אינהאַלט מיין פרייע צייט אויף דער עלטער אין משך פון די לעצטע עטלעכע יאָר.

„נישט גוט צו זיין אַלט״ — זאָגן מענטשן. אָבער אויך די עלטער, ווי איך האָב שוין באַמערקט אין דער הקדמה, האָט איר שיינקייט. נאָך דעם, ווי מען איז אַדורך בלערליי שטורעמס, וואָס האָבן נישט געפעלט אין אונדזער תקופה, און דער פיזישער מצב דערלויבט נאָך טיילוויז צו אַרבעטן, צו זיין געזעלשאַפטלעך אַקטיוו, ווי אין מיין פאַל, איז דאָס אַ גרויסער זכות. און אַז איך קום מיך צונויף מיט מיינע קינדער און אייניקלעך — צי דאָס איז סתם אַ באַזוך פון מיר מיט הינדען ביי זיי, אָדער זיי קומען צו אונדז, איז עס פאַר אונדז אַ טיפע איבערלעבונג. ווען מיר אַלע, דער פערטער דור פון דער משפחה, וואָס איז באַשריבן אין אָט דעם בוך, זעצן זיך צו אַ יום־טובדיקן טיש, באַזונדערש צום פסחדיקן סדר, און, פריילעכע, צופרידענע, צעזינגען מיר זיך, כאָטש איך בין אַ קנאַפער זינגער, קומט מיר אויס, אַז כ׳געהער צו די גליקלעכסטע מענטשן אין דער וועלט. נאָך דעם ווי אַלע פאָרן זיך פונאַנדער און אין שטוב ווערט שטיל פונעם קינדערשן געלעכטער, געפילדער און רעש, פיל איך באַזונדערש שטאַרק, אַז אויך די עלטער קען זיין שיין.